STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06995

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גיו דע מאָפּאַסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק.

דאָס לעבען פון א מענשען.

ראמאן

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

XII.

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס"
175 איסט בראדוויי, ניו יארק
1918

דאָס לעבען פון אַ מענשען.

I.

זשאנגאַ האָט דעם קופערט איינגעפּאקט און איז צום פענסטער צוגעגאנגען, אָבער דער רעגען האָט נאָך אַלץ נים אויפגעהערט, די גאנצע נאַכט האָט ער אַהן אויפהער אין די שויבען און אויף די דעכער גערוישט. עס האָט זיך געדאַכט, אז די רעגען־שוואנגערע וואָל־קענס, וואָס זיינען פונ'ם הימעל ארונטערגעהאנגען, האָ־בען געפּלאַצט און אויף די ערד זיך אויסגעגאָסען און זי אין שמוץ צופיהרט און ווי צוקער זי צושמאַלצען. אַ ווינד האָט געוואָיעט און געאָטהעמט מיט שטיקענדער היץ. דער גערויש פון די שטראָ־מען האָט אַנגעפילט די פערלאָזענע גאסען; די הייזער האָבען, ווי שוואימען, אין זיך איינגעזויגט די אריינדרינגענדע פייכט־קייט אזוי, דאָס די ווענד זיינען נאס געוואָרען פונ'ם קעלער ביז צו דער שאלקע ארויף.

זשאנגאַ איז ערשט מיט אַ טאָג צוריק ארויס פונ'ם קלויסטער. איצט איז זי ענדליך פריי געוואָרען, אויף אימער פריי, איצט האט זי געקענט הנאה האָבען פון אלע פריידען פונ'ם לעבען, וועגען וועלכע זי האָט אזוי לאַנג געטרוימט.

אָבער זי האָט מורא געהאט, ווען אין דרויסען וועט זיך נים אויסלויטערען, וועט איהר פאָטער די רייזע אָפּלעגען, דערפאר איז זי יעדע ווייל צום פענסטער צוגעגאנגען און אונרוהיג אויפ'ן הי־מעל געקוקט. דאן האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט, אז זי האָט פער־געסען אריינצולעגען דעם קאלענדאַר אין איהר רייזע־טאַש. זי

האָט ארונטערגענומען פון דער וואנד דעם פּאַפּיערענעם קאַלענדאר, וואו די בעזונדערע מאָנאַטען זיינען איינגעטהיילט געווען און דער לויפענדער יאָהר 1819 איז מיט גאָלדענע בוכשטאַבען אין אַ רעהד־מעלע אָפּגעדרוקט געווען. דערנאָך האָט זי מיט אַ בלייפעדער אויסגעשטראָכען די ערשטע פיער שפּאַלטען, פערמעקט דערמיט די נעמען פון אַלע הייליגע ביז צום צווייטען מאַי, דעם טאָג, ווען זי האָט דעם קלויסטער פערלאָזען.

פון הינטער דער טהיר האָט זיך אַ שטימע דערהערט:

— זשאַנעט!

זשאַננא האָט געענטפערט:

— פּאַפּאַ, קום אַריין!

און איהר פאָטער איז אריינגעקומען.

באַראָן סימאָן־זשאַק לעפּערטיואי דע־וואָ איז געווען אַן אַדע־ליגער פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, משוגע'וואַטע און גוט־הערציג. אַלס בעגייסטערטער אַנהענגער פון דעם פילאָזאָף זשאַן זשאַק רוססאָ האָט ער צערטליך געליעבט די נאַטור, פעלדער, וועל־דער און חיות.

אַלס געבאָרענער אריסטאָקראַט האָט ער אינסטינקטיוו גע־האַסט דעם רעוואָלוציאָנערען יאָהר 1793, אָבער אַלס פילאָזאָף פון נאַטור און אַלס ליבעראַל לויט זיין ערציהונג, האָט ער אויך געהאַסט יעדע טיראַנייע, הגם מעהר מיט'ן קאָפּ, ווי מיט'ן הארצען.

זיין גרויסע קראַפט און זיין גרויסע שוואַכקייט צוגלייך איז געווען די גוטסקייט זיינע, אַ גוטסקייט, וואָס איז גאָר ניט מיעד געוואָרען צו געבען, צו לאַסצען, צו אומאַרמען, אַ גוטסקייט ניט קיין אויסגערעכענטע, אָהן אַ טאַלק, אָהן אַ מאָס, אָהן צוריקהאַל־טונג, אַזוי ווי ער וואָלט קיין ווילען און קיין ענערגיע ניט געהאַט. צו זיין אַנדערש, אַ גוטסקייט, וואָס איז כמעט געווען אַ זינד.

דער דאָזיגער מענש פון טהעאָריען האָט אויסגעקלערט אַ גאַנצען ערציהונגס־פּלאַן פאַר זיין טאָכטער, ער האָט געוואָלט, זי זאָל זיין גליקליך, גוט, אויפריכטיג און צערטליך.

ביז צו איהר צוועלפטען יאָהר, האָט ער זי אין דער היים גע־האַלטען, דערנאָך האָט ער זי, גיט אַכטענדיג אויף איהר מוטער'ס טרעהרען, אין'ם קלויסטער „דאָס הייליגע הארץ" אריינגעגעבען.

דאָרט האָט ער זי שטרענג איינגעשלאָסען, איינגעמויערט. פערשלאָסען זי פון דער גאנצער וועלט און פון אַלע מענשליכע מעשים ער האָט געוואָלט, אַז ווען זי וועט אַלט ווערען זיעבצעהן יאָהר, זאָל זי זיך צוריקקעהרען צו איהם אַן אונשולדיגע, און דאַן וועט ער אַליין איהר געבען אַ פערגניגפטיגע, פּאָעטישע וועלט־אַנ־שויאונג.

אויפ'ן לאַנד, אויפ'ן שויס פון דער נאַטור, אין מיטען פון דער פרוכטבאַרער ערד, האָט ער געטרוימט, וועט ער איהר זעעלע עפּעי־נען און דורך דעם בעקענען זי מיט דער נאַאיווער ליעבע. מיט די איינפאַכע צערטליכקייטען פון די חיות, וועט ער איהרע אויגען עפענען אויף די ריינע געזעצען פון דער נאַטור.

איצט איז זי געקומען פון'ם קלויסטער אַ גליקליכע, אַ שטראַה־לענדע, פול מיט שלומערענדע טרוימען, פול מיט לוסט צום לעבען. זי האָט געוואָלט דאָס גליק אַניאָגען. אַלע פריידען געניסען און אַלע רייצענדע צופעלע, וועלכע זי האָט אין איהר פאַנטאַזיע שוין דורכ־געלעבט אין די איינזאַמע, ניט־פערנומענע טעג און אין די לאַנגע נעכט.

זי האָט אויסגעזעהן, ווי אַ בילד פון ווערענאַזאַ מיט איהרע לייכטענדיגע בלאָנדע האָהר, וואָס האָבען ווי אָפּגעשטראַהלט אויף איהר ראָזאָווע אריסטאָקראַטישע הויט, וועלכע איז געווען בעדעקט מיט אַ לייכטען פּוך, ווי בלייכער סאַמעט. דעם דאָזיגען לייכטען פּוך האָט מען געקענט נור בעמערקען, ווען די זון האָט זי געקושט. איהרע אויגען זיינען געווען בלוי פון יענער טיעפער בלויקייט, וואָס מען זעהט אין די פיגורען אויף האָלענדישע פּאַיאַנס.

אויף דער לינקער זייט נאָז־לעכעל איז ביי איהר געווען אַ קליין חן־פינטעלע, אַז אַנדערע איז געזעסען רעכטס אויף דער קינבאַק, וואו אַ פּאָר הערעלאַך האָבען געוואַקסען, וואָס האָבען אָבער געהאַט

די אייגענע פאַרב, ווי די הויט, אַזוי. דאָס זיי זיינען כמעט גאָר ניט קענטיג געוועז. זי איז געוועזן הויך, דיק, מיט אַ הויכען ביוסט און אַ בייגיגער טאַליע. איהר קלאָהרע שטימע איז מאַנכעס מאָל געוועזן צו שאַרף. אָבער איהר העלער געלעכטער האָט צר שפּרייט פרייד ארום איהר. אָפט האָט זי מיט איהר בעזונדערער בעוועגונג אויפגעהויבען איהרעביידע הענד צו די שלייפען, אַזוי ווי אַ גלעט צו טהאָן איהרע האָהר.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהר פאָטער, האָט איהם ארומגענומען און אַ קוש געטהאָן:

— נו, פאָהרען מיר? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, אַ טרייסעל געטהאָן זיינע שעהנע, ווייסע, לאַנגע האָהר און מיט דער האַנד געוויזען צום פענסטער:

— ווי ווילסטו פאָהרען אין אַזאַ וועטער?

אָבער זי האָט זיך געבעטען און געלאַסצעט צו איהם:

— לאָמיר פאָהרען, פּאַפּאַ, איך בעט דיך; נאָך מיטאָג וועט זיך אויסלויטערען.

— אָבער דיין מאַמע וועט ניט וועלען

— זי וועט יאָ וועלען. דו וועסט שוין זעהן. איך וועל מיט איהר ריידען.

— אויב דו קענסט עס אויספיהרען ביי דער מאַטען, בין איך אויך ניט דאַגעגען, וועלען מיר פאָהרען.

זי איז אוועקגעלאָפען צו איהר מוטער אין צימער, וואַרים זי האָט געוואַרט אויף דאָס אָפּפאָהרען מיט דער גרעסטער אונגעדולד.

זייט זי איז אָנגעקומען אין קלויסטער „דאָס הייליגע האַרץ“, איז זי ניט ארויסגעפאָהרען פון רועז, ווייל איהר פאָטער האָט ניט ערלויבט איהר קיינע צושטרייאונגען איידער זי איז זיעבענצעהן יאָהר אַלט געוואָרען ווי ער האָט בעשטימט. נור צוויי מאָל איז זי געוועזן אין פּאַריז, האָט פערבראַכט דאָרט פערצעהן טעג, אָבער

פאריז איז געווען א שטאדט און זי האט געבענקט נאך דעם לאנד, נאך פעלד און וואלד.

איצט האט זי געזאלט פערברענגען דעם זומער אין זייער מאיאנטעק „די פאפעל־בוימער“, אין דעם אלטען פאמיליען־שלאס פון די באראנען, וועלכער געפינט זיך אויף א בארג נאהענט פון ברעג ים, נעבען איפאר; און זי האט זיך שוין פאראויס פארגע־שטעלט די אומענדליכע פרייד פון דעם פרייען לעבען ביים ברעג ים. דערצו נאך איז געווען בעשלאסען, אז דעם דאזיגען אלטען שלאס זאל זי אמאל בעקומען אלס נדן פון איהרע עלטערען און זאל דארט וואהנען, ווען זי וועט חתונה האבען.

און דער דאזיגער גוס־רעגען וואס האט געגאסען גאר אהן אויפהער פון נעכטען אן, איז געווען דער ערשטער גרויסער שמערץ אין איהר לעבען.

אבער אין עטליכע מינוטען ארום איז זי צוריק ארויסגעלאפען פון איהר מוטער'ס צימער מיט א געפילדער:

— פאפא, פאפא! מאמא וויל פאהרען, היים איינשפאנען!

דער מבול האט נים אויפגעהערט, פערקעהרט, האט אנגע־הויבען צו גיסען נאך שטארקער, האט זיך געדאכט, ווען דער עקי־פאזש איז צו דער טהיר צוגעפאהרען.

זשאננא איז שוין גרייט געווען אריינצושפרינגען אין עקי־פאזש, ווען איהר מוטער, די באראנעסע, האט זיך אויף די טרעפ בעוויזען. מען האט זי געפיהרט אונטער די הענד, פון איין זייט איהר מאן, פון דער אנדערער — איהר יונגע דיענסט, א הויכע, פעסט־געבויטע מיידעל, וועלכע האט אויסגעזעהן זעהר געזונד. זי איז געווען א נארמאניערין פון דעם געגענד קא, האט אויסגע־זעהן ווי וועניגסטענס צוואנציג יאהר אלט, הגם זי איז נאך קיין פולע אכטצעהן יאהר אלט געווען. דער באראן און די באראנעסע האבען זי בעהאנדעלט ווי א צווייטע טאכטער, ווארים זי איז גע־ווען זשאננא'ס מילך־שוועסטער. זי האט געהייסען ראזאליע.

ראזאליע'ס הויפט ארבייט אין'ם הויז איז בעשטאנען אין

דעם, וואָס זי האָט געדאַרפט אָפּהיטען די באַראָנעססע, וועלכע איז שרעקליך צושוואוּמען געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען, מחמת זי האָט געליטען פון האַרץ־פערגרעסערונג. זי, די באַראָנעסע, האָט זיך שטענדיג געקלאָגט אויף דעם.

די באַראָנעסע איז שווער סאָפּענדיג אַרונטער פון די טרעפּ און ווען זי האָט דערזעהן, ווי דער הויף איז פערפלייצט מיט וואַסער, האָט זי אַרויסגעמורמעלט:

—ווירקליך, עס איז דאָך אַ משוגעת איצט צו פאָהרען!

איהר מאַן האָט מיט אַ שמייכעל איהר געענטפערט:

— דו האָסט דאָך דאָס אַליין געוואָלט, מאַדאַם אַדעלאַאידע!

אַזוי ווי זי האָט דעם גרויסאַרטיגען נאָמען אַדעלאַאידע גע־טראָגען, האָט ער אימער צו איהם צוגעלעגט דאָס וואָרט „מאַדאַם“ מיט אַ מין שפּאָטישען רעספּעקט.

זי איז אוועק ווייטער און האָט זיך מיט מאַטערניש אַריינגע־זעצט אין עקיפּאַזש. די ספּרוזשינעס פון׳ם וואָגען האָבען זיך אונ־טער איהר שווערקייט אויסגעבויגען. דער באַראָן האָט זיך געזעצט נעבען איהר און זשאַננאַ און ראָזאַליע האָבען זיך געזעצט אַנט־קעגען, מיט די רוקענס צום קוטשער.

די קעכין לודווין האָט געבראַכט אַ גאַנצע מאַסע מאַנטלען, מיט וועלכע מען האָט די קניע צוגעדעקט, און צוויי קאַרבען, וואָס מען האָט אונטער די זיצען פעררוקט. דערנאָך איז זי אַרויפגע־קומען אויף די קעלניע, האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען דעם אַלטען סימאָן און זיך איינגעוויקעלט אין אַ דעקע פון׳ם קאָפּ ביז צו די פיס.

דער פּאָרטיער און זיין פרוי זיינען צוגעגאַנגען זיך זעגענען מיט די הערשאַפטען און האָבען צוגעמאַכט די טהירען פון׳ם עקי־פּאַזש. מען האָט דעם פּאָרטיער נאָך אַמאָל דערמאָנט די קופערטען, וועלכע ער האָט געזאָלט באַלד אויסריכטען אויף אַ וואָגען. דערנאָך האָט זיך דער עקיפּאַזש פון׳ם אָרט גערוהרט.

דער אַלטער סימאָן מיט זיין ליווערע האָט זיך געבויגען און

געקאָרטשעט אונטער דעם גוס־רעגען און מען האָט איהם קוים ארויסגעזעהן פון אונטער דעם דרייפּאכען קוטשער־קראגען. דער מבול האָט מיט אַ קרעכצען געקלאַפּט אין די שויבען פון ביידע טהירלאַך און פערפּלייצט דעם וועג.

דער עקיפּאַזש האָט זיך שנעל געטראָגען אַראָפּ באַרג צום ים צו, איז געפּאָהרען פערביי אַ רייהע גרויסע שיפען; זייערע מאַסטען האָבען אויסגעזעהן אונטער דעם קלאָגעדיגען הימעל, ווי נאָקעטע בוימער. דערנאָך האָט ער זיך גענומען טראָגען איבער דעם לאַנגען בולוואַר פערביי די ריבודער בערג.

באַלד האָט זיך דער וועג גענומען ציהען איבער לאַנקעס; פון צייט צו צייט האָט דורך דעם וואַסערדיגען נעבעל ארויסגעטראָטען אַ פערפּלייצטער ווידע־בוים, מיט ארונטערגעלאָזענע צווייגען. די פּאַדקאָוועס פון די פערד האָבען געקלאַפּט, די רעדער האָבען אין קויט געשליאַפּעט. די רייזענדע האָבען געשוויגען; עס האָט זיך גערדאַכט, אַז זייערע געדאַנקען האָבען זיך אויך אין דעם רעגען געווייקט, ווי די ערד.

זשאַננאַ'ס מוטער האָט אַנגעלעהנט דעם קאָפּ אַהינטער און צוגעמאַכט די אויגען. דער באַראָן האָט אומעטיג ארויסגעקוקט אויף די מאָנאָטאָנע נאַסע פעלדער. ראָזאַליע, מיט אַ פּעקעל אויף די קניע, האָט שווער געדרימעלט, ווי עס דרימלען פּויערטעס, נור איין זשאַננאַ האָט זיך געפיהלט אונטער דעם דאָזיגען וואַרימען רעגען אויפגעלעבט, אַזוי ווי אַ פּלאַנץ, וואָס איז אַ לאַנגע צייט פערשטיקט געוואָרען, ווען מען שטעלט זי ארויס אויף דער זון, און איהר שטורמדיגע פרייד האָט איהר האַרץ פון טרויעריגקייט בעשיצט. זי האָט ניט גערעדט, אָבער זי האָט געפיהלט אַזוי ווי צום זינגען, אויסשטעלען די הענד געגען רעגען, אַננעהמען פולע הויפענס מיט וואַסער און טרינקען, טרינקען. עס האָט איהר געפרעהט דאָס שנעל פאָהרען און דאָס טרויעריגע אויסזעהן פון דער לאַנדשאַפט, און דאָס, וואָס אין מיטען דער דאָזיגער פערפּלייצונג האָט זי זיך געפיהלט זיכער און טרוקען אונטער'ן דאַך פון'ם עקיפּאַזש.

פון די פערד האט געשלאגען א פארע.

די בארא̇נעסע איז ביסלעכווייז איינגעשלאפען. איהר פנים, ארום וועלכען עס האבען זיך געבאמבעלט זעקס געקרויזטע לאַ־קענס, האט זיך אלץ מעהר און מעהר ארונטערגעלאזט און שווער אנגעשפארט אויף איהר דיקען האלז מיט דריי גרויסע, פעטע פאלדען, וואס זיינען ביסלעכווייז פערזונקען אין דעם ברייטען ים פון איהר בוזים. יעדעס מאל, ווען זי האט אן אטהעם געטהאן, האט זיך איהר קאפ געהויבען און ארונטערגעלאזט, איהרע באקען האבען זיך אויפגעבלאזען און דורך די האלב־געעפענטע ליפען האט זיך א כראפען געטראגען. איהר מאן האט זיך צו איהר אנ־געבויגען און גאנץ שטיל אריינגעלעגט א קליינעם לעדערנעם פארט־מאנע אין איהרע הענד, וועלכע זי האט געהאלטען צונויפגעלעגט אויף איהר הויכען, רונדען בויך.

זיין בעריהרונג האט זי אויפגעוועקט און זי האט אויסגעשטעלט א פאר פערשלאפענע נארישע אויגען אויף'ן פארטמאנע. דער פארטמאנע איז ארונטערגעפאלען און האט זיך געעפענט, גאלדענע מטבעות און פאפיער געלד האבען זיך צושאטען אין'ם עקיפאזש. זי האט זיך אין גאנצען אטשוכעט און איהר מאכטער האט זיך פרעהליך צולאכט אויפ'ן קול.

דער באראן האט אויפגעקליבען דאס געלד און עס איהר ארויפ־געלעגט אויפ'ן שויס:

— אט דאס, מיין טהייערע, איז אלעס, וואס מיר איז איבער־געבליבען פון מיין מאיאנטעק עלעטא. איך האב איהם פערקויפט, כדי איך זאל קענען פעררינכטען די „פאפעל־בוימער", וואו מיר וועלען אפט וואהנען פון היינט אן.

זי האט איבערגעצעהלט זעקס טויזענד פיער הונדערט פראנקס און זיי רוהיג אריינגעשפארט צו זיך אין קעשענע.

דאס איז געווען דער ניינטער מאיאנטעק, וואס זיי האבען פערקויפט, פון די איין און דרייסיג, וועלכע זיי האבען גע'ירש'ענט פון זייערע עלטערן. פונדעסטוועגען האבען זיי נאך געהאט ביי

אַ צוואַנציג טויזענד פראַנקס יעהרליכע הכנסה פון זייערע איבע־ריגע גיטער, און וואָלטען געקענט האָבען דרייסיג טויזענד, ווען די דאָזיגע מאַיאָנטקעס וואָלטען ריכטיג פערוואַלטעט געוואָרען.

אַזוי ווי זיי האָבען געלעבט איינפאַך, וואָלט די דאָזיגע הכנסה פאַר זיי געווען גאַנץ גענוג, ווען ניט די אונגעוועהנליכע גוטסקייט זייערע. אַ דאַנק איהר איז זייער הויז געווען ווי אַ פאַס אָהן אַ דעק, דאָס געלד איז צושמאָלצען געוואָרען אין זייערע הענד, גלייך ווי זיי האָבען עס אַריינגענומען, אַזוי ווי שנעע ווערט צו־שמאָלצען פון דער זון. ווי אַזוי? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. יערע ווילע האָט איינער פון זיי געזאָגט:

— איך וויים ניט, ווי אַזוי זיינען ביי מיר היינט אוועק הונדערט פראַנק און געקויפט, דאכט זיך, האָב איך גאָר נישט.

איבריגענס איז די דאָזיגע פרייגיביגקייט געווען דאָס גרעסטע גליק אין זייער לעבען, און אין דעם דאָזיגען פונקט זיינען זיי ביידע געווען איינס.

זשאַננאַ האָט זיך אָנגערופען:

— איז מיין שלאָס איצט שעהן?

דער באַראָן האָט פרעהליך געענטפערט:

— דו וועסט שוין אַליין זעהן, קליינע!

ביסלעכווייז איז דער רעגען שטילער געוואָרען און באַלד האָט זיך פון איהם אָפּגעשטעלט אַ דינינקער רעגען־שטויב, אַ מין נאַסער נעבעל. די וואָלקענס האָבען זיך ווי אַ רוק געטהאָן אַרויף און זיינען העלער געוואָרען, און פּלוצים האָט דאָרט דורך אַן אונ־זיכטבאַרען שפּאַלט זיך אַ זונען־שטראַהל דורכגעבראָכען און איז אויף די לאָנקעס געפאַלען.

די וואָלקענס האָבען זיך אָפּגערוקט איינער פון׳ם אַנדערען און האָבען אויפגעדעקט אַ שטיקעל בלויען הימעל; דערנאָך איז דער בלויער הימעל אַלץ מעהר און מעהר אויפגעדעקט געוואָ־רען, אַזוי ווי אַ שלייער וואָלט מען פון איהם געריסען, ביז איבער

דער ערד האָט זיך צושפּרייט אַ שעהנער, ריינער, טיעף־בלויער הימעל.

אַ זיסער פרישער הויך האָט זיך גענומען טראָגען, אַזוי ווי די ערד וואָלט גליקליך אויפגעאָטהעמט, און ווען זיי זיינען פערביי־געפאָהרען די גערטנער און וועלדער, האָבען זיי פון צייט צו צייט געהערט דאָס פרעהליכע סווישטשען פון אַ פויגעל, וועלכער האָט זיינע פליגעל געטריקענט.

דער אָבענד איז צוגעפאַלען; אויסער זשאַננאַ האָבען איצט אַלע אין'ם עקיפּאַזש געשלאָפען. צוויי מאָל האָבען זיי זיך אָפּגע־שטעלט נעבען קרעטשמעס, כדי די פערד צו פיטערען.

די זון איז אונטערגעגאַנגען. פון דער ווייטענס האָט זיך גע־הערט אַ גלאָקען־קלאַנג. אין אַ קליינעם דערפעל האָט מען לאַנ־טערנעס אָנגעצונדען, און דער הימעל איז אויך בעלויכטען געוואָרען מיט שטערענדלאַך אָהן אַ צאָהל. דאָ און דאָרט האָבען אַ מיניע געטהאָן בעלויכטענע הייזער, וואָס האָבען אַ פייעריגען שיין דורך די פינסטערניש געוואָרפען, און פּלוצים האָט הינטער אַ באַרג צווישען די צווייגען פון טענען־בוימער זיך די לבנה בעוויזען, רויט, גרויס און ווי פערשלאָפען.

די לופט איז געווען אַזוי מילד, דאָס די פענסטער פון'ם עקי־פּאַזש זיינען געבליבען אָפען. זשאַננאַ, מיעד פון טרוימען, האָט איצט אויך גערוהט. צייטענווייז, ווען זי איז צו לאַנג געזעסען אין דער אייגענער און בעקוועמער פּאָזע, האָט זי די אויגען געעפענט; דערנאָך האָט זי ארויסגעקוקט פון'ם פענסטער און געזעהן אין דער העלער נאַכט בוימער, אַ פאַרם אָדער אַ פּאָר קיה, וועלכע זיינען דאָ און דאָרט אויפ'ן פעלד געלעגען און האָבען די קעפּ אויפ־געהויבען, ווען דער עקיפּאַזש איז פערבייגעפאָהרען. דאַן האָט זי זיך געזעצט אין אַן אַנדער פּאָזע און געפּרובט איהרע טרוימען ווייטער צו שפּינען, אָבער דאָס נאָכאַנאַנדיגע קלאַפּען פון'ם עקי־פּאַזש האָט אין איהרע אויערען געהילכט, איינגעשלעפערט איהרע

גערדאנקען, און זי האָט ווידער צוגעמאכט די אויגען, פיהלענדיג, אַז איהרע געדאנקען זיינען אַזוי מיעד, ווי איהר קערפּער.

דערנאָך האָבען זיך די פּערד אָבגעשטעלט. באַלד זיינען געשטאַנען אייניגע מענער און פרויען נעבען עקיפּאַזש מיט לאַנטערנעס אין די הענד. זיי זיינען אָנגעקומען. זשאַננא האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז ארויסגעשפּרונגען פון'ם עקיפּאַזש. איהר פאָטער און ראָזאַליע, וועמען אַ פּויער מיט אַ לאַנטערנע האָט צוגעלויכטען, האָבען כמעט אויף די הענד ארויסגעטראָגען די באַראָנעסע, וועלכע איז געווען שוואַך און אויסגעמאַטערט. זי האָט געהאַלטען אין איין קרעכצען, אין איין טענה'ן, בעת מען האָט זי געשלעפּט, מיט אַ שטימע, וואָס מען האָט קוים געהערט:

— אַך, מיין גאָט! מיינע קינדער! מיינע קינדער!

זי האָט ניט געוואָלט ניט עסען, ניט טרינקען, געלעגט זיך אין'ם בעט און איז גלייך איינגעשלאָפען.

זשאַננא און דער באַראָן האָבען געגעסען צוזאַמען אָבענדברויט. זיי האָבען מיט פרייד זיך אָנגעקוקט; דערלאַנגט זיך די הענד איבער'ן טיש; זיי ביידע זיינען פערכאַפּט געווען פון אַ קינדישער פרייד, און נאָכ'ן עסען זיינען זיי צוזאַמען אַוועק בעקוקען דאָס אַלטע הויז. עס איז געווען איינס פון יענע גרויסע, ברייטע, נאָרמאַנישע וואוין־הייזער, האַלב פאַכט־הויף, האַלב־שלאָס, אין גאַנצען געבויט פון ווייסע שטיינער, וועלכע זיינען מיט דער צייט גרוי געוואָרען. דאָס דאָזיגע הויז איז גרויס גענוג געווען, אַז אַ גאַנצע משפּחה זאָל דאָרט בעקוועם וואָהנען.

אַ וואַלדיג־גרויסער קאָרידאָר האָט דורכגעשניטען דאָס הויז פון איין עק צום אַנדערען און עס צוטהיילט אין צוויי טהיילען. רעכטס און לינקס האָבען געפיהרט גרויסע טהירען צו איהם. דאָפּעלטע טרעפּ האָבען זיך געצויגען איבער איהם אַזוי, דאָס דער מיטען איז פריי געבליבען און אויבען איז דער ערשטער און צווייטער שטאָק פעראייניגט געווען דורך זיי, ווי מיט אַ בריק.

אין דעם אונטערשטען שטאָק, אויף דער רעכטער זייט, איז

מען אריינגעקומען אין א זאַאל, וואס זיינע ווענד זיינען בעשלאָגען געוועזען מיט טאפּעטען, וועלכע האבען פארגעשטעלט בוימער און פויגלען. דאָס גאַנצע מעבעל איז געווען מיט שטיקעריייען בעשלאָגען, וואס האָבען אילוסטרירט די פאבעלען פון לאַ־פאָנטען.

זשאַננא האט זיך פערטרייסעלט פאר פרייד, ווען זי האט דער־זעהן א שטוהל, וועלכען זי האט ליעב געהאט, בעת זי איז נאך א קינד געוועזן, און אויף וועלכען עס איז אויסגעשטיקט געווארען די פאבעל וועגען דעם פוקס און דעם בוטשאן. אין שכנות מיט'ן זאאל האבען זיך געפונען די ביבליאטעק, פול מיט אלט־פרענקישע ביכער, און נאך צוויי אַנדערע ניט בענוצטע צימערען. לינקס זיי־נען געלעגען דאס עס־צימער, דאס וועש־צימער, דער בופעט, די קיך און דאס וואננע־צימער.

אין דער גאנצער לענג פון'ם צווייטען שטאק האט זיך גע־צויגען א קארידאר. צעהן טהירען פון צעהן צימערען האבען גע־פיהרט צו איהם. אויפ'ן סאמע עק פון'ם קארידאר, רעכטס, האט זיך געפונען זשאַננא'ס צימער. זיי זיינען אריין אהין. דער באַ־ראָן האט דאס דאזיגע צימער אין גאנצען אויף דאס ניי מעבלירט מיט ניט בענוצטען מעבעל, וואס איז געשטאנען אויפ'ןביידים. טאפעטען פון פלעמישער אפשטאמונג און זעהר אלטע האבען בע־פעלקערט דאס צימער מיט אלט־פרענקישע פיגורען.

ווען דאָס יונגע מיידעל האט איהר בעט דערזעהן, האט זי ארויסגעלאזט א פריידענס־געשריי. איבער די פיער ווינקלען האבען פיער גרויסע, דעמבאווע פויגלען זייערע פליגלען צושפרייט. אלע שווארץ און גלאנציג פאלירט, ווי זיי וואלטען בעשיצער געוועזן. די זייטען פון'ם בעט האבען פארגעשטעלט ברייטע געשניצטע גיר־לאנדען פון פרוכטען און בלומען; פיער דינע זיילען האבען אויפ־געהאלטען א קארניז פון ליעבעס־געטער מיט ראזען בעקראנצט.

דאָס בעט איז געווען מאָנומענטאל און צוגלייך לייכט און גראציעז, טראץ וואס דאס האלץ איז פערברוינט געווען פון דער צייט. די דעקע אויפ'ן בעט און די הימעל־דעקע פון אויבען האבען

געפינקעלט, ווי די הימעל־בלויקייט. זיי זיינען געמאכט געווען פון טיעף־בלויען זייד און זיינען בעפוצט געווען מיט גרויסע גאָל־דענע בלומען, וועלכע זיינען צואוואַרפען געווען איבער זיי ווי שטערען.

ווען זשאַננאַ האָט זיך גענוג אָנגעקוקט אויף איהר בעט, האָט זי אויפגעהויבען איהר ליכט און גענומען בעטראַכטען די טאַ־פעטען אויף די ווענד, צו זעהן, וואָס זיי האָבען פאַרגעשטעלט. אַ יונגער מאַן און אַ יונגע דאַמע, געקליידעט אין געל, רויט און גרין, האָבען זיך אונטערהאַלטען אונטער אַ בלויען בוים, אויף וועלכען ווייסע פרוכטען האָבען געוואַקסען. אַ דיקער ווייסער האָז האָט דאָרט געפרעסען גרויע גראָז.

און גראַד איבער די דאָזיגע פיגורען, אויף אַן איינפאַכען הינטערגרונד, האָבען זיך געזעהן פינף רונדינקע הייזעלאַך, מיט שפּיציגע דעכער און גאַנץ אויבען, כמעט אין'ם הימעל, איז גע־שטאַנען אַ פייער־רויטער ווינד־מיהל. גרויסע צווייגען האָבען גע־וואַקסען אומעדום.

די אַנדערע צוויי בילדער אויף דער וואַנד זיינען זעהר ענהליך געווען צו דעם ערשטען; נור פון די הייזעלאַך אויף זיי האָט מען געזעהן אַרויסקומען פיער קליינע מענשעלאַך, פלעמיש געקליידעט, וועלכע האָבען די אָרמס צום הימעל אויפגעהויבען אַלס צייכען פון העכסטען ערשטוינען אָדער צאָרן.

דאָס לעצטע בילד האָט פאַרגעשטעלט אַ דראַמע. נעבען דעם האָז, וועלכער האָט נאָך אַלץ געפרעסען, איז געלעגען דער יונגער מאַן, קאַנטיג טויט. די יונגע דאַמע, די אויגען אויסגע־גלאָצט אויף איהם, האָט זיך מיט אַ שווערד דורכגעלעכערט די ברוסט. די פרוכטען אויף די בוימער זיינען שוואַרץ געוואָרען.

זשאַננאַ האָט ניט פערשטאַנען די בעדייטונג פון די דאָזיגע בילדער, נור פּלוצים האָט זי בעמערקט אין אַ ווינקעל פון'ם בילד אַ קליינציקע חיה'לע, וועלכע, ווען דער האָז וואָלט געווען אַ לעבע־

דיגער, וואָלט איהם געקענט פערשלינגען, ווי אַ גרעזעל; און דאָך איז דאָס קליינציקע חיה׳לע געווען אַ לייב.

דאַ ערשט האָט זי דערקענט אין די דאָזיגע אונפערשטענדליכע בילדער די מיטהאָלאָגישע מעשה׳לע פון פיראַמוס און טהיזבע און הגם די איינפאַכקייט פון דער צייכנונג האָט ביי איהר אַ שמייכעל ארויס־גערופען, האָט זי זיך דאָך געפיהלט גליקליך ביי דעם געדאַנק, אַז זי וועט דאָ שטענדיג האָבען פאַר די אויגען די בילדער פון דער בעריהמטער ליעבעס־געשיכטע, וועלכע וועלען אין איהר וועקען זיסע האָפנונגען און שעהנע טרוימען.

די איבריגע שטיקער מעבעל זיינען געווען פון פערשיעדענע סטילען, וואָס האָבען זיך דאַ אָנגעקליבען פון עטליכע דורות. אַ וואונדערפולער קאָמאָד אין׳ם סטיל פון לואיס דעם פערצעהנטען, בעשלאָגען מיט גלאַנציגען קופער, איז געשטאַנען צווישען צוויי פאָטעלס אין׳ם סטיל פון לואיס דעם פופצעהנטען, וואָס זיינען בע־צויגען געווען מיט קונסטפול געשטיקטען זיידען־שטאָף. אויף אַ שרייב־טיש פון ראָזעווען האָלץ, געגען קאַמין, איז געשטאַנען אַ זייגער אונטער אַ רונדען קאָלפּאַק, אַ זייגער אין׳ם סטיל פון דער אימפּעריע.

דער דאָזיגער זייגער האָט פאָרגעשטעלט אַ בראָנזענעם ביה־נען־שטאָק, וועלכער איז געהאָנגען אויף פיער מראַמאָרנע זיילען איבער אַ בעט פון גאָלדענע בלומען. דער שמאָלער „געהר“ האָט דורך אַ לענגליכען שפּאַלט בעוועגט אַ קליינע ביהן מיט עמאַליען־פליגעלאַך איבער די גאָלדענע בלומען, אָהן אויפהער זי בע־וועגט היין און צוריק.

דאָס ציפער־בלאַט פון געמאָהלטען פאַיאַנס איז ארייננעטהאָן געווען אין אַ זייט פון׳ם ביהנען־שטאָק.

דער זייגער האָט געשלאָגען עלף. דער באַראָן האָט אַ קוש גע־טהאָן זיין טאָכטער און איז אוועק צו זיך.

זשאַננאַ׳ן האָט פערדראָסען, וואָס זי דאַרף שוין געהן שלאָ־פען. זי האָט זיך געלעגט אין בעט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטהאָן

ארום זיך און פערלאָשען דאָס ליכט. אָבער אויף דער לינקער זייט פון'ם בעט איז געווען אַ פענסטער, דורך וועלכען די לבנה האָט איהר מאַטען שיין געוואָרפען. אויף דער פּאָדלאָגע האָט אַ העלער פלעק געציטערט. אויף די ווענד האָבען בלייבע פלעקען בעלויכטען די אונבעוועגליכע ליעבע צווישען פּיראַמוס און טהיזבע. דורך דאָס אַנדערע פענסטער, איהר צו־פוסען, האָט זשאַננא בע־מערקט אַ גרויסען בוים, וואָס האָט זיך אין גאַנצען גע'טובל'ט אין זאַנפטען ליכט. זי האָט זיך אומגעדרעהט אויף דער אַנדערער זייט, צוגעמאַכט די אויגען, אָבער אין אַ ווײַלע ארום האָט זי זיי ווידער געעפענט.

איהר האָט זיך אויסגעגעבען, אַז זי זיצט נאָך אין דעם עקי־פּאַזש און זי פיהלט נאָך זיין טרייסלען, און הערט נאָך זיין ליאַרמען.

זי האָט געפּרובט ליגען און זיך ניט אַ ריהר צו טהאָן, טאָמער וועט זי אַזוי איינשלאָפען, אָבער די געדאַנקען האָבען זי ניט גע־לאָזט איינשלאָפען, האָבען איהר זעעלע און קערפּער אויפגערעגט. אין די פיס האָט איהר גענומען ציהען און זי איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט.

דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבען און איז אַ באָרפוסע, מיט נאַקעטע אָרמס, אין איהר לאַנגען נאַכט־העמד, אַזוי ווי אַ גייסט, איבערגעטראָטען דעם העלען לבנה־פלעק, וואָס האָט געציטערט אויף דער פּאָדלאָגע, איז צום פענסטער צוגעגאַנגען, האָט עס געעפענט און ארויסגעקוקט.

די נאַכט איז געווען אַזוי קלאָהר, דאָס מען האָט געקענט זעהן ווי אין מיטען העלען טאָג, און דאָס יונגע מיידעל האָט ווי־דער דערקענט די געגענד, וועלכע זי האָט אַלס קינד אַזוי ליעב געהאַט.

פאַר איהר איז געלעגען אַ גרויסער שייער, געל ווי פּוטער פון דער ביינאַכטיגער העלקייט. צוויי גוואַלדיג־גרויסע בוימער זיינען געשטאַנען פאַר דעם שלאָס, אַ פּלאַטאַן־בוים אויף דער נאָרד־זייט, אַ לינדען־בוים אויף דער זיד־זייט.

און דאָרט, הינטער אַ ברייטען פּלאַץ, מיט גראָז בעוואקסען, האָט אַ קליין וועלדעל אָפּגעגרענעצט דעם מאַיאַנטעק, וואָס איז בעשיצט געווען פון דעם ים־שטורם דורך פינף רייהען אַלטע, קרום־געבויגענע בוימער, איבער וועלכע דער ווינד פון'ם ים האָט שטענדיג געבושעוועט, זיי געקלאַפּט און געבויגען.

דאָס דאָזיג שטיקעל פּאַרק איז געווען אָפּגעגרענעצט פון ביידע זייטען דורך צוויי לאַנגע אַלעען ריעזיגע פּאַפּעל־בוימער, מיט וועלכע נאָרמאַנדיען איז אַזוי בעריהמט. די פּאַפּעל־בוימער האָבען אָפּגעטהיילט דעם שלאָס פון צוויי פאַרמס, וואָס אין איי־נער פון זיי האָט געוואָהנט די פאַמיליע קוליאַר, און אין דער צווייטער — מאַרטען.

פון די דאָזיגע פּאַפּעל־בוימער האָט זיך דאָס אויך גענומען דער נאָמען פון שלאָס. ווייט הינטער די רייהע בוימער האָט זיך געצויגען אַ גרויסע שטרעקע פון פלאַכען, ניט־בעאַרבייטען לאַנד, וואָס איז פערוואַקסען געווען מיט ווילדע גראָז, איבער וועלכען דער ווינד האָט געפייפט און געיאָגט זיך טאָג און נאַכט. די דאָזיגע שטרעקע פון'ם פלאַכען, ניט־בעאַרבייטען לאַנד, האָט זיך פּלוצים געענדיגט מיט אַ הונדערט מעטער טיעפען אָראַבהאַנג, אַ ווייסען און אַ משופּעה'דיגען, וועלכער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט גלייך צום ים.

זשאַננאַ האָט געזעהן די ווייטע ברייטע שטרעקע פון'ם וואַ־סער, וואָס האָט געדרימעלט, האָט זיך געדאַכט, אונטער דעם אויס־געשטערענטען הימעל.

איצט, אין דער אַרומיגער שטילקייט, ווען די זון איז שוין לאַנג געהאַט אונטערגעגאַנגען, האָבען זיך אַלע דופטען פון דער ערד אין דער לופט געטראָגען. דער זשאַסמין, וואָס האָט זיך אַרום די פענסטער געדרעהט, האָט אַרויסגעאָטהעמט זיין שטאַרקען דופט, וואָס האָט זיך געמישט מיט די שוואַכערע דופטען פון די בליהענ־דיגע בלעטער און מיט דעם געזונדען גערוך פון ים־גראָז, וועלכען דער ווינטעל האָט אַנגעטראָגען. דאָס יונגע מיידעל האָט מיט

פערגעניגען אריינגעצויגען אין זיך די דאזיגע געזונטע לופט, וואס האט זי בערוהיגט, ווי א קאלטע וואננע.

אלע ברואים, וואס ערוואכען ביינאכט און פערבארגען זייער לעבען אין דער שטילקייט פון די נעכט, האבען אנגעפילט די האלבע דונקעלהייט מיט שווייגענדער בעוועגונג. גרויסע פויגלען זיינען געפלויגען אהן געשריי, ווי שאטענס, דורך די לופט; דאס זשומען פון די אינזעקטען האט זיך קוים געהערט; אין דעם פער־טהויטען גראז און אויף דעם זאמד פון די פערלאזענע וועגען איז שטום ארומגעקראכען דאס לעבען פון חיה'לאך און אינזעקטען.

נור צייטענווייז האבען די מעלאנכאלישע פרעש ארויסגע־לאזט זייערע קורצע און מאנאטאנע קלאנגען.

זשאננא'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז איהר הארץ ווערט ברייטער און ווערט אנגעפילט מיט שטילע קלאנגען, ווי די דאזיגע קלאהרע נאכט. ווי פון א טויזענד רייצענדע פערלאנגען האט זי זיך פלוצים דערפיהלט ארומגערינגעלט, אזוי ווי די דאזיגע אלע ביינאכטיגע ברואים וואלטען אין איהר ערוואכט און דורך איהרע געפיהלען זייערע פערלאנגען אויסגעדריקט. א געהיימע פער־וואנדשאפט האט זי פערייניגט מיט דער דאזיגער לעבעדיגער פאעזיע; און אין דער מילדער העלקייט פון דער נאכט האט זי דערשפירט א זאנדערבארען שוידער איבער איהר גאנצען לייב, אזוי ווי דער אטהעם פון אונבעשטימטע האפנונגען, פון עפעס א גליק וואלט אויף איהר א הויך געטהאן.

און זי האט אנגעהויבען צו טרוימען פון דער ליעבע.

די ליעבע! שוין זייט צוויי יאהר האט זי מיט הארץ־ציטערניש געטראכט פון איהר. איז מעג זי שוין ליעבען, זי דארף איהם נור טרעפען, אבער ווי וועט ער זיין? ווי וועט ער אויס־זעהן?

זי האט עס ניט געוואוסט און זיך גאר ניט געבראכען דעם קאפ וועגען דעם. דאס וועט זיין ע ר און מעהר האט זי ניט געוואלט.

זי האָט נור געוואוסט, אַז זי וועט איהם ליעבען מיט לייב און לעבען און ער וועט זי אויך אַזוי ליעבען.

אין אַזוינע אָבענדען וועט זי מיט איהם אַרומשפּאַצירען אונטער דעם העלען פינקעלדיגען שטויב, וואָס שיט זיך פון די שטערען. זיי וועלען געהן געאַרעמט, איינער צום אַנדערען צוגעדריקט, וועלען פיהלען דאָס קלאַפּען פון זייערע הערצער, די וואַרימקייט פון זייערע קערפּערס און זייער ליעבע וועט זיך צונויפגיסען מיט דער מילדער העלקייט פון דער זומער־נאַכט, און זיי ביידע וועלען זיין איינס, איין נשמה, איין גוף, אַזוי, דאָס זיי וועלען קענען לעזען איינער דעם אַנדערען'ס פערבאָרגענסטע סודות דורך די קראַפט נור אַליין פון זייער ליעבע.

און אַזוי וועלען זיי אייביג לעבען אין דער קלאָהרער העלקייט פון דער ליעבע.

פּלוצים האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי פיהלט איהם דאָ, נעבען זיך, און אַ דונקעלער ציטער פון ליידענשאַפט איז איהר דורכגעלאָפען פון קאָפּ ביז צו די פיס. זי האָט צוגעדריקט איהרע אָרמס צו דער ברוסט, אַזוי ווי זי וואָלט איהר טרוים געוואָלט אומאָרמען, און איהרע ליפּען, וואָס זי האָט צום אונבעקאַנטען אויסגעשטעלט, האָבען עפּעס דערשפּירט, פון וואָס דער קאָפּ האָט זיך איהר פערדרעהט, אַזוי ווי דער פריהלינג וואָלט איהר געגעבען דעם ערשטען קוש פון ליעבע.

מיט אַמאָל האָט זי דערהערט אומיצענס טריט אין דער נאַכט הינטער'ן שלאָס. און אין דעם צושטאַנד פון איהר אויפגערעגטער זעעלע, וואָס איז פערנעבעלט געווען מיט פאַנאַטישען גלויבען אין דאָס אונמעגליכע, אין גאָט'ס נסים און אין ראָמאַנטישע פערווירקליכונגען, האָט זי אַ טראַכט געטהאָן: „ווען דאָס איז ער?“

זי האָט זיך מיט אַנגסט צוגעהערט צו די טריט פון דעם צופוס־געהער און זי האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיך אָפּשטעלען

נעבען טויער און וועט בעטען, מען זאל איהם אריינלאזען איבער־צונעכטיגען.

אז ער איז פערבייגעגאנגען, איז איהר געווארען אזוי שווער אויפ'ן הארצען, ווי מען וואלט זי אפגענארט. צום סוף אבער האט זי זיך א כאפ געטהאן: פון וואס טראכט זי? וואס פאלט איהר איין? און זי האט אין איהר הארצען געלאכט פון זיך אליין.

דערנאך, ווען זי האט זיך בערוהיגט, האט זי פערניפטיגער גענומען טראכטען פון איהר צוקונפטיגען לעבען.

זי וועט דא לעבען מיט איהם, אין דעם דאזיגען שטילען שלאס, נעבען דעם ים. צוויי קינדער וועלען זיי האבען, א זוהן פאר איהם, און א מיידעל פאר איהר. און איהר האט זיך אויסגע־וויזען, אז זי זעהט שוין, ווי זיי לויפען ארום איבער'ן גראז, צווישען דעם פלאטאן־בוים און דעם לינדען־בוים, ווערענד זי מיט'ן פא־טער קוקען זיי נאך מיט אויגען פול נחת און הרחבה.

און לאנג־לאנג איז זי אזוי געשטאנען נעבען פענסטער און האט געשפינט איהרע טרוימען. די לבנה האט דערווייל שוין דורכגעמאכט איהר נסיעה איבער'ן הימעל און האט זיך ארונטער־געלאזען אין ים אריין.

די לופט איז געווארען קיהלער. דער האריזאנט אין מזרח־זייט איז געווארען בלייכער. אויף דער פארם רעכטס האט א האהן א קרעה געטהאן; עס האבען איהם געענטפערט אנדערע העהנער פון דער פארם לינקס. זייערע הייזעריגע שטימען האבען זיך גע־טראגען ווי פון ווייט־ווייט. און אויפ'ן הימעל, וואס איז אונבע־מערקט געווארען אלץ העלער און העלער, האבען זיך די שטערען אויסגעלאשען.

ערגעץ האט זיך דורכגעטראגען א געשריי פון א פויגעל. פון די בוימער האט זיך א סוויסטשעריי דערהערט, אפריהער שטי־לער, דערנאך אלץ קרעפטיגער, אלץ לעבעדיגער, אלץ פרעהלי־כער, פון צווייג צו צווייג האט זיך דאס דאזיגע סוויסטשעריי געטראגען, פון בוים צו בוים.

און פלוצים האט זשאננא זיך דערפיהלט אין גאנצען בע־גאסען מיט כוואליעס ליכט; זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און מיט די הענד פערשטעלט די אויגען, וואס זיינען פערבלענ־דעט געווארען פון דעם גלאנציגען שיין פון זונען־אויפגאנג.

א גאנצער בארג פון פורפור־וואלקענס, וואס איז טהיילווייז בעהאלטען געווען הינטער דער גרויסער אלעע פון די פאפעל־בוימער, האט געווארפען א בלוטיגען שיין אויף דער ערוואכטער ערד.

און לאנגזאם, דורכברעכענדיג די העלע וואלקענס, דורכשניי־דענדיג מיט זיין פייער־גלאנץ די בוימער, די טהאלען, דעם ים און דעם גאנצען האריזאנט, איז די גרויסע, פלאמענדיגע קויל ערשיענען.

זשאננא'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז זי ווערט פעררוקט פאר גליק. א משוגענע פרייד, א גוואלדיגע התפעלות פאר דער שעהנ־הייט פון דער וועלט האט אנגעפילט איהר צאפלענדיגע הארץ. דאס איז געווען איהר זון, איהר מארגען־אויפגאנג, דער אנפאנג פון איהר לעבען, דער אויפגאנג פון איהרע האפנונגען. זי האט אויסגעשטרעקט איהרע ארמס אין די שטילע ווייטקייט ארויס, אזוי ווי זי וואלט די זון געוואלט צו זיך צוציהען; זי האט געוואלט עפעס ארויסשרייען, ארויסשרייען עפעס הערליכעס, געטליכעס, ווי דער דאזיגער זונען־אויפגאנג, זי איז אבער גע־בליבען שטום אין איהר אונמעכטיגער בעגייסטערונג.

דערנאך האט זי דעם קאפ פלוצים ארונטערגעלאזט און זיך שטיל צואויינט מיט א זיסען געוויין.

ווען זי האט ווידער דעם קאפ אויפגעהויבען, זיינען די וואונ־דערס פון דעם נייעגעבארענעם טאג געווען פערשוואונדען. זי האט זיך געפיהלט אביסעל רוהיגער, אביסעלע מיעד און עס איז איהר קאלט געווען. זי האט זיך אריינגעווארפען אין בעט, ניט צומאַ־כענדיג דאס פענסטער, האט נאך א ווײלע געטרוימט און איז דאן איינגעשלאפען אזוי פעסט, דאס זי האט אפילו ניט געהערט ווי איהר פאטער האט זי אכט אזייגער גערופען און זי האט זיך אויפ־

געכאַפּט ערשט דאַן, ווען ער איז צו איהר אין צימער אריינגע־קומען.

ער האָט איהר געוואָלט ווייזען, ווי ער האָט פערשעהנערט און פערבעסערט דעם שלאָס. א י ה ר שלאָס.

דער פּאַסאַר איז אָפּגעטהיילט געווען פון'ם וועג דורך אַ ברייטען הויף, בעפלאַנצט מיט עפּעל־בוימער. דער דאָזיגער וועג, דער דאָרף'ס וועג, וועלכער האָט זיך געצויגען צווישען פּויערשע גערטנער, איז אַ מייל ווייטער אריינגעפאַלען אין דעם ברייטען שליאַך, וואָס איז געלאָפען פון האַוור צו פאַקאַמפּ צו.

אַ גלייכע אַלעע האָט געפיהרט פון'ם וועלדעל צום באַלקאַן פון'ם שלאָס. ניעדריגע געביידעס פון ניט־אַרומגעהובעלטע שטיי־נער, מיט שטרוי געדעקט, זיינען געשטאַנען אויףביידע זייטען פון'ם הויף.

די דעכער זיינען געווען פון דאָס ניי איבערגעדעקט, די ווענד אויסגעבעסערט, די צימערען איבערגעפּאַרבט, און אויף דעם אַל־טען, פערדונקעלטען שלאָס האָבען מיט אַ זילבערנער ווייסקייט געבלישצעט די ערשט אויסגעפאַרבטע לאָדענס און די פרישע שקאַ־טורקע אויף דעם גרויען פאַסאַר. פון דער אנדערער זייט, וואו די פענסטער פון זשאַננאַ'ס צימער זיינען געלעגען, האָט דער שלאָס ארויסגעקוקט אויפ'ן ים.

זשאַננאַ און איהר פאָטער זיינען דורכגעגאַנגען געאָרעמט יעדען ווינקעל פון'ם שלאָס און פון'ם הויף און האָבען אַלעס בע־קוקט. דערנאָך זיינען זיי אוועק איבער דער לאַנגער אַלעע פון די פּאַפּעל־בוימער, וואָס האָבען זיך געצויגען ארום פּאַרק. דאָס גראָז אונטער די בוימער האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרינער טעפּיך. די וועגלאַך האָבען זיך דאָ געשלינגעלט צווישען פלאַנצען, וואָס האָבען ערשט גענומען בליהען. דער פריהלינג האָט דאָ געגרינט און גע־שאָפען. פּלוצים איז אַ האָז פון ערגעץ ארויסגעשפּרונגען, זשאַננאַ האָט זיך דערשראָקען ; ער איז פערשוואונדען הינטער די בוימער ערגעץ ביים פעלזיגען אָראָבהאַנג.

נאָך דעם פריהשטיק האָט דער בּאַראָן פאַרגעלעגט זשאַננאַ'ן דורכצוגעהן זיך מיט איהם ביז איפּאָר.

זיי זיינען אוועק, דורכגעגאַנגען אַפריהער דאָס דערפעל עטואַן, וועלכער איז געלעגען ניט ווייט פון שלאָס. דריי פּויערים האָבען זיי געגריסט, אַזוי ווי אַלטע בעקאַנטע.

זיי זיינען אריין אין וועלדעל, וואָס האָט זיך געצויגען בּאַרג אַרונטער צום ים.

באַלד האָט זיך בעוויזען דאָס דאָרף איפּאָר. פאַר די הייזער זיינען געזעסען פרויען, וואָס האָבען געלאַטעט קליידער, און זיי נאָכגעקוקט. די גאַס דאָרט, וואָס האָט זיך געצויגען בּאַרג אַרונ־טער, מיט אַ קליין טייכעל אין מיטען, מיט קופּעס מיסט פאַר די הייזער, האָט שטאַרק געשמעקט מיט פיש. אויף די טהירען האָ־בען זיך געטריקענט ברוינע נעצען, אין וועלכע דאָ און דאָרט האָבען געלויכטען, ווי זילבערנע מטבעות, די פערבליבענע שופּען פון פיש.

אַ פּאָר ווילדע טויבען האָבען ארומגעשפּרונגען אַרום טייכעל און געזוכט נאַהרונג..

זשאַננאַ'ן האָט זיך דאָס אַלעס אויסגעוויזען אַזוי ניי און אינטערעסאַנט, ווי אַ פאַרשטעלונג אין'ם טהעאַטער.

אָבער פּלוצים, ווען זיי זיינען פערבייגעגאַנגען אַ געוויסע הויז, האָט זי דערזעהן פאַר זיך דעם ים, וואָס איז דאָרט געלעגען גלאַט און בלוי, אַזוי ווייט, ווי דאָס אויג האָט געקענט זעהן. זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקען. ווייסע זעגלען, ווי די פליעג־לען פון פויגלען, האָבען זיך איבער דעם בלויען שפּיגעל געטראָ־גען. רעכטס און לינקס האָבען זיך געהויבען גוואַלדיג־הויכע פעל־זען. פון איין זייט האָבען די פעלזען אין גאַנצען פערשטעלט דעם ברעג ים, פון דער אַנדערער איז דער ברעג ים אָפען געווען פאַר דאָס אויג; און דער בליק איז געפאַלען אויף דעם האַפען מיט איינצעלנע הייזער, צו וועלכע די ווייסע שוימענדיגע כוואַליעס פון'ם ים האָבען זיך מיט אַ געפּילדער געטראָגען.

די שיפלאַך, וואָס זיינען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אויפ'ן זאַמ־דיגען ברעג, זיינען געלעגען אויף אַ זייט, אויסגעשטעלט צו דער זון זייערע רונדע געפּעכטע זייטען. פישער האָבען זיי צוגעגרייט צום ביינאַכטיגען פיש־פאַנג.

אַ מאַטראָס איז צו זיי צוגעגאַנגען און האָט פאַרגעלעגט פיש. זשאַננאַ האָט געקויפט אַ גרויסען פיש, וועלכען זי האָט אַליין גע־וואָלט טראָגען אַהיים.

דערנאָך האָט דער מאַטראָס זיי אַנגעבאָטען צו פאָהרען מיט איהם שפּאַציערען אויפ'ן ים, דערביי האָט ער עטליכע מאָל נאָכ־אַנאַנד זיי אָנגערופען זיין נאָמען, כדי זיי זאָלען איהם גוט גע־דענקען: „לאַסטיק, זשאָזעל לאַסטיק".

דער באַראָן האָט פערשפּראָכען איהם ניט צו פערגעסען, און זיי זיינען אוועק צוריק אין שלאָס.

דער גרויסער פיש איז געווען צו שווער פאַר זשאַננאַ, האָט זי גענומען דעם פאַטער'ס שטאָק, דורכגערוקט איהם דורך די זשאַב־רעס פון'ם פיש; דערנאָך האָט זי גענומען איין ברעג שטאָק, דער באַראָן דעם אַנדערען, און זיי זיינען אוועק, פרעהליך פלוידערענ־דיג ווי צוויי קינדער, וועהרענד דער פיש האָט זיך געשלעפּט מיט'ן שווערען פעטען עק איבער'ן גראָז.

II.

אַ רייצענד פריי לעבען האָט זיך אָנגעהויבען פאַר זשאַננאַ'ן. זי האָט געלעזען, געטרוימט און אַרומגעוואַנדערט אַליין אין דער געגענד. לאַנגזאַם איז זי געגאַנגען אויף די לאַנגע וועגען שפּאַ־צירען, אין טרוימען פערלאָרען, אָדער זי איז געלאָפען אין דעם קליינעם קרומען טהאָל אַרונטער, וואָס איז פוןביידע זייטען בע־דעקט געווען מיט בלומען־טעפּיכער, ווי מיט אַ גאָלדענער דעקע. זייער שטאַרקער און זיסער גערוך, וואָס איז בעזאָנדערס שטאַרק

געוועזן, ווען די זון האָט געברענט, האָט זי פער'שיכּור'ט אַזוי ווי פערפיומירטע ווײַן; דער ווײַטער רוישען פון די ים־כוואַליעס, וואָס האָבען זיך דאָרט געקלאַפּט אָן דעם ברעג, האָט אײַנגעשלעפערט איהרע געדאַנקען.

אַמאָל, ווען זי איז מיעד געוואָרען, האָט זי זיך אויסגעצויגען אויפ'ן ווייכען גראָז נעבען דעם אַראָבהאַנג און ווען איהר אויג איז געפאַלען אויף דעם בלויען ים, וואָס האָט אין דער זון געפינקעלט, מיט אַ זעגעל־שיף אין'ם הינטער־גרונד, דאַן האָט זי אַרומגעכאַפּט אַזאַ פרייד, אַזאַ גרויסע פרייד, אַקוראַט ווי זי וואָלט דעם גליק דערשפּירט נעבען זיך נאָהענט, זעהר נאָהענט.

אויפ'ן שוים פון דער שעהנער און פרישער נאַטור, אין דער שטילקייט פון דעם ווײַטען האָריזאָנט, האָט זיך בײַ איהר אויפגעוועקט אַ ליעבע צו זײַן אַליין; אָפט איז זי געזעסען אַליין אויף אַ קליינעם בערגעל שטונדען גאַנצע, און ווילדע קראַליקעס האָבען אַרומגעשפּרונגען דערבײַ כּמעט נעבען איהרע פיס.

אָפט איז זי געקראָכען איבער די פעלזען צום ים אַרונטער; אַ לײַכטער ים־ווינטעל האָט איהר איבער'ן פּנים געשמיסען און זי האָט אין גאַנצען געציטערט פאַר גליק. זי האָט זיך בעוועגט אַזוי לײַכט, ווי אַ פיש אין'ם וואַסער, ווי אַ שוואַלב אין דער לופט.

אומעדום האָט זי געזעעט געפיהלען. ווי מען זעעט זוימען אין דר'ערד, געפיהלען, וואָס לאָזען טיעפע וואָרצלען אויפ'ן לעבען לאַנג. איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויף שריט און טריט האָט זי אין די דאָזיגע טהאָלען איבערגעלאָזט אַ שטיק פון איהר האַרצען.

זי האָט זיך אָנגעהויבען צו באָדען. מיט לײַדענשאַפט האָט זי זיך אין די כוואַליעס אַרײַנגעוואָרפען און אָנגעשוואומען ווײַט־ווײַט. זי איז געווען קרעפטיג און געוואַגט און האָט ניט מורא געהאַט פאַר אַ געפאַהר אין דעם דאָזיגען קלאָהרען, בלויען וואַסער, וואָס האָט זי געהאַלטען אויף זיך און זי געוויעגט אַרויף און אַראָפּ.

ווײַט פון'ם ברעג האָט זי זיך אויפ'ן רוקען געוואָרפען, פער־

לעגט די אָרמס אויף דער ברוסט און געקוקט אין די טיעפע בלוי־קיים פון'ם הימעל אַרויף, אונטער וועלכע אַ שוואַלב האָט זיך גע־טראַגען, אָדער דער ווייסער שאָטען פון אַ ים־פויגעל. אַרום איז געווען שטיל, מען האָט מעהר ניט געהערט ווי דאָס ווייטע מורמלען פון די כוואַליעס ביים ברעג און אונבעשטימטע דומפּפע קלאַנגען פון דער ערד, וואָס האָבען זיך איבער'ן וואַסער געטראַגען. דאַן האָט זיך זשאַננאַ איבערגעקעהרט, פון פרייד איבערשטראָמט, האָט הילכיג געשריען און מיט די הענד איבער'ן וואַסער געפּאַטשט.

עס האָט געטראָפען, אַז מען האָט אַ שיף געמוזט אַרויסשיקען נאָך איהר, ווען זי איז צו וויים אַוועקגעשוואומען פון'ם ברעג.

זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים גאַנץ בלייך פאַר הונגער, אָבער לייכט, פלינק און פרעהליך, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און מיט אויגען, וואָס האָבען געפינקעלט פאַר גליק.

דער באַראָן פון זיין זייט האָט געפּלאַנעוועט גרויסע לאַנד־ווירטשאַפטליכע אונטערנעהמונגען; אויסגעפּרובט נייע מאַשינען פאַר דער ערד אַרבייט, אַלערליי פערבעסערונגען געוואָלט איינ־פיהרען, פיה פון אַנדערע לענדער געוואָלט אַקלימאַטיזירען, קורץ, געוואָלט דעם פאַרשרים העלפען. מאַנכע טעג האָט ער פערבראַכט מיט די פּויערים, ערקלעהרט זיי זיינע פּלענער און זיי האָבען דעם קאָפּ דערצו געשאָקעלט און פון זיינע פערבעסערונגען ניט גע־וואָלט וויסען.

אָפט איז ער מיט די מאַטראָסען פון איפּאָר אַרויסגעפאָהרען אויף אַ שיף. אַז ער האָט בעקוקט אַלע גראָטען, וואַסער־פאַלען און די פעלזען־שפּיצען פון דער נאָכבאַרשאַפט, האָט זיך איהם פער־גלוסט אַרויספאָהרען פיש פאַנגען, ווי אַ איינפאַכער פישער.

ווען אַ גוטער בריז האָט געוועהט און דער אויפגעבלאָזענער זעגעל האָט געטריבען דאָס רונדע שיף איבער דעם רוקען פון די כוואַליעס, דאַן האָט זיך נאָכגעיאָגט איבער דעם לאַנגען ווייסען וועג, וואָס האָט זיך געצויגען פוןביידע זייטען שיף, אַ גאַנצע

מחנה מאַקרעלען. ער האָט דאַן געהאַלטען אַ דינע שטריק אין זיין ציטערדיגער האַנד און געוואַרט, אַ פיש זאָל זי אַ ציה טהאָן.

ביים שיין פון דער לבנה איז ער אַרויסגעפאָהרען אויפצו־הויבען די נעצען, וואָס זיינען נעכטען אויסגעלעגט געוועז. ער האָט ליעב געהאַט צו הערען דאָס קרעכצען פון דעם מאַסט, ליעב געהאַט צו אָטהעמען דעם ביינאַכטיגען פרישען פייפענדיגען ווינד און אָפט האָבען איהם די ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענ־דיגער זון אויפ'ן שיף געטראָפען.

ביים עסען האָט ער דערנאָך מיט בעגייסטערונג דערצעהלט וועגען זיינע עקספעדיציעס אויפ'ן וואַסער; און די באָראָנעסע האָט דערביי אויך דערצעהלט וועגען איהר עקספעדיציע אין'ם פּאַרק, וויפיעל מאָל זי איז היינט דורכגעגאַנגען הין און צוריק אין דער ברייטער אַלעע פון די פּאַפּעל־בוימער און פאַר וואָס זי איז דווקא געגאַנגען אויף דער רעכטער אַלעע און ניט אויף דער לינקער.

אַזוי ווי מען האָט איהר געראַטהען, זי זאָל זיך פיעל בעוועגען, האָט זי זיך אָנגעטהאָן אַ כּוח און איז געגאַנגען. אַזוי גיך, ווי דער נאַכט־טהוי איז פערשוואונדען, איז זי אַרונטערגעקומען, אויף ראָזאַליע'ס אָרם אָנגעשפּאַרט, אין אַ מאַנטעל און צוויי שיילס איינגעוויקעלט, דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרצען קאַפּושאָן בעדעקט, איבער וועלכען זי האָט נאָך אַ רויטע טיכעל געטראָגען.

דאַן האָט זי אָנגעהויבען איהר רייזע אין אַ גלייכער ליניע פון'ם שלאָס ביז צו די בוימער פון'ם קליינעם פּאַרק. דערביי האָט זי נאָכגעשלעפּט נאָך זיך דעם לינקען פוס איבער'ן גאַנצען וועג. אויף יעדען עק פון די אַלעעס האָט זי געהייסען אוועקשטעלען אַ בענקעל, און יעדע פינף מינוטען האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו דער געדולדיגער דיענסט:

— לאָמיר זיך צוזעצען אַ ווייל׳ינקע, מיין קינד, איך בין עפּעס מיעד.

און אויף יעדער באַנק האָט זי עפּעס איבערגעלאָזען, דאַ דעם

קאַפּ־טיכעל, דאָרט אַ שאַל און דאָרט איהר מאַנטעל; און שפּע־טער, ווען זי האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט ראָזאַליע אין שלאָס, האָט די לעצטע נאָך געמוזט שלעפּען אויף דעם פּרייען אָרם צוויי גרויסע בינטלאָך קליידער.

נאָכמיטאָג האָט די באַראָנעסע ווידער אַנגעהויבען איהר וואַנ־דערונג. איצט האָט זי זיך בעוועגט נאָך לאַנגזאַמער און אָפטער זיך צוגעזעצט אויף די בענק; און מאַנכעס מאָל האָט מען פאַר איהר ארויסגעטראָגען אַ שאַקעל־שטוהל און זי האָט אויף איהם איינגעדרימעלט.

זי האָט עס גערופען „מיין גימנאַסטיק", ווי זי פלעגט זאָגען „מיין היפּערטראָפּיע".

נאָך מיט אַ יאָהר צעהן צוריק האָט זי אַ דאָקטאָר אונטערזוכט, ווייל זי האָט פון אַסטמאַ געליטען, און ער האָט דערביי דערמאָנט דאָס וואָרט „היפּערטראָפּיע". זייט דאַן איז דאָס דאָזיגע וואָרט, וואָס זיין זין האָט זי ניט פערשטאַנען, געבליבען הענגען אין איהר געדעכטניס. זי איז אָפט צוגעשטאַנען צו דעם באַראָן, צו זשאַננאַ און ראָזאַליע, זיי זאָלען אויסהערען איהר האַרץ, וועלכע מען האָט אָבער שוין מעהר ניט געקענט פיהלען, אַזוי טיעף בעגראָבען איז עס געווען אונטער אַ באַרג פעטס.

אָבער פון אַן אַנדער דאָקטאָר האָט זי בשום אופן ניט גע־וואָלט זיך לאָזען אונטערזוכען, ווייל זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל אין איהר ניט ענטדעקען נאָך אַנדערע קראַנקהייטען. זי האָט אַזוי אָפט גערעדט פון „איהר" היפּערטראָפּיע, אַזוי ווי די דאָזיגע קראַנק־הייט האָט נור זי אַליין געקענט האָבען און מעהר קיינער ניט.

דער באַראָן פלעגט זאָגען: „די היפּערטראָפּיע פון מיין פרוי", און זשאַננאַ: „מאַמאַ'ס היפּערטראָפּיע", אַזוי ווי זיי וואָל־טען געזאָגט: „מאַמאַ'ס הוט, קלייד אָדער רעגען־שירם".

אין איהרע יונגע יאָהרען איז זי געווען זעהר שעהן, שלאַנק ווי אַ יונגער בלום. זי האָט געטאַנצט מיט פערשיעדענע אייראָ־פּעאישע מונדירען און געלעזען ראָמאַנען. איבער דעם ראָמאַן

„קארינגא“ האט זי פערגאסען בימערע טרעהרען און נאך ביז היינט איז זי געוועזן אונטער דעם איינדרוק פון דעם דאזיגען ראמאן.

וואס דיקער איהר טאליע איז געווארען, אלץ פּאעטישער איז אידר זעעלע געווארען, און בעת די שווערקייט פון איהר קערפּער האט זי געהאלטען צונעשמידט צום שטוהל, איז איהר פאנטאזיע פערנומען געוועזן מיט אלערליי ראמאנטישע פאסירונגען, די העל־דען פון וועלכע זי האט זיך אליין פארגעשטעלט. זי האט גע־האט אייניגע ליעבלינג־טהעמען, ארום וועלכע איהרע טרוימען האַ־בען זיך שטענדיג געדרעהט, ווי די מוזיק פון א שפּיל־קאסטען ארום די איינע און די זעלביגע מאטיווען. אלע סענטימענטאַלע ראמאנסען, אין וועלכע עס איז גערעדט געוועזן פון שוואלבען און נעפאנגענע, האבען זי ביז טרעהרען גערירט. זי האט זאגאר ליעב געהאט געוויסע פרייע ליעדער פון בעראנזשע, ווייל זיי זיי־נען ריהרענד געוועזן.

מאנכעס מאל איז זי אזוי געזעסען פער׳חלום׳ט שטונדען לאנג. און דער שלאס איז איהר זעהר געפעלען געוועזן, ווייל ער איז גע־ווען א גוטע דעקאראציאן פאר די שעהנע טרוימען פון איהר זעעלע, ווייל מיט זיינע ארומיגע וועלדער, מיט זיינע ברייטע לאנקעס, מיט דער נאהענטקייט פון׳ם ים האט ער איהר דערמאנט אן די ראמאנען פון וואלטער סקאטט, וועלכע זי האט זייט איי־ניגע מאנאטען געלעזען.

אין רעגענדיגע טעג האט זי זיך פערשפּארט אין איהר צי־מער און איבערגעקוקט דאס, וואס זי האט איהרע „עראינערונ־גען“ גערופען: דאס הייסט, אלע איהרע אלטע בריעף, די בריעף פון איהר פאטער און מוטער, די בריעף פון דעם באראן פון דער צייט, ווען זי איז א כלה געוועזן, און נאך אנדערע.

אין א שרייב־טיש פון מאהגאני־האלץ האט זי זיי געהאלטען פערשלאסען. זי האט געזאגט מיט א בעזונדערע בעטאנונג:

— ראזאליע, מיין קינד, ברענג מיר די שופלאד מיט די „ער־אינערונגען“.

דאָס מיידעל האָט אָפּגעשלאָסען דעם שרייב־טיש, ארויסגע־נומען די שופלאַד און זי אוועקגעשטעלט אויף אַ שטוהל נעבען דער באַראָנעסע, וועלכע האָט לאַנגזאַם איבערגעקוקט איין בריעף נאָכ'ן אַנדערען און פון צייט צו צייט אַ טרעהר ארויסגעלאָזט.

מאַנכעס מאָל האָט זשאַננאַ פערנומען ראָזאַליע'ס פּלאַץ און איז געגאַנגען מיט איהר מוטער שפּאַציערען. דאַן האָט די באַראָ־נעסע איהר דערצעהלט געשיכטען פון איהרע יונגע יאָהרען. דאָס יונגע מיידעל האָט אין די דאָזיגע געשיכטען דערקענט זיך אַליין און זיך געוואונדערט איבער די עהנליכקייט פון זייערע ביידענס געדאַנקען און איבער די פערוואַנדשאַפט פון זייערע ביידענס פער־לאַנגען.

ווי לאַנגזאַם די באַראָנעסע איז געגאַנגען, אַזוי לאַנגזאַם האָט זי דערצעהלט און מאַנכעס מאָל האָט זי זיך אויף אַ ווייל געמוזט אָפּשטעלען. דאַן זיינען אוועקגעפלויגען זשאַננאַ'ס געדאַנקען פון די דאָזיגע געשיכטען און זיי האָבען זיך געטראַגען אין דער פריי־ער צוקונפט ארויס און האָבען זיך געבאָדען אין אַלערליי האָפ־נונגען.

איין נאָכמיטאָג, ווען זיי האָבען זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אָפּרוהען, האָבען זיי פּלוצים דערזעהן אויפ'ן אַנדער עק פון דער אַלעע אַ דיקען פּריעסטער, וועלכער איז געגאַנגען צו זיי.

ער האָט זיי געגריסט נאָך פון ווייטען, געשמייכעלט און ווי־דער געגריסט, און איידער ער איז נאָך צוגעגאַנגען, האָט ער שוין הויך אויפ'ן קול געפרעגט:

— נו, מאַדאַם באַראָנעסע, וואָס מאַכט מען?

דאָס איז געווען דער גלח פון דער דאָרטיגער געמיינדע.

די באַראָנעסע, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען אין דעם יאָהר־הונדערט פון פילאָזאָפען, פון אויפקלעהרונג און אַפּיקורסעס, און איז ערצויגען געווען פון אַ פרייזיניגען פאָטער אין די רעוואָלו־ציאָנערע טעג, איז קיינמאָל אין קירכע ניט געגאַנגען. נור פאַר

גלחים האָט זי פונדעסטוועגען דורך ארץ געהאט אוים דעם אינ־סטינקטיווען רעליגיעזען געפיהל, וואָס איז דאָ אין דער פרוי.

זי האָט געהאט אין גאַנצען פערגעסען איהר גלח, פּאַטער פּיקאָ. און אַז זי האָט איהם איצט דערזעהן, איז זי רויט געוואָרען. זי האָט זיך ענטשולדיגט, וואָס זי האָט זיין אַנקומען ניט בעמערקט. אָבער דער גוטער מענש האָט גאָר ניט אויסגעזעהן בעליידיגט. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף זשאננא און איהר געגעבען אַ קאָמפּלי־מענט, אַז זי זעהט אוים זעהר גוט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגע־זעצט, אַוועקגעלעגט זיין דריי־עקיגען הוט צו זיך אויף די קניע און אָפּגעווישט דעם שווייס פון'ם שטערען. ער איז געווען זעהר דיק און אין גאַנצען נאַס פון שווייס.

יעדע ווייַלע האָט ער ארויסגעשלעפּט אַ גרויסע קאָלירטע טאַשען־טוך, וועלכעס איז שוין נאַס געווען, און מיט דעם זיך דעם שווייס אָפּגעווישט. אָבער דאָס טיכעל האָט נאָך קיין צייט גע־האט צו פערשווינדען אין די טיעפעניש פון זיין פּריעסטער־ראָק, ווי נייע טראָפּענס זיינען אויפ'ן שטערן ארויסגעטראָטען, וועלכע זיינען געפאלען אויף דעם גלח'ס ראָק, וואָס איז פערשטויבט געווען פון'ם וועג.

דאָס איז געווען אַן אמת'ער דאָרפישער גלח, מונטער, זעהר טאָלעראַנט, אַ גאַנץ בראַווער מאַן. ער האָט זיי דערצעהלט אַלערליי געשיכטען, גערעדט וועגען די איינוואָהנער פון דער געגענד און זיך געמאכט גאָר ניט וויסענדיג, אַז די באַראָנעסע און איהר טאָכטער האָבען נאָך ניט בעזוכט די קירכע.

דער באַראָן איז געקומען. ער איז אויך געווען גלייכגילטיג צו דער קירכע. אָבער געגען גלחים, וועלכען ער האָט אויבערפלעכליך געקענט, איז ער געווען ליעבענסווירדיג און האָט איהם איינגעלאַדען צום עסען.

דער גלח האָט געוואוסט, ווי זיך איינצושמייכלען, און ביי דער באַראָנעסע האָט ער זעהר אויסגענומען שוין דערפאַר אליין, וואָס

ער איז אויך געווען אַ דיקער און אַ שווערער, און האָט אויך גע־ליטען פון קורץ אָטהעם, ווי זי.

נאָכ'ן עסען איז דער גלח געוואָרען נאָך בעסער אויפגעלעגט און האָט נאָך פרייער געגומען פלוידערען. פּלוצים האָט ער אַ זאָג געטהאָן, אַזוי ווי אַ גליקליכער געדאַנק וואָלט איהם מיט אַמאָל איינגעפאַלען:

— מיר האָבען אַ נייעם מיטגליעד אין אונזער געמיינדע, איך מוז אייך איהם פאָרשטעלען, דער וויקאָנט דע־ליאמאר!

די באַראָנעסע, וועלכע האָט געוואוסט אויף אויסווענדיג דעם גאַנצען צעטעל פון די אַריסטאָקראַטישע יחסנים פון דער פּראָ־ווינץ, האָט געפרעגט:

— געהערט ער זיך אפשר אָן צו דער פאַמיליע לאַמאַר־דע־ליאַר?

דער גלח האָט געענטפערט:

— געוויס, מאַדאַם, ער איז אַ זוהן פון וויקאָנט זשאַן דע־ליאמאר, וואָס איז לעצטען יאָהר געשטאָרבען.

דאַן האָט מאַדאַם אַדעלאַאידאַ, וועלכע האָט מעהר פון אַלעם געשעצט יחוס, פערשאָטען דעם גלח מיט פראַגען און זי האָט זיך דערוואוסט, אַז ווען דער אַלטער ליאמאר איז געשטאָרבען, האָט זיין זוהן פערקויפט דעם פאַמיליען־שלאָס און בעצאָהלט זיין פאָטער'ס שולדען. דערנאָך האָט ער זיך בעזעצט אויף איינער פון זיינע דריי פארמעס אין עטואַן, וואו זייט דאַן וואָהנט ער. אין גאַנצען טראָגען אריין די דאָזיגע פאַרמעס אַ פינף־זעקס טויזענד פראַנק אַ יאָהר, אָבער אַזוי ווי דער יונגער וויקאָנט איז אַ פערנינפטיגער און שפּאָרזאַמער מענש, האָט ער זיך בערעכענט צו וואָהנען אויף דער דאָזיגער פאַרם אַ צוויי־דריי יאָהר, ביז ער וועט געלד פיעל־וועניג אָבשפּאָרען, כדי צו קענען שפּעטער טהאָן אַ גוטען שידוך.

— ער איז זעהר אַן אנגענעהמער יונגער מאַן, אַזוי געזעצט און שטיל. אָבער צו פערברענגען די צייט, צו אונטערהאַלטען

זיך, האט ער דא ניט מיט ווענען — האט דער גלח גערעדט.

דער באראן האט זיך אנגערופען:

— ברענגט איהם צו אונז, פיליכט וועט ער מיט אונז זיך קענען אונטערהאלטען.

און מען האט גענומען ריידען פון אנדערע זאכען.

נאך דעם קאפע, ווען זיי זיינען אריין אין סאלאן, האט דער גלח געבעטען, מען זאל איהם ערלויבען דורכצוגעהן זיך אביסעל אין'ם פארק, ווייל ער איז געוועהנט געווען א ווייליע צו שפא־צירען נאכ'ן עסען. דער באראן איז ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט איהם און זיי האבען לאנגזאם געשפאצירט ארום שלאס. זייערע שאטענס, איינער א לאנגער און דער אנדערער א רונדער, מיט א פלאכען הוט אויפ'ן קאפ, האבען זיך אויסגעלעגט דא זיי פון פאר־רענט, און דא זיי פון הינטען, עס האט זיך געווענדעט, צי זיי זיי־נען געגאנגען מיט'ן פנים צו דער לבנה, צי מיט'ן רוקען.

דער גלח האט ארויסגעשלעפט א סיגארעט פון דער קעשענע און גענומען איהם ציהען.

מיט דער אפענהערציגקייט פון א דארפס־מענשען האט ער ערקלעהרט, פארוואס ער רויכערט:

— דאס איז גוט פאר מיין מאגען. איך האב א הארטען מאגען.

דאן האט ער פלוצים א קוק געטהאן אויף דעם אויסגעשטער־רענטען הימעל און געזאגט.

— אזא הימעל קיין קיינמאל ניט מיאוס ווערען!

און ער איז אריין אין הויז, כדי צו זעגענען זיך מיט די דאמען.

III.

דעם זונטאג דערנאָך איז די באראָנעסע מיט זשאננאַ'ן גע־גאנגען אין קירכע, אום העפליכקייט צו דעם גלח.

נאָך דעם גאָטעס־דיענסט האָבען זיי געוואַרט אויף איהם, אום איהם איינצולאַדען פאַר דאנערשטאג צום עסען.

ער איז ארויסגעקומען מיט אַ הויכען, עלעגאַנטען יונגען מאַן אונטער'ן ארם.

אַז ער האָט דערזעהן די ביידע דאַמען, איז ער אנגענעהם איבערראַשט געוועזן און האָט אויסגעשריען:

— וואָס פאַר אַ גליקליכער צופאַל! ערלויבט מיר אייך פאַר־צושטעלען, מאַדאַם באראָנעסע און מאַדעמואַזעל זשאננא, אייער שכן, וויקאָנט דע־ליאַמאַר.

דער וויקאָנט האָט זיך פערנויגט, געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואָלט זיך בעקענען מיט די דאַמען און גענומען זיך אונ־טערהאַלטען מיט זיי, ווי אַ געבילדעטער מענש מיט ערפאַהרונג אין'ם לעבען. ער האָט געהאַט איינעם פון יענע גליקליכע פּנים'ער, וועלכע ענטציקען אַלע פרויען און שטויסען אָפּ אַלע מענער.

זיינע שווארצע געקרויזטע האָאר האָבען בעשאָטענט זיין גלאַ־טען, זון־אָנגעברענטען שטערן, און צוויי גרויסע אויגען־ברעמען האָבען צוגעגעבען טיעפקייט און צארטקייט זיינע דונקעלע אויגען, וואָס זייערע ווייסלאַך האָבען אַ בלויען שימער געהאַט.

געדיכטע לאַנגע אויגען־לעדלאַך האָבען צוגעגעבען זיין בליק יענע שטומע, אָבער פייערדיגע שפּראַך פון דער ליידענשאַפט, וועלכע רעדט פונקט אַזוי גוט צום הארצען פון דער שטאָלצער ארי־סטאָקראַטישער דאַמע אין'ם סאַלאָן, ווי פון דער געוועהנליכער מיידעל אויף דער גאַס, מיט'ן קאָרב אויפ'ן אָרם.

דער שמאַכטענדיגער רייץ פון זיינע אויגען האָט געמאַכט יעדען גלויבען אין די טיעפקייט פון זיינע געדאַנקען און האָט צו־געגעבען אַ געוויסע וויכטיגקייט יעדען אונבעדייטענדען וואָרט זיינעם.

זיין נעדיכטע, גלענצענדיגע, פיינע באָרד האָט פּערדעקט אַבי־סעל זיין צו־ברייטען מויל.

נאָך פיעל געגענזייטיגע קאָמפּלימענטען זיינען זיי זיך צו־גאַנגען.

אין צוויי טעג אַרום האָט וויקאַנט דע־ליאַמאַר זיי געמאַכט זיין ערשטען בעזוך.

ער איז אָנגעקומען, ווען זיי זיינען בעשעפטיגט געווען מיט אַ באַנק, וואָס איז ערשט היינט אין דער־פריה אַוועקגעשטעלט גע־וואָרען אונטער דעם גרויסען פּלאַטאַן־בוים, געגען פענסטער פון׳ם סאַלאָן. דער באַראָן האָט געוואָלט אַוועקשטעלען אַן אַנדער באַנק אונטער די לינדען־בוימער, פון סימעטריע וועגען. אָבער די באַ־ראָנעסע, וועלכע האָט סימעטריע ניט געקענט פערטראָגען, איז גע־ווען געגען דעם. מען האָט געפרעגט דעם וויקאַנט זיין מיינונג. איז ער געווען איינפערשטאַנען מיט דער באַראָנעסע.

דאַן האָט ער גענומען ריידען פון דער געגענד, זיך אויסגע־דריקט, אַז זי איז זעהר מאַלעריש און זיי דערצעהלט, אַז שפּאַציע־רענדיג אין דער געגענד, האָט ער ענטדעקט פיעל רייצענדע פּלע־צער. פון צייט צו צייט האָבען זיך זיינע אויגען, אַזוי ווי צופעליג, געטראָפען מיט די אויגען פון זשאַננאַ׳ן, און זי האָט זיך געפיהלט עפּעס מאָדנע פון דעם דאָזיגען פּלוצים׳דיגען שנעלען בליק, וועלכער האָט געלויכטען מיט צערטליכער בעוואונדערונג און ערוואַרעמ־דיגע סימפּאַטיע.

דער פאָטער פון וויקאַנט דע־ליאַמאַר, וועלכער איז פאַר־אַ־יאָהרען געשטאָרבען, איז בעקאַנט געווען מיט אַ נאָהענטען פריינד פון הערר דע־קיולטאַ, דער באַראָנעסס׳ פאָטער, און אַז די באַ־ראָנעסע האָט עס זיך דערוואוסט, האָט זי זיך ערשט צולאָזט און דער־ביי אַרויסגעוויזען, וואָס פאַר אַ גוטע גערעכטנים זי האָט געהאַט פאַר יחוס־זאַכען. זי האָט אויסגערעכענט דאַטען און נעמען אָהן אַ סוף, אָנגערופען, ווער מיט וועמען איז בעקאַנט געווען, ווער איז

וועמענ'ס קרוב געווען, ווער מיט וועמען האָט חתונה געהאַט און אַזוי ווייטער.

— זאָגט נור, וויקאַנט, האָט איהר געהערט פון דער פאַמיליע סאַנוא־דע־וואַרפליאַר? זייער עלטסטער זוהן, גאַנטראַו, האָט גע־הייראַט מאַדעמואַזעל דע־קורסיל, פון דער פאַמיליע קורסיל־קורוויל, און דער יינגסטער האָט געהייראַט מיינע אַ קוזינע, מאַדעמואַזעל דע־לאַ־ראָש, וועלכע איז געווען אַ קרובה פון די קריזשאַנס. נו, איז הערר דע־קריזשאַנס געווען אַן אינטימער פריינד פון מיין פאַ־טער און האָט, וואהרשיינליך, געמוזט קענען אייער פאָטער אויך.

— יאָ, מאַדאַם. איהר מיינט דאָך דעם זעלביגען קריזשאַנס, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט און וואָס זיין זוהן האָט באַנקראָטירט?

— דער זעלביגער. ער האָט געוואָלט הייראַטען מיין טאַנטע, ווען זי איז געבליבען אַן אלמנה נאָך איהר מאַן'ס טויט. אָבער זי האָט איהם ניט געוואָלט, ווייל ער האָט געשמעקט טאַבאַק. יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט... ווייסט איהר פיליפּכט, וואָס איז גע־וואָרען פון ווילואַז? זיי האָבען פערלאָזען טורען אַרום 1813, באַלד נאָך דעם אונגליק, און האָבען זיך בעזעצט אין אַווערן, און זייט דאַן האָב איך פון זיי ניט געהערט.

— איך גלויב, מאַדאַם, אַז דער אַלטער מאַרקיז איז אַרונ־טערגעפאַלען פון אַ פערד און איז געשטאָרבען. עס זיינען פון איהם געבליבען צוויי טעכטער; איינע האָט געהייראַט אַן ענג־לענדער און די אַנדערע אַ רייכען קויפמאַן, אַ געוויסען באַססאָל, וועלכער, ווי מען זאָגט, האָט זי פערפיהרט.

און אַזוי האָט זיך געצויגען דער געשפּרעך. זיי האָבען דער־מאָנט נעמען, וואָס זיי האָבען אַמאָל געהערט נאָך אין זייער קינ־דער־יאָהרען; זיי האָבען גערעדט פון שידוכים, ווי וועגען זעהר וויכטיגע פּאַסירונגען אין די דאָזיגע יחסן'ישע פאַמיליען; זיי האָבען גערעדט פון מענשען, וואָס זיי האָבען אין זייער לעבען קיינמאָל ניט אַנגעזעהן, אין אַזאַ טאָן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען מיט יענע גאַנץ נאָהענט בעפריינדעט, און נור דערפאַר

האבען זיי פון יענע אזוי גערעדט, ווייל זיי האבען געהערט צו דער דער זעלביגער קלאסס, צו דער זעלביגער קאסטע, צו דעם זעלביגען יחסן'ישען בלוט.

דער באראן, וועלכער האט ניט געהאלטען פון די פאראור־טהיילען און אנזיכטען פון זיין קרייז, האט גאר ניט געקענט די פריצים פון דער געגענד, און האט זיך איצט נאכגעפרעגט אויף זיי ביי דעם וויקאנט.

דע־ליאמאר האט געענטפערט:

— אה, אין אונזער געגענד זיינען ניטא קיין פיעל ארעליגע!

ער האט עס געזאגט אין דעם זעלביגען טאן, ווי ער וואלט געזאגט, אז אין זייער געגענד זיינען ניטא קיין פיעל האזען. און ער האט דערמאנט איינצעלהייטען. אין דער נאכבארשאפט האבען נור געוואהנט דריי ארעליגע פאמיליען: מארקיז קוטוליע, וועל־כער האט זיך גערעכענט אלס דער פארשטעהער פון דער נאר־מאנישער אריסטאקראטיע; וויקאנט דע־בריזוויל און זיין פרוי, מענשען פון גאר־גאר א געהויבענעם יחוס, וואס האבען זיך גע־לעבט גאנץ צוריקגעצויגען, און דער ווילדער גראף דע־פורוויל, וועלכער, ווי מען האט רערצעהלט, האט פערמאטערט זיין פרוי אויף טויט און האט זיך איצט געלעבט מעשה יעגער אין זיין שלאס דע־לא־וורילייעט.

אויסער זיי האבען נאך איניגע, ניט קיין וויכטיגע פערזאנען, זיך געקויפט מאיאנטקעס אין דער געגענד, אבער זיי האט דער וויקאנט ניט געקענט.

ווען ער האט זיך ענדליך געזעגענט, איז זיין לעצטער בליק געווען פיר זשאננא'ן, אזוי ווי ער וואלט איהר א בעזונדערען צערט־ליכען און הארציגען זיי־געזונד געוואלט זאגען.

ביי דער באראנעסע האט ער זעהר אויסגענומען. זי האט זיך אויסגעדריקט, אז ער איז א רייצענדער, זעהר גוט ערצויגענער יונגער מאן. דער פאפא האט זיך אנגערופען:

— יא, דער יונגער מאן האט א פיינע ערציהונג געקראגען.

און אַ וואָך שפּעטער האָט מען איהם איינגעלאַדען צו אַ מיטאָג. פון דעמאָלט אָן איז ער ביי זיי אָן אָפּטער גאַסט גע־וואָרען.

מייסטענס איז ער געקומען אַזייגער פיער נאָכמיטאָג, באַלד געלאָפען צו דער באָראָנעסע אין „איהר אַלעע" און האָט איהר גלייך געגעבען זיין אָרם, אום זי זאָל איהר „בעוועגונג" מאַכען. ווען זשאַננאַ איז אין דער היים געווען, האָט זי איהר מוטער אונ־טערשטיצט פון דער אַנדערער זייט, און זאַלבע־דריט האָבען זיי דאָן געשפּאַציערט, טריט־ביי־טריט, פון איין עק אַלעע ביז צום אַנ־דערען, הין און צוריק. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט מיט דער יונגער מיידעל, אָבער זיין בליק, ווייך ווי שוואַרצע סאַמעט, האָט זיך אָפט געטראָפען מיט זשאַננאַ'ס בלויע אויגען.

עטליכע מאָל זיינען זיי ביידע געגאַנגען מיט דעם באַראָן אין איפּאָר צום ברעג ים.

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען זיי זיינען געשטאַנען ביים ברעג ים, איז צו זיי צוגעגאַנגען פּאַטער ליאַסטיק מיט זיין פּיפּקע אין'ם מויל, אָהן וועלכער איהם פאָרשטעלען זיך, איז שווערער געווען ווי אָהן אַ נאָז, און האָט געזאָגט׃

— ביי אַזאַ ווינטעל, הערר באַראָן, וואָלט גוט געווען מאָרגען אין דער־פריה זיך דורכצופאָהרען אין ערמרעטאַ, און צוריק וועט אויך זיין לייכט צו פאָהרען.

זשאַננאַ האָט מיט געבעט צונויפגעלעגט די הענד און גע־זאָגט׃

— אָה, פּאַפּאַ, ווען דו זאָלסט וועלען...

דער באַראָן האָט זיך געווענדעט צו דע־ליאַמאַר׃

— וועט איהר מיטפאָהרען? פריהשטיק וועלען מיר קענען דאָרט עסען.

און עס איז געבליבען, מען זאָל פאָהרען.

גאַנץ פריה איז זשאַננאַ אויפגעשטאַנען, האָט אַ היבשע צייט געוואַרט אויף איהר פאָטער, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם אַנגע־

צווינגען. דערנאָך זיינען זיי אוועק אין טבוי, אַפריהער איבער דאָס פלאַכע לאַנד, דאַן דורך וואַלד, וואָס האָט געהילכט פון פויגעל־געזאַנג.

דער וויקאַנט און דער אַלטער ליאַסטיק זיינען שוין געווען נעבען שיף.

ביים אָפּפאָהרען האָבען צוויי אַנדערע פישער זיי צוגעהאָלפען. די מענער האָבען זיך איינגעשפּאַרט מיט די שולטערען אין דעם ראַנד פון'ם שיף און מיט אַלע כוחות עס געשטופּט פון'ם ברעג. ליאַסטיק האָט אונטערגעלעגט קלעצער אונטער'ן שיף. ווען מען האָט דאָס שיף האַלב אַרונטערגעשטופּט פון'ם ברעג, האָט דער אַלטער ליאַסטיק זיין פּלאַץ פערנומען און אַרויסגעלאָזט זיין לאַנגען „העי—אַ—אָפּ!", וואָס דאָס האָט אונגעפעהר געמיינט: „לעבעדיגער! נאָך אַ שטופּ! נאָך אַ שטופּ! אַלע אין איינעם!"

אָבער ווען דאָס שיף האָט מען אין גאַנצען פון'ם ברעג אַרונטערגעשטופּט, האָט עס זיך גלייך אַוועקגעלאָזט איבער די גלאַטע שטיינער מיט אַזאַ רוישען, ווי מען וואָלט לייווענד געריסען. אין דעם שוים פון קליינע כוואַליעס האָט עס זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. און אַלע האָבען פערנומען זייערע פּלעצער.

אַ לייכטער ווינטעל פון'ם ים האָט געקנייטשט און געדונדעלט די אויבערפלעכע פון'ם וואַסער. דער זעגעל איז אָנגעצויגען געווען, האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפילט מיט ווינד, און דאָס שיף האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעגליטשט.

זיי זיינען אָפּגעפאָהרען פון'ם ברעג. אויפ'ן האָריזאָנט האָט זיך דער ניעדריגער הימעל צונויפגעגאָסען מיט'ן ים. פון דער יבשה־זייט האָט אַ הויכער פעלז געוואָרפען אַ מעכטיגען שאָטען אַרונטער. דאָ און דאָרט האָט אויף דעם דאָזיגען פעלז אַ זונען־שטראַהל געציטערט. דאָרט הינטער זיי האָבען זיך געזעהן ברוינע זעגלען פון דעם ווייסען האַפען פון פעקאַמפּ, און דאָרט פאָר זיי האָט אַרויסגעטראָטען אַ פעלז פון אַ מערקווירדיגען אויסזעהן, רונד און מיט אַ דורכזיכטיגען שפּאַלט אין מיטען, עהנליך צו אַ קאָפּ פון אַ

גרויסען עלעפאַנט, וואָס האָט זיין נאָז אין די כוואַליעס געטובל'ט. דאָס איז געווען דאָס קליינע טויער פון עטרעטאַ.

דאָס שיף האָט זיך איבער די כוואַליעס געוויעגט. זשאַננאַ'ן האָט אביסעל איין'ם קאָפּ געשווינדעלט פון דעם. זי האָט זיך געהאַלטען מיטביידע הענד אַן די ברעגעס פון'ם שיף און געקוקט אין די ווייטע ווייטקייט; איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער גאַנצער וועלט זיינען נור דריי זאַכען באמת שעהן: ליכט, ווייטקייט און וואַסער.

אַלע האָבען געשוויגען. דער אַלטער ליאַסטיק, וואָס האָט געהאַלטען דעם רודער מיט איין האַנד, האָט מיט דער אַנדערער פון צייט צו צייט אַרויסגעשלעפּט אַ פלעשעל פון אונטער זיין זיץ און אַ זופּ געטהאָן. נור דאַן האָט ער זיין פּיפּקע פון'ם מויל אַרויסגעלאָזט, צי ווען ער האָט געוואָלט אַ שפּיי טהאָן.

דער באַראָן איז געזעסען פאָרענט און האָט אַכטונג געגעבען אויפ'ן זעגעל, אָנשטאָט אַ מאַטראָס. זשאַננאַ און דער וויקאַנט זיינען געזעסען איינער נעבען דעם אַנדערען, ביידע צומישט. ווי אויף דעם בעפעהל פון אַן אונבעוואוסטער קראַפט האָבען זיך זייערע אויגען גלייכצייטיג בעגעגענט און גלייכצייטיג זיך אָנגעקוקט; צווישען זיי האָט שוין געשוועבט יענע ווייכע צערטליכקייט, וועלכע ערוואַכט אַזוי שנעל צווישען צוויי יונגע מענשען, ווען דער יונגער מאַן איז ניט העסליך און דאָס יונגע מיידעל איז שעהן. זיי האָבען זיך געפיהלט גליקליך איינער נעבען אַנדערען, אפשר, ווייל זיי האָבען געטראַכט איינער פון'ם אַנדערען.

די זון האָט זיך בעוויזען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט פון איהר הויכקייט געוואָלט אַרונטערקוקען אויף דעם גרויסען ים, וואָס איז אונטער איהר אויסגעשפּרייט געלעגען. זי איז אָבער איינגעהיילט געווען אין אַ לייכטען נעבעל, אַ גאָלדיגען און דורכזיכטיגען, דורך וועלכען איהרע שטראַהלען האָבען זיך ווי געגרויכערט. דער דאָזיגער נעבעל האָט נור גאָר נישט פערשטעלט און די ווייטקייט נאָך ווייכער געמאַכט.

אבער ביסלעכווייז איז דער נעבעל צושמאלצען געווארען. און דער ים איז ארויסגעטראטען א גלייכער און א בלישצענדיגער, ווי א שפיגעל.

זשאננא איז שטארק גערירט געווארען:

— אך, איז דאס שעהן!

און דער וויקאנט האט געענטפערט:

— יא, דאס איז שעהן!

די וואונדער פון דעם דאזיגען הערליכען פריה־מארגען האבען געפונען אן אבקלאנג אין זייערע ביידענס הערצער.

פלוצים האבען זיך בעוויזען די גרויסע פעלזען פון עטרעטא. וועלכע האבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואלטען מיט צוויי ריעזיגע פיס אין ים געשטאנען; זיי זיינען געווען אזוי הויך, דאס שיפען האבען געקענט דורכפאהרען אונטער זיי.

זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג, און בעת דער באראן, וועלכער איז ארונטער דער ערשטער, האט פאר א שטריק צוגעהאלטען דאס שיפעל, האט דער וויקאנט אויף די הענד אריבערגעטראגען זשאננא'ן אויף די הענד, כדי זי זאל זיך ניט איינגעצען די פיס. דאן זיינען זיי אוועק זייט־ביי־זייט איבער'ן פלאכען ברעג, ביידע אויפגערעגט פון דער מאמענטאנער אומארמונג, און פלוצים האבען זיי דערהערט, ווי דער אלטער ליאסטיק האט זיך אנגערופען צום באראן:

— זיי ביידע וואלטען געווען א שעהנע פאר!

געגעסען פריהשטיק האבען זיי אין א קליינעם איינפאהר־הויז נעבען ברעג. עס איז געווען רייצענד. דער ים האט פער־שלינגען דעם קול און די געדאנקען, אזוי, דאס זיי האבען אויפ'ן וועג גאר געשוויגען. ערשט ביים טיש האבען זיי ווידער גענומען רעדען און געפלוידערט, ווי קינדער.

די איינפאכסטע זאכען האבען זיי פערשאפט דעם גרעסטען פערגעניגען.

זעצענדיג זיך צום טיש, האט דער אלטער ליאסטיק פארזיכטיג

בעהאַלטענע זיין פּיפּקע, וועלכע האָט זיך נאָך געראויכערט. אין היטעל אריין; אלע האָבען זיך צולאַכט. אַ פליעג, וועמען זיין רויטער נאָז האָט אַפּנים שטאַרק צוגעצויגען, האָט זיך עטליכע מאָל נאָכ־אַנאַנד דאָרט אוועקגעזעצט, און ווען ער האָט זי מיט זיין שווערער האַנד פּערטריבען, האָט זי זיך אויף אַ ווײַלע אוועקגעזעצט אויף דעם פערשמירטען פאַרהאַנג און אַלץ געהיט דעם מאַטראָז'ס רויטע נאָז; ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט איז זי צוריק־געקומען און זיך ווידער דאָרט געזעצט.

יעדעס מאָל, וואָס די פליעג איז צו איהם צוגעקומען, האָט אויסגעבראָכען אַ משוגענער געלעכטער; און ווען דער אַלטער, וועמען דאָס קיצלען אין נאָז האָט שטאַרק דערעסען, האָט צום סוף אַרויסגעבראָמט: „עך, האָסט געזעהן אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט פון אַ פליעג!“, האָבען זשאַננאַ און דער וויקאַנט גענומען לאַכען אַזש ביז צו טרעהרען, זיך געשטיקט און געוואָרגען, פערשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער סערוועטקע, אום ניט צו שרייען אויפ'ן קול.

ווען זיי האָבען אָבגעטרונקען זייער קאַפע, האָט זשאַננאַ זיך אָנגערופען:

— לאָמיר נאָך געהן אַביסעל שפּאַציערען!

דער וויקאַנט איז אויפגעשטאַנען, אָבער דער באַראָן האָט נאָך געוואָלט בלייבען אַ ווײַלע אויפ'ן ברעג זיך וואַרימען אויף דער זון.

— געהט, געהט, קינדער, קומט צוריק אין אַ שעה אַרום, איך וועל זיין דאָ.

זיי זיינען אוועק צווישען די עטליכע הייזער, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ'ן ברעג. דאַן זיינען זיי פערבייגעגאַנגען אַ קליי־נעם שלאָס, וועלכער איז עהנליך געווען צו אַ פאַרמע, און זיינען אַרויס אין אַ אָפענעם טהאָל.

דאָס וויעגען זיך פון דער שיף אויפ'ן וואַסער האָט זיי אָב־געשוואַכט, די פרישע געזאַלצענע לופט האָט ערוועקט דעם אַפּע־טיט. דער פריהשטיק האָט זיי זאַט געמאַכט און די פרייד אין זיי

ערוועקט. זיי זיינען געווען גוט אויפגעלעגט, און עס האָט זיך זיי פערוואָלט לויפען איבער די פעלדער, ווי משוגעים. זשאַננאַ'ן האָט געזשומעט אין די אויערען פון די אַלע נייע איינדריקע.

די גליהענדע זון האָט געגאָסען אויף זיי איהרע שטראַהלען. פון ביידע זייטען וועג האָבען די פולע זאַנגען זיך געבויגען אונטער דער היץ. פליעגעלאַך אָהן אַ צאָהל האָבען זיך בעוועגט אין גראָז, אויף די בלעטער, צווישען די זאַנגען און ארויסגעלאָזט אַ בעטויבענדיגען און שניידענדיגען קלאַנג.

אויף דעם גליהענדען הימעל, וועלכער האָט אויסגעזעהן אי העל־בלוי, אי געל, אי גאַנץ רויט, ווי אָנגעברענטע מעטאַל, האָט זיך קיין וואָלקענדעל ניט געזעהן.

פון וויטען האָבען זיי דערזעהן אַ וועלדעל. זיי זיינען אוועק אַהין.

צווישען גראָבענס און הויכע פערצווייגטע בוימער האָט זיך געצויגען אַ שמאָלער וועג. ווען זיי זיינען אַהין אריין, האָט אויף זיי אַ וועהע געטהאָן עפּעס אַ מין פרישקייט, אויסגעמישט מיט שימעל, יענע פייכטקייט, פון וועלכער אַ שוידער לויפט איבער'ן לייב אַריבער און דרינגט אין די לונגען אריין. דאָ איז קיין גראָז ניט געוואַקסען, ווייל עס איז ניט געווען קיין לופט און קיין ליכט. נור מאָך האָט בעדעקט די ערד.

זיי זיינען געגאַנגען וויטער.

— דאָרט וועלען מיר זיך קענען אביסעל צוזעצען — האָט זי געזאָגט.

צוויי אָבגעשטאָרבענע אַלטע בוימער זיינען דאָרט געשטאַנען און צווישען זייערע פערטריקענטע, נאַקעטע צווייגלאַך האָט זיך אַ פּאַס ליכט אריינגעריסען, די ערד אָנגעוואַרעמט און שפּראַצונגען ארויסגערופען. אויפ'ן גרינעם גראָז זיינען געוואַקסען פערשיעדענע קליינע, בלויע און ווייסע בליהמעלאַך, צאַרט ווי אַ הויך, מיט זיי־ערע קעפּלאַך אין דער הויך אויפגעהויבען.

שמעטערלינגען, ביענען, דיקע גרינע ווערים, טויזענדער איינ־

זעקטען, רויטע, גרינע, געלע, שווארצע, געפלעקטע, האבען בעפעל־קערט דעם דאַזינגען ווארימען און ליכטיגען ווינקעל, וועלכער איז געלעגען אין דעם קיהלען שאָטען פון די געדיכטע בוימער.

זיי האבען זיך אָװעקגעזעצט מיט דעם אויבערשטען האלבען קערפּער אין שאָטען, די פיס אויף דער זון און בעטראַכט דאָס זשו־מענדיג בעװעגליך לעבען, וואָס אַ שטראהל פון דער זון האָט ארויס־גערופען.

זשאננא איז געוואָרען טיעף גערירט און האָט אויסגערופען:

— ווי שעהן דאָ איז! ווי שעהן איז דאָס לעבען אין'ם דאָרף! מאַנכעס מאָל וואָלט איך וועלען זיין אַ פליעג אָדער אַ שמעטער־לינג, כדי זיך צו בעהאַלטען צווישען די בלומען.

זי האָט גערעדט פון זיך אַליין, פון איהרע געוואָהנהייטען און איהר געשמאַק מיט יענעם בעזונדערען טאָן, מיט וועלכען מען רעדט, ווען מען דערצעהלט זיך סודות.

ער האָט געזאָגט, אַז די וועלט האָט איהם דערעסען, אַז ער איז זאַט ביז איבער'ן האַלז פון דעם פּוסטען לעבען און עס עקעלט איהם שוין דערפון. אימער דאָס אייגענע, נישטאָ דאָרט עטוואָס וואהרעס, עטוואָס עכטעס, עטוואָס הערצליכעס.

די וועלט! די געזעלשאַפט! זי וואָלט אַזוי וועלען זיך בעּ־קענען מיט איהר, אָבער זי איז געווען איבערצייגט, אַז אין'ם דאָרף איז בעסער.

און וואָס מעהר זייערע הערצער האבען זיך דערנעהנטערט, האבען זיי אַלץ פאַרמאַלער גערופען איינער דעם אנדערען „וויקאָנט" און „מאַדמואזעל", און אַלץ ווארימער האבען זייערע בליקען גע־שמייכעלט און זיך פערלאָרען איינער אין'ם אַנדערען. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז אין זיי גיסט זיך אריין אַ נייע גוטסקייט, אַ גרויסע צערטליכקייט, אַ אינטערעס פיר טויזענדערליי זאַכען, פון וועלכע זיי האָבען ביז אַהער קיינמאָל ניט געטראַכט.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק, אָבער דער באַראָן איז

אוועק שפאציערען און זיי זיינען אוועק איז גאסט־הויז און דארט אויף איהם געווארט.

ער איז צוריקגעקומען ערשט פינף אזייגער פארנאכט.

זיי זיינען ווידער אריין אין שיף. דער ווינד האט געבלאזען אין רוקען און דאס שיפעל האט זיך בעוועגט לאנגזאם, האט זיך ניט געוויעגט, זיי האבען קוים געפיהלט, ווי עס בעוועגט זיך אויפ'ן וואסער. צייטענווייז האט א ווארימער ווינד אויף זיי א וועהע געטהאן און אנגעבלאזען די זעגעל. דער דונקעלער ים איז גע־לעגען ווי טויט. אויסגעגאסען איהר גאנצע היץ, האט זיך די זון געגומען אראבלאזען און זיך לאנגזאם דערנעהנטערט צום האָ־ריזאנט.

די שטילקייט אויפ'ן ים האט זיי ווידער געריהרט און אלע האבען געשוויגען. צום סוף האט זשאננא אויסגערופען:

— אך, ווי איך וואלט וועלען רייזען!

דער וויקאנט האט געענטפערט:

— אבער אליין רייזען איז לאנגווייליג, מען מוז זיין אם וועניגסטען זאלבע־נאנד, אום זיך צו טהיילען מיט די איינדריקע.

זשאננא האט א ווייל געטראכט:

— דאס איז אמת! אבער איך האב זעהר ליעב צו געהן אליין שפאציערען, עס איז אזוי אנגענעהם אליין צו טרוימען.

זי האט ארונטערגעלאזען די אויגען. איז דאס געווען אַן אנצוהערעניש? אפשר! זי האט געקוקט אויפ'ן האריזאנט, ווי זי וואלט וועלען דורכדרינגען מיט איהר בליק און זעהן, וואס ווייטער איז. דאן האט זי געזאגט לאנגזאם:

— איך וואלט וועלען פאהרען קיין איטאליען, אדער גרי־כענלאנד, אך גריכענלאנד! אדער גאר קיין קארסיקא! דארט מוז זיין אזוי ווילד און אזוי שעהן!

דער וויקאנט האט געזאגט, אז שווייצאריען געפעלט איהם בעסער, מחמת איהרע הייזלאך אויף די בערג און מחמת איהרע טייכען.

זי האָט געענטפערט:

— ניין! איך וואָלט בעסער געוואָלט זעהן גאַנץ אונבע־ריהרטע לענדער, ווי קאָרסיקאַ, אָדער זעהר אַלטע לענדער, פון וועלכע עס זיינען פערבליבען בלויז עראינערונגען, ווי גריכענלאַנד. עס מוז דאָך זיין אינטערעסאַנט צו געפינען דאָרט שפּורען פון די אַלטע פעלקער, וועמענס געשיכטע מיר האָבען אַלס קינדער אין דער שוהלע געלערענט, די שטעדט צו זעהן, וואו אַלע גרויסע טהאַטען זיינען געשעהן.

דער באַראָן, וועלכער איז געוועזן אַ קאַלטערער מענש, האָט ערקלעהרט:

— און מיך ציהט צו ענגלאַנד, דאָס איז אַ לאַנד, וואו מען קען עפּעס לערנען.

זיי האָבען אויסגערעכענט די גאַנצע וועלט פון איין עק ביז צום אַנדערען, בעשפּראָכען די אנגענעהמליכקייטען פון יעדען לאַנד בעזונדער, זיך בעגייסטערט פון בעוואוסטע לאַנדשאַפטען און מאָדנע זיטען פון געוויסע פעלקער, ווי, צום ביישפּיעל, די כינע־זער. אָבער זיי האָבען געענדיגט דערמיט, אַז דאָס שעהנסטע לאַנד אין דער וועלט איז פראַנקרייך, מיט איהר מעסיגען קלימאַט, וואו עס איז קיהל אין זומער און מילד אין ווינטער, מיט איהרע בליה־ענדע פעלדער, גרינע וועלדער, איהרע גרויסע רוהיג־שטראָמענדע טייכען, מיט איהר פיינעם געשמאַק פאַר קונסט, וועלכער איז אין ערגעץ, אויסער אין אַטהען אין דער צייט פון איהר בליהונג, ניט געוועזן אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט.

דערנאָך זיינען זיי אַנשוויגען געוואָרען.

די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט נאָך ניעדריגער און האָט אויסגעזעהן ווי אַ בלוטיגע; דער אָבשיין, אַ ברייטער, ליכטיגער, בלענדענדיגער פאַס, איז געלאָפען איבער׳ן וואַסער פון׳ם עק ים ביז צו דעם וואַסער־שטראָם הינטער דעם שיפעל.

דער ווינד האָט אין גאַנצען אויפגעהערט, די כוואַליעס האָ־בען זיך אויסגעגלייכט און די אונבעוועגליכע זעגלען זיינען פאַר־

פור רויט געוואָרען. אַן אונענדליכע רוהיגקייט האָט זיך אויף אַלעם ארום אוועקגעלייגט, אַ טיעפע שטילקייט, עפּעס אזוי ווי די גאַנצע ארומיגע נאַטור וואָלט מיט אַ פערהאַלטענעם אַטהעם זיך צוגעקוקט צו דער בעגעגעניש פון זון און ים. דער ים אונטער׳ן הימעל האָט געקרימט זיין גלענצענדען, פליסיגען לייב, ערוואַר־טענדיג די פייערדיגע געליעבטע, וועלכע האָט זיך צו איהם ארונ־טערגעלאָזט. זי איז איצט נאָך שנעלער געזונקען אין אַ פייער־דיגער רויטקייט, עפּעס ווי זי וואָלט געבענקט נאָך דער אומאַרמונג. אָט האָבען זיי זיך געטראָפען און ביסלעכווייז האָט איהר דער ים פערשלונגען.

דאַן האָט פון דערווייטענס אַ וועהע געטהאָן אַ פרישע הויך, די אויבערפלעכע פון׳ם וואַסער האָט אַ ציטער געטהאָן, אזוי ווי די אונטערגעגאַנגענע זון וואָלט דאָרט אונטען ארויסגעלאָזט אַ זיפץ פון ערלייכטערונג.

די דעמערונג האָט געדויערט ניט לאַנג, די נאַכט איז צוגע־פאַלען מיט טויזענדער שטערען. דער אַלמער ליאַסטיק האָט זיך אַ נעהם געטהאָן צו דעם רודער און דאַ האָט מען בעמערקט, אַז דער ים שייגט אזוי ווי מיט שוועבעל בעגאָסען. זשאַננא און דער וויקאָנט זיינען געזעסען זייט ביי זייט און בעטראַכט דעם ציטער־רענדען, פייערדיגען פּאַס, וועלכען זייער שיף האָט געלאָזען הינטער זיך. זיי האָבען כמעט פון קיין זאַך מעהר ניט געטראַכט, האָבען געקוקט וויים פאר זיך און איינגעזויגען די מחיה׳דיגע קיהלע פריש־קייט פון׳ם אבענד.

זשאַננא האָט אָנגעשפּאַרט איין האַנד אויף דער באַנק, און עפּעס ווי צופעליג האָט זי איהר שכן מיט אַ פינגער אָנגעריהרט. איבערראַשט, גליקליך און צומישט פון דער דאָזיגער בעריהרונג, האָט זי ניט געוואָגט זיך אַ ריהר צו טהאָן.

ווען זי איז שפּעטער אין איהר צימער אריין, האָט זי זיך גע־פיהלט עפּעס אזוי מאָדנע, אזוי בעוועגט, אזוי ווייך געשטימט.

דאָס עס האָט זיך איהר ווײנען פערוואַלט. זי האָט א קוק געטהאָן אויף דעם זײגער, וואָס איז אויפ'ן קאַמין געשטאַנען, און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז די קלײנע ביהן דאָרט קלאַפּט ווי א האַרץ, ווי א פרײנדליכע האַרץ, אז די זעלביגע ביהן מיט איהר רעגעלמעסיגען און פרעהליכען טיק־טאַק וועט בעגלײטען אלע פרײ־דען און לײדען פון איהר לעבען, און זי האָט אויף א ווײלע אָב־געשטעלט די קלײנע ביהן, כדי איהרע פליגעלאַד א קוש צו טהאָן. עס האָט זיך איהר איצט געוואָלט קושען די גאַנצע וועלט! זי האָט זיך דערמאַנט, אז אין א שופלאַד ליגט בעהאַלטען אן אַלטע ליאַלקע פון אַמאָליגע צײטען. זי האָט עס ארויסגענומען און גע־קוקט אויף דעם מיט פרײד, ווי מען קוקט אויף אן אַלטען פרײנד, מיט וועמען מען זעהט זיך נאָך א סך יאָהרען. זי האָט עס צוגע־דריקט צו איהר ברוסט און בעדעקט מיט קושען די אויסגעפאַרבטע באַקען און די צושויבערטע לאָקען פון'ם שפּיעלצײג. און האַל־טענדיג עס אין איהרע אָרעמס, האָט זי גענומען טרוימען.

שוין־זשע איז דאָס טאַקע ער, ער, דער מאַן, וועלכער איז איהר דורך טויזענד געהײמע פּעדים בעשטימט געוואָרען, וועמען דער גוטער שיקזאַל האָט אויף איהר וועג געפיהרט? איז ער טאַקע געוועזען דער מענש, וועלכער איז בעשאַפען געוואָרען פאַר איהר און וועמען זי וועט אָבגעבען איהר גאַנץ לעבען? אפשר זײנען זײ בײדע די אויסערוועהלטע, וועלכע וועלען ארומרינגלען אײנער דעם אַנדערען מיט צערטליכקײט, מיט ליעבע און וועלען זיך אויף אײביג צוזאַמענגיסען אין אײן גאַנצעס?

זי האָט נאָך גאָר נישט געפיהלט פון יענער אויפרעגונג, פון יענעם משוגענעם גליק, דעם ציטערען אין אלע גליעדער, וועלכע זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס לײדענשאַפט, דאָך האָט זיך איהר געדאַכט, אז זי הויבט איהם אָן צו ליעבען. מאַנכעס מאָל, טראַכ־טענדיג וועגען איהם, האָט זי געפיהלט, אז דאָס האַרץ געהט איהר אויס. און געטראַכט וועגען איהם האָט זי נאָכאַנאַנד אָהן אויפ־הער. זײן אַנוועזענהײט האָט זי אויפגערעגט. איז זײן בליק אויף

איהר געפאלען, איז זי געווארען רויט און בלייך, און האט זי זיין שטימע דערהערט, האט זי זיך א טרייסעל געטהאן.

יענע נאכט האט זי זעהר ווייניג געשלאפען.

פון טאג צו טאג איז איהר דורשט נאך ליעבע אלץ גרעסער געווארען. און זי האט נאכאנאנד געפארשט, ביי די בלומען גע־פרעגט, ביי די וואלקענס, און געזוכט איהר שיקזאל צו טרעפען דורך ווארפען א מטבעה: קאפ אדער אדלער?

אין א געוויסען טאג האט דער פאטער זיך צו איהר אנגע־רופען:

— דו פוץ זיך אקארשט אויס מארגען אין דער־פריה.

זי האט געפרעגט:

— פארוואס עפעס, פאפא?

— דאס איז א סוד.

ווען זי איז אויף מארגען ארונטערגעקומען א פרישע און א פרעהליכע, אין א העלען קלייד, האט זי אויפ'ן טיש אין זאאל געפונען א סך קעסטלאך מיט קאנפעקטען און אויף א שטוהל א גרויסען בוקעט בלומען.

אין הויף איז אריינגעפאהרען אן עקיפאזש. אויף וועלכען עס איז געשטאנען אנגעשריבען: „לערא, קאנדיטאר פון פעקאמפ. חתונה־מאהלצייטען".

און לודוויגע, מיט א קיכען־יונג, האט דורך די אפענע טהי־רעלאך פון וואגען ארויסגעשלעפט פלאכע קערב, פון וועלכע עס האט זיך געטראגען א געשמאקען גערוך.

וויקאנט דע־ליאמאר איז געקומען. זיינע הויזען זיינען גע־ווען ארונטערגעצויגען איבער א פאר עלעגאנטע, ליאקירטע שיך, וועלכע האבען זיינע קליינע פיס נאך קלענער געמאכט. דער לאנ־גער אויבער־ראק האט ענג ארומגעכאפט זיין טאליע און פון צווי־שען די אפענע לאצען האט ארויסגעקוקט א שפיצענע אויבער־העמד. א פראכטפאלער שניפס איז געווען ארומגעדרעהט ארום האלז עטליכע מאל און האט איהם געצוואונגען צו האלטען הויך

זיין שעהנעם, שטאלצען קאפ. ער האט אויסגעזעהן אנדערש ווי גע־וועהנליך. דער פאראדנער אנצוג האט איהם צוגעגעבען עפעס א פייערליכען אויסדרוק. זשאננא איז געווארען שטארק פערוואונ־דערט און האט געקוקט אויף איהם, ווי זי וואלט איהם פריהער קיינמאל ניט געזעהן. ער האט אין איהרע אויגען אויסגעזעהן זעהר אריסטאקראטיש, אן ערעלמאן פון קאפ ביז צו די פיס!

ער האט זיך פערנויגט מיט א שמייכעל:

— נו, זייט איהר פארטיג?

זי האט געענטפערט:

— יא, אבער וואס טהוט זיך דא, וואס איז געשעהן?

— דאס וועסטו באלד וויסען — האט געזאגט דער באראן.

דער איינגעשפאנטער וואגען איז צוגעפאהרען; מאדאם אדע־לאאידע איז ארונטער פון איהר צימער אין א פאראדנעם קלייד, געפיהרט פון ראזאליען, וועלכע האט אנגעקוקט דעם עלעגאנטען וויקאנט מיט אזוינע אויגען, אז דער פאפא האט אויסגעפליסטערט:

— הימ זיך, וויקאנט, מיר דאכט זיך, אז איהר האט בעזיעגט דאס הארץ פון אונזער קאמער־מיידעל!

ער איז געווארען רויט ביז איבער די אויערען, האט זיך גע־מאכט ווי ער וואלט גארנישט געהערט, גענומען דעם גרויסען בו־קעט און איהם דערלאנגט זשאננא'ן.

מיט נאך גרעסערער פערוואונדערונג האט זי עס צוגענומען און אלע פיער זיינען אין עקיפאזש אריין. און די קעכין לודווינע, וועלכע האט פאר דער באראנעסע געבראכט א קאלטען טעלער בוליאן, האט אויסגערופען:

— איהר ווייסט, מאדאם, מען קען מיינען, אז ביי אונז איז א חתונה!

געקומען אין איפאר, זיינען אלע ארוים פון'ם עקיפאזש, און ווען זיי זיינען אין דארף אריין, זיינען די מאטראזען אין זייערע יום־טוב'דיגע קליידער פון די הייזער ארויס, האבען זיי בעגריסט,

געדריקט דעם באַראָן די האַנד און זיינען אַוועק נאָך זיי, ווי ביי אַ פּראָצעסיאָן.

דער וויקאַנט האָט גענומען זשאַננאַ'ן אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהר אַוועק פאַראויס.

צוגעקומען צו דער קירכע, האָבען זיך אַלע אָבגעשטעלט; אַ אינגעל האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגען אַ גרויסען זילבערנעם צלם, איהם פאַראויס איז געגאַנגען נאָך אַ אינגעל, אין ווייסען און רויטען אָנגעטהאָן, און האָט געטראָגען אַ כלי מיט וויי־וואַסער.

דאָן זיינען אַרויסגעקומען דריי אַלטע כאָר־זינגער, איינער פון זיי האָט געהונקען, און צום סוף דער פּריעסטער מיט אַ גרויסען בויך, אויף וועלכען עס האָט זיך געבאָמבעלט אַ גאָלדענער צלם. ער האָט זיי בעגריסט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל

דאָן איז ער אַוועק נאָך די כאָר־זינגער מיט האַלב געשלאָסענע אויגען, מורמלענדיג אַ געבעט. זיי זיינען אַלע אַוועק צום ים צו.

אויפ'ן ברעג האָט אַ גרויסער עולם מענשען זיך פערקליבען נעבען אַ נייעם, מיט קראַנצען בעפּוצטען, שיפעל. דער מאַסט, די זעגלען און די שטריק זיינען געווען בעציערט מיט לענטעס, וועלכע האָבען געפלאַטערט אויפ'ן ווינד, און הינטען איז מיט גאָלדענע בוכשטאַבען געשטאַנען איהר נאָמען: „זשאַננאַ".

דער אַלטער ליאַסטיק, דער פיהרער פון דער שיפעל, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרען אויף דעם באַראָן'ס רעכנונג, איז געגאַנגען פאַראויס. די מענער האָבען, עפּעס אַזוי ווי אויף קאָמאַנדע, אַלע אַרונטערגענומען זייערע היטלען און אַ גאַנצע רייהע בע־טערקעס, אין לאַנגע, שוואַרצע געפאַלדעוועטע מאַנטלען האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניע פאַר'ן צלם.

דער פּריעסטער מיטביידע כאָר־אינגלאַך זיינען צוגעגאַנגען צו איין עק פון שיפעל, בעת די עלטערע דריי כאָר־זינגער האָבען זיך אויסגעשטעלט פון'ם צווייטען ברעג. אין זייערע ווייסע קליידער

האָבען זיי אויסגעזעהן שמוציג, פערוואַקסען, און אריינגעקוקענדיג מיט ערנסטע פּנים'ער אין די נאָטען, האָבען זיי אריינגעזונגען אין דעם העלען פריה־מאָרגען אריין.

דער אונבעוועגליכער, דורכזיכטיגער ים האָט עפּעס ווי מיט עהרפורכט געקוקט, ווי אזוי מען טויפט דאָס שיפעל און לאַנגזאַם, מיט אַ שטילען געראַוש, געטריבען קליינע כוואַליעס צום ברעג.

און גרויסע ווייסע וואַסער־פויגלען, מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגלען, האָבען זיך געטראָגען הויך אין דער לופטען, זיך גע־דרעהט אין אַ קרייז, אַוועקגעשוועבט העט ווייט אונטער'ן בלויען הימעל און באַלד צוריקגעקומען, ווי זיי וואָלטען וועלען זעהן, וואָס דאָ געהט פאָר.

אָבער נאָך אַז אמן, וואָס האָט אָנגעהאַלטען גאַנצע פינף מי־נוטען, האָט דאָס געזאַנג אויפגעהערט און דער פּריעסטער האָט מיט אַ פעסטער שטימע ארויסגערעדט עטליכע לאַטיינישע ווערטער, פון וועלכע עס האָבען זיך בלויז געהערט די לעצטע זילבען.

דאַן איז ער ארומגעגאַנגען דאָס שיפעל ארום און ארום און האָט עס בעשפּריצט מיט ווייה־וואַסער און געפּליסטערט דערביי אַ געבעט; און פּלוצים האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביים ברעג פון'ם שיפעל, אַנטקעגען זשאַננאַ'ן און דעם וויקאַנט, וועלכע זיינען גע־שטאַנען אונבעוועגליך און האָבען זיך געהאַלטען פאַר די הענד.

דער יונגער מאַן האָט אויסגעזעהן ערנסט ווי פריהער, אָבער דאָס מיידעל איז געווען שטאַרק אויפגערעגט; זי איז געווען אוי־סער זיך, האָט זיך געטרייסעלט פאַר אויפרעגונג אזוי, דאָס עס האָט איהר געקלאַפּט אַ צאָהן אויף אַ צאָהן. דער טרוים, וואָס האָט איהר אַ צייט לאַנג פערפאָלגט, האָט איצט ווי דורך אַ צויבער אָנגענומען אַ פעסטע געשטאַלט. מען האָט גערעדט פון אַ חתונה. דאָרט איז געשטאַנען אַ פּריעסטער און כאָר־זינגער אין כאָר־קליי־דער האָבען תפילות געזונגען. האָט עס ניט אויסגעזעהן ווי איהר חתונה־צערעמאָניע?

האָבען איהרע הענד ניט געציטערט? זיינען די געפיהלען

פון איהר הארצען ניט דורכגעלאָפען דורך איהרע אָדערען און צום הארצען פון איהר שכן אריינגעדרונגען?

האָט ער אויך עהנליכעס געפיהלט? איז ער אויך פער־שיכור'ט געווען פון דעם ליעבע־רויש, ווי זי? אָדער האָט ער פון ערפאהרונג געוואוסט, אז קיין פרוי קען איהם ניט ווידערשטעהן?

זי האָט פּלוצים דערפיהלט, אז ער דריקט איהר האנד, אָפּריהער לאנגזאָם, דאן שטאַרקער און שטאַרקער, ווי ער וואָלט זי וועלען צוברעכען און אַהן דעם, אז זיין פּנים זאָל זיך אויף אַ האאר פער־ענדערען, אַהן דעם, אז אימיצער זאָל עפּעס בעמערקען. האָט ער געזאָגט גאנץ דייטליך:

— אך, זשאננא, ווען איהר זאָלט וועלען, וואָלט דאָס גע־קענט זיין אונזער פערלאָנג.

זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ לאנגזאַמער בע־וועגונג, וועלכע האָט אפשר געקענט אויסגעטייטשט ווערען אויף „יאָ", און פון דעם ווייה־וואַסער, וואָס דער פּריעסטער האָט נאָך אַלץ געשפּריצט אויף דאָס שיפעל, זיינען עטליכע טראָפּענס איהר אויף די פינגער אַרויפגעקאַפּעט.

די צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט, די פרויען זיינען אויפ־געשטאַנען און אין אונאָרדנונג האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטהאָן צוריק דער צלם, וועלכען דער כאָר־אינגעל האָט געטראָגען, האָט פערלאָרען זיין גרויסקייט.

דער פּריעסטער, וועלכער האָט אויפגעהערט צו בעטען, איז נאָכגעלאָפען פון הינטען. די כאָר־זינגער זיינען פערשוואונדען אין אַ הינטער־געסעל, כדי וואָס גיכער אראָפּצוּוואַרפען פון זיך די פּאַראַדנע קליידער, און די מאַטראָזען זיינען מיט שנעלע טריט געגאַנגען גרופּענווייז.

דער געדאַנק וועגען דעם גוטען מאָהלצייט, וואָס האָט זיי ער־וואַרטעט, האָט אַנגעפילט אַלעמען'ס קעפּ, האָט אונטערגעטריבען זייערע פיס און אַרויסגערופען שפּייעכץ אויף זייערע ליפּען.

אַ גוטער מאָהלצייט האָט אויף זיי געוואַרט אין'ם שלאָס.

אונטער די עפעל־בוימער איז געשטאנען א גרויסער טיש, ארום וועלכען עס האבען זיך אויסגעזעצט זעכציג מענשען, פישער און פויערים. די בארא'נעסע איז געזעסען אין מיטען, רעכטס און לינקס דיביידע פריעסטער, איינער פון איפאר, דער צווייטער פון די „פאפעל־בוימער". אנטקעגען זיי איז געזעסען דער באראן, צווישען דעם מער און זיין פרוי, א מאגערע, בעיאהרענטע פוי־ערטע, וועלכע האט זיך געגריסט צו אלעמען ארום.

זי האט געהאט א שמאלען פנים און רונדע פערוואונדערטע אויגען, און אין איהר גרויסען נארמאנישען טשעפיק האט זי אויס־געזעהן, ווי א הוהן מיט ווייסע פעדערען אויפ'ן קאפ. זי האט גע־געסען האסטיג, קליינע ביסען, עפעס אזוי ווי זי וואלט דאס עסען מיט'ן נאז פון טעלער געפיקט.

זשאננא איז געזעסען נעבען דעם וויקאנט אין גליקליכע טרוימען פערזונקען. זי האט גארנישט געזעהן, וואס עס טהוט זיך ארום איהר, האט גארנישט געהערט, פון גארנישט געוואוסט. דאס גליק האט זי שטום געמאכט.

דאן האט זי איהם געפרעגט:

— ווי איז אייער ערשטער נאמען?

ער האט געענטפערט:

— זשוליען! האט איהר עס דען ניט געוואוסט?

אבער זי האט געשוויגען און נור שטיל געטראכט פאר זיך:

„ווי אפט וועל איך דעם דאזיגען נאמען אויסרופען!"

אזוי שנעל ווי דער מאהלצייט האט זיך געענדיגט, האט מען די מאטראזען איבערגעלאזען אויפ'ן הויף און אליין אוועק אויף דער אנדערער זייט פון שלאס. די בארא'נעסע האט געמאכט איהר געוועהנליכען שפאציער, אנגעשפארט אויף דעם באראן'ס ארעם, ביידע פריעסטער האבען זיי בעגלייט. זשאננא און זשוליען זיי־נען אוועק אין פארק און האבען געבלאנדזשעט צווישען די וועגען; פלוצים האט ער אנגענומען איהר האנד:

— ווילט איהר ווערען מיין פרוי?

זי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט. אָבער ווען ער האָט גענומען שטאַמלען:

— איך בעט אייך, איך בעט אייך, ענטפערט מיר — האָט זי גאַנץ לאַנגזאַם אויפגעהויבען די אויגען צו איהם און ער האָט איבערגעלעזען דעם ענטפער אין איהרע בליקען.

IV.

אין אַ געוויסען פריה־מאָרגען איז דער באַראָן אַריין צו זשאַננאַ'ן אין צימער נאָך איידער זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אוועקגעזעצט ביי איהר צו־פוסען און געזאָגט:

— דער וויקאָנט דע־ליאַמאַר האָט ביי אונז געבעטען דיין האַנד.

זי האָט געוואָלט בעהאַלטען איהר פּנים אונטער דער דעקע.

איהר פאָטער האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבען איהם געזאָגט, אַז שפּעטער וועלען מיר איהם געבען אַן ענטפער.

דער אָטהעם האָט איהר פערכאַפּט פאַר אויפרעגונג און זי האָט ניט געקענט אַרויסברייננגען קיין וואָרט. אין אַ ווייַלע אַרום האָט דער פאָטער צוגעלייגט מיט אַ שמייכעל:

— מיר ווילען גאָרנישט טהאָן, איידער מיר האָבען ביי דיר געפרעגט. די מאַמאַ און איך האָבען גאָרנישט געגען דעם שידוך, אָבער מיר ווילען דיר ניט צורעדען דערצו. דו ביזט פיעל רייכער, ווי ער, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דאָס גליק פון אַ גאַנץ לעבען, שפּיעלט געלד קיין ראָלע ניט. ער האָט ניט קיין קרובים, און ווען דו האָסט מיט איהם חתונה, דאַן קריגען מיר אין אונזער פאַמיליע אַריין אַ זוהן, בעת מיט אַן אַנדערען וועסטו מוזען אַריינטרעטען אַלס טאָכטער אין אַ פרעמדער פאַמיליע! דער יונגער מאַן געפעלט אונז, געפעלט ער דיר אויך?

זי איז רויט געוואָרען ביז צו די וואָרצלען פון איהרע האָאָר און האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— איך בין צופריעדען, פּאַפּאַ!

און דער פּאַפּאַ האָט אויסגעפּליסטערט, אַריינקוקענדיג איהר מיט אַ שמייכעל אין די אויגען אַריין:

— מיר האָבען אין דעם ניט געצווייפעלט, מיין קינד.

ביז אין אָבענד איז ביי איהר אַוועק די צייט ווי אין עפּעס אַ מין שיכרות. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס זי טהוט. זי האָט זיך מעכאַניש בעוועגט און זיך געפיהלט ווי אַ דער'הרג'עטע פאַר מיעדקייט, הגם זי האָט ניט געטהאָן קיין איין טריט.

אַ זייגער זעקס, ווען זי איז געזעסען מיט דער מוטער אונטער די בוימער, איז געקומען דער וויקאַנט.

זשאַננאַ'ס הארץ האָט גענומען מורא'דיג קלאַפּען. דער יונ־גער מאַן איז צוגעקומען צו זיי. ער האָט ניט אויסגעזעהן אויפגע־רעגט. ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָהענט, האָט ער גענומען דער באַראָנעסעס האַנד און אַ קוש געטהאָן די פינגער. דאן האָט ער צוגעטראָגען דער מיידעל'ס ציטערענדע האַנד צו זיינע ליפּען און עס אַ לאַנגען און צערטליכען קוש געטהאָן.

די גליקליכע חתן־כלה צייט איז געקומען. זיי האָבען זיך נאָכאַנאַנד געשושקעט איינער מיט אַנדערען אין די ווינקלאַך פון סאַלאָן, אָדער זיינען געזעסען אין פּאַרק, ביים ראַנד פון גראָבען און פאַר זיי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ווילדע וויסטעניש. מאַנ־כעס מאָל זיינען זיי געגאַנגען שפּאַציערען אין דער מוטער'ס אַלעע. ער האָט צו איהר גערעדט פון דער צוקונפט און זי איז געגאַנגען פערטראַכט מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגען.

איין מאָל איז דער שידוך געשלאָסען געוואָרען, האָבען זיי געוואָלט די גאַנצע פראַגע אָב'פּטר'ן וואָס שנעלער. זיי האָבען בעשלאָסען, אַז די חתונה זאָל זיין אין זעקס וואָכען אַרום, דעם פופצעהנטען אויגוסט, און דאָס יונגע פּאָאָר פּאָלק זאָל גלייך אַוועק אויף דער האָכצייטס־רייזע. מען האָט געפרעגט ביי זשאַננאַ'ן,

וואוהין זי וויל פאהרען, און זי האט אויסגעדריקט א פערלאנג צו בעזוכען קארסיקא, וואו מען קען זיין מעהר אליין, ווי אין אי־טאליען.

אהן בעזונדערע אונגעדולד האבען זיי ערווארט דעם טאג פון זייער פעראייניגונג, אבער זיי זיינען געווען פול מיט זייער צערט־ליכקייט, מיט זייער ריינע ליעבע, זייער גליק. יעדע אומארמונג, יעדע האנד־דרוק, יעדער טיעפער, הייסער בליק האט זייערע נשמות צוזאמענגעגאסען אין איינעם און ביי זיי ארויסגערופען אן אונ־בעשטימטען פערלאנג...

עס איז בעשלאסען געווארען קיינעם ניט איינצולאדען צו דער חתונה, אויסער טאנטע ליזע, די שוועסטער פון דער באראָ־נעסע, וועלכע האט געלעבט אין א קלויסטער אין ווערסייל.

נאך דעם פאטער'ס טויט האט די באראנעסע געוואלט האלטען די שוועסטער ביי זיך, אבער דאס אלטע מיידעל האט זיך איינגע־רעדט, אז זי פאלט אלע מענשען צולאסט, אז זי איז אן איבריגע, אלעמען אין וועג, און זי איז אוועק אין א קלויסטער, וועלכער נעהמט אריין פאר געלד אלע היימלאזע מענשען.

פון צייט צו צייט האט זי א מאנאט אדער צוויי פערבראכט אין דער פאמיליע. זי איז געווען א קליין פרויענצימער, וועלכע האט ווייניג גערעדט, ווייניג פערבראכט מיט מענשען און זיך געוויזען בלויז צו די מאהלצייטען. די איבעריגע צייט פלעגט זי זיצען ביי זיך אין צימער א פערשלאסענע.

זי האט אויסגעזעהן גוטמוטהיג און פארעלטערט, הגם זי איז אלט געווען בלויז צוויי און פערציג יאהר. אין איהר בליק איז געלעגען עטוואס ווייכעס און עטוואס טרויעריגעס. אין דער פאמיליע האט מען קיינמאל פון איהר ניט געהאלטען. ווען זי איז נאך א קליין קינד געווען, האט זי קיינער קיינמאל ניט גע־קושט, ניט געלאסטשעט, ווייל זי איז ניט געווען קיין שעהנע און ניט קיין שטיפערקע; שטיל און זאנפט איז זי געזעסען אין איהר ווינקעל. אזוי איז זי פערבליבען איהר גאנץ לעבען. ווען זי איז

אויפגעוואקסען און געווארען אז ערוואקסענע מיידעל, האט זיך אויך קיינער ווענען איהר ניט געקימערט, מיט איהר זיך ניט געאינ־טערעסירט. זי איז געווען ווי א שאטען, א שטיק פון דער ווירטה־שאפט, א לעבעדיגע שטיק מעבעל, וואס מען איז געוואהנט יעדען טאג צו זעהן, אהן דעם, אז מען זאל עס שענקען וועלכע ניט איז אויפמערקזאמקייט. אויס אלטע געוואהנהייט, האט די שוועסטער אויף איהר געקוקט, ווי אויף אן אונוויכטיגע שלים־מזל'דיגער בע־שעפעניש, וועלכע האט זיך צו קיין זאך ניט געקענט דערשלאגען. מען האט זי בעהאנדעלט פריינדליך, אבער אהן צערעמאניעס. גע־רופען האט מען זי ליזא, אבער דער דאזיגער יונגער און קאקע־טישער נאמען האט זיך צו איהר ניט געפאסט. ווען זי איז עלטער געווארען און קיין מאן האט זיך פאר איהר ניט געמאכט און מען האט פערשטאנען, אז אזעלכער וועט זיך קיינמאל ניט געפינען, איז פון ליזא געווארען ליזאן. זיים זשאננא איז געבארען געווא־רען, האט מען זי גערופען „טאנטע ליזאן". א בעשיידענע, זויי־בערע, מורא'דיג שעמעוודיגע קרובה, וועלכע איז אפילו אנטקעגען דער שוועסטער און דעם שוואגער געווען ניט דרייסט, הגם זיי האבען איהר אויף זייער שטייגער ליעב געהאט.

מאנכעס מאל, ווען די באראנעסע האט דערצעהלט ווענען וויטע פאסירונגען פון איהר יוגענד, פלעגט זי דערביי מאכען די פאלגענדע בעמערקונג: „דאס איז געשעהן אין דער צייט פון ליזא'ס משוגעת".

מעהר האט מען ווענען דעם קיינמאל ניט גערעדט און ליזא'ס זאגענאנטע משוגעת איז פערבליבען, ווי מיט א געהיימניספאלען שלייער פערדעקט.

איין מאל אין אבענד, האט ליזא, וועלכע איז דאן אלט גע־ווען צוואנציג יאהר, אהן דעם, אז אימיצער זאל וויסען פאראויס, זיך אין וואסער אריינגעווארפען. קיין געשעהעניש אין איהר לע־בען, קיין זאך אין איהר בענעהמונג, האט ניט אנגעוויזען אויף דער מעגליכקייט פון אזא משוגענער האנדלונג. א האלב טויטע

האָט מען זי פון וואסער ארויסגעצויגען און איהרע, אַנשטאָט צו זוכען די אורזאכען דערפון, זיינען געוואָרען אויף איהר מלא רציחה. זיי האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואס זיי האָבען אַ צייט לאַנג ניט אויפגעהערט צו רעדען פון איהר משוגעת, ווי אַ שטייגער, זיי האָבען געערדט פון'ם פערד „קאקא", וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק אויסגעבראָכען אַ פוס און וועלכען מען האָט צוליעב דעם געמוזט דערשיסען.

גלייך נאָכדעם האָט מען ליזאַ'ן גענומען בעהאַנדלען, ווי אַ מענשען , ביי וועמען אין קאָפּ איז ניט גאַר קלאָהר. די גוט־מוטהיגע פעראכטונג, וועלכע זי האָט ארויסגערופען ביי אַלע איהרע קרובים, האָט זיך באַלד איבערגעגעבען אַלעמען אין הויז. אפילו די קליינע זשאַננאַ האָט זיך וועגען איהר ניט געקימערט, איז קיינ־מאָל צו איהר אין בעט ניט געקראָכען, אום איהר צו זאָגען גוט־מאָרגען, און קיינמאָל אין איהר צימער ניט אריין. די שטוב־מיידעל ראָזאַליע, וועלכע האָט אויפגעראַמט דעם צימער, איז, דאכט זיך, געווען די איינציגע, וואָס האָט געוואוסט, וואו דער דאָזיגער צימער געפינט זיך.

ווען טאַנטע ליזאַן איז אין דער פריה געקומען אין עס־צימער צום פריהשטיק, איז די קליינע, אוים אַלטע געוואָהנהייט, צו איהר צוגעגאַנגען און אויסגעשטעלט דעם שטערן פאר אַ קוש. דאָס איז געווען אַלעס.

האָט אימיצער עטוואָס פון איהר געוואָלט, האָט מען גע־שיקט אַ דיענער איהר רופען, און טאָמער איז זי ניט געווען אין איהר צימער, האָט עס אויך קיינעם ניט געאַרט. מען האָט קיינמאָל פון איהר ניט געטראכט און קיינמאָל וואָלט קיינעם אפילו אויף די געדאַנקען ניט אַרויף צו פרעגען:

— מיין גאָט, איך האָב נאָך ליזאַ'ן ניט געזעהן היינט אין דער פריה?

זי האָט פאר קיינעם אין דער וועלט ניט עקזיסטירט, זי איז געווען איינער פון יענע וועזענס, וועמען אפילו די נאָהענטסטע

פריינד קענען ניט. איהר טויט וואָלט אין הויז קיין לײדיגען אָרט ניט איבערגעלאָזען. זי האָט ניט געקענט פערנעהמען קיין פּלאַץ ניט אין לעבען, ניט אין די געוועהנהייטען אין די הערצער פון די מענשען, מיט וועלכע זי האָט געלעבט.

די ווערטער „טאַנטע ליזאַן" האָבען ניט ערוועקט קיין פריינד־ליכען ווידער־קול אין אנדערע מענשען. עס איז געווען אַ פּוסטער קלאַנג, פּונקט אַזוי, ווי מען וואָלט געזאָגט „דער קאַפע־קאַן", אָדער „די צוקערניצע".

זי האָט אימער געטראָטען מיט קליינע, אײליגע שטילע טריט. זי האָט קיינמאָל ניט געמאַכט קיין טומעל, האָט זיך קיינמאָל אָן קיין זאַך ניט אָנגעשטויסען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט פון די טויטע זאַכען זיך אָבגעלערענט שטום צו זיין. איהרע הענד זײנען געווען, ווי וואַטאַווע, אַזוי לייכט און צאַרט האָט זי אַלעס אָנגעריהרט.

אַרום מיטען יולי איז זי אָנגעקומען גאַנץ אויסער זיך איבער דעם געדאַנק פון דער דאָזיגער חתונה. זי האָט מיטגעבראַכט אַ גאַנצע מאַססע פּרעזענטען, אָבער אַזוי ווי זיי זײנען געקומען פון איהר, האָבען זיי אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. און אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך איהר קומען, האָט שוין קיינער ניט בע־מערקט, אַז זי איז דאָ.

אָבער אין איהר איז פאָרגעגאַנגען אַן אויסערגעוועהנליכע בעוועגונג און זי האָט אויף קיין איין מינוט ניט אַרונטערגענומען איהרע אויגען פון די יונגע חתן־כלה. מיט מערקווירדיגער גערולד און פיבערהאַפטער טהעטיגקייט, האָט זי געאַרבייט אין איהר צימער, וואו קיין לעבעדיגער מענש האָט ניט פערשמעקט, אויף זשאַננאַ'ס אויסשטייער.

אַלע ווײלע האָט זי געצייגט דער באַראָנעסע די נאָז־טיכלאַך, וועלכע זי האָט אַליין פערזוימט, אָדער די סערוועטקעס, וועמעס מאָנאָגראַמעס זי האָט אויסגענייהט און דערביי געפרעגט:

— אָדעלאַאידע, איז עס גוט אַזוי?

און די מוטער האט געענטפערט, קוקענדיג גלייכגילטיג אויף איהר ארבייט:

— בעמיה זיך ניט אזוי פיעל, מיין ארימע ליזאן.

א געוויסען אבענד, צום סוף מאנאט, נאך א הייסען, שטי־קענרען טאג, איז די לבנה אויפגעגאנגען; עס איז געווען איינע פון יענע ליכטיגע און ווארימע נעכט, וועלכע רעגען אויף, בע־גייסטערען, מאכען ווייך און וועקען די בענקעניש, וואס רוהט אין יעדער נשמה. אין דעם שטילען סאלאן האט אריינגעשטראמט די מילדע לופט פון די פעלדער. די בעראנעסע האט פאר דעם שיין פון א לאמפ געשפיעלט מיט איהר מאן אין קארטען. טאנטע ליזאן איז געזעסען נעבען זיי און געשטריקט. די יונגע לייט זיי־נען געשטאנען ביים אפענעם פענסטער און האבען ארויסגעקוקט אין דעם, פון דער לבנה בעלויכטענעם, גארטען ארוים. דער שא־טען פון די לינדען און די פלאטאנען זיינען געפאלען אויף דעם ליכטיגען וועג, וועלכער האט זיך געצויגען ביז צום פארק.

אונטער דעם זיסען צויבער פון דיזער נאכט, פון דער פאר־נעבעלטער ליכטיגקייט, וואס איז געפאלען אויף די בוימער און די בעטען, האט זשאננא זיך א קעהר געטהאן צו איהרע עלטערען און געזאגט:

— פאפעלע, קענען מיר ארויסגעהן נאך א ווײלע שפאציערען פאר'ן שלאפ?

דער באראן האט געענטפערט, ניט אונטערברעכענדיג זיין שפיעל:

— געהט, קינדער, געהט!

זיי זיינען אוועק און גענומען געהן לאנגזאם הין און צוריק, איבער דעם גרויסען, העל בעלויכטענעם וועג, וואס האט געפיהרט צו א קליין וועלדעל.

די צייט איז אוועק און זיי האבען אפילו ניט געטראכט זיך אומצוקעהרען אין הויז. די בעראנעסע איז געווארען מיעד און געוואלט געהן צו בעט:

— מען דאַרף אַריינרופען די פּערליעבטע.

דער באַראָן האָט געוואָרפען אַ בליק אויף דעם בעלויכטענעם גאָרטען, אין וועלכען צוויי שאָטענס האָבען לאַנגזאַם אַרומגע־וואַנדעלט.

— לאָז זיי צופריעדען, עס איז אַזוי שעהן אין דרויסען. ליי־זאַן וועט אויף זיי וואַרטען נאָך אַ ווײַלע, ניט אמת, ליזאַן?

דאָס אַלטע מיידעל האָט אויפגעהויבען איהרע אונרוהיגע אויגען און געענטפערט מיט איהר ניט דרייסטען קול:

— יאָ, געוויס וועל איך אויף זיי וואַרטען.

דער פּאַפּאַ האָט געהאָלפען דער באַראָנעסע אויפשטעהן און מיעד פון דעם הייסען טאָג, האָט ער געזאָגט:

— איך געה אויך צו בעט — און איז אוועק מיט זיין פרוי.

איצט איז טאַנטע ליזאַן אויך אויפגעשטאַנען, האָט געלאָזט איהר אָנגעהויבענע אַרבייט ליגען אויפ'ן שטוהל, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דעם וואונדערשעהנעם גאָר־טען אַרויס.

חתן־כלה זיינען נאָך אַלץ געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן וועג, פון וועלדעל ביז צום הויז, פון הויז ביז צום וועלדעל. זיי האָ־בען זיך געדריקט די הענד און מעהר ניט גערעדט. עפּעס אַזוי ווי פער'כישופ'ט פון דעם אַרומיגען צויבער.

זשאַננאַ האָט פּלוצים בעמערקט ביים פענסטער די געשטאַלט פון דער אַלטער מיידעל און זי האָט געזאָגט:

— זעה נאָר, טאַנטע ליזאַן קוקט אויף אונז.

דער וויקאָנט האָט אַ קוק געטהאָן אין דער הויך און געענט־פערט גלייכגילטיג:

— יאָ, טאַנטע ליזאַן קוקט אויף אונז.

און זיי האָבען ווייטער גענומען טרוימען, געגאַנגען לאַנג־זאַם הין און צוריק און בלויז געטראַכט פון זייער ליעבע.

אָבער דער טהוי האָט שוין דאָס גראָז בעדעקט און אַ קיהל ווינטעל האָט זיי דורכגענומען.

— לאָמיר בעסער אַריינגעהן אין הויז — האָט זי געזאָגט און זיך אומגעקעהרט.

ווען זיי זיינען אין סאַלאָן אַריין, האָט טאַנטע ליזאַן ווידער געשטריקט. זי האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער איהר אַרבייט און איהרע מאָגערע פינגער האָבען געציטערט, ווי זיי וואָלטען זעהר מיעד געווען.

זשאַננאַ איז צוגעגאַנגען צו איהר:

— טאַנטע ליזאַן, שלאָפען — האָט זי געזאָגט.

דאָס אַלטע מיידעל האָט אויפגעהויבען די אויגען. זיי זיינען געווען רויט, ווי זי וואָלט געוויינט. דאָס פערליעבטע פּאָרעל האָט עס ניט בעמערקט, אָבער דער יונגער מאַן האָט פלוצים דערזעהן, אַז דער מיידעל'ס דינע שיכלאַך זיינען געוואָרען גאַנץ נאַס. בעזאָרגט און צערטליך האָט ער געפרעגט:

— איז דיר ניט קאַלט אין דיינע ליעבע, קליינע פיסעלאַך?

דאַ האָבען פּלוצים דער טאַנטע'ס פינגער גענומען אַזוי ציטערען, אַז די אַרבייט איז איהר פון די הענד אַרויסגעפאַלען. דער קנויל וואָל האָט זיך אַראָבגעקייקעלט אויף דר'ערד. זי האָט שנעל בעהאַלטען דאָס פּנים מיט די הענד און גענומען קראַמפּהאַפט און לויט צו שלוכצען.

חתן־כלה האָבען זיך צושראָקען אַנגעקוקט. און פּלוצים האָט זשאַננאַ געקניעט פאַר איהר, זי אַרומגענומען און געפרעגט אַ צושראָקענע:

— אָבער וואָס איז מיט דיר? וואָס איז געשעהן, טאַנטע ליזאַן?

דאַ האָט די אָרימע בעשעפעניש אַרויסגעשטאַמעלט מיט אַ קול, וואָס איז דערשטיקט געווען פון טרעהרען און טרייסלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער פאַר אויפרעגונג:

— ווען ער האָט דיך געפרעגט... צו איז דיר ניט קאַלט אין דיינע... דינע... קליינע פיסעלאַך... האָב איך אַ טראַכט גע־

טהאָן... אַז צו מיר האָט קיינער קיינמאָל אַזוי ניט גערעדט...
קיינמאָל ניט... קיין מאָל ניט...

זשאַננאַ איז געוואָרען איבערראַשט און פול מיט מיטלייד. און דאָך האָט זי זיך שיער ניט צולאַכט ביי דעם געדאַנק, אַז אַי־מיצער האָט זיך געקענט ערקלעהרען טאַנטע ליזאַן אין ליעבע. אויך דער וויקאַנט האָט זיך אַבגעקעהרט, אום צו בעהאַלטען אַ שמייכעל.

אָבער די טאַנטע איז פּלוצים אויפגעשטאַנען, געלאָזט ליגען דעם קנויל אויף דר׳ערד, דעם זאַק אויפ׳ן שטוהל און איז אַנטלאָפען אָהן אַ ליכט אויף די פינסטערע טרעפּ, צו איהר צימער ארויף.

ביידע יונגע לייט זיינען געבליבען אַליין, זיי האָבען אַנגע־קוקט איינם דעם אַנדערען צערטליך און לאַכענדיג. זשאַננאַ האָט געזאָגט:

— די אָרימע טאַנטע!

זשוליען האָט בעמערקט:

— היינטיגער אָבענד האָט איהר, ווי עס שיינט, אַביסעל צודרומשקעט.

זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַר די הענד און ניט געקענט ביי זיך פּועל׳ן צו צושיידען זיך. און גאַנץ שטיל האָבען זיי זיך גע־געבען דעם ערשטען קוש נעבען דעםליידיגען שטוהל, וועלכען טאַנטע ליזאַן האָט נור וואָס פערלאָזען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָבען זיי אַן דער אַלטער מיידעל׳ס טרעהרען אין גאַנצען פערגעסען.

ביידע לעצטע וואָכען פאַר דער חתונה איז זשאַננאַ געווען גאַנץ שטיל און רוהיג, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מיעד געוואָרען פון אַל די זיסע טרוימען.

זי האָט אויך ניט געהאַט קיין צייט נאַכצודענקען אין דעם לעצטען, דעם וויכטיגסטען טאָג, דעם טאָג פון דער חתונה. זי האָט נור געפיהלט עפּעס אַ מין פּוסטקייט אין גאַנצען קערפּער, עפּעס אַזוי ווי אַלע מוסקולען, דאָס פלייש און דאָס בלוט וואָלט

איהר אונטער דער הויט צושמאָלצען געוואָרען, און ווען זי האָט עפּעס אָנגעריהרט, האָט זי בעמערקט, אַז איהרע פינגער ציטערען.

ערשט אין דער קירכע, בעת דער גאָטעס־דיענסט, איז זי ווידער צו זיך געקומען.

זי איז געוועזען פערהייראַט, פערהייראַט! אַלעס וואָס איז געשעהן זייט היינט אין דער פריה, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי אַ חלום, אַן אמת'ער חלום. עס זיינען דאָ מאָמענטען, ווען אַלעס אַרום אונז זעהט אין אונזערע אויגען אויס פערענדערט. יעדער בעוועגונג קריגט אַן אַנדער בעדייטונג און אפילו די שעה'ען געהען ניט מיט זייער געוועהנליכען לויף.

זי איז געווען ווי בעטויבט, אָבער מעהר פאַר אַלץ ערשטוינט. נאָך נעכטען איז אַלעס געוועזען ווי געוועהנליך. נור די אייביגע האָפנונג פון איהר לעבען איז צוגעקומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער. נעכטען איז זי געגאַנגען שלאָפען אַ מיידעל, היינט איז זי שוין אַ פרוי.

די האָט אַלזאָ אַריבערגעטראָטען דעם שוועל, הינטער וועלכען איז בעהאַלטען די צוקונפט מיט אַלע איהרע פריידען און גליק, פון וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג געטרוימט. פאַר איהר האָט זיך אַזוי ווי געעפענט אַ טהיר אין יענער פערצויבערטער לאַנד, נאָך וועלכער זי האָט געגאַרט און געדורשט אין איהרע מיידעלשע חלומות.

די צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט. אין קירכע איז כמעט קיינער ניט געווען, ווייל מען האָט קיינעם ניט איינגעלאַדען. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען.

ווען זיי האָבען זיך בעוויזען אין די טהירען פון דער קירכע, האָט זיך דערהערט אַזאַ מורא'דיגער טראַך, אַז די כלה איז אויפגעשפּרונגען און די באַראָנעסע האָט הויך אַ געשריי געטהאָן. דאָס האָבען די פּויערים אויסגעשאָסען, און די דאָזיגע שיסעריי האָט ניט אויפגעהערט, ביז חתן־כלה און די מחותנים זיינען צוריק אין שלאָס געקומען.

זיך אָפּט געמוזט איינבויגען, אום דורכצוגעהן. זי האָט אַראָבגע־ריסען אַ בלאַט. אונטער איהם האָבען זיך געטוליעט צוויי גאָט'ס קיהעלאַך, ווי צוויי צאַרטע, קליינע, רויטע מעער קעפּלאַך. און זי האָט געזאָגט גאַנץ אונשולדיג:

— זעה, אָט איז אַ פּאָרעל!

זשוליען האָט מיט זיינע ליפּען בעריהרט איהר אויער: — היינט ביינאַכט וועסטו ווערען מיין פרוי.

הגם זי האָט, בעת איהר לעבען אין דאָרף, פּיעלעס געהערט, דאָך האָט זי נור געטראַכט פון דער פּאָעזיע פון ליעבע און איז געוואָרען שטאַרק איבערראַשט.

זיין פרוי? איז זי דען שוין נים געוועזען זיין פרוי?

דאַן האָט ער זי גענומען היים און האַסטיג קושען אויף די שלייפען, אויפ'ן האַלז, דאָרט, וואו קורציגע הערעלאַך האָבען זיך געקרויזט. דער דאָזיגער קוש פון אַ מאַן, וואָס איז איהר ביז אַהער אין גאַנצען פרעמד געוועזען, האָט זי יעדעס מאָל געמאַכט צו ציטערען. אינסטינקטיוו האָט זי אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ אויף דער אַנדערער זייט, אום אויסצומיידען די דאָזיגע לאַסקע, הגם זי איז איהר אנגענעהם געוועזען.

פּלוצים האָבען זיי זיך געפונען אויפ'ן זוים פון וואַלד. זי איז געבליבען שטעהן, עס האָט איהר געשראָקען, וואָס זיי זיינען אַוועק אַליין אַזוי וויים. וואָס וועט מען וועגען זיי דענקען? און זי האָט געזאָגט:

— לאָמיר זיך אומקעהרען.

ער האָט אַוועקגענומען די האַנד, מיט וועלכער ער האָט זי געהאַלטען אַרומגענומען אַרום טאַליע און ווען זיי האָבען זיך אומ־געדרעהט, זיינען זיי געשטאַנען אַזוי נאָהענט איינער צום אַנדערען. אַז זיי האָבען אויפ'ן פּנים איינער דעם צווייטענ'ס אָטהעם גע־פיהלט. און זיי האָבען זיך אָנגעקוקט מיט יענעם שטאַרען, פּאַר־שענדען, טיעפען בליק, וועלכער דרינגט טיעף אין דער נשמה אַריין. זיי האָבען געוואָלט לעזען אין די אויגען, הינטער די אויגען, אַריינ־

אַ מאָהלצייט איז צוגעריכט געוואָרען פאַר דאָס יונגער פּאָר, דער פאַמיליע, די צוויי פּריעסטער און די עדות, וועלכע זיינען אויסגעוועהלט געוואָרען פון די ארומיגע גוטסבעזיצער.

איידער דאָס עסען איז פאַרטיג געוואָרען, איז מען אַוועק אין גאָרטען. דער באַראָן און די באַראָנעסע, טאַנטע ליזאָן, דער אָרטס־פּאַרשטאַנד און דער פּריעסטער פּיקאָ האָבען שפּאַצירט איבער דער אַלעע, בעת דער צווייטער פּריעסטער האָט לאַנגזאַם געטראָ־מען זיי אַנטקעגען.

אויפ'ן צווייטען זייט פון שלאָס האָט מען געהערט דעם פרעהליכען ליאַרם פון די פּויערים, וועלכע האָבען אין שאָטען פון די בוימער עפּעל־וויין געטרונקען. אַלע איינוואָהנער פון דאָרף אין זייערע יום־טוב'דיגע קליידער, האָבען אָנגעפילט דעם הויף. די יונגע שקצים און די מיידלאַך האָבען זיך געיאָגט איינער נאָכ'ן אַנדערען.

זשאַננאַ און זשוליען זיינען דורכגעגאַנגען דעם וועלדעל, און צוגעקומען צום ים האָבען זיי ביידע גענומען שטום קוקען אויף איהם. עס איז געווען גאַנץ קיהל, טראָץ דעם, וואָס עס איז געווען אין מיטען אויגוסט. אַ נאָרד־ווינד האָט געבלאָזען און אַ העלע זון האָט קאַלט געשיינט פון קלאָהרען, בלויען הימעל אַרונטער.

אום זיך צו בעהאַלטען פון'ם ווינד, זיינען די יונגע לייט אַוועק דורך דעם פעלד און זיך אַ קעהר געטהאָן רעכטס צו דעם, מיט בוימער בעוואַקסענעם, טהאַל, וועלכער האָט זיך געצויגען ביז צו איפּאָר. דאָרט, צווישען די פערצווייגטע בוימער, איז קיין שטראַהל ניט געפאַלען. זיי זיינען אַראָב פון'ם ברייטען וועג און אַרויף אויף אַ שמאָל שטעגעלע, אין גאַנצען בעהאַלטען אין אַ ים פון גרינס. ווי נור זיי זיינען אַריין אַהין, האָט זי דערפיהלט, ווי זיין אָרעם האָט זיך לאַנגזאַם אויף איהר טאַליע אַרויפגעלעגט.

זי האָט גאָרנישט געזאָגט, דאָס האַרץ האָט ביי איהר גע־קלאַפּט, דער אָטהעם האָט איהר אַזש פערכאַפּט. ניעדעריג אַראָב־העננענדיגע צווייגען האָבען בעריהרט איהרע האָאָר. זיי האָבען

דרינגען אין יענע אונערגרינדליכע טיעפענישען פון דעם מענשלי־כען וועזען און דערגעהן: וואָס וועלען זיי זיין איינער פאַר דעם אַנדערען? וואָס פאַר אַ סאָרט לעבען וועלען זיי פיהרען? וואָס פאַר אַ פריידען, וואָס פאַר אַ גליק וועלען זיי איינער דעם אַנ־דערען פערשאַפען, אָדער וואָס פאַר אַ ענטוישונגען וועלען זיי גע־פינען אין דעם פאַמיליען לעבען, וועלכען זיי הויבען פון היינט אָן צו פיהרען? און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי קענען נאָך גאָרנישט איינער דעם אַנדערען.

פּלוצים האָט זשוליען אַרויפגעלעגט ביידע הענד אויף זיין פרוי'ס שולטערן און זי אַ קוש געטהאָן אין מויל מיט אַ הייסען, ברענענדיגען קוש. דער דאָזיגער קוש האָט דורכגעשטראָמט דורך איהר גאַנצען קערפּער, דורך אַלע אָדערען און נערוועז און האָט איהר אַזוי אויפגעטרייסעלט, אַז זי האָט פערצווייפעלט אַ שטויס געטהאָן פון זיך זשוליען, וועלכער איז שיער ניט געפאַלען.

— לאָמיר געהן, לאָמיר געהן — האָט זי געשטאַמעלט.

ער האָט ניט געענטפערט, אָבער ער האָט גענומען איהרע ביידע הענד און זיי געהאַלטען אין זיינע. ביז צום הויז האָבען זיי ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. דער נאָכמיטאָג האָט זיי אויס־געזעהן לאַנג.

צום טיש האָט מען זיך געזעצט, ווען עס איז שוין נאַכט געוואָרען.

אַנטקעגען דעם נאָרמאַנישען מנהג איז דער מאָהלצייט גע־ווען איינפאַך און גאַנץ קורץ. עפּעס אַ מין פערלעגענהייט האָט אַלע געסט געלעהמט. נור דער פּריעסטער, דער פאָרשטאַנד און די פיער גוטסבעזיצער זיינען אַביסעל אריין אין דער שטימונג, וועלכער דאַרף הערשען ביי אַ חתונה מאָהלצייט.

דער געלעכטער איז ווי אָבגעשטאָרבען און נור דער פאָר־שטאַנד האָט מיט זיין שאַרף־זין די געזעלשאַפט בעלעבט. עס איז געווען האַלב ניין אַ זייגער, מען האָט נאָך געדאַרפט טרינקען קאַפע. אין דרויסען, אונטער די עפּעל־בוימער, האָט זיך אָנגעהויבען דער

דאַרפישער טאַנץ. דורך דאָס אָפענע פענסטער האָט מען אַלעס געזעהן. אויף די צווייגען זיינען געהאנגען די פּאַפּיערענע לאַנ־טערנעס און בעלויכטען די בלעטער גרוי־גריין. פּויערים און פּויער־מיידלאַך האָבען זיך געדריהט אין קאַראהאַד און אונטערגעזונגען צום טאַקט פון די צוויי פידעל־שפּיעלער און דעם קלאַרנעט. וועלכע מען האָט אַרויפגעזעצט אויף אַ טיש, כּדי עס זאָל אויסזעהן, ווי אַן אָרקעסטער.

דער געזאַנג פון די פּויערים האָט אָפט איבערגעשריען דעם קלאַנג פון די אינסטרומענטען. די צאַרטע אינסטרומענטאַלע מו־זיק, צוריסען פון די ווילדע געשרייען, איז אין איינצעלנע, אַבגעּ־ריסענע טענער געפאַלען, ווי פון הימעל אַרונטער.

צוויי גרויסע פעסער, פון צוויי פאַקעלען העל בעלויכטען, האָ־בען דעם עולם׳ס דורשט געשטילט. צוויי מיידלאַך האָבען אין אַ צעבער נאַכאַנאַנד געשווענקט גלעזער און טעצלאַך, וועלכע זיינען אויפ׳ן שטעל, נאָך נאַסע, אַרונטערגעשטעלט געוואָרען אונטער׳ן קראַן. אַ רויטער שטראָם וויין און גאָלדענער פון׳ם עפּעל־וויין, האָט זיך געהאַלטען אין איין גיסען און די דורשטיגע טענצער און די פערשוויצטע מיידלאַך האָבען זיך געשטופּט וואָס נעהענטער און אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס נאָך דעם געטראַנק, וואָס זיי האָבען אַם בעסטען געליעבט.

אויף אַ טיש איז געשטאַנען פּוטער, ברויט, קעז, וואורשט. יעדער האָט פון צייט צו צייט עפּעס צוגעביסען. דער דאָזיגער פעסט, אַ געזונדער און פרעהליכער, אויף דער פרייער לופט, אונ־טער די בעלויכטענע צווייגען, האָט ביי די אומעדיגע געסט אין זאַאַל אויך אַרויסגערופען אַ פערלאַנג צו טאַנצען, צו טרינקען פון די גרויסע פעסער וויין און אויך פערבייסען מיט אַ ציבעלע..

דער פאָרשטאַנד, וועלכער האָט מיט זיין מעסער צוגעקלאַפּט דעם טאַקט, האָט אויסגערופען:

— צום טייפעל! אָט דאָס רוף איך פרעהליך! פונקט ווי די התונה פון גאַנאַש!

עס האט זיך דערהערט אן איינגעהאלטענער געלעכטער. אבער דער פריעסטער פיקא האט בעמערקט:

— איהר מיינט קאנא!

דער אנדערער האט ניט געוואלט נאכגעבען:

— ניין, הערר פריעסטער, איך וויים וואס איך רייד; און אויב איך האב געזאגט גאנאש, איז עס גאנאש.

אלע זיינען אויפגעשטאנען און אריבער אין גאסט־צימער. דאן איז מען אויף א ווײלע אוועק צווישען דעם פרעהליכען עולם אין דרויסען און צום סוף זיינען די געסט אין גאנצען אוועק.

דער באראן מיט דער באראנעסע האבען אין דער שטיל זיך וועגען עפעס געשפארט. מאדאם ארדעלאאידע, קוים אפכאפענדיג דעם אטהעם, האט זיך ענטזאגט צו טהאן דאס, וואס דער באראן האט געפאדערט פון איהר. צום סוף האט זי געזאגט כמעט אויפ׳ן קול:

— ניין, ליעבער פריינד, דאס קען איך ניט, איך וויים אפילו ניט, ווי מען געהט צו צו אזא פראגע.

דא האט פאפא זי פלוצים געלאזט שטעהן און איז צוגעגאנגען צו זשאננא׳ן.

— קום, טאכטערעל, לאמיר ביידע זיך אביסעל דורכגעהן.

זי האט געענטפערט גאנץ ערנסט:

— ווי דו ווילסט, פאפא, — און זיי זיינען ארויסגעגאנגען.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען ארוים, פון טהיר אין דער ריכטונג פון ים, האט א טרוקענער ווינד, איינער פון יענע זומערדיגע ווינטען, וועלכע שמעקען שוין מיט׳ן אסען, זיי א בלאז געטהאן אנטקעגען.

דער באראן האט צוגעדריקט זיין טאכטער׳ס ארעם צו זיך און איהר צערטליך די האנד געגלעט. א פאר מינוטען זיינען זיי געגאנגען שטיל. ער האט געשיינט צו זיין פערלעגען און אונענטשלאסען. צום סוף האט ער זיך געמאכט מוטה און אנגעהויבען:

— מיין קליינע זשאננא, איך האב א שווערע פליכט צו ער־

פילען, וועלכע געהערט אייגענטליך צו דער מאמא'ן. אבער אזוי ווי זי וויל ניט, מוז איך עס טהאָן. איך ווייס ניט, ווי ווייט דיר זיינען בעקאַנט געוויסע לעבענספּבאַגען; עס זיינען דאָ זאכען, וועלכע מען בעהאַלט פון קינדער, איבערהויפּט פון מיידלאַך. מיידלאַך, וואָס מוזען בלייבען ריין אין קערפּער און גייסט ביז צו דער שטונדע, ווען מיר גיבען זיי איבער צום מאַן, וועלכער נעהמט אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאר איהר גליק.

ער דאַרף זיין דער ערשטער, וואָס זאָל אויפהויבען דעם שלייער פון די געהיימניסע פון'ם לעבען. עס איז מעגליך, אז די מיידלאַך, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געטראַכט וועגען דער ברוטאַלער ווירקליכקייט, וואָס איז פערבאָרגען הינטער די שעהנע חלומות, וועלען זיך פיהלען בעליידיגט, ענטזעצט, און וועלען ענטזאַגען זייער מאַן אין דעם, אויף וואָס אי די נאַטור, אי דאָס געזעץ גיט איהם א רעכט. מיין טהייערע קינד, איך קען דיר מעהר ניט זאָגען. אבער פערגעס נור ניט איין זאך, אז דו געהערסט אין גאַנצען צו דיין מאַן.

וואָס האָט זי געוואוסט? אויף וואָס האָט זי זיך אָנגעשטויסען? זי האָט גענומען ציטערען. א דריקענדע, שמערצליכע מע־לאַנכאָליע איז אויף איהר אָנגעפאַלען, כמעט ווי א פאָרגעפיהל.

זיי זיינען צוריק אין הויז אריין. ביי דער טהיר פון סאַלאָן האָט אויף זיי געוואַרט אַן איבערראַשונג. מאַדאַם אַדעלאַאידאַ האָט געשלוכצט אויף זשוליען'ס ברוסט. א שטראָם טרעהרען האָט זיך ביי איהר געגאָסען און עס האָט זיך געדאַכט, אז זיי קומען גלייכצייטיג אי פון די אויגען, אי פון נאָז און אי פון מויל. דער יונגער מאַן האָט צומישט און פערלעגען געטרייסט די דיקע פרוי, וועלכע האָט זיך געוואָרפען צו איהם אין די אָרעמס און עפּעס אזוי ווי געבעטען שוץ פאר איהר געליעבטער, טהייערער, איינציגער, קליינער טאָכטערל.

דער באַראָן איז צו איהר צוגעגאַנגען:

— איך בעט דיר, מאַך ניט קיין סצענען, האַלט זיך אביסעל איין.

ער האָט גענומען זיין פרוי, זי אוועקגעזעצט אויף א שטוהל, און בעת זי האָט זיך אָבגעווישט די אויגען, האָט ער זיך א קעהר געטהאָן צו זשאננאַ'ן:

— איצט, מיין קינד, טהו א קוש דער מאַמע'ן און געה שלאָפען.

די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט, זי האָט ארומגענומען די עלטערען, זיי א קוש געטהאָן און איז אנטלאָפען.

טאַנטע ליזאָן איז שוין געווען אוועק צו איהר אין צימער. דער באַראָן און זשוליען זיינען געבליבען מיט דער באַראָנעסע. אלע דריי זיינען געווען שטאַרק פערלעגען. ביידע מענער זיינען געשטאַנען אין זייערע פראַקען און האָבען ניט געוואוסט, וואו זייערע אויגען אהינצוטהאָן און די באַראָנעסע, איינגעקאָרטשעט אין איהר שטוהל, האָט נאָך אלץ שטיל געשלוכצט. ווען דאָס שווייגען איז געוואָרען אונערטרעגליך, האָט דער באַראָן גענומען רעדען פון דער רייזע, וואָס דאָס פּאָר פּאָלק וועט מאַכען אין א פּאָר טעג ארום.

זשאננאַ האָט זיך אין איהר צימער געלאָזט אויסטהאָן פון ראָ־זאַליען, וועלכע האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען. איהרע הענד האָבען געציטערט, זי האָט קוים בעוויזען ארויסצונעהמען די שפּיעל־קעס און האָט געשיינט צו זיין א סך מעהר בעוועגט, ווי איהר מאַדאַם. אבער זשאננאַ האָט ניט בעמערקט די טרעהרען פון איהר קאַמער־מיידעל. איהר האָט זיך געדאַכט, ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אן אנדער וועלט, אויף א גאַנץ אנדער פּלאַנעט, געשיי־דען פון אלעס, וואָס זי האָט פריהער געקענט און געליעבט. איהר גאַנצער לעבען, איהר גאַנצע עקזיסטענץ, האָט איהר אויסגעזעהן ווי אומגעשטירצט, און זי האָט זיך זאָגאַר אוועקגעשטעלט די מאָדנע פראַגע: „ליעבט זי דען אויגענטליך איהר מאַן?" ער האָט זיך איהר פּלוצים אויסגעזעהן, ווי א פרעמדער, וועמען זי קען זעהר

ווייניג. מיט דריי מאָנאַטען צוריק האָט זי זאָגאַר ניט געוואוסט, אַז ער עקזיסטירט אויף דער וועלט — און איצט? איצט איז זי געוועזען זיין פרוי! צו־וואָס? צו־וואָס זיך אַזוי שנעל אַריינוואַרפען אין דעם פאַמיליען־לעבען, ווי אין אַ לאָך, וואָס האָט זיך פאַר אונזערע פיס געעפענט?

אַזוי שנעל ווי זי האָט געהאַט אויף זיך די נאַכט קליידער, איז זי אַריין אין בעט. די קאַלטע לייליכער האָבען אַרומגעכאַפּט איהר לייב און זי האָט אַ שוידער געטהאָן, און אַ געפיהל פון קעלט איז צוגעקומען צו דער איינזאַמקייט און טרויעריגקייט, וואָס האָט זייט צוויי שטונדען איהר דאָס האַרץ געדריקט.

נאָך אַלץ וויינענדיג איז ראָזאַליע אַנטשלאָפען און זשאַננאַ האָט גענומען וואַרטען. זי האָט געוואַרט אונרוהיג, מיט אַ פאַרקלעהמט האַרץ, אויף יענער אונבעשטימטער, געהיימניספולער, גרויסער גע־היימניס פון ליעבע, אויף וועלכער איהר פאַטער האָט איהר פריהער, אין אַ פּאָאַר פאַרלעגענע ווערטער, אַנגעדייטעט.

זי האָט ניט געהערט קיין טריט אויף די טרעפּ, אָבער פּלוצים האָט זי דערהערט, ווי אימיצער האָט דריי מאָל לייכט אַנגעקלאַפּט אין טהיר. זי האָט זיך גענומען טרייסלען מיט'ן גאַנצען קער־פּער און ניט געענטפערט. מען האָט ווידער אַנגעקלאַפּט, דערנאָך האָט דער שלאָס אַ סקריפּע געטהאָן. זי האָט בעהאַלטען דעם קאָפּ אונטער דער דעקע, עפּעס אַזוי ווי אַ גנב וואָלט זיך דאָ אַריינ־געריסען. לייכטע טריט האָבען זיך געהערט אויפ'ן פּאַרקעט, און פּלוצים האָט זיך אימיצער אַנגערירט אַן איהר בעט.

אַ נערוועזער שרעק איז אויף איהר אַנגעפאַלען. זי האָט אַזש פערשטיקט אַ געשריי געטהאָן. און ווען זי האָט דעם קאָפּ פון דער דעקע אַרויסגערוקט, האָט זי דערזעהן פאַר זיך זשוליען, וועלכער איז געשטאַנען און איהר אַנגעקוקט:

— דו האָסט מיך אַזוי דערשראָקען — האָט זי געזאָגט.

ער האָט געענטפערט:

— דו האָסט מיך ניט ערוואַרטעט?

זי האָט געשוויגען. ער איז געווען אַנגעטהאָן אין פראַק און האָט אויסגעזעהן אַזוי שעהן מיט דעם ערנסטען אויסדרוק אויפ'ן פּנים. זי האָט זיך שטאַרק פערשעהמט, וואָס זי ליגט אַזוי אויס־געצויגען אין בעט פאַר דעם דאָזיגען עלעגאַנטען געקליידעטען מאַן.

זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו רעדען און וואָס צו טהאָן אין דער דאָזיגער ערנסטער, ענטשיידענער שטונדע, פון וועלכער עס העננט אָפּ דאָס גליק פון אַ גאַנץ לעבען. און האָבען ניט גע־וואגט אפילו זיך אָנצוקוקען.

ער האָט אפשר אונבעשטימט געפיהלט, וואָס פאַר אַ געפאַהר עס ליגט אין דעם דאָזיגען קאַמפּף און וואָס פאַר אַ שטאַרקע זעלבסט־בעהערשונג, וואָס פאַר געשיקטע צערטליכקייט עס זיינען נויטיג, אום ניט צו פערלעצען די צאַרטע געפיהלען, די שאַנדע פון אַ ריינער, אונבעריהרטער, טרוימערישער.

ער האָט פאַרזיכטיג גענומען איהר האַנד, זי אַ קוש געטהאָן, זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די קניע פאַר איהר בעט, ווי פאַר אַן אַלטאַר, און געזאָגט שטיל:

— ווילסטו מיך ליעבען?

זי האָט זיך פּלוצים בערוהיגט און אויפגעהויבען איהר קע־פּעלע אין אַ שפּיצענער הייבעל, האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

— איך האָב דיך שוין ליעב, מיין פריינד!

ער האָט צוגעטראָגען די קליינע צאַרטע פינגער פון זיין פרוי צו די ליפּען און גענומען רעדען מיט אַ פערשטיקט קול:

— ווילסטו מיר בעווייזען, אַז דו האָסט מיך ליעב?

זי האָט זיך דערמאָנט אויף איהר פאָטער'ס ווערטער און געענטפערט ווידער אין גאַנצען צומישט און ניט פערשטעהענדיג קלאָהר, וואָס זי זאָגט:

— איך בין דיינע, ליעבער פריינד!

ער האָט בעדעקט איהר האַנד מיט פייכטע קושען, און לאַנג־

זאָם אויפגעשטאַנען און זיך צוגערוקט צו איהר פּנים, וועלכען זי האָט ווידער געזוכט צו בעהאַלטען.

פלוצים האָט ער ארומגעכאַפּט זיין פרוי, מיט איין האַנד איבער דער דעקע, בעת די אַנדערע האָט ער אריינגערוקט אונטער'ן קישען. ער האָט עס אויפגעהויבען צוזאַמען מיט איהר קאָפּ און געפרעגט גאַנץ שטיל:

— ווילסטו מיר מאַכען אַ שטיקעל פּלאַץ נעבען דיר?

זי האָט געקראַגען מורא, אינסטינקטיווע מורא און גענומען שטאַמלען:

— אַה, ניט איצט, איך בעט דיר!

ער האָט געשיינט צו זיין ענטוישט, עטוואָס אבגעקיהלט און ווידער גענומען, הגם נאָך מיט אַ בעטענדיגען טאָן, אבער שוין עטוואָס שטרענגער, ריידען:

— וואָרום שפּעטער, מיר וועלען עס דאָך סיי ווי טהאָן.

זי איז געוואָרען בייז פאַר די דאָזיגע ווערטער, דאָך האָט זי געזאָגט אונטערוויירפיג:

— איך בין דיינע!

דאָ איז ער שנעל פערשוואונדען אין טואַלעט צימער און זי האָט נאָך דייטליך געהערט זיינע בעוועגונגען, דאָס אויסטהאָן פון קליידער, דאָס קלינגען פון געלד אין קעשענע און דעם קלאַפּ פון אויסגעטהאַנענע שיך.

און פּלוצים איז ער אין איילעניש אריינגעקומען אין אונ־טערוועש, אין איינע זאָקען אויף די פיס. ער האָט אוועקגעלייגט זיין זייגער אויפ'ן קאַמין, דאן האָט ער זיך אומגעקעהרט, איז אריינגעלאָפען אין צווייטען צימער, האָט זיך דאָרט נאָך אַ ווײַלע ארומגעדרעהט, און זשאַננאַ האָט זיך שנעל אַ וואַרף געטהאָן אויף דער אַנדער זייט בעט און צוגעמאַכט די אויגען, ווי זי וואָלט גע־פיהלט, אַז ער קומט.

זי האָט זיך אַ הויב געטהאָן, ווי זי וואָלט וועלען פון בעט ארויסשפּרינגען, און דאָ האָט זי פלוצים דערפיהלט, ווי צו איהר

פוס האָט זיך צוגערוקט אַן אַנדער פוס, אַ קאַלטע און אַ האַאַריגע. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן קאָפּ מיט ביידע הענד, בעריט צו שרייען פאַר אַנגסט און ענטזעצען און האָט זיך בעגראָבען וויט אין בעט אריין.

ער האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס, הגם זי האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט מיט'ן רוקען, און צורייצט געקושט איהר האַלז, די לויזע שפּיצען פון איהר נאַכט הייבעל און דעם אויסגענעהטען קראַגען פון איהר העמד.

זי האָט זיך ניט בעוועגט, שטאַר פאַר שרעק. פּלוצים האָט זי דערפיהלט אַ קרעפטיגע האַנד, וועלכע האָט זיך געצויגען צו איהר ברוסט... ביי דער דאָזיגער גראָבער בעריהרונג האָט איהר האַרץ גענומען האַסטיג קלאַפּען. דער כעס האָט זי געשטיקט. עס האָט זיך איהר געוואָלט אויפשפּרינגען פון בעט, אַנטלויפען וואו עס איז וויט, וויט אַוועק, און זיך בעהאַלטען פון דעם דאָ־זיגען מאַן.

ער האָט אויפגעהערט זיך צו בעוועגען. זי האָט געפיהלט זיין וואַרימקייט אין רוקען. און פּלוצים איז איהר שרעק פערשוואונדען און זי האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז זי דאַרף זיך בלויז אומדרעהען, כדי איהם אַרומצונעהמען. צום סוף איז ער געוואָרען אונרוהיג און געזאָגט מיט אַ אומעדיג קול:

— ווילסטו דען ניט זיין מיין קליינע פרוי?

זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט פון צווישען די פינגער: „בין איך דען נאָך ניט?" ער האָט געענטפערט שטיל און עטוואָס צורייצט:

— איך בעט דיך, טרייב איצט ניט קיין שפּאַס.

זי איז געוואָרען צושראָקען פון זיין אונצופריעדענעם טאָן און האָט זיך פּלוצים אַ קעהר געטהאָן, אום איהם צו בעטען פערציהונג. ער האָט זי האַסטיג אַ כאַפּ געטהאָן, ווי אַ הונגעריגער זיך אויף איהר אַ וואָרף געטהאָן און בעדעקט איהר פּנים, איהר האַלז מיט בייסענדע, ווילדע קושען. ער האָט זי פערטויבט

מיט זיינע לאַסקעס. זי האָט געפּענט די הענד און איז געבליבען ווי אַ טויטע פון זיין איבערפאַל. זי האָט ניט געוואוסט מעהר וואָס זי טהוט, וואָס ער טהוט, עס האָט זיך איהר געדאכט, אַז זי האָט איהר זינען פערלאָרען.

וואָס דערנאָך איז געשעהן? זי האָט עס אויך קלאָהר ניט געוואוסט. עס האָט זיך איהר געדאכט, אַז ער האָט בעשאָטען איהרע ליפּען מיט דאַנקבאַרע קושען. דאַן האָט ער מיט איהר גערעדט און זי האָט געענטפערט. ער האָט ווידער פּרובירט זיך צו איהר דערנעהענטערען, אָבער זי האָט איהם מיט שרעק צוריקגע־שטויסען און צום סוף, אַ מיעדער פון די אומזיסטע אָנשטרענגונ־גען, איז ער געבליבען ליגען אויפ'ן רוקען אַהן שום בעוועגונג.

דאָ האָט זי גענומען נאָכדענקען. פּערצווייפעלט ביז אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון איהר נשמה, ענטוישט אין די פריידען פון ליעבע, וועלכע זי האָט זיך אין איהרע טרוימען גאַנץ אַנדערש געמאָהלען, אין דער זיסער ערוואַרטונג, וועלכע איז אויף אייביג פערשוואונדען, האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין: — אָט דאָס הייסט ביי איהם ווערען זיין פרוי! אָט דאָס! אָט דאָס!

לאַנג איז זי אַזוי געלעגען אַ פּערצווייפעלטע און איהרע בלי־קען האָבען געבלאָנדזשעט איבער די טאַפּעטען, איבער דער אַלטער ליעבעס־לעגענדע אויף די וואַנד פון איהר צימער.

און געזעהן, אַז זשוליען רעדט ניט מעהר און בעוועגט זיך ניט מעהר, האָט זי איהר בליק לאַנגזאַם אויף איהם איבערגע־טראָגען און דערזעהן, אַז ער שלאָפט. ער איז געשלאָפען מיט אַ האַלב אָפענעם מויל און אַ רוהיגען פּנים. ער איז געשלאָפען!

עס האָט זיך איהר ניט געוואָלט גלויבען. זי איז געוואָרען אויפגעבראַכט, האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון זיין שלאָפען נאָך מעהר, ווי פון זיין פריהערדיגער גראָבקייט. ווי אַזוי האָט ער אין אַזאַ נאַכט געקענט שלאָפען?

וואָס צווישען זיי איז געשעהן איז אַלזאָ פאַר איהם ניט גע־ווען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. אַך, עס וואָלט איהר ליעבער

גענוען, ווען ער זאָל איהר האָבען געשלאָגען, געמוטשעט, געקוועלט מיט זיינע ווילדע לאַסקעס ביז צו בעוואוסטלאָזיגקייט.

אַנגעשפּאַרט אויפ'ן עלענבויגען און צוגעבויגען צו איהם, איז זי געבליבען אונבעוועגליך און האָט זיך צוגעהערט צו זיין אָטהעם, וועלכער איז מאַנכעס מאָל אריבער אין אַ כראָפּען.

עס איז טאָג געוואָרען, צוערשט גרוי, דאַן העלער, דאַן רויז פאַרביג, דאַן בלענדענד העל.

זשוליען האָט געעפענט די אויגען, אַ גענעץ געטהאַן, אויסגע־צויגען די הענד, אַ קוק געטהאַן אויף זיין פרוי און געפרעגט מיט אַ שמייכעל:

— האָסטו גוט געשלאָפען, מיין טהייערע?

זי האָט געענטפערט:

— יא, און דו?

— אויסגעצייכענט!

דאַן האָט ער זיך אומגעקעהרט צו איהר, זי אַ קוש געטהאַן און גענומען רוהיג פּלוידערען.

ער האָט איהר ערקלעהרט דעם פּלאַן פון זיין לעבען און האָט עפּעס גערעדט פון שפּאָרזאַמקייט און אזוי ווי ער האָט דאָס דאָזיגע וואָרט עטליכע מאָל ווידערהאָלט, האָט דאָס זשאַננאַ'ן פערוואונ־דערט. זי האָט איהם אויסגעהערט, הגם זי האָט אויגענטליך ניט קלאָהר פערשטאַנען, וואָס ער רעדט דאָרט. זי האָט אויף איהם געקוקט און געטראַכט פון טויזענד אַנדערע זאַכען.

עס האָט געשלאָגען אַכט אַזייגער.

— אַה, מיר מוזען אויפשטעהן — האָט ער זיך אַ כאַפּ גע־טהאַן — מיר וועלען זיך מאַכען לעכערליך, ווען מיר בלייבען ליגען אזוי לאַנג.

ער איז דער ערשטער אויפגעשטאַנען; און ווען ער האָט זיך אָנגעטהאַן, האָט ער העפליך געהאָלפען זיין פרוי, און ניט געלאָזט רופען ראָזאַליע'ן.

זשאננא האט זיך געוויזען ערשט צום פריהשטיק, און דער טאג איז אוועק ווי געוועהנליך, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין נייעס ניט געשעהן. עס איז נור געווען נאך א מענש אין הויז.

V.

אין פיער טעג שפעטער איז געקומען דער דיליזשאנס, וועל־כער האט זיי געזאלט ברענגען קיין מארסעל.

נאך די שרעקען פון דער ערשטער נאכט, האט זיך זשאננא ביסלעכווייז צוגעוועהנט צו זשוליען, צו זיינע קושען, צו זיינע לאסקעס, הגם איהר עקעל צו זייערע מעהר אינטימע פערהעלטניסע האט זיך נאך ניט געמינדערט.

ער איז געווען א שעהנער יונג און זי האט איהם ליעב געהאט; זי איז ווידער געווארען פרעהליך און גליקליך.

דאס זעגענען זיך מיט די עלטערען איז געווען קורץ און אהן טרויער, נור די באראנעסע האט געשיינט צו זיין שטארק בעוועגט, און אין דעם מאמענט, ווען דער דיליזשאנס האט זיך גענומען ריהרען, האט זי אין איהר טאכטער'ס הענד אריינגעלעגט א גרויסען געלד־בייטעל, וועלכער איז געווען שווער ווי בליי, מיט די ווערטער:

— דאס איז פאר דיינע קליינע הוצאות אלס יונגע פרוי.

זשאננא האט איהם אריינגעלעגט אין איהר האנד־טעשעל, און די פערד האבען זיך א לאז געטהאן.

פארנאכט האט זשוליען געפרעגט:

— וויפיעל האט דיר דיין מוטער אריינגעלעגט אין דעם געלד־בייטעל?

זי האט אן דעם געהאט אין גאנצען פערגעסען און האט אויסגעשאטען דאס געלד צו זיך אויפ'ן שויס. א שטראם געלד האט זיך א גאס געטהאן: צוויי טויזענד פראנק! זי האט א

פּאַטש געטהאַן מיט די הענד: — דערמיט וועל איך טהאָן אַ סך נאַרישקייטען. און דאַן צוריק דאָס געלד צוגענומען.

נאָך אַ אכט־טאָגיקער רייזע אין מורא'דיגע היצען, זיינען זיי אָנגעקומען אין מאַרסעל.

און אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זי אַ קליינע שיף „קעניג לודוויג" אָוועקגעפיהרט קיין קאָרסיקאַ.

קאָרסיקאַ! קאָרסיקאַ מיט איהרע רויבער, מיט איהרע בערג! קאָרסיקאַ, דער טרוים פון די דיכטער! די היימאַטה פון נאַפּאָ־לעאָן! זשאַננאַ'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי לעבט ניט מעהר אין דער ווירקליכקייט, נור אין אַ חלום.

זייט ביי זייט זיינען זיי געשטאַנען אויפ'ן דעק און געקוקט, ווי עס לויפען פאַרביי די ברעגעס פון פּראָוואַנס. דער אונבעוועג־ליכער ים, אַ העל־בלויער, עפּעס אַזוי ווי אַ פערהאַרטעוועטער אין דעם הייסען ליכט פון דער זון, האָט זיך אויסגעשטרעקט אונטער דעם אונענדליכען אַזור־בלויען הימעל.

זי האָט געזאָגט:

— געדענקסטו נאָך, ווי מיר זיינען געפאָהרען שפּאַציערען מיט דעם אַלטען לאַסטיק אויף זיין שיפעל?

אַנשטאָט צו ענטפערען, האָט ער זי שנעל אַ קוש געטהאַן אין אויער.

די רעדער פון דער שיף האָבען געקלאַפּט דאָס וואַסער און געשטערט זיין טיעפען שלאָף, און הינטער זיי האָט זיך געצויגען אַ ברייטער פּאַס שוים, ווי אַ לאַנגע, ווייסע גאַס, אין וועלכער דאָס צורודערטע וואַסער האָט געקאָכט ווי שאַמפּאַניער.

פּלוצים האָט נעבען פאָדערשטען טהייל, בלויז אַ פּאָר קלאַפּ־טער פון שיף, אַ שפּרונג געטהאַן אַ ריעזיג גרויסער פיש, אַ דעל־פין, פון וואַסער אַרויס. ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאַן און, מיט'ן קאָפּ אין פאָראויס, איז ער ווידער אין וואַסער פערשוואונדען. זשאַננאַ האָט זיך דערשראָקען, האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיך אַ וואָרף געטהאַן צו זשוליען אויף דער ברוסט. באַלד אָבער

האט זי געלאכט פון איהר שרעק און אונרוהיג געקוקט, צו בעוויזט זיך ניט ווידער דער פיש. אין א פּאר מינוטען איז עס ווידער ארויסגעשפּרונגען, ווי א גרויסע שפּיעלצייג, און גלייך ווידער זיך אונטערגעטויכט. דערנאך האט עס זיך אויף דאס נייע בעוויזען איבער'ן וואסער, באלד זיינען געווען צו זעהן צוויי, דאן דריי, דאן גאנצע זעקס שטיק. זיי האבען ארומגעשפּרונגען ארום דער שיף, זייער מעכטיגען ברודער, דעם הילצערנעם שיף מיט זיינע אייזערנע זשעברעס, ווי זיי וואלטען איהם וועלען בעגלייטען.

זיי האבען זיך געוויזען דא אויף דער רעכטער זייט פון שיף, און דא אויף דער לינקער, מאנכעס מאל אלע צוזאמען און מאנכעס מאל איינער נאכ'ן אנדערען, ווי אין א פרעהליכען שפּיעל; מיט איין מעכטיגען שפּרונג האבען זיי זיך אויפגעהויבען איז דער לופטען איבער'ן וואסער און גלייך ווידער אונטערגעטויכט און אין וואסער פערשוואונדען.

זשאננא האט גענומען פּאטשען מיט די הענד און יעדעס מאל אויפגעציטערט א גליקליכע, ווען די ריעזען גרויסע פיש האבען זיך בעוויזען. איהר הארץ האט געקלאפּט אין משוגענער קינדער־שער פרייד.

פּלוצים זיינען זיי פערשוואונדען. מען האט זיי נאך איין מאל געזעהן גאנץ ווייט אויף דעם אפענעם ים, און דאן ניט מעהר. א ווייל איז זשאננא צוליעב דעם געווען אומעדיג.

דער אבענד איז אנגעפאלען. א שטילער, רוהיגער אבענד, פול ליכטיגקייט און פריעדען. קיין זאך האט זיך ניט בעוועגט, ניט אין דער לופטען און ניט אין וואסער. די דאזיגע אונענדליכע רוהע פון ים און פון הימעל האט זיך אויך איבערגעגעבען די הער־צער.

ד זון האט זיך לאנגזאם ארונטערגעלאזען צו דער אונזיכט־בארער אפריקא, וועמעס אנגעברענטע ערד מען האט שוין עפּעס אזוי ווי פון ווייטען געפיהלט. א פריש ווינטעל האט גענומען לאסטשען דאס פּנים, ווי נור די זון איז אונטערגעגאנגען.

זיי האָבען ניט געוואָלט געהן אין דער קאַיוטע, וואו עס האָט געשמעקט מיט פערשיעדענע אונאַנגענעהמע רוחות פון דער שיף, און איינגעוויקעלט אין די מאַנטלען האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אויפ'ן דעק איינער נעבען צווייטען. זשוליען איז גלייך איינגע־שלאָפען, אָבער זשאַננא, וועמען די נייקייט פון דער רייזע האָט גערייצט און אויפגערעגט, איז געבליבען ליגען מיט אָפענע אויגען. דער גלייכמעסיגער גערויש פון די רעדער האָט זי פערוויעגט, און איבער זיך האָט זי געזעהן מיליאָנען שטערען, בליסטשענדיג און פינקלענדיג אין דעם ריינעם, ווי דורכזיכטיגען, זידליכען הימעל.

עס איז שוין גרויסער טאָג געוועזען, ווען זי איז אַנדרימעלט געוואָרען. א ליאַרעם און שטימען האָבען זי אויפגעוועקט. די מאַטראָזען האָבען זינגענדיג דאָס שיף גערייניגט. זי האָט אויפגע־וועקט איהר מאַן און זיי זיינען אויפגעשטאַנען.

דורשטיג האָט זי איינגעזויגען אין זיך די געזאַלצענע ים לופט, וועלכע האָט זי דורכגענומען ביז צו די שפּיץ־פינגער. אַר־מעדום האָט זיך געזעהן בלויז דער ים, און אין דער אייגענער צייט האָט פאר'ן שיף זיך עטוואָס איבער די כוואַליעס געטראָגען. עט־וואָס גרויעס, אונבעשטימטעס, ווי שטיקער אַנגעוואָרפענע וואָל־קענס.

דערנאָך איז דאָס אַלעס דאָרט געוואָרען אַלץ דייטליכער און דייטליכער; אין דעם בלייבען שיין פון דעם ערוואַכענדען טאָג האָט זיך אָבגעצייכענט א לאַנגע רייהע פון שאַרפע, משונה'דיגע בערג: דאָס איז געווען קאָרסיקאַ, פערשלייערט ווי מיט א לייכטען נעבעל. און מיט אַמאָל איז די זון אויפגעגאַנגען. די שפּיצען פון די בערג זיינען אויף א ווײַלע ווי מיט שאָטענס בעדעקט געוואָרען, דערנאָך האָבען זיי זיך אַלע אָנגעצונדען, אויפגעפלאַמט, בעת דער איבעריגער טהייל פון אינזעל איז נאָך אין נעבעל געלעגען.

דער קאַפּיטאַן, אַן אַלטער קליין־געוואַקסענער מאַן, דונקעל־ברוין פון ווינד און וועטער, איז ארויף אויפ'ן דעק און מיט זיין שטימע, וואָס איז הייזעריג געוואָרען פון די דרייסיג יאָהר קאַ־

מאַנדעווען און דאָס שרייען אין שטורם, האָט ער געזאָגט צו זשאַננאַ'ן:

— הערט איהר ניט דעם גערויש פון דער אַלטער, שעהנער לאַנד?

זי האָט אַ ציה געטהאָן דעם אָטהעם און ווירקליך איינגעזויגען אין זיך עפּעס אַן אונבעקאַנטען, מאָדנעם, שטאַרקען גערוך פון פּלאַנצען.

דער קאַפּיטאַן האָט ווידער גערעדט:

— דאָס איז קאָרסיקאַ, זי שמעקט עס אַזוי! אַ גאַנץ בעזונדער פּאַרפיום, ווי ביי אַ שעהנער פרוי! ווען איך זאָל צוואַנציג יאָהר דאָרט ניט זיין, וואָלט איך עס פּאָר פינף מייל גלייך דערקענט. איך קום פון דאָרט. ער, דאָרט, אויף סענט העלענאַ, זאָגט מען, רעדט שטענדיג פון די שמעקעדיגע רוחות פון זיין היימאַטה. ער, דאַרפט איהר וויסען, שטאַמט פון מיין פאַמיליע.

און דער קאַפּיטאַן האָט אַרונטערגענומען דעם הוט, אום צו בעגריסען קאָרסיקאַ. דאַן האָט ער זיך פערנויגט אויך אין יענער זייט, וואו ווייט הינטער'ן אָקעאַן האָט זיך געפונען דער גרויסער געפאַנגענער קייזער, וועלכער איז געווען זיינער אַ קרוב.

זשאַננאַ איז געוואָרען אַזוי גערירט, אַז זי האָט זיך שיער ניט צו־וויינט.

זשוליען איז געשטאַנען נעבען זיין פרוי, האָט זי געהאַלטען אַרומגענומען אַרום טאַליע און ביידע האָבען געקוקט אין דער ווייטקייט, כדי צו זעהן קאָרסיקאַ.

צום סוף האָבען זיי דערזעהן עטליכע פעלזען אין דער פאָרמע פון פּיראַמידען, וועלכע דאָס שיף איז גלייך אַרומגעגאַנגען און איז אַריין אין אַ מעכטיגען בוזעם פון ים, אַרומגערינגעלט פון אַ מאַסע ניט הויכע בערג, וועמעס אונטערשטע טהיילען זיינען ווי מיט מאָך בעדעקט געווען.

דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעוויזען אויף דאָס גרינס און געזאָגט:

— דאָס רופט מען „מאַך!"

וואָס מעהר זיי זיינען צום לאַנד צוגעקומען, אַלץ מעהר האָט זיך געדאַכט, אַז די בערג רינגלען די שיף אַרום. און די שיף איז לאַנגזאַם געשוואוּמען איבער די בלויע וואַסערען, וועלכע זיינען געווען אַזוי דורכזיכטיג, אַז מען האָט אַפּט געקענט זעהן דעם גרונט.

פּלוצים האָט אונטער'ן האַפען און פון אונטען אונטער די בערג, אַרויסגעטראַטען די שטאָדט אין גאַנצען אַ ווייסע.

אין האַפען זיינען געלעגען פעראַנקערט אַ פּאָר קליינע איטאַ־ליענישע שיפען. פיער אָדער פינף קליינע שיפלאַך האָבען אַרומ־גערינגעלט דעם „קעניג לודוויג", אום זיינע פּאַסאַזשירען אַרונ־טערצונעהמען.

זשוליען, וועלכער האָט צוזאַמענגעקליבען זייער באַגאַזש, האָט שטיל געפרעגט זיין פרוי:

— דענקסטו ניט, אַז עס איז גענוג צו געבען דעם סטיואַרט צוואַנציג סו?

זייט אַכט טאָג האָט ער אימער ביי איהר געפרעגט אַזעלכע עצות און זי האָט יעדעס מאָל געליטען פון דעם:

— אַז מען וויים ניט צו מען גיט גענוג, גיט מען בעסער מעהר!

ער האָט זיך געהאַלטען אין איין אַרומרייסען מיט די בעלי־הבתים און די קעלנער פון די האָטעלען, מיט די קוטשערס און אַלע מענשען, פון וועלכע ער האָט עפּעס געקויפט. און ווען עס האָט זיך איהם איינגעגעבען ביי זיי עפּעס אַראָבצודינגען, האָט ער זיך געריבען די הענד און יעדעס מאָל געזאָגט צו זשאַננאַ'ן:

— איך האָב פיינט, אַז מען נאַרט מיך!

זי האָט זיך אימער געטרייסעלט, ווען מען האָט געבראַכט אַ רעכנונג. זי האָט שוין געוואוסט, אַז איהר מאַן וועט האָבען וואָס צו זאָגען וועגען יעדער ציפער. דאָס דאַזיגע שאַכערן און קאַשע־נירען האָט זי ערניעדריגט און זי פלעגט רויט ווערען אונטער דעם

בעראַכטענדען בליק פון די דיענער, וועלכע האָבען נאָכגעקוקט איהר מאַן מיט שפּאָט, האַלטענדיג דאָס צו קליינע טרינק געלד אין האַנד. און איצט האָט ער זיך ווידער געקריעגט מיט דעם שיפער, וועלכער האָט זיי צוגעפיהרט צום לאַנד.

די ערשטע בוים, וואָס זי האָט געזעהן, איז געווען אַ פּאַלמע.

אין אַ גרויסען, לעדיגען האָטעל, אויפ׳ן ראָג פון אַ סקווער, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און געהייסען דערלאַנגען פריהשטיק.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען און זשאַננא איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט געהן אַ ווײַלע זיך ארומבאַלאַנקען איבער׳ן שטאָדט, האָט זשוליען זי אַנגענומען פאַר אַן ארעם און איהר צערטליך אריינגעשושקעט אין אויער אריין:

— לאָמיר זיך געהן אַביסעל צולייגען, מיין טהייערע.

זי איז געוואָרען פערוואונדערט:

— שלאָפען? אָבער איך בין ניט מיעד.

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך:

— איך וואָלט וועלען... פערשטעהסט דען ניט? שוין צוויי טעג...

זי איז רויט געוואָרען, ווי פייער, פאַר שאַנדע און געשטאַמעלט:

— אָבער איצט, וואָס וועט מען פון אונז דענקען? וואָס וועלען מענשען זאָגען? דו קענסט דאָך ניט איצט, אין מיטען העלען טאָג, פערלאַנגען אַ צימער. איך בעט דיר, זשוליען...

אָבער ער האָט איהר איבערגעשלאָגען די רייד:

— מיר איז גאַנץ גלייכגילטיג, וואָס די לייטע אין האָטעל וועלען זאָגען אָדער דענקען. דו וועסט גלייך זעהן, וויפיעל איך רעכען זיך מיט זיי. — און ער האָט אָנגעקלונגען.

זי האָט מעהר גאַרניזשט געזאָגט, האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען, אַן אויפגעבראַכטע פון דעם דאָזיגען אונאויפהערליכען פערלאַנג פון איהר מאַן. מיט עקעל האָט זי זיך אונטערגעגעבען צו זיין ווילען, אָבער זי האָט זיך דערביי געפיהלט ערניעדריגט.

בעליידיגט, און האָט אויף דעם געקוקט, ווי אויף עטוואָס טיערי־שעס, ערניעדעריגענדעס, שמוציגעס.

איהרע געפיהלען זיינען נאָך געשלאָפען, און ער האָט זי בעהאַנדעלט, ווי זי וואָלט זיינע ליידענשאַפטען געטהיילט.

ווען דער קעלנער איז געקומען, האָט זשוליען פערלאַנגט, ער זאָל זיי אריינפיהרען אין זייער צימער. דער מאַן, אַן אמת'ער קאָר־סיקאַנער, בעוואַקסען ביז צו די אויגען, האָט ניט פערשטאַנען און געזאָגט, אַז ביז נאַכט וועט מען פאַר זיי אָנגרייטען אַ צימער.

אָבער זשוליען איז געוואָרען אונגעדולדיג און ערקלעהרט:

— ניין, גלייך, מיר זיינען מיעד פון דער רייזע און ווילען זיך אויסרוהען.

דאַ האָט אויף דעם פּנים פון דיענער זיך בעוויזען אַ שמייכעל און זשאַננאַ'ן האָט זיך געוואָלט אַנטלויפען.

ווען זיי זיינען אין אַ שטונדע ארום צוריק ארונטערגעקומען, האָט זי ניט געוואָגט אויפצוהויבען די אויגען אויף די לייטע, וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זיי לאַכען און פליסטערען הינטער איהר רוקען. טיעף אין הארצען איז זי בייז געווען אויף זשוליען פאַר וואָס ער פערשטעהט זי ניט, פאַר וואָס ער האָט ניט קיין חרפּה און ניט קיין טאַקט; צווישען זיך און איהם האָט זי געפיהלט עפּעס ווי אַ שלייער, אַ אָבגרונד, און צום ערשטען מאָל האָט זי דערזעהן, אַז צוויי מענשען קענען קיינמאָל ניט אריינדרינגען איינער דעם אַנדערען אין דער נשמה, קענען ניט אויספאָרשען די געדאַנקען אין זייער גאַנצער טיעפקייט, אַז זיי קענען אַ גאַנץ לעבען געהן צוזאַמען, אמאָל זאָגאָר שטייף ארומגענומען און דאָך זיך ניט צוזאַמענגיסען, און אַז דאָס טיעפסטע, דאָס הייליגסטע אין אונז בלייבט אימער אליין, איינ־זאַם.

זיי האָבען אָבגעלעבט דריי טעג אין דער קליינער שטאָדט.

דאַן האָבען זיי אויסגעמאַכט אַ רייזע פּלאַן, און, אום אויס־צומיידען אַלע שוועריגקייטען, האָבען זיי זיך בעשלאָסען צו דינ־

גען פערד. זיי האבען גענומען צוויי קליינע, שטארקע, קארסיקאנישע זשרעבצעס, מיט בלישצענדע אויגען, און איין מאל א פריהמארגען האבען זיי זיך געלאזט אין וועג אריין.

א פיהרער אויף א מוילטיער האט זיי בעגלייט און געטראגען זייערע עסענווארג, דען אין דעם דאזיגען ווילדען לאנד זיינען נישטא קיין גאסט־הייזער.

צוערשט איז דער וועג געלאפען ביים ברעג פון טייך און דאן איז זי פערשוואונדען אין א ניט גאר טיעפען טהאל, וואס האט געפיהרט צו הויכע בערג. מאנכעס מאל זיינען זיי פארבייגעפאהרען פאר כמעט אין גאנצען אויסגעטריקענטע קוואלען, און נור דאס רעשט ביסעל פון א וואסערעל האט נאך געזשורטשעט אונטער די שטיינער, ווי א בעהאלטענע חיה'לע.

די נישט פערבויטע לאנד האט אויסגעזעהן צו זיין זעהר פלאך. די אבהאנגען מיט הויכען גראז בעוואקסען, וואס איז שוין געל געווארען פון די גרויסע היצען. פון צייט צו צייט האט מען בעגעגענט אן איינוואהנער פון די בערג, אמאל צו פוס, אמאל אויף א קליין פערד, אדער רייטענדיג אויף אן עזעל, וועלכער איז ניט גרעסער געווען פון א הונד.

דער שארפער גערוך פון די אראמאטישע פלאנצען, מיט וועלכע דער אינזעל איז פול געווען, האט די לופט ווי געדיכטער געמאכט.

די גאס האט זיך געצויגען צווישען געדרעהטע בערג. די שפיצען פון רויטען אדער בלויליכען גראניט האבען דעם געגענד צוגעגעבען עטוואס צויבערהאפטעס. אויף די ניעדעריגערע פלעצער זיינען געווען ריעזיג־גרויסע קאשטאנען־וועלדער, וועלכע האבען אויסגעזעהן ווי קליינע בושעס אנטקעגען די געוואלדיג הויכע בערג און פעלזען.

פון צייט צו צייט האט דער פיהרער אויסגעשטרעקט די האנד צו איינעם פון די משופעה'דיגע בערג און אנגערופען זיין נאמען. זשאננא און זשוליען האבען ארויפגעקוקט און ניט געזעהן גאר־

נישט בעזונדערעס. שפּעטער אַ ווײַלע האָבען זיי בעמערקט עטוואָס גרויעס, ווי אַ הויפען שטיינער, וועלכע האָבען זיך אָבגעברעקעלט פון׳ם שפּיץ. דאָס איז געווען אַ דאָרף, אויסגעבויט פון גראַניט, און צוגעקלעבט דאָרט אויבען, אויף די ריעזיגע בערג, ווי אַ פויגעל נעסט.

די לאַנגע רייזע טריט ביי טריט איז זשאַננאַ׳ן דערעסען.

— לאָמיר אַביסעל שנעלער רייטען, האָט זי געזאָגט און אַ טריב געטהאָן איהר פערד; אָבער ווען זי האָט ניט געהערט איהר מאַן גאַלאָפּירענדיג נעבען זיך, האָט זי זיך אומגעדרעהט און גלייך האָט זי אויסגעשאָסען אין אַ הויכען געלעכטער. ער איז געפאָהרען הינטער איהר, אונטערשפּרינגענדיג אַזוי קאָמיש, אַ טויט בלייכער. און האַלטענדיג זיך קראַמפּפּהאַפט פאַר דעם פערד׳ס גריווע. צוליעב זיין שעהנהייט און זיין געשטאַלט פון אַן עלעגאַנטען רייטער, האָט זיין פייגהייט און אונגעשיקטליכקייט זיך נאָך שטאַרקער אין די אויגען געוואָרפען.

דאָן האָבען זיי גענומען לאַנגזאַמער טרייבען. דער וועג האָט איצט געפיהרט צווישען צוויי אונענדליכע רייהען בושעס. וועלכע האָבען דעם גאַנצען ברעג ווי מיט אַ מאַנטעל צוגעדעקט. דאָס זיינען געווען די קאָרסישע וועלדער, יענע אונדורכדרינגליכע, פערצווייגטע וועלדער פון די פערשיעדענסטע בוימער, וועלכע האָבען זיך צוזאַמענגעפלאָכטען איינס אין דאָס אַנדערע אַריינגעוואַקסען און צופּלאָנטערט, ווי האָאַר. דערצו האָבען זיך דאָ נאָך געפונען אַלערליי ווילדע וואַלד־בלומען, דערנער, פערשיעדענע קרייטיכער, און דאָס אַלעס האָט צוגעדעקט די רוקענס פון די בערג, ווי מיט אַ אונדורכדרינגליכער דעקע.

זיי האָבען זיך אויסגעהונגערט. דער פיהרער האָט זיי אָנגעזאָגט און זיי אַוועקגעפיהרט צו איינעם פון די וואונדערבאַרע קוואַלען, וועלכע מען טרעפט אַזוי אָפט אין די בערגיגע געגענדען. אַ שמאָלער אייז־קאַלטער וואַסער שטראַהל האָט זיך דורכגעבראָכען דורך אַ קליינעם שפּאַלט פון אַ פעלז און איז געלאָפען איבער אַ

בלאָט פון אַ קאַשטאַן, וועלכען עפּעס אַ פאַרבייגעהער האָט אוועקגעלייגט, כדי דאָס וואַסער זאָל בעקוועם אַריינפליסען גלייך אין מויל אַריין פון דעם דורשטיגען.

זשאַננאַ האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך, אַז זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען ניט צו שרייען פאַר פרייד.

זיך דערקוויקט מיט דאָס וואַסער, האָבען זיי זיך ווידער געזעצט אויף די פערד און זיינען אוועק, פאָהרענדיג אַרום און אַרום דעם גאָלף פון סאַגאָן.

אין אָבענד זיינען זיי דורכגעפאָהרען קאַרגען, אַ גריכישען דאָרף, וועלכער איז אַמאָל געגרינדעט געוואָרען פון אַנטלאָפענע, וואָס זיינען פון זייער פאַטערלאַנד פּערטריבען געוואָרען. ביי אַ ברונען זיינען געשטאַנען הויכע, שעהנע, שלאַנקע מיידלאַך מיט לענגליכע הענד, דינע טאַליעס און פול מיט גראַציע. זשוליען האָט צו זיי אַ געשריי געטהאָן גוטען אָבענד. זיי האָבען געענטפערט מיט אַ זינגענדען טאָן אין דער קלינגענדער שפּראַך פון זייער אַמאָליגער היימאַטה.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין פּיאַנאַ, האָבען זיי אין אַ הויז געמוזט בעטען גאַסט־פריינדשאַפט, ווי אין אַלטע צייטען אין די פערוואָרפענע געגענדען. זשאַננאַ האָט געציטערט פאַר פרייד, בעת זיי האָבען געוואַרט פאַר דער טהיר, אין וועלכער זשוליען האָט אָנגעקלאַפּט. יאָ, דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ רייזע, מיט אַלע איבערראַשונגען פון ניט אויסגעפּאָרשטע וועגען.

גראָד האָבען זיי געטראָפען צו אַ יונגע פאָר פאָלק. מען האָט זיי צוגענומען ווי אַ שליח פון הימעל. זיי האָבען געשלאָפען אויף מאַטראַצען פון מאַאיס אין אַן אַלט שטיבעל, די הילצערנע טהיילען פון וועלכער עס זיינען געווען צופרעסען פון ווערים. צווישען די צולעכערטע באַלקענס האָט זיך עפּעס אַזוי ווי כסדר געהערט אַ גערויש און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע שטיבעל לעבט און אָטהעמט.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, זיינען זיי ווידער אַרויסגעפאָהרען

און באַלד האָבען זיי זיך געפונען פאַר אַ וואַלד, אַן אמת'ן וואַלד פון רויטען גראַניט. דאָ זיינען געשטאַנען שפּיצען, זיילען, קירכען־טורעמס, וואונדערליכע געשטאַלטען, וועלכע די צייט, די שטורעמס און די נעבלען האָבען אויסגעשניצט.

די דאָזיגע וואונדערליכע פעלזיגע בילדער זיינען געוועזען דריי הונדערט מעטער הויך, שמאָל, קייַלעכדיג, שלאַנק, געדרעהט, אָהן בעשטימטע פאָרמען, פאַנטאַסטיש און זעלטזאַם. זיי זיינען עהנ־ליך געווען צו בוימער, פלאַנצען, חיות, מאָנומענטען, מענשען, מאַנאַכען אין לאַנגע מאַנטלען, טייוואָלים מיט הערנער, ריעזיגע פויגלען, אַ גאַנצע וועלט פון ניט גוטע, וועמען עפּעס אַ בייזער גאָט האָט אין שטיין פערוואַנדעלט.

זשאַננאַ האָט מעהר ניט גערעדט. איהר האַרץ האָט איהר געקלעהמט. זי האָט גענומען זשוליען'ס האַנד און זי גערריקט אין אַ בעדערפניס אימיצען צו פיהלען און צו ליעבען, וועלכע די וואונדערבאַרע שעהנקייט פון דער נאַטור האָט ביי איהר אַרויס־גערופען.

און פּלוצים, ווען זיי זיינען פון דעם דאָזיגען כאַאָס אַרויס, האָט זיך פאַר זייערע אויגען אויסגעשפּרייט אַ נייער ים בוזעם אַרום און אַרום, פון אַ בלוט־רויטער גראַניטישער וואַנד אַרומגע־רינגעלט.

אין די בלויע וואַסערען האָבען זיך געשפּיגעלט די פּורפּור־רויטע פעלזען.

זשאַננאַ האָט געשטאַמעלט:

— אַה, זשוליען!

זי האָט קיין ווערטער ניט געפונען, זי איז געווען שטאַרק גערירט פאַר בעוואונדערונג, אין האַלז האָט איהר געשטיקט. צוויי טרעהרען האָבען זיך אין איהרע אויגען בעוויזען. ער האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט און געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, קעצעלע מיינע?

זי האָט זיך אַבגעווישט די באַקען, אַ שמייכעל געטהאַן און געזאָגט מיט אַ שטיל, פערשטיקט, ציטערענדיג קול:

— גאָרנישט! איך בין נערוועז, איך ווייס ניט, עס מאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק! איך בין אַזוי גליקליך, אַז די קלענסטע זאַך ווירקט אויף מיר.

ער האָט ניט געקענט בעגרייפען די דאָזיגע ווייבערשע נער־וועזיטעט, זייערע ווייכע שטימונגען, זייער ענטהוזיאַזם און זייער בעגייסטערען זיך פאַר יעדער קלייניגקייט.

איהרע טרעהרען האָבען איהם אויסגעוויזען לעבערליך און אַזוי ווי ער האָט בלויז געטראַכט פון דעם שלעכטען וועג, האָט ער געזאָגט:

— גיב בעסער אַכטונג אויף דיין פערד!

אויף אַ כמעט אונגאַנגבאַרען וועג זיינען זיי אַרונטער ביז צום גאַלף. דאַן האָבען זיי זיך אַ קעהר געטהאַן רעכטס, אום דורכ־צופאַהרען דורך דעם דונקעלען טהאַל אָטאַ.

אָבער דער וועג איז געוועזען זעהר שווער. זשוליען האָט גע־מאַכט אַ פאָרשלאָג:

— לאָמיר פּראָבירען געהן צו פוס.

זי איז געוועזען צופריעדען. עס האָט איהר געפרעהט צו זיין מיט איהם אַליין נאָך דער שטימונג, וואָס זי האָט נור וואָס אי־בערגעלעבט.

דער פיהרער איז אוועק מיט די פערד פאָראויס און זיי זיינען לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען.

דער באַרג איז געוועזען צושפּאַלטען פון אויבען ביז אַרונטער. דער וועג האָט געפיהרט דורך איהם, צווישען צוויי געוואַלדיגע ווענד, און דערביי האָט געשטראָמט אַ וואַסער פון די באַרג אַרונ־טער. די לופט איז געוועזען אייז־קאַלט, דער גראַניט שוואַרץ און דער פּאַס בלויער הימעל איבער די קעפּ האָט אַרויסגערופען פער־וואונדערונג.

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ גערויש און זשאַננאַ האָט זיך

א טרייסעל געטהאן. זי האט א קוק געטהאן ארויף, א גרויסער פויגעל איז פון א שפאלט ארויסגעפלויגען. דאס איז געווען אן אדלער. זיינע אויסגעשפרייטע פליעגלען האבען געשיינט צו בעריהרען ביידע זייטען פון די וואנד און ער האט זיך אויפגעהויבען צום הימעל, וואו ער איז פערשוואונדען.

אביסעל ווייטער האט זיך דער שפאלט אין בארג צוטהיילט אויף צווייען; א קליין וועגעל איז געגאנגען זיגזאג צווישען צוויי אבגרונדען. זשאננא איז לייכט און זארגלאז געגאנגען אין פאראויס. אונטער איהרע פיס האבען זיך געשאטען קליינע שטיינדלאך, און אהן מורא האט זי זיך איינגעבויגען איבער דעם אבגרונד. ער איז געגאנגען נאך איהר אהן אטהעם, מיט די אויגען צו דר'ערד, אוים מורא דער קאפ זאל איהם ניט נעהמען שווינדלען.

פלוצים האט די זון א גאס געטהאן אויף זיי איהרע שטראהלען און זיי האט זיך געדאכט, אז זיי זיינען פון גיהנום צוריק אויף דער ליכטיגער וועלט ארוים. זיי זיינען דורשטיג געווען און א פייכטער שפור האט זיי דורך א לאבירינט פון שטיינער געבראכט צו א קליינעם קוואל, וועלכער איז בענוצט געווארען פון די ארומיגע פאסטוכער. ארום און ארום איז געווען געדיכטער מאך. זשאננא האט זיך ארונטערגעלאזען אויף די קניע, אום זיך אנצוטרינקען. זשוליען האט געפאלגט איהר ביישפיעל.

און ווען זיי זיינען אזוי געזעסען און דאס פרישע וואסער געטרונקען, האט ער זי ארומגענומען ארום טאליע און געזוכט איהר פון קוואל ארויסצושטופען. זי האט זיך געוועהרט; זייערע ליפען האבען זיך געטראפען, זיך געשטויסען און אבגעשטופט איינער דעם אנדערען. און בעת דעם דאזיגען קאמפף האט דא איינער און דא דער אנדערער אריינגעכאפט דעם שמאלען רער פון קוואל אין מויל אריין, פערשצימעט מיט די צייהן און איהם ניט געוואלט ארויסלאזען. דער קאלטער וואסער־שטראם, איבערגעהענדיג נאכאנאנד פון איין מויל אין דער אנדערער, האט זיי פערשפריצט די האלז, די קליידער, די הענד.

פּלוצים איז זשאננאַ'ן איינגעפאַלען אַ געדאַנק. זי האָט אָנ־געננומען אַ פול מויל מיט וואַסער, האָט אַנגעבלאָזען די באַקען, ווי אַן ענדיק, און אַ וואונק געטהאָן צו זשוליען, אַז זי וויל איהם לאָזען זיך אַנטרינקען פון איהר מויל. שמייכלענדיג, דעם קאָפּ אַבגעבויגען, מיט אָפענע אָרעמס, האָט ער צו איהר אויסגעשטרעקט די ליפּען און דורשטיג געטרונקען פון דעם דאָזיגען לעבעדיגען קוואַל, וועלכער האָט אין איהם אויפגעוועקט משוגע'נע פערלאַנגען.

זשאננאַ האָט זיך צו איהם צוגעטוליעט מיט אונגעוועהנליכער צערטליכקייט. איהר האַרץ האָט געקלאַפּט, איהר ברוסט האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָב, איהר בליק איז געווען ווייך און פייכט, און זי האָט געזאָגט שטיל:

— זשוליען... איך ליעב דיך! — און בעת ער האָט איהר צו זיך צוגעצויגען, האָט זי אַבגעבויגען איהר קאָפּ און בעהאַלטען איהר רויט, פערשעהמט פּנים איןביידע הענד.

ער האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן אויף איהר און זי אַרומגע־כאַפּט מיט היץ. אין נערוועזער ערוואַרטונג האָט זי שווער גע־אָטהעמט, און פּלוצים האָט זי אַרויסגעלאָזען אַ ווילדען געשריי... דער געפיהל, וואָס האָט איהר איצט דורכגענומען, האָט זי גע־טראָפען ווי אַ דונער.

זיי האָבען זיך לאַנג געשלעפּט ביז זיי האָבען דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, אַזוי אויפגערעגט איז זי געווען און אַזאַ שווער־קייט איז איהר אין די גליעדער געלעגען. ערשט אין אָבענד זיינען זיי אָנגעקומען אין עוויזאַ און האָבען זיך אַבגעשטעלט ביי פּאַאָלי פּאַלאַברעטטי, אַ קרוב פון זייער פיהרער.

ער איז געווען אַ הויכער מאַן, עטוואָס איינגעבויגען, מיט דעם טרויעריגען אויסדרוק פון אַ שווינדזיכטיגען. ער האָט זיי אַריינגעפיהרט אין זייער צימער, אַן אָרים פּוסט קעמערל, וועל־כער האָט זיך אין דעם לאַנד, וואו מען וויים ניט פון לוקסוס און קאָמפאָרט, גערעכענט פאַר דאָס בעסטע. און אין זיין שפּראַך,

אַ מיש־מאַש פון פראַנצויזיש און איטאַליעניש, האָט ער אויסגע־דריקט זיין פרייד, וואָס ער קען זיי אויפנעהמען ביי זיך.

דאַ האָט איהם אַ העלע שטימע אונטערבראָכען און אַ קליינע פויערטע, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט אַ פערברענט פנים פון דער זון, מיט אַ שלאַנקער טאַליע און לאַכעדיגע ציינער, האָט זיך צו זיי אַ ווארף געטהאָן, אַ קוש געטהאָן זשאַננאַ'ן, געדריקט זשוליען די האנד און געזאָגט:

— אַ גוטען טאָג, מאַדאַם! אַ גוטען טאָג, מיין הערר! וואָס מאַכט איהר?

זי האָט ביי זיי צוגענומען זייערע העט און שאַלען און עס אַלעס אוועקגעלייגט מיט איין האנד, ווייל די אנדער האנד האָט זי געטראָגען אויף אַ באַנד. דאַן האָט זי זיך אָבגערופען צו איהר מאַן:

— געה מיט זיי אביסעל שפאַציערען ביז צום עסען.

הערר פאַלאַברעטטי האָט גלייך געפאָלגט. ער האָט גענומען דאָס פּאָר פאָלק און איז מיט זיי אוועק זיי ציינען דעם דאָרף. ער האָט זיך קוים געשלעפּט, גערעדט לאַנגזאַם, אָפט געהוסט און אַלע ווייל ווידערהאָלט:

— די לופט אין טהאַל איז אַזוי קיהל, איך האָב דערפון גע־כאַפּט אַ לונגען־קראַנקהייט.

ער האָט זיי געפיהרט צווישען הויכע קאַשטאַנען־בוימער אויף אַ שמאָלען וועג. פּלוצים איז ער שטעהן געבליבען און געזאָגט אין זיין מאַנאָטאָנער אויסשפּראַכע:

— אָט דאַ איז דער'הרג'עט געוואָרען מיין שוועסטערקינד זשאַהן רינאַלדי. מאַטיע לארי האָט איהם געטויטעט. איהר זעהט, אָט דאַ, נעבען זשאַן'ען ביז איך געשטאַנען. ווען מאַטיע האָט זיך בעוויזען צעהן טריט פון אונז. „זשאַן" — האָט ער א געשריי גע־טהאָן, — זאָלסט ניט וואַגען צו געהן אין אַלבערטאַצשע, זאָלסט ניט וואַגען, אז ניט וועל איך דיר דער'הרג'ענען, זאָלסט עס וויסען".

איך האָב גענומען זשאַן׳ען פאַר אַ האַנד און געזאָגט: —
„זשאַן, געה ניט אהין, ער וועט האַלטען וואָרט“.

דאָס איז געווען צוליעב אַ מיידעל, וועלכע זיי האָבען ביידע געוואָלט.

אָבער זשאַן האָט געענטפערט:

— איך וועל געהן אַהין, מאַטיע, דו וועסט מיך דערפון ניט אָבהאַלטען.

דאַן האָט מאַטיע גענומען זיין ביקס און נאָך איידער איך האָב צייט געהאט אַ כאַפּ צו טהאַן מײַנעם, האָט ער אויסגעשאָסען.

זשאַן האָט אַ שפּרונג געטהאַן מיט ביידע פיס, ווי אַ קינד, וואָס שפּרינגט איבער אַ שטריק, און איז געפאַלען אויף מיר מיט׳ן גאַנצען קערפּער. דער ביקס איז ארויסגעפאַלען פון מיינע הענד און איז אָבגעשפּרונגען צו אַט יענעם קאַשטאַן־בוים.

ביי זשאַנ׳ען איז דער מויל געווען אָפען, אָבער ער האָט ניט ארויסגעבראַכט קיין וואָרט; ער איז געווען טויט.

די יונגע לייט האָבען צושראָקען אָנגעקוקט דעם רוהיגען עדות פון דעם דאָזיגען פערברעכען. זשאַננאַ האָט געפרעגט:

— און דער מערדער?

פּאָאָלי פּאַלאַברעטטי האָט זיך גוט אויסגעהוסט, דאַן האָט ער געזאָגט:

— ער איז אנטלאָפען אין די בערג. אין אַ יאָהר ארום האָט איהם מיין ברודער דערשאָסען. איהר ווייסט, מיין ברודער, פיליפּ פּאַלאַברעטטי, דער באַנדיט.

זשאַננאַ האָט זיך אַ טרייסעל געטהאַן:

— אייער ברודער איז אַ באַנדיט?

ביי דעם רוהיגען קאָרסיקאַנער האָבען די אויגען אַ בלישטשע געטהאַן מיט שטאָלץ:

— יא, און אַ בעריהמטער! ער האָט זעקס זשאַנדאַרען אומ־געבראַכט. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט ניקאָלאַ מאָראָלי, ווען די פּאָליציי האָט זיי ארומגערינגעלט אין ניאָלאָ. זעקס טעג

נאָכאַנאַנד האָט זיך געצויגען דער קאַמפּף, זיי זיינען כמעט אויס־געגאַנגען פון הונגער.

דאַן האָט ער גלייכגילטיג צוגעלייגט:

— אַזוי פיהרט זיך שוין ביי אונז אין לאַנד — און געזאָגט האָט ער עס מיט דעם זעלבען טאָן, ווי ער האָט פריהער געזאָגט: די לופט איז קיהל דאָ אין טהאָל.

נאָכדעם האָבען זיי זיך אומגעקעהרט אַהיים עסען און די קליינע קאַרטיקאַנערקע האָט זיי בעהאַנדעלט, ווי זי וואָלט זיי גע־קענט שוין אַ יאָהר צוואַנציג.

אָבער אַ געוויסע אונרוהיגקייט האָט זשאַננאַ'ן ניט אָבגע־לאָזען. ווען זי אין זשוליען'ס אָרעמס ווידער אַמאָל פיהלען די דאָזיגע זעלטזאַמע, פּלוצים'דיגע, ברענענדיגע הינרייסונג, וועלכע עס האָט זי בעהערשט אויפ'ן מאָך נעבען דעם קוואַל?

ווען זיי זיינען געבליבען אַליין אין צימער, האָט זי זיך גע־שראָקען, טאָמער בלייבט זי קאַלט אונטער זיינע קושען, אָבער באַלד האָט זי זיך בערוהיגט. און דאָס איז געווען איהר ערשטע ליע־בעס־נאַכט.

און אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען זיי האָבען געדאַרפט אוועק־פאָהרען, האָט זי ניט געקענט ביי זיך פועל'ן צו פערלאָזען דאָס דאָזיגע איינפאַכע הייזעל, וואו, ווי איהר האָט זיך אויסגעוויזען, זי האָט אַ נייעם גליק געפונען.

זי האָט אריינגערופען צו זיך אין צימער די קליינע קאַרסישע פרוי און איהר געבעטען, זי זאָל איהר זאָגען, וואָס אַזוינס זשאַננא קען איהר שיקען פון פאַריז אַלס אַנדענקען אַן דעם טאָג, וואָס זי האָט דאָ פערבראַכט.

— די יונגע פרוי האָט זיך לאַנג געוועהרט און גאַרנישט גע־וואָלט אַננעהמען. צום סוף האָט זי איינגעוויליגט און געזאָגט:

— גוט, שיקט מיר אַ פּיסטאָלעט, אַ גאַנץ קליינעם פּיסטאָ־לעט.

זשאַננא האָט ברייט אויפגעריסען די אויגען, און די צווייטע

האָט איהר גאַנץ שטיל אַריינגעשושקעט אין אויער, ווי זי וואָלט איהר אַנפערטרויט עפּעס אַ זיסען חלום:

— איך וויל מיין שוואָגער דערשיסען!

און שמייכלענדיג האָט זי אַראָבגענומען דעם באַנדאַזש פון איהר האַנד און געציינגט די רונדע, ווייסע פלייש, וועלכע איז אין אַ סך פלעצער געווען דורכגעשטאָכען מיט אַ סטילעטאָ.

— ווען איך וואָלט ניט געווען פונקט אזוי שטאַרק, ווי ער, וואָלט ער מיך געטויטעט. מיין מאַן איז ניט אייפערזיכטיג, ער קען מיך, דערצו איז ער קראַנק און דאָס מאַכט איהם רוהיג. אויסער דעם בין איך אַן אַנשטענדיגע פרוי. אָבער מיין שוואָגער גלויבט אַלעס, וואָס מען דערצעהלט איהם, ער איז אייפערזיכטיג פאַר מיין מאַן און ער וועט זיך זיכער מיט מיר ווידער אַנהויבען. ווען אָבער איך האָב אַ קליינעם פּיסטאָלעט, וואָלט איך געווען רוהיג, ווייל איך וואָלט וויסען, אַז איך קען זיך דאַן מיט איהם אָברע־כענען.

זשאַננאַ האָט איהר צוגעזאָגט צו שיקען דאָס געוועהר און צערטליך געקושט די נייע פריינדין. דאַן זיינען זיי אַוועק ווייטער.

די איבעריגע רייזע איז געווען ווי אַ טרוים, אַ לאַנגע אונ־אויפהערליכע לאַסקע. זי האָט מעהר גאָרנישט געזעהן, ניט די לאַנדשאַפט, ניט די מענשען, ניט די פּלעצער, וואו זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען, זי האָט בלויז געזעהן זשוליען.

דאָ האָט זיך פאַר איהר אַנגעהויבען אַ שעהנע צייט פון ליעבע און גליק, פון שפּיעלערייען און שטיפערייען. און זיי האָבען גערופען איינער דעם אַנדערען מיט טויזענד לאַסטשענדיגע נעמען.

ווען זיי זיינען אַנגעקומען אין באַסטיאַ, האָבען זיי געמוזט בעצאָהלען דעם פיהרער. זשוליען האָט גענומען זוכען ביי זיך אין די קעשענעס, און אזוי ווי ער האָט ניט געפונען דאָס נויטיגע געלד, האָט ער זיך אָבגערופען צו זשאַננאַן:

— דו דאַרפסט דאָך ניט האָבען די צוויי טויזענד פראַנק, וואָס

די מאמא האָט דיר געגעבען. גיב זיי מיר אוועק צו בעהאַלטען, ביי מיר וועלען זיי זיין זיכערער און אויסער דעם וועל איך ניט דארפען בייטען קיין געלד.

זי האָט איהם אָבגעגעבען דאָס געלד־בייטעל.

זיי זיינען אוועק איז ליוואָרנאָ, אין פלאָרענץ, אין גענוא, און אין אַ געוויסען פריה־מאָרגען, ווען אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען, זיינען זיי צוריקגעקומען אין מאַרסעל.

צוויי מאָנאַטען זיינען אוועק, זייט זיי האָבען פערלאָזען „די טאָפּאָליעס". עס איז געווען דער פופצעהנטער אָקטאָבער.

אונטער דעם איינדרוק פון'ם קאַלטען ווינד, וועלכער האָט געוועהט פון דער ווייטער נאָרמאַנדיע, איז זשאַננאַ געוואָרען אומעדיג.

זשוליען איז עפּעס גאָר אַנדערש געוואָרען זייט אַ געוויסער צייט, מיעד און גלייכגילטיג. זי האָט מורא געהאַט פאַר עפּעס און אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס.

זי האָט אָבגעלייגט זייער רייזע אַהיים נאָך אויף פיער טעג. עס האָט זיך איהר ניט געוואָלט פערלאָזען די דאָזיגע וואונדערשעהנע, זוניגע לאַנד. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די צייט פון איהר גליק ענדיגט זיך דאָ.

צום סוף זיינען זיי אוועקגעפאָהרען.

אין פאַריז האָבען זיי געוואָלט איינקויפען אַלעס נויטיגע פאַר זייער היים אין „די טאָפּאָליעס", און זשאַננאַ האָט מיט פרייד געדענקט וועגען די אַלע שעהנע זאַכען, וועלכע זי וועט מיטברייננגען מיט זיך פאַר דאָס געלד, וואָס איהר גוטע מאמא האָט איהר געשענקט. אָבער פריהער פון אַלץ האָט זי געדענקט וועגען דעם פּיסטאָלעט, וועלכען זי האָט צוגעזאָגט דער יונגער קאָרסיקאַנערקע אין עוויזאַ.

אויף מאָרגען נאָך זייער אָנקומען, האָט זי געזאָגט צו זשוליען:

— מיין טהייערער, גיב מיר דאָס געלד, וואָס די מאַמאַ האָט מיר געשענקט, איך וויל געהן עפּעס איינקויפען.

מיט אַן אונצופריעדענעם אויסדרוק האָט ער זיך אַ קעהר גע־טהאָן צו איהר:

— וויפיעל דארפסטו?

זי איז געוואָרען ערשטוינט און געזאָגט:

— יאָ... וויפיעל דו ווילסט.

ער האָט געענטפערט:

— איך וועל דיר געבען הונדערט פראַנק, אָבער זעה, פער־טאַכלעווע זיי נישט אומזיסט.

זי האָט ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל זאָגען. דער לשון האָט איהר אַבגענומען. צום סוף האָט זי ניט דרייסט ארויסגערעדט:

— אָבער איך האָב דיר דאָך געגעבען דאָס געלד צו בעהאַל...

ער האָט איהר ניט געלאָזט ענדיגען:

— יאָ, געוויס, אָבער צו איך האָב דאָס, צו דו האָסט עס, איז דאָך אַלץ איינס, אַזוי לאַנג ווי ביי אונז איז איין קאַססע. איך זאָג דאָך דיר אין קיין זאַך ניט אָב, איך גיב דיר דאָך הונ־דערט פראַנק.

ניט זאָגענדיג אַ וואָרט, האָט זי גענומען די פינף גאָלדשטיק. זי האָט שוין ניט געוואַגט מעהר צו בעטען ביי איהם נאָך געלד און געקויפט האָט זי בלויז דעם פּיסטאָלעט.

אין אכט טעג זיינען זיי אוועקגעפאָהרען צוריק צו „די טאָ־פּאָלעס“.

VI.

פאר דעם ווייס־געפּארבטען טויער האָט די פאמיליע און די דינערשאַפט ערוואָרט דאָס יונגע פּאָר פאָלק. די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט און לאַנג און היים זיינען געווען די אומאַרמונ־גען. די מאַמאַ האָט געוויינט; זשאַננאַ איז געוואָרען בעוועגט

און האָט זיך געווישט די טרעהרען. דער פאָטער איז נערוועז גע־לאָפען הין און צוריק.

דערנאָך, בעת מען האָט ארויסגעטראָגען זייער באגאזש, זיי־נען זיי געזעסען ביים קאַמין און פון דער רייזע דערצעהלט. די ווערטער זיינען שנעל געלאָפען פון זשאננאַ'ס מויל און אין א האלב שעה איז אלעס פון דער רייזע דערצעהלט געוואָרען, אויסער א פּאָר קליינינקייטען, וועלכע מען פערגעסט געוועהנליך אין איי־לעניש.

דאן האָט די יונגע פרוי גענומען זיך אויספּאקען און ראזאַ־ליע, אויך אן אויפגערעגטע, האָט איהר געהאָלפען. ווען די וועש, די קליידער און אלע איבעריגע זאכען זיינען געווען צולייגט אויף אן אָרט, איז דאָס מיידעל אוועקגעגאנגען; און זשאננא, א מיעדע, האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף א שטוהל.

זי האָט זיך געפרעגט, וואָס וועט זי איצט טהאָן, מיט וואָס וועט זי פערנעהמען איהרע געדאנקען, וואָס פאר אן ארבייט וועט זי געבען איהרע הענד? איהר האָט זיך ניט געוואָלט געהן אונטען צו דער מוטער, וועלכע האָט געדרימעלט ביים קאַמין און זי האָט א טראכט געטהאָן וועגען א שפּאַציער. אָבער דער דאָרף האָט איהר אויסגעזעהן אזוי טרויעריג, אזוי וויסט, אז איהר איז שווער געוואָרען אויפ'ן הארצען, ווען זי האָט פון פענסטער ארויסגע־קוקט.

און איצט ערשט האָט זי דערפיהלט א מין פוסטקייט. נישטאָ פאר איהר מעהר וואָס צו טהאָן, קיין זאך מיט וואָס צו בעשעפ־טיגען איהרע געדאנקען אויף וויימער. איהרע יונגע יאָהרען אין קלויסטער זיינען געווען פערנומען מיט חלומות וועגען דער צו־קונפט. דאָס שטענדיגע טראכטען און האָפען פון דעם, וואָס ער־ווארט זי אין לעבען, האָט אויסגעפילט אלע איהרע טעג. און דאן, ווי נור זי האָט פערלאָזען די דיקע, כמורנע ווענד, הינטער וועלכע עס זיינען רייף געוואָרען איהרע מיידעלשע פאנטאזיעס, איז שוין פערווירקליכט געוואָרען דאָס, פון וואָס זי האָט אזוי לאנג גע־

טרוימט. דעם ערוואַרטעטען מאַן האָט זי געטראָפען, זיך אין איהם פערליעבט און אין אַ פּאָר וואָכען ארום מיט איהם חתונה געהאַט. ער האָט זי אַוועקגעטראָגען אין זיינע אָרעמס. נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט צו קומען צו זיך. אָבער איצט איז די זיסע ווירקליכקייט פון די ערשטע טעג געוואָרען אַן אַלטעגליכע זאַך, וועלכע האָט פערשלאָסען די טהירען פאַר די אונבעשטימטע האָפנונגען, פאַר דער צויבערהאַפטער אונרוהיגקייט פון ערוואַר־טונג. יאָ, אַ סוף געמאַכט צו אַלע טרוימען.

נישטאָ מעהר וואָס צו טהאָן, ניט היינט, ניט מאָרגען, קיינ־מאָל ניט. דאָס אַלעס האָט זי געפיהלט טומאַננע, פערשלייערט. זי איז געווען ענטוישט און האָט געפיהלט ווי עס זינקען איהרע חלומות.

זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעדריקט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב. אַ צייט לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען און ארויפגע־קוקט צום טונקעלען הימעל, אויף וועלכען עס זיינען געהאַנגען שווערע וואָלקענס. דאַן האָט זי זיך בעשלאָסען ארויסצוגעהן.

איז דאָס געווען די זעלבע געגענד, דאָס זעלבע גראָז, די זעלבע בוימער, ווי דעמאָלט אין מאַי? וואו איז אהינגעקומען די פּרעכטיגע פרישקייט פון די בלעטער, די פּאָעזיע פון דער שעהנער גרינער לאַנקע, אויף וועלכער בלומען האָבען זיך געדרייטעלט און ראָמאַשקעס געבליהט? וואו זיינען די פרעהליכע מאַרגאַריטקעס, וואו זיינען די גאָלדענע שמעטערלינגען, וועלכע האָבען געציטערט אין דער לופט, ווי צוגעבונדענע צו אונזיכטבאַרע פעדים? וואו איז אהינגעקומען די פער׳שיכור׳ענדע לופט, דאָס לעבען, די שמע־קעדיגע רוחות, די פרוכטבאַרקייט אומעדום? אַוועק, אַלעס אַוועק!

אונטער די ציטערענדע, כמעט נאַקעטע פאַפּעל־בוימער, האָט זיך געצויגען אַ וועג, נאַס און בלאָטיג פון די שטענדיגע אָסענדיגע רעגענס אין פול מיט טויטע געלע בלעטער. די דינע צווייגען האָ־בען געציטערט פון ווינד. אויף זיי האָבען זיך געטרייסעלט די

לעצטע פּאָר איבערגעבליבענע בלעטער, גרייט יעדע ווײַלע אַרונ־טערצופאַלען.

און אָהן אויפהער זיינען זיי געפאַלען, די דאָזיגע געלע בלע־טער, ווי גרויסע גאָלד־שטיקער פון די בוימער אַרונטער. געדרעהט זיך אַ ווײַלע און געפלאַטערט אין דער לופטען און צו דר׳ערד גע־פאַלען.

זי איז צוגעגאַנגען ביז צום וועלדעל, וועלכער האָט אויסגע־זעהן טרויעריג, ווי אַ צימער פון אַ גוסס׳ן. די גרינע ווענד, וועל־כע האָבען אָבגעטהיילט און בעהאַלטען די געדרעהטע אַלעען, זיי־נען פערשוואונדען. די פערפּלאָנטערטע בושעס, ווי געפלאָכטענע שפּיצען, האָבען זיך געטשעפּעט איינער פאַר׳ן אַנדערען מיט די נאַקעטע צווייגלאַך, און דער געררויש פון די פאַלענדיגע, טרוקענע בלעטער, וועלכע דער ווינד האָט אין אַ ווירבעל ארומגעטריבען, איז געווען דער לעצטער זיפץ פון שטאַרבענדען.

קליינע פויגעלאַך זיינען ארומגעפלויגען פון צווייגעל צו צוויי־געל מיט אַ שטילען פּיסטשען, זוכענדיג וואו זיך צו בעהאַלטען.

בלויז די פּלאַטאַנען און די לינדען, וועלכע זיינען בעשיצט געווען פון דעם קאַלטען ים־ווינד, האָבען נאָך איינגעהאַלטען זייערע זומערדיגע קליידער. די ערשטע זיינען געווען אָנגעטהאָן אין רויטען סאַמעט, די צווייטע — אין פּאָמעראַנץ־קאָלירטען זייד, אזוי האָט זיי אויסגעפאַרבט דער ערשטער פראָסט.

מיט לאַנגזאַמע טריט איז זשאַננאַ געגאַנגען הין און צוריק איבער דער מאַמאַ׳ס אַלעע. עטוואָס האָט איהר געדריקט און שווער געמאַכט אויפ׳ן הארצען, ווי אַ פאָרגעפיהל פון לאַנגווײַליגקייט, פון אַן איין־טאָניגען, אונאינטערעסאַנטען לעבען.

דאַן האָט זי זיך געזעצט נעבען גראָבען, וואו זשוליען האָט איהר צום ערשטען מאָל פון זיין ליעבע גערעדט. דאָרט איז זי געבליבען זיצען, ווי פערשטיינערט, אָהן וועלכע ניט געדאַנקען אין קאָפּ, מיט אומעט אין הארצען און אַ פערלאַנג אַנשלאָפען צו ווערען, כדי ניט צו פיהלען דעם דאָזיגען טיעפען אומעט.

פלוצים האָט זי דערזעהן אַ „וואַסער־פויגעל״ דורכשיסענדיג דורכ׳ן הימעל און זי האָט זיך דערמאָנט אַן דעם אַדלער, וועלכען זי האָט געזעהן אין קאָרסיקאַ, אין דעם פינסטערען טהאָל אָטאַ. דאָס האַרץ האָט איהר פערקוועטשט, ווי פון אַן עראינערונג וועגען עטוואָס שעהנעס, וואָס איז שוין לאַנג פערביי. פאַר איהרע אויגען האָט אָבגעלעבט דער לאַכענדיגער אינזעל, מיט זיינע שמעקענדיגע וועלדער, די הייסע זון, וועלכע מאַכט בליהען די צעדער־בוימער און אַראַנזשען, מיט זיינע הויכע בערג מיט די רויטע שפּיצען, די בלויע ים־בוזעמס און די מורא׳דיגע אָבגרונדען, דורך וועלכע טייכלאַך פליסען.

האָט די פייכטע, אומעדיגע לאַנדשאַפט ארום איהר, מיט די טויטע פאַלענדיגע בלעטער און די שווערע גרויע וואָלקענס אַנ־געיאָגט אויף איהר אַזאַ אומעט, אַזאַ פערצווייפלונג, אַז זי איז שנעל אוועק צוריק אין הויז, אום זיך ניט צו צו־וויינען.

די מוטער האָט געדרעמעלט פאַר׳ן קאַמין. זי איז שוין צו־געוועהנט געוועזען צו די איין־טאָניגע טעג און זיי האָבען איהר שוין מעהר ניט געאַרט. דער פאָטער און זשוליען זיינען אוועק שפּאַ־צירען און האָבען גערעדט פון זייערע געשעפטען. און די נאַכט איז אַנגעפאַלען און פערשפּרייט אַן אומעדיגע דונקעלהייט איבער׳ן גאַנצען סאַלאָן, וועלכער איז בעלויכטען געוואָרען בלויז פון׳ם פייער אין קאַמין.

ביים לעצטען שיין פון דער דעמערונג האָט מען נאָך געקענט זעהן דורך די פענסטער די שמוציגע דעצעמבער־לאַנדשאַפט און דעם גרויען הימעל, וועלכער האָט אויך אויסגעזעהן, ווי אין בלאָטע איינגעשמירט.

באַלד האָט זיך אויף דער באַראָן אומגעקעהרט און נאָך איהם זשוליען. אַזוי שנעל, ווי ער איז אין דונקעלען צימער אריין, האָט ער געהייסען מאַכען פייער:

— שנעל, ליכט! דאָ איז אַזוי אומעדיג!

און ער האָט זיך געזעצט פאַר דעם קאַמין. בעת זיינע נאַסע

שטיוועל האָבען זיך געטריקענט ביים פייער און די אויסגעטרי־
קענטע בלאָטע איז פון די פּאָדראָשוועס אראָבגעפאַלען, האָט ער זיך
פרעהליך געריבען די הענד:

— איך גלויב, מיר וועלען האָבען אַ פראָסט. דער הימעל
לייטערט זיך אויס אויף דער נאָרד־זייט. היינט איז אַ פולע
לבנה, מיר וועלען האָבען אַ פיינעם פראָסט היינט ביינאַכט.

דאַן האָט זיך דער באַראָן אַ קעהר געטהאָן צו זיין טאָכטער:

— נו, מיין קינד, פרעהסטו זיך דען ניט, וואָס דו ביזט צו־
ריק אין דיין היימאַטה, ביי דיינע עלטערען, אין דיין היים?

די דאָזיגע איינפאַכע פראַגע האָט זשאַננאַ'ן אין גאַנצען
ארויסגעבראַכט פון זיך. זי האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן דעם פאָטער
אויפ'ן האַלז מיט טרעהרען אין די אויגען און איהם גענומען נערוועז
קושען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט ביי איהם פערצייהונג געבעטען.
ניט קוקענדיג אויף אַלע איהרע בעמיהונגען צו זיין פרעהליך, האָט
זי זיך דאָך געפיהלט טרויעריג, נאָהענט צום וויינען. און דערביי
האָט זי געטראַכט וועגען דער פרייד, וואָס זי האָט זיך אין די גע־
דאַנקען פאָרגעשטעלט ביים ווידערזעהן זיך מיט די עלטערען, און
זי איז אליין געווען ערשטוינט איבער דער קאַלטקייט, וואָס האָט
פּאַראַליזירט אַלע איהרע גוטע געפיהלען. עס פּאַסירט אָפט, ווען
מען טראַכט זעהר פיעל פון געליעבטע מענשען, פון וועלכע מען
איז ווייט, אַז ביים צוזאַמענטרעפען זיך זאָל מען דערפיהלען עפּעס
אַ מין קאַלטקייט, אַ פערפרעמדקייט. דאָס געדויערט אָבער בלויז,
ביז מען געוועהנט זיך ווידער צו איינער צום אַנדערען.

דאָס עסען האָט געדויערט לאַנג, קיינער האָט ניט גערעדט.
זשוליען, ווי עס שיינט, האָט אין גאַנצען פערגעסען אַז זיין פרוי־

נאַכ'ן עסען האָט זי איינגעדרעמעלט אין סאַלאָן פאַר'ן קאַ־
מין, אנטקעגען דער מאַמאַ'ן, וועלכע האָט געשמאַק געשלאָפען.
און ווען די שטימען פון ביידע מענער, וועלכע האָבען דיספּוטירט,
האָבען זי אויף אַ ווײלע אויפגעוועקט, האָט זי געפרעגט ביי זיך
אליין, סטאַרענדיג זיך צו פערטרייבען דעם שלאָף: שוין־זשע

וועט דער גאַנץ לעבען זיין אַזאַ לאַנגווייליגער, אַזאַ אומעדיגער, אַזאַ פערשלאָפּענער?

דער פייער אין קאַמין, וועלכער האָט אַ גאַנצען טאָג גע־ברענט שוואַך, האָט זיך איצט צופלאַקערט און געוואָרפען אַ העלען שיין אויף די אָבגעבליאַקירטע טשעכאָלען פון די מעבעל, אויפ'ן פוקס און די איבעריגע זאַכען אין סאַלאָן. דער באַראָן איז מיט אַ שמייכעל צוגעקומען צום קאַמין און האָט אויסגעשטרעקט די פינגער צום פייער:

— אַה, ווי גוט עס ברענט היינט! אין דרויסען פריהרט, קינדערלע, עס פריהרט!

דאַן האָט ער ארויפגעלייגט די האַנד אויף זשאַננאַ'ס שול־טער און אָנגעוויזען אויפ'ן פייער:

— דו זעהסט, קינדעלע, אַט דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט — די היים מיט נאָהענטע מענשען אַרום. מיט דעם קען זיך קיין זאַך ניט פערגלייכען. אָבער איהר ווילט אפשר געהן שלאָפען? איהר זייט מיעד פון וועג, קינדערלאַך, עס איז שפּעט.

ווען זי איז אין איהר צימער אריין, האָט די יונגע פרוי זיך געפרעגט: ווי עס איז מעגליך, וואָס איהר צווייטער צוריקקומען אין די פלעצער, וואָס זיינען איהר געווען אַזוי ליעב און טהייער, זאָל זיין אַזוי פערשיעדען פון'ם ערשטען? פאַר וואָס האָט זי זיך געפיהלט ווי אַ דער'הרג'עטע? פאַר וואָס האָט די היים, די גע־ליעבטע היימאַטה, אַלעס וואָס האָט ביז אַהער געמאַכט איהר האַרץ שנעלער קלאַפּען, זיך איהר אויסגעוויזען אַזוי מורא'דיג אומעדיג?

דאָ איז איהר אויג פּלוצים געפאַלען אויפ'ן זייגער; דאָס קליין פליעגעלע איז נאָך אַלץ געלאָפען פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס, מיט אַלץ דער זעלבער אונאויפהערליכער שנעלער בעוועגונג. און דערזעהן עס, איז זשאַננאַ געוואָרען אַזוי געריהרט, אַז זי האָט זיך שיער ניט צורויינט פאַר דעם דאָזיגען קליינעם מעכאַניזם, וועלכער האָט עפּעס אַזוי ווי געלעבט, וועל־

כער האָט איהר די שטונדען אָנגעוויזען און האָט ווי אַ האַרץ גע־קלאַפּט.

ווען זי האָט פֿאָטער און מוטער ווידער געזעהן, איז זי ניט געווען אַזוי גערירט. דאָס האַרץ האָט זיך זיינע געהיימניסע, אין וועלכע מען קען ניט אַריינדרינגען מיט'ן קאַלטען פערשטאַנד. צום ערשטען מאָל, זייט זי איז געווען פערהייראט, איז זי געשלאָפען אליין. אונטער דעם תירוץ, אז ער איז מיעד, האָט זשוליען גע־נומען אַן אַנדער צימער. אויסער דעם איז ביי זיי שוין פון פריי־הער געווען אָבגעמאַכט, אַז יעדער פון זיי זאָל האָבען אַ בעזונדער צימער.

זי האָט לאַנג ניט געקענט איינשלאָפען, ניט פיהלענדיג נע־בען זיך אַן אַנדער קערפּער. זי איז שוין געווען אָבגעוועהנט אליין צו שלאָפען.

עס האָט איהר אויך געשטערט דער נאָרד־ווינד, וועלכער האָט דעם דאַך געריסען. אויף מאָרגען האָט זי דערזעהן אַ העלען שיין. וועלכער האָט איהר בעט, ווי מיט בלוט פערגאָסען. די שויבען, בעדעקט מיט פראָסט, זיינען רויט, אַזוי ווי דער הימעל וואָלט זיך אין גאַנצען אָנגעצונדען. זי האָט זיך איינגעוויקעלט אין אַ פריי־זיר־מאַנטעל, איז צוגעלאָפען צום פענסטער און איהם געעפענט.

אַ אייזיגע קעלט האָט אין צימער אַריינגעשטראָמט און איהר אַזוי דורכגענומען דאָס לייב, אַז טרעהרען זיינען איהר אין די אויגען אָנגעלאָפען. אין מיטען פון דעם פורפור הימעל האָט זיך בעוויזען די זון, אַ גרויסע, אַ רויטע, אַ גליהענדע פון צווישען די בוימער אַרויס.

די ערד, בעדעקט מיט ווייסען פראָסט, האַרט און טרוקען, האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. איבער איין נאַכט זיינען די צווייגען פון די פאַפּעל־בוימער לחלוטין נאַקעט געוואָרען, קיין איין בלעטעל איז אויף זיי ניט פערבליבען, און דאָרט, הינטער דער זאַמדיגער פלאַכער שטיק ערד, האָט זיך געזעהן דער ווייטער גרינער ים, מיט ווייסע כוואַליעס, אַזוי ווי קעפּ.

זשאננא האָט זיך אָנגעטהאָן און ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן, איז זי אַוועק בעזוכען די פּעכטער.

די מאַרטינס האָבען הארציג בעגריסט די ווירטהין פון שלאָס און די פרוי האָט איהר געקושט אין ביידע באַקען. דאַן האָבען זיי איהר מכבד געווען מיט אַ גלאָז וויין. פון זיי איז זי אַוועק צום צווייטען פּאַרם. די קוליאַרס האָבען אויך, אַזוי ווי מאַר־טינס, זי בעגעגענט מיט אָפענע אָרעמס, זי געקושט, און זי האָט גע־מוזט ביי זיי אויסטרינקען אַ גלאָז נאַליווקע.

דאַן האָט זי זיך אומגעקעהרט אַהיים צום פריהשטיק.

און דער טאָג איז פּונקט אַזוי ווי דער נעכטיגער טאָג, נור אַנשטאָט צו רעגענען, איז געווען קאַלט. און די איבעריגע טעג פון וואָך זיינען געווען איינער גלייך ווי דער אַנדערער.

און ביסלעכווייז איז איהר בענקעניש נאָך ווייטע לענדער שוואַכער געוואָרען. די געוואָהנהייט האָט אויף איהר לעבען אַוועק־געלייגט אַ שטעמפּעל און אין איהר הארצען האָט אויף דאָס ניי ערוואַכט אַ אינטערעס פאַר די אונבעדייטענדע קליינגקייטען פון׳ם טעגליכען לעבען. זי האָט ווידער גענומען אָבגעבען איהר צייט פאַר די געוועהנליכע אַלטעגליכע זאַכען.

עס האָט זיך אין איהר ענטוויקעלט אַ מין סאָרט מעלאַנ־כאָליע, אַן אונבעשטימטער עקעל צום לעבען. וואָס האָט איהר געפעהלט? וואָס האָט זי געוואָלט? זי האָט עס אַליין ניט גע־וואוסט. זי האָט ניט געבענקט נאָכ׳ן לעבען, נאָך דער וועלט, האָט ניט געזוכט קיין פערגעניגען און ניט געהאַט קיין לוסט אַפילו צו צושטרייאונגען.

פאַר איהרע אויגען האָט אַלעס פערלאָרען די פאַרב, פּונקט אַזוי ווי די שטוהלען אין סאַלאָן, וועלכע זיינען אָבגעבליאַקירט געוואָרען; אַלעס איז בלאַסער געוואָרען און האָט אָנגענומען עפּעס אַ מין אומעדיגען, טרויעריגען כאַראַקטער.

איהרע בעציהונגען צו זשוליען האָבען זיך אין גאַנצען פער־ענדערט. זייט דעם צוריקקומען פון דער האָכצייטס־רייזע, האָט

ער געשיינט צו זיין נאַר אַן אַנדערער, ווי אַן אַסטיאָר, וועלכער האָט אָבגעשפּיעלט זיין ראָלע און האָט איצט ווידער אָנגענומען זיין געוועהנליכען פּנים. ער האָט זיך וועגען איהר גאַנץ וועניג געקימערט, האָט קוים מיט איהר גערעדט. זיין גאַנצע ליעבע איז פּלוצים פערשוואונדען, און זעלטען איז ער צו איהר אין צימער אריין. ער האָט איבערגענומען די פערוואַלטונג פון׳ם פערמעגען און פון דער הויז, האָט איבערגעקוקט אַלע שטאַהלען, יעדע ווינ־קעלע, געהאַט צו טהאָן מיט די פּויערים, פערקלענערט די הוצאות און אַזוי ווי ער האָט אַליין ביסלעכווייז אָנגענומען די מאַנערען פון אַ לאַנד־אייגענטהימער, האָט ער אין גאַנצען פערלאָרען זיין פריהערדיגען שיק און עלעגאַנץ.

ער האָט ארויסגעשלעפּט פון זיין גאַרדעראָבע אַן אַלטען. אויסגעטראָגענעם סאַמעטענעם יעגער־רעקעל, מיט מעשענע קנעפּ און, הגם עס איז געווען פול מיט פלעקען, האָט ער עס מעהר פון לייב ניט אויסגעטהאָן. ווי אַ מענש, וועלכער דאַרף ניט מעהר געפעלען, האָט ער זיך אויפגעהערט צו קימערען וועגען זיין אויס־סערען אויסזעהן. ער האָט זיך אַפילו אויפגעהערט צו ראַזירען. און זיין לאַנגע באָרד, שלעכט אַרומגעשאָרען, האָט איהם געמאַכט העסליך. ער האָט מעהר ניט געקוקט אויף זיינע הענד און נאָך יעדער מאָהלצייט האָט ער אויסגעטרונקען פיער־פינף גלעזלאַך קאָניאַק.

זשאַננאַ האָט אַ פּאָר מאָל פּראָבירט איהם גאַנץ מילד צו מאַ־כען אַ פאָרוואורף, נור ער האָט אַזוי גראָב אָנגעשריען אויף איהר: „לאָז מיך צורוה, דו הערסט!“, אַז זי האָט שוין מעהר ניט גע־וואָלט איהם עפּעס זאָגען.

זי האָט זיך אַזוי צוגעוועהנט צו דער דאָזיגער פערענדערונג, אַז זי האָט זיך אַליין געוואונדערט. ער איז איהר פרעמד געוואָ־רען, אַ פרעמדער, וועמעס האַרץ און נשמה זיינען פאַר איהר גע־ווען פערשלאָסען. זי האָט אָפט וועגען דעם געטראַכט און זיך געפרעגט: ווי קומט עס, וואָס נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך בע־

געגענט, פערליעבט און אין אַ שטורם פון צערטליכקייט געהייראט, זיינען זיי פּלוצים אַזוי אָבגעקיהלט געוואָרען איינער צום צווייטען, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען גאָר קיינמאָל נאָהענט ניט געווען?

און ווי זי האָט געליטען פון זיין גלייכגילטיגקייט! איז דען אזוי דאָס לעבען? האָבען זיי זיך גענאַרט איינער אין אַנדערען? איז דען פאַר איהר שוין גאָר קיין האָפנונג נישטאָ אין צוקונפט?

ווען זשוליען וואָלט פערבליבען שעהן, וואָלט אויף זיך גע־קוקט און איינגעהאַלטען זיין עלעגאַנץ, זיין פערפיהרעשקייט, דאַן וואָלט זי, וואהרשיינליך, נאָך מעהר געליטען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז נאָך ניי־יאָהר זאָל דאָס פּאָר פּאָלק בלייבען אליין און די עלטערען זאָלען אויף אַ פּאָר מאָנאַטען אוועקגעפאָהרען צו זיך און רוען. דעם גאַנצען ווינטער זאָלען די יונגע לייט פערברענגען אין די „פּאפּעל־בוימער״, כדי זיי זאָלען זיך צוגעוועהנען און היימיש ווערען אין דעם אָרט, וואו זיי וועלען דאַרפען פערברייגען זייער גאַנץ לעבען. איבעריגענס האָבען זיי געהאַט שכנים, וועמען זשוליען האָט זיך געקליבען פאָרצושטעלען זיין ווייב. דאָס זיינען געווען די בריזווילס, קור־טעליע און פורווילס.

אָבער די יונגע לייט האָבען נאָך ניט געקענט ארויספאָהרען מאַכען וויזיטען, ווייל ביז איצט איז נאָך ניט מעגליך געווען צו קריגען אַ מאָהלער, וועלכער זאָל איבערמאַכען דעם גערב אויף זייער קאַרעטע.

דער באַראָן האָט דעם איידים איבערגעגעבען די אַלטע פאַ־מיליען־קאַרעטע און זשוליען וואָלט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט זיך ניט געוויזען אין די שכנ׳ישע שלעסער, ביז וואַנען דער גערב פון די ליאַמאַרס וואָלט ניט פעראייניגט געוואָרען מיט דעם גערב פון די לעפּערטיואַס.

אין דער גאַנצער געגענד האָט זיך אָבער געפונען בלויז איין מאַן, וועמעס ספּעציאַליטעט איז בעשטאַנען אין דעם, צו מאָהלען די גערבען. זיין נאָמען איז געווען באַטייל און ער איז נאָך דער

רייהע נאָך ארומגעפאהרען אויף אַלע נאָרמאַנישע גיטער, אום אויף אַלע טהירעלאַך פון די קאַרעטען יעדען'ס בעזונדער יחוס אָבצו־מאָהלען.

צום סוף האָט מען אין אַ געוויסען דעצעמבער פריה־מאָרגען, באַלד נאָכ'ן פריהשטיק, דערזעהן אַ מאַן, וועלכער איז צוגעקומען צום גאָרטען טהירעל, אריין אינווענניג און זיך גענומען געהן צום הויז. אויפ'ן רוקען האָט ער געטראָגען אַ קאַסטען. דאָס איז גע־ווען באַטייל.

מען האָט איהם איינגעלאַדען אין עס־צימער און דערלאַנגט עסען, ווי אַן אמת'ן עדעלמאַן. זיין שטענדיגער פערקעהר מיט אַלע ארומיגע אריסטאָקראַטען, זיין גענויער וויסען פון אַלעמענס יחוס, האָט איהם אַליין צוגעגעבען אַ געוויסען אריסטאָקראַטיזם און די אַדעלע האָבען איהם בעהאַנדעלט, ווי אַן אייגענעם מענשען און געדריקט איהם די האַנד.

מען האָט גלייך געהייסען ברייגגען בליישטיפט און פאַפּיער. און בעת ער האָט געגעסען, האָט זשוליען און דער באַראָן אָנגע־וואָרפען צייכנונגען פון זייערע גערבען. די באַראָנעסע האָט אָב־געלעבט, ווי נור מען האָט גענומען רעדען פון דיעזע זאַכען און האָט אויסגעדריקט איהר מיינונג; און אפילו זשאַננא האָט גע־נומען אַנטהייל אין די דיסקוסיאָנען, עפּעס אַזוי, ווי אין איהר וואָלט זיך פּלוצים ערוועקט אַ געהיימער אינטערעס.

עסענדיג פריהשטיק, האָט באַטייל ארויסגעזאָגט זיין מיי־נונג. פון ציים צו צייט האָט ער גענומען דעם בליי־פעדער אין האַנד אריין, געמאַכט אַ פּאָר שטריכען, געבראַכט ביישפּיעלען, בעשריבען די קאַרעטען פון'ם גאַנצען ארומיגען געגענד און האָט עפּעס אַזוי ווי געבראַכט מיט זיך אין קאָפּ, און זאָגאַר אין דעם קלאַנג פון זיין שטימע, אַ מין אַטמאָספערע פון אריסטאָקראַטיע.

ער איז געווען אַ קליין געוויקסיגער מאַן, מיט קורצע, גרויסע האָאָר, מיט פאַרב־פלעקען אויף די הענד און פון איהם האָט זיך געהערט דער גערוך פון טערפּענטין. מען האָט גערעדט, אַז ער האָט

אמאָל בענאַנגען עפּעס אַ נאַרישע און שמוציגע זאַך, אַבער די אַלגעמיינע אַכטונג פון דער גאַנצער אַריסטאָקראַטיע האָט דעם דאָזיגען פלעק שוין לאַנג אָבגעווישט.

אַזוי שנעל, ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן עסען, האָט מען איהם אַריינגעפיהרט אין שטאַהל, וואו די קאַרעטע איז גע־שטאַנען, און אַראָבגענומען פון איהם דעם לייוועגטענעם צודעק. באַטייל האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם וואַגען, דאַן האָט ער געזאָגט, ווי גרויס די צייכנונג מוז זיין און נאָכדעם, ווי זיי האָבען נאָך אַמאָל וועגען דעם איבערגערעדט, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט.

ניט קוקענדיג אויף דער קעלט, האָט די באַראָנעסע געהייסען ברענגען אַ שטוהל, כדי צו קענען צוקוקען ווי אַזוי ער אַרבייט. דאַן האָט זי פערלאַנגט אַ הייסע פלאַש פאַר די פיס, ווייל זי האָט געפראָהרען. דערנאָך האָט זי גענומען פלוידערען מיט דעם מאַן. איהר אויסגעפרעגט וועגען געוויסע שידוכים, וואָס זיינען גע־שלאָסען געוואָרען, וועגען חתונות און פערבינדונגען, וועגען טויטע פאַלען און געבורטען, וואָס האָבען אין דער לעצטער צייט פּאַסירט. דאָס האָט זי אָבגעפרישט און ווי בעלעבט.

זשוליען איז געבליבען מיט זיין שוויגער, זיצענדיג רייר־טענדיג אויף אַ שטוהל. ער האָט געראויכערט זיין פּיפּקע, געשפּיגען אויף דר'ערד, זיך צוגעהערט צו די רייד און נאָכגעפאָלגט מיט די בליקען נאָך באַטייל'ס פּענזעל.

באַלד איז אויך צוגעקומען דער אַלטער סימאָן, וועלכער איז מיט דער האַק אויפ'ן רוקען געגאַנגען אין גאָרטען אַריין. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און זיך אויך צו דער אַרבייט צוגעקוקט. און אַזוי ווי דאָס אָנקומען פון באַטייל'ען איז גלייך בעקאַנט געוואָרען אין די אַרומיגע פאַרמס, האָט זיך דאָ אין גיכען פערזאַמעלט אַן עולם צושויער. זיי זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען פון דער באַ־ראָנעסע און האָבען אַלע ווייל בעגייסטערט אַרויסגעשריען:

— אַט דאָס איז אַ גרויסער קונץ, אַזוי שעהן צו מאַהלען!

ערשט אויף מארגען, אזייגער עלף, זיינען פערטיג געווארען די גערבען אויףביידע טהירעלאך פון דער קארעטע.

גלייך האבען זיך אלע פערזאמעלט און מען האט די קארעטע ארויסגעפיהרט אין דרויסען, אום די ארבייט בעסער צו בעטראכטען. עס איז געווען אויסגעצייכענט. אלע האבען געלויבט באטייל'ען, וועלכער איז מיט זיין קאסטען אוועק ווייטער. און דער באראן, און די מוטער, און זשאננא, און זשוליען, אלע האבען אין איין קול גע'טענה'ט, אז דער מאהלער איז זעהר א טאלאנטפולער מענש און, אז אונטער גינסטיגע אומשטענדען, וואלט ער זיכער געווארען א גרויסער קינסטלער.

אום איינצושפארען געלד, האט זשוליען איינגעפיהרט אין הויז געוויסע רעפארמען, וועלכע האבען געמאכט נויטיג איניגע ענדערונגען. דער אלטער קוטשער איז געווארען א גערטנער, ווייל דער וויקאנט האט געוואלט אליין אנטרייבען, און די בעסערע פערד האט ער פערקויפט, אום מען זאל זיי ניט דארפען געבען עסען. אזוי ווי ער האט אבער געמוזט האבען אימיצען צו האלטען די פערד, ווען די הערשאפטען וועלען פון קארעטע ארויס, האט ער דעם קליינעם פאסטוך מאריום געמאכט פאר א לאקעי.

און כדי ניט צו בלייבען גאר אהן פערד, האט ער אין קאנטראקט מיט די קוליארס און מארטינס ארייגעשטעלט א פונקט, אז יעדער פון זיי מוז איהם איין מאל אין מאנאט, אין א געוויסען טאג, צושטעלען א פערד. דערפאר זיינען זיי פריי פון די פליכטען צו ברענגען עופות אין שלאס אריין.

און אט איינמאל האבען די קוליארס געבראכט א גרויסע געלע קאבילע און די מארטינס א קליין ווייס פערדעל מיט לאנגע האאר; ביידע זיינען איינגעשפאנט געווארען זייט ביי זייט אין דער קארעטע און מאריום, זיך פלאנטערענדיג אין דער לאנגער ליוורעע פון'ם אלטען סימאן, האט צוגעפיהרט די קארעטע צום באלקאן פון שלאס.

זשוליען, אן ארומגערייניגטער, אן אויסגעפוצטער, האט ווי־

דער זיך דערמאָנט אָן זיין פריהערדיגע עלעגאַנץ. אָבער זיין לאַנגע באָרד האָט איהם געמאַכט אויסזעהן, ווי אַ דאָרף־מענש.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם געשפאַן, דער קאַרעטע, די פערד, און געפונען, אַז אַלעס איז צופריעדענשטעלענד; אויגענטליך האָבען פאַר איהם געהאַט אַ בעדייטונג בלויז די נייע אויסגעמאָהלטע גערבען.

די באַראָנעסע, וועלכע איז אַרונטערגעקומען געאָרעמט מיט איהר מאַן, איז מיט מיהע אַריינגעקראָכען אין דער קאַרעטע און זיך געזעצט, אָנגעשפאַרט אויף אַ באַרג קיסעלאַך. צום סוף איז געקומען זשאַננאַ. זי האָט זיך צולאַכט, ווען זי האָט דערזעהן די פערד און געזאָגט, אַז דאָס וויים פערדעל איז מסתמא דער געלער קאַביליע'ס אַן אייניקעל. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף מאַריוס'ען. דער הוט מיט דער קאָקאַרדע האָט זיך אַרונטערגערוקט דעם אינגעל אויפ'ן פנים און נור די נאָז האָט איהר פערהאַלטען און ניט געלאָזט אַראָבפאַלען נאָך ניעדעריגער. זיינע הענד זיינען פערשוואונדען אין די ברייטע אַרבעל; אָרום די פיס האָבען זיך נאָכאַנאַנד געפּלאָנטערט די פאַלדען פון דער ליוורעע, אַזוי ווי אַ פרויען־קלייד, און פון אונטער זיי האָבען עפּעס מאָדנע אַרויסגעשטאַרטשעט אַ פּאָר ריעזיגע גרויסע שטיוועל. ווען זשאַננאַ האָט דערזעהן, ווי דער אינגעל הויבט אויף דעם קאָפּ, אום עטוואָס צו זעהן, ווי ער בעוועגט מיט די קניע, ווי ער וואָלט וועלען אַ טייך אַריבערשפּרייזען, ווען ער האָט געדאַרפט טהאָן אַ טריט, ווי פערהאַוועט, און פערסאָפּעט, און קאָמיש ער זעהט אויס, איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַ משוגענער געלעכטער, אַ געלעכטער אָהן אַ סוף.

דער באַראָן האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, בעטראַכט דעם קאַמישען, צומישטען אינגעל און ניט קענענדיג זיך אַליין איינהאַלטען פאַר געלעכטער, האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו זיין פרוי:

— קוק אָן מאַריוס'ען, מען קען שטאַרבען!

די באַראָנעסע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעבויגען פון פענסטער

פון דער קאַרעטע, האָט אויסגעבראָכען אין אַזאַ געלעכטער, אַז די גאַנצע קאַרעטע האָט זיך גענומען טרייסלען.

אָבער זשוליען איז געוואָרען בלייך, ווי דער טויט, און האָט געזאָגט:

— וואָס האָט איהר זיך אַזוי צולאַכט? איהר זייט משוגע געוואָרען?

זשאַננאַ האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער און זיך בשום אופן ניט געקענט בערוהיגען. זי האָט זיך געמוזט אויף אַ ווײַלע צוזעצען אויף די טרעפּלאַך פון באַלקאָן. דער באַראָן האָט געטהאָן דאָס זעלבע און פון דער קאַרעטע האָט זיך נאָכאַנאַנד געהערט אַ מין כליפּען, אַ ניסען, אַ קייכען פאַר געלעכטער. און דאָ האָט פּלוצים מאַריוס'ס ראָק אויך אָנגעהויבען צו ציטערען. דער איינגעל האָט וואַהרשיינליך פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך, ווארים ער האָט איצט אַליין פערשטיקט געלאַכט אונטער זיין גרויסער הוט.

אויסער זיך פאַר כעס, האָט זיך זשוליען אַ וואַרף געטהאָן אויף'ן איינגעל און מיט אַ הילכיגען פּאַטש אַרונטערגעשליידערט דעם גרויסען הוט פון זיין קאָפּ; עס האָט זיך גענומען קייקלען איבער'ן לאַנקע. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט צום שווער און מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט פאַר צאָרן, האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

— מיר דאַכט, אַז איהר האָט געדאַרפט זיין דער לעצטער צו לאַכען. ווען איהר וואָלט אייער געלד ניט פערשוועדעט און אייער גאַנץ פערמעגען ניט אויפגעפרעסען, וואָלטען מיר איצט ניט געווען אין אַזאַ לאַגע. ווער איז שולד אין עס, וואָס איהר זייט רואינירט?

אַלעמענס פרעהליכקייט איז אויף'ן שטעל ווי פערגליווערט געוואָרען און קיינער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט.

זשאַננאַ'ן האָט זיך פערוואָלט וויינען און זי האָט זיך שטיל געזעצט נעבען איהר מוטער. דער באַראָן, ערשטוינט און פערוואונדערט, האָט זיך געזעצט זיי אַנטקעגען און זשוליען איז אַרויפ־

געקראכען אויף דער קעלניע, נאכדעם ווי ער האט דעם וויינענדיגען אינגעל, מיט דער געשוואלענער באק, צו זיך ארויפגעשלעפט.

דער וועג איז געווען א טרויעריגער און האט זיי אויסגעזעהן לאנג. אלע אין דער קארעטע זיינען געווען מיסגעשטימט, פער־לעגען, און האבען געשוויגען. זיי האבען ניט געוואלט אפילו פאר זיך אליין מודה זיין, וואס עס האט געדריקט זייער הארץ. זיי האבען געוואוסט, אז זיי וועלען פון קיין אנדער זאך ניט קענען רעדען, און דאס, וואס האט זיי איצט אזוי פיעל געדריקט, האבען זיי מורא געהאט אנצוריהרען; דערפאר האבען זיי בעסער געשוויגען.

די פערד זיינען געלאפען מיט ניט גלייכע טריט. די קארעטע האט זיך געטראגען פערביי הייזער און הויפען, צו יאגענדיג גאנצע סטאיעס שווארצע היהנער, וועלכע האבען זיך מיט שנעלע טריט אבגעטראגען און זיינען פערשוואונדען הינטער די פארקאנעס. צייטענווייז איז א הונד ארויסגעלאפען און גענומען בילען אויף דער קארעטע. א יונג, אין הילצערנע שיך, האט זארגלאז געשליא־פעט אין דער בלאטע מיט זיינע לאנגע פיס, די הענד פערלייגט אין די קעשענעס פון זיין בלויער בלוזע, וועלכע האט זיך אנגעבלאזען פון ווינד. דערזעהן דעם וואגען, האט ער זיך אבגערוקט אן א זייט און מיט אן אומגעלומפערטער בעוועגונג אראבגענומען די היטעל, ענטבלויזענדיג דעם קאפ מיט די גלייכע, צום שטערן צוגעקלעפטע, האאר.

און נאך יעדער פארם האט זיך געצויגען א לאנקע און פון וויטען האבען זיי דא און דארט אנדערע פארמס געזעהן.

צום סוף זיינען זיי אריינגעפאהרען אין א בריטע אלעע, וועל־כע האט געפיהרט צום וועג. דא האט די קארעטע זיך אפט אנ־געבויגען אויף א זייט צוליעב די טיעפע און שמוציגע גריבער אויפ'ן וועג און די מוטער האט אלע ווייל ארויסגעלאזען א געשריי פאר שרעק. אויפ'ן עק פון דער אלעע האט זיך געפונען א ווייס־געפארבטער שלאגבוים. ער איז געווען ארונטערגעלאזען

מאריום האָט זיך א וואָרף געטהאָן איהם עפּענען, און זיי האבען געמוזט ארומפאָהרען ארום אַ ברייטער, גרויסער לאָנקע. דאָן זיינען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסער, אומעדיגער געביידע, מיט צוגעמאכטע לאָדענס.

די מיטעל־טהיר האָט זיך געעפענט און אַ אַלטער, געלעהממטער דיענער, אין אַ שווארץ און רויט־געשטרייפטער ווייסט, וועלכע האָט טהיילווייז צוגעדעקט זיין פארמוך, איז ארויסגעקומען אַ פער־וואונדערטער. מיט אַ שווערען גאַנג איז ער פון די טרעפּ ארונטער.

ער האָט געפרעגט די נעמען פון די געסט און זיי אריינגע־פיהרט אין אַ גראָמען זאַל. מיט גרויס מיהע האָט ער געעפענט די לאָדענס, וועלכע זיינען געוועהנליך שטענדיג געוועזען צוגעמאכט. די מעבעל איז געוועזען בעדעקט מיט טשעכאלען; דער זייגער און די לייכטער אין ווייסען איבערצוג איינגעוויקעלט, און אַ פערדומ־פּענע לופט, ווי פון אמאַליגע צייטען, קאַלט, פייכט, טרויעריג, האָט זיי אַ זעץ געטהאָן אין פּנים און דאָס הארץ מיט אומעט אָנגעפילט.

זיי האבען זיך געזעצט און געוואַרט. איילינגע טריט אין קאָרידאָר איבער זיי האבען עדות געזאָגט, אז דאָרט טומעלט מען זיך. די איבעררעראשטע בעוואָהנער פון שלאָס האבען זיך אפּנים אין איילעניש אָנגעטהאָן, אבער עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. אימיצער איז געלאָפען ארויף און אראָב פון די טרעפּ.

די באַראָנעסע האָט נאכאנאנד געגאַסען צוליעב די קעלט און פייכטקייט, וואָס האָט איהר דורכגענומען. זשוליען איז געגאַנ־גען הין און צוריק. זשאננא איז געבליבען זיצען אַ אומעדיגע נע־בען איהר מוטער און דער באַראָן איז געשטאנען מיט אַן איינגע־בויגענעם קאָפּ, אנגעשפּאַרט אַן די מראמאָרנע זיילען פון קאַמין.

איינס פון די גרויסע טהירען האָט זיך געעפענט און עס זיי־נען אריין דער וויקאַנט בריזעוויל מיט זיין פרוי.

דאָס זיינען געוועזען צוויי קליינע, מאגערע, אונטערטאַנצענדיגע מענשען, אין אַן אונבעשטימטען עלטער, פאָראַדנע און זעהר פער־

לעגען. די פרוי האָט געטראָגען אַ געבלומטע זיידענע קלייד און אַ טעפּיך מיט לענטעס. זי האָט גערעדט זעהר שנעל, מיט אַ דין, וויינענדיג קול.

איהר מאַן איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ פּראַכטפאָלען ענגלישען איבער־ראָק און האָט זיי בעגריסט, אונטערבויגענדיג די קניע. זיין נאָז, זיינע האָאָר, זיינע אונרעגעלמעסיגע צייהן, זיינע אויגען, האָבען אויסגעזעהן עפּעס אַזוי ווי אויסגעריבען מיט וואַקס. און זיין שעהנער פאַראַדנער אַנצוג האָט געגלאַנצט, ווי עס גלאַנצען זאַכען, אויף וועלכע מען גיט גוט אַכטונג.

נאָך די ערשטע בעגריסונגען און אַ פּאָר העפליכע פראַזען, האָט קיינער ניט געוואוסט מעהר וואָס צו רעדען. מען האָט איינער דעם אַנדערען צוגעוואונשען גליק, אַליין ניט וויסענדיג צו וואָס. און מען האָט אויסגעדריקט די האָפנונג אָנצוהאַלטען די אַנגע־נעהמע בעציהונגען. אַז מען וואַהנט אַ גאַנץ יאָהר אויפ׳ן לאַנד, איז דאָך דאָ גענוג צייט צו בעזוכען איינער דעם צווייטען.

דערביי האָט די אייזיגע קעלט זיי דורכגענומען ביז צו דעם מאַרך פון די ביינער, זיי אַזש הייזעריג געמאַכט. די באַראָנעסע האָט איצט נאָכאַנאַנד געהוסט, הגם דאָס ניסען האָט זי אויך ניט אָבגעלאָזט. דער באַראָן האָט געגעבען אַ צייכען אָבצופאָהרען. די בריזוווילס האָבען גענומען בעטען:

— בלייבט נאָך אַ ווײַלע, וואָס איילט איהר?

זשאַננאַ האָט זיך אויפגעהויבען, טראָץ דעם צייכען פון זשור־ליען, אַז דער וויזיט איז אַ צו קורצער.

מען האָט געוואָלט אָנקלינגען דעם דיענער און בעשטעלען די קאַרעטע, אָבער דער גלעקעל האָט ניט געקלונגען און דער ווירטה איז אַליין ארומגעלאָפען, אָבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעקעהרט און געזאָגט, אַז מען האָט די פערד שוין אַוועקגעפיהרט אין שטאַהל.

זיי האָבען געמוזט וואַרטען. יעדער האָט זיך געמאַטערט עטוואָס צו זאָגען. מען האָט גערעדט וועגען דעם רעגענדיגען ווינ־

טער. זשאננא האָט אַ שוידער געטהאָן און געפרעגט ביי די אַלטע פּאַר פּאָלק, וואָס זיי טהוען דאָ איינע אַליין דעם גאַנצען יאָהר.

אָבער די בריזעווילס זיינען געוואָרען זעהר ערשטוינט פון דער דאָזיגער פראַגע. זיי זיינען אימער געווען פערנומען און שטענדיג געהאַט וואָס צו טהאָן. זיי האָבען געשריבען בריעף צו זייערע פיעלע קרובים, וועלכע זיינען געווען צוזעעט איבער גאַנץ פראַנקרייך און פערבראַכט זייערע טעג מיט טויזענד קליינינקייטען. איינער אַנטקעגען אַנדערען האָבען זיי זיך געהאַלטען צערעמאָניאַל, ווי אַנטקעגען פרעמדע, און האָבען געמאַכט דעם גרעסטען אָנשטעל פון די קלענסטע זאַכען.

און אונטער דעם הויכען, פערשוואַרצטען באַלקען, פון דעם גרויסען אונבעוועהנטען זאַאַל, אין וועלכען אַלעס איז געווען פערהאַנגען, האָבען די דאָזיגע צוויי מענשען אין זשאננאַ'ס אויגען אויסגעזעהן, ווי צוויי קליינע, ריינע, אַריסטאָקראַטישע ליאַלקעס.

צום סוף איז צוגעפאָהרען דער עקיפּאַזש מיט די צוויי ניט גלייכע פערד. אָבער מאַריוס איז פערשוואונדען. ער האָט הפנים געמיינט, אַז ער איז פריי ביז פאַרנאַכט און איז מסתמא אוועק אַביסעל אין דאָרף אריין. זשוליען איז געווען אויסער זיך און האָט געבעטען, מען זאָל איהם אָבשיקען צו פוס, און נאָך אַ סך בעגריסונגען און זייט־געזונדס, איז מען ווידער אוועק צו די „פּאַפּעלבוימער".

אַזוי שנעל, ווי זיי זיינען געזעסען אין עקיפּאַזש, האָט זשאננא און איהר פּאָטער, ניט קוקענדיג אויף דער שווערקייט, וואָס איז זיי געלעגען אויפ'ן האַרצען פון זשוליען'ס גראָבקייט, גענומען לאַכען און נאָכמאַכען די בעוועגונגען און דאָס אַרט רעדען פון די בריזעווילס. דער באַראָן האָט נאָכגעמאַכט דעם מאַן, זשאננא — דער פרוי; אָבער די באַראָנעסע האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פאַר זיי און געזאָגט:

— עס איז זעהר ניט רעכט, וואָס איהר לאַכט פון זיי; דאָס זיינען זעהר פיינע לייטע און זיי געהערען צום גרעסטען יחוס.

זיי האָבען אַ ווײַלע געשוויגען, כדי דער מוטער ניט צו קריינ־קען. זיי האָבען זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטען און באַלד האָבען פּאַפּאַ און זשאַננאַ זיך אָנגעקוקט און ווידער אָנגעהויבען. ער האָט זיך פּערנויגט מיט אַלע צערעמאָניעס און געזאָגט אין אַ פּייערליכען טאָן:

— אייער שלאָס, „די פּאַפּעל־בוימער", מוז זיין זעהר אַ קאַלטער, מאַדאַם, ווייל דער ווינד בלאָזט אויף איהם נאַכאַנאַנד פון ים.

זי האָט געמאַכט אַ בעליידיגטע מינע און שטיל געמורמעלט, טרייסלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ, ווי אַ ענטעל אין וואַסער:

— אַך, באַראָן, איך האָב אַ גאַנץ יאָהר גענוג וואָס צו טהאָן. מיר האָבען אַזוי פיעל קרובים, צו וועלכע מען מוז שרייבען, און הערנע דע־בריזיוועל האָט עס אין גאַנצען איבערגעגעבען צו מיר. ער אַליין איז פערנומען מיט דעם אַבבע פּעלל, מיט וויסענשאַפט־ליכע פאָרשונגען. זיי שרייבען צוזאַמען די רעליגיעזע געשיכטע פון נאָרמאַנדיע.

איצט האָט די באַראָנעסע אויך אַ שמייכעל געטהאָן גוט־מוטהיג און געזאָגט:

— עס איז ניט רעכט חוזק צו מאַכען פון מענשען פון אונזער שטאַנד.

אָבער פּלוצים איז דער עקיפּאַזש שטעהן געבליבען. זשוליען האָט עפּעס געשריען. ער האָט אימיצען גערופען הינטער זיך. דאָ האָבען זשאַננאַ און די באַראָנעסע זיך ארויסגעבויגען פון פענסטער און דערזעהן עפּעס אַ מאָדנע בעשעפּעניש, וועלכע האָט זיך אַזוי ווי צוגעקייקעלט צו זיי. זיך פלאַנטערענדיג אין די ברייטע פאַלדען פון דער ליוורעע, מיט מיה ארויסקוקענדיג פון אונטער דער גרויסער הוט, וועלכע האָט זיך פאַר איינס אויף די אויגען ארונטערגערוקט, מאַכענדיג מיט די לאַנגע ארבעל, ווי מיט די פליגלען פון אַ ווינד־מיהל, שליאַפּענדיג אין בלאָטע און זיך אָנ־שטויסענדיג אָן יעדען שטיין אויפ'ן וועג, איילענדיג זיך און אונ־

טערשפּרינגענדיג, אין גאַנצען אין בלאַטע איינגעשמירט, איז מאַ־ריום מיט אַלע קרעפטען געלאָפען נאָכ'ן עקיפּאַזש. אַזוי שנעל, ווי ער האָט זיי דעריאָגט, האָט זשוליען זיך אַראָבגעבויגען, איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן קראַגען און אַרויפגעשלעפּט צו זיך. דאַן האָט ער אַרויסגעלאָזען די לייצעס פון די הענד און גענומען שלאָגען דעם אינגעל איבער דער הוט, וועלכע האָט זיך אַראָבגערוקט ביז צו די סאַמע פּלייצעס. יעדער זעץ האָט געקלונגען ווי אַ באַראַבאַן.

דער אינגעל האָט געיאָמערט, געזוכט זיך אַרויסצורייסען פון זיינע הענד, אַנטלויפען, פון קעלניע אַראָבשפּרינגען און זיין בעל־הבית האָט איהם מיט איין האַנד געהאַלטען פעסט פאַר'ן קראַ־גען און מיט דער אַנדערער געפּראַסקעט אָהן אַן אויפהער.

זשאַננאַ, צומישט און האַלב פערצווייפעלט, האָט געשטאַ־מעלט:

— פּאַפּאַ, אַך, פּאַפּאַ!

און די באַראָנעסע, אַן אויפגעבראַכטע, האָט געדריקט איהר מאַן'ס האַנד:

— האַלט איהם איין, זשאַק, איך בעט דיר, האַלט איהם איין!

דאָ האָט דער באַראָן פּלוצים געעפענט די פאָדערשטע שויב פון עקיפּאַזש, אָנגעכאַפּט זיין איידעם פאַר אַן אַרבעל און אויף איהם אַ געשריי געטהאָן מיט אַ ציטערענדיג קול:

— וועט איהר אויפהערען שלאָגען דאָס קינד!

זשוליען האָט זיך אומגעקוקט צושראָקען און אויסגערופען:

— זעהט איהר דען ניט, וואָס דער אויסוואורף האָט געמאַכט פון זיין ליווריע?

אָבער דער באַראָן האָט געענטפערט, אַרויסרוקענדיג דעם קאָפּ פון פענסטער:

— אַלץ איינס, אַזוי ווילד דאַרף מען ניט זיין.

זשוליען איז ווידער אין כעס געוואָרען:

— לאָזט מיך צופריעדען, איך בעט אייך, דאָס איז ניט אייער זאַך!

ער האָט ווידער אויפגעהויבען די האַנד, אָבער זיין שוועסטער האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין האַנד און זי אַ שמיץ געטהאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי האָט זיך אַנגעקלאַפּט אַן דער קעלנע, און בעת דעם האָט ער אַ געשריי געטהאָן מיט צאָרן:

— ווען דו לאָזט גלייך ניט איין דעם אינגעל, געה איך אויפ'ן שטעל ארויס פון עקיפּאַזש! איך וועל דיר שוין ציינען, זאָלסט איהם לאָזען צורוה...

דער וויקאַנט האָט זיך מיט אַמאָל בערוהיגט... האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען, אַ שמיץ געטהאָן די פערד, זיי האָבען גענומען לויפען מיט לאַנגע שנעלע טריט.

ביידע פרויען זיינען בלייך געוואָרען, האָבען גיט גערעדט מיט קיין אבר, און מען האָט געקענט הערען דייטליך, ווי ביי דער באַראָנעסע קלאַפּט דאָס האַרץ.

ביים טיש איז זשוליען געווען ליעבליכער, ווי געוועהנליך, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהן. זשאַננאַ, איהר פאָטער און די באַראָנעסע, וועלכע האָבען אַלעם שנעל פערגעסען און פערגעבען אַ דאַנק זייער נאַטירליכער גוטסקייט, זיינען געווען געריהרט פון זיין פריינדליכקייט און זיינען ווידער פרעהליך געוואָרען מיט דעם גליקליכען געפיהל פון קראַנקע, וואָס הויבען אַן געזונד צו ווערען.

ווען זשאַננאַ האָט ווידער גענומען רעדען פון די בריזעווילס, האָט אַפילו איהר מאַן איצט אויך מיט זיי מיטגעלאַכט. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און גלייך צוגעלייגט:

— זיי מעגען זיך זיין, ווי זיי ווילען, זיי זיינען פאָרט אַריסטאָקראַטען!

קיינע אַנדערע וויזיטען האָבען זיי ניט געמאַכט. יעדער האָט מורא געהאַט די געשיכטע מיט מאַריוס'ען זאָל זיך ניט ווידערהאָלען. זיי האָבען בעשלאָסען צו שיקען זייערע שכנים וויזיטקאַרטען צום נייעם יאָהר און די וויזיטען האָבען זיי אָבגעלייגט אויף די ערשטע שעהנע טעג פון'ם קומענדיגען פריהלינג.

ווייהנאַכטען איז אָנגעקומען. צום טיש זיינען איינגעלאַדען געוואָרען דער פריעסטער און דער מעער מיט זיין פרוי. צו נייַיאָהר האָט מען זיי ווידער אַמאָל פערבעטען.

דאָס זיינען געווען די איינציגע צושטרייאונגען, וועלכע האָבען איבערגעריסען די איינטאָניגקייט פון די איבעריגע טעג.

פאָטער און מוטער האָבען געזאָלט פערלאָזען די „פּאַפּעל־בוימער" ארום דעם ניינטען יאַנואַר. זשאַננאַ האָט זיי געוואָלט אָבהאַלטען, אָבער זשוליען האָט אפילו אין זינען ניט געהאַט עס צו טהאָן. זעהענדיג, ווי קאַלט און אונפריינדליך דער איידעם ווערט געגען זיי, האָט דער באַראָן געגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל ברייננגען פון רועז אַ פּאָסט וואָגען.

אַ אבענד פאַר זייער אָבריייזען, נאָכדעם ווי אַלעס איז שוין געווען איינגעפּיקסט, האָבען זשאַננאַ מיט איהר פאָטער בעשלאָסען זיך דורכצוגעהן אין איפּאָר, וואו זיי זיינען ניט געווען זייט איהר צוריקקעהרען זיך פון קאָרסיקאַ.

זיי זיינען אריבער דעם וועלדעל, איבער וועלכען זשאַננאַ האָט שפּאַציערט אין דעם טאָג פון איהר חתונה, ביי דער זייט פון'ם מאַן, וועמעס פריינדין זי האָט געוואָלט ווערען אויפ'ן גאַנ־צען לעבען. איבער דעם וואַלד, וואו זי האָט איהר ערשטען קוש געקראָגען, דעם ערשטען שוידער פון ליעבע געפיהלט און יענע זינדליכע ליעבע פּאַראויסגעפיהלט, וועלכע האָט זיך ערשט פאַר איהר ענטפּלעקט אין דעם ווילדען טהאָל פון אָטאַ, ביי דעם קוואַל פון וועלכען זיי האָבען געטרונקען און זייערע קושען מיט וואַסער אויסגעמישט.

עס זיינען ניט געווען מעהר קיין בלעטער, קיין פלאַנצען, קיין גראָז. מען האָט בלויז געהערט דאָס קנאַקען פון די צווייגען און דעם טרוקענעם קלאַנג, וואָס טראָגט זיך ווינטער צייט פון די נאַ־קעטע בוימער.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ דערפעל. די גאַסען זיינען געווען פּוסט און שטיל. עס האָט געשמעקט מיט ים, וואַסער־פלאַנצען

און פיש. די גרויסע נעצען זיינען נאָך אַלץ געהאנגען פאַר די טהירען און זיך געטריקענט, אָדער געלעגען אויסגעשפּרייט אויפ'ן זאַמד ביים ברעג. דער גרויער, קאַלטער ים, מיט זיינע אייביג־רוישענדע כוואַליעס, איז אָבגעפאַלען און מען האָט געקענט זעהן די גרינליכע פעלזען צו־פוסען פון די משופּעה־דיגע בערג. און דאָרט וויטער, אין דער גאַנצער לענג פון ברעג, זיינען אויף אַ זייט געלעגען גרויסע שיפלאַך און האָבען אויסגעזעהן, ווי מעכטיגע טויטע וואַל־פישען.

און די פישער זיינען גרופּענווייז געקומען צום ברעג, טרעטענדיג שווער אין זייערע גרויסע פישער־שטיוועל, מיט אַ טוך אַרום האַלז, אַ פלאַש בראַנפען אין איין האַנד און די לאַנטערנע פון שיף אין דער אַנדערער. זיי זיינען לאַנג אַרומגעגאַנגען אַרום די אויסגעקרימטע שיפען. מיט נאָרמאַנישע פּאַרזיכטיגקייט האָבען זיי צורעכט געמאַכט די נעצען, אַריינגעלעגט אַ גרויסען לאַבען ברויט, אַ טאָפּ פּוטער, אַ פלאַש בראַנפען און אַ גלאָז אין שיפעל אַריין. דערנאָך, אויפהויבענדיג די שיף, האָבען זיי איהר אַ שטופּ געטהאָן אין וואַסער אַריין. מיט אַ ליאַרעם האָט זיך דאָס שיפעל אַ קייקעל געטהאָן איבער די שטיינער פון ברעג און דעם ווייסען שוים דורכגעריסען; אונטערגעכאַפּט פון אַ כוואַליע און שאַקלענדיג זיך אויף אַ ווייל, האָט זי צועפענט איהרע שטאַרקע ברוינע פליגלען און איז פערשוואונדען אין דער ביינאַכטיגער פינסטערניס.

די געזונדע, שטאַרקע ווייבער פון די מאַטראָזען, אין דינע קליידער, אונטער וועלכע עס האָבען זיך אָבגעצייכענט זייערע גראָבע גליעדער, האָבען געוואַרט אויפ'ן ברעג, ביז דער לעצטער פישער איז אָבגעפאָהרען. דאַן האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט אין דעם שלאָפענדיגען דאָרף, שטערענדיג מיט זייער קוויטשעריי די רוה פון דער גאַס.

דער באַראָן און זשאַננאַ האָבען אונבעוועגליך צוגעקוקט, ווי די מענער זיינען אין דער פינסטערניש פערשוואונדען. יעדע

נאכט זיינען זיי. אזוי ווי היינט, אין דעם שטורמדיגען ים ארויס־געפאהרען, זייער לעבען איינגעשטעלט, כדי א שטיקעל ברויט צו פערדיענען. און דאך זיינען זיי געווען אזוי ארעם, אז זיי האבען קיינמאל ניט געזעהן א שטיקעל פלייש ביי זייער טיש.

דער באראן איז געווארען שטארק בעגייסטערט, קוקענדיג אויפ'ן ים, וועלכער האט זיך פאר איהם אויסגעשפרייט און ער האט אויסגערופען:

— ער איז מורא'דיג און דאך אזוי שעהן! ווי וואונדערבאר איז דער דאזיגער ים, ווען עס ווערט פינסטער, דער ים, אויף וועלכען אזוי פיעל מענשליכע לעבען זיינען יעדע מינוט אין גע־פאהר! וואס זאגסטו, זשאננא?

זשאננא האט געענטפערט מיט א פערגליווערטען שמייכעל:

— ער קומט ניט צום מיטעל־מעער.

איהר פאטער איז געווארען אויסער זיך:

— וואס איז אזוינס דאס מיטעל־מעער! עס איז עפעס א מין בוימעל, צוקער־וואסער, בלויע וואסער אין א גרויסער באלעע. טהו אבער א קוק אויף דיעזען ים, ווי שרעקליך ער זעהט אויס מיט זיינע כוואליעס און דעם ווייסען שוים. און טהו א טראכט וועגען די מענשען, וועלכע האבען נור וואס פערלאזען דעם ברעג און זיינען שוין פערשוואונדען פון אונזערע אויגען.

מיט א לייכטען זיפץ האט זשאננא צוגעגעבען:

— יא, אמת!

אבער דאס ווארט: מיטעל־מעער, וועלכער איז איהר פון די ליפען ארויס, האט איהר ווידער דאס הארץ פערקלעהמט און איהרע געדאנקען צו די ווייטע געגענדען אוועקגעפיהרט, וואו עס זיינען געבליבען איהרע טרוימען.

אנשטאט זיך צוריקצוקעהרען מיט'ן וואלד, זיינען פאטער און טאכטער ארויס אויפ'ן וועג און זיינען לאנגזאם אוועק מיט'ן ברעג. זיי האבען ניט אויסגערעדט קיין ווארט,ביידע טרויעריג צוליעב דער באלדיגער צושיידונג.

ווען זיי זיינען פאַרביי געגאַנגען די פאַרמס, האָט זיך אויף זיי אַ טראָג געטהאָן אַ גערוך פון געקוועטשטע עפּעל, יענער גערוך פון פרישען עפּעל־וויין, וועלכער טראָגט זיך דאָרט אין דיעזער צייט פון יאָהר איבער גאַנץ נאָרמאַנדיע. אין יעדען הויף האָט אַ בעלויכטענער פענסטער אַנגעוויזען אויף אַ בעוואָהנטע הויז.

און זשאַננאַ'ן האָט זיך געדאַכט, אַז איהר נשמה ווערט ברייטער און נעהמט פערשטעהן דאָס אונזיכטבאַרע; און די קליינע פייערלאַך, צוזעהטע איבער די פעלדער, האָבען פלוצים אַרויסגערופען אין איהר אַ געפיהל, אַז אַלע לעבעדיגע בעשעפענישען אויף דיעזער ערד זיינען איינזאַם, אַליין, פרעמד איינער דעם אַנדערען. אַז קיינער געפינט ניט דאָס גליק, אויף וועלכעס ער האָט געהאָפט.

דאַן האָט זי געזאָגט מיט אַ טרויעריגער שטימע:

— דאָס לעבען איז ניט אימער פרעהליך!

דער באַראָן האָט אַ זיפץ געטהאָן:

— יאָ, קינדעלע, וואָס קען מען זיך העלפען.

און ווען אויף מאָרגען איז פּאַפּאַ און מאַמאַ אוועקגעפאָהרען, זיינען זשאַננאַ און זשוליען געבליבען אַליין.

VII.

איצט האָט אין'ם לעבען פון דעם פּאָאַר פּאַלק געוומען שפּיעלען אַ ראָלע קאָרטען. יעדען טאָג נאָכ'ן פריהשטיק, רויכערענדיג זיין פּיפּקע און טרינקענדיג דערביי קאָניאַק — זיבען־אַכט גלעזעלאַך אַ טאָג — האָט זשוליען געשפּיעלט מיט דער וויב עטליכע פּאַרטיעס בעזיק. דערנאָך איז זשאַננאַ אוועקגעגאַנגען אין איהר צימער, זיך געזעצט צום פענסטער און זיך צוהערענדיג ווי דער רעגען קלאַפּט אין די שויבען, האָט זי איינגעשפּאַרט אויסגענייהט אַ זוים צו אַ קליידעל. מאַנכעס מאָל, מיעד ווערענדיג, האָט זי אויפ־

געהויבען די אויגען און אַרויסגעקוקט אין דער ווייטער ווייטקייט, אויף דעם פינסטערען ים. באַדעקט מיט כוואַליעס ווי מיט קליינע שעפּסעלאַך. אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט.

זי האָט אויגענבליק גאַרנישט געהאַט וואָס צו טהאָן. זשוליען האָט איבערגענומען די גאַנצע הויז ווירטשאַפט אויף זיך. אויף אַזאַ אופן האָט ער בעסער געקענט בעפריעדיגען זיין שטרעבונג צו הערשען און זיין ליידענשאַפט צו שפּאָרען און קאַרגען. ער איז געוועזען שרעקליך קאַרג, האָט קיינמאָל ניט געגעבען קיין טרינק געלד, האָט פון אַלעם און אַלעמען געשפּאָרט, אפילו פון'ם עסען און געזעהן, אַז אין הויז זאָל זיין בלויז פון דאָס סאַמע נויטיגסטע.

זייט זשאַננאַ איז צוריקגעקומען אין די פּאַפּעל-בוימער, האָט זי זיך ביים בעקער יעדען אין דער פריה באַשטעלט אַ קליינעם נאַר-מאַנישען קוכען, אויף די דאָזיגע הוצאה האָט זשוליען אויסגעקאַ-סירט און זשאַננאַ האָט זיך געמוזט בענוגענען מיט פּראָסטען ברויט.

זי האָט גאַרנישט געזאָגט, אום אויסצומיידען איבעריגע רייד און קריגערייי. אָבער עס האָט איהר געשטאָכען, ווי מיט שפּילקעס יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיין גייציגקייט אַרויסגעוויזען. איהר, וועלכע איז אויסגעוואַקסען אין אַ פאַמיליע, וואו געלד האָט קיין ראָלע ניט געשפּיעלט, וואו מען האָט עס אויסגעגעבען לייכט און פריי, האָט די דאָזיגע אייגענשאַפט זיינע אויסגעוויזען ניעדעריג און העסליך. ווי אָפט האָט זי געהערט די מוטער זאָגענדיג: „געלד עקזיסטירען דאָך בלויז אויף דעם, אַז מען זאָל זיי אויסגעבען“.

און זשוליען האָט נאָכאַנאַנד גע'טענה'ט:

— קענסטו דען זיך גאַרנישט איינגעוואָהנען, ניט אַרויסצו-וואַרפען אומזיסט קיין געלד?

און יעדען מאָל, ווען ער האָט אָבגעריסען אַ פּאָאַר גראָשען פון אַ געהאַלט, אָדער פון אַ רעכענונג, האָט ער געזאָגט לאַכענדיג, בעת ער האָט דאָס געלד אין קעשענע אַראָבגעלאָזען:

— קליינע טייכלאַך מאַכען אַ גרויסע טייך!

מאַנכעס מאָל האָט זשאַננאַ ווידער גענומען טרוימען. זי האָט די אַרבייט געלאָזט ליגען, די הענד זיינען איהר אויפ'ן שויס אַראָבגעפאַלען און מיט אַ פאַרשלייערטען בליק האָט זי ווידער גע־טרוימט :איהרע שענע, מיידעלשע טרוימען. אָבער ווען עס האָט זיך דערהערט זשוליען'ס שטימע, וועלכער האָט דעם אַלטען סימאָן עפּעס אַ בעפעהל געגעבען, האָט זי זיך אַ טרייסעל געטהאָן, ווידער גענומען איהר אַרבייט און געזאָגט צו זיך אַליין:

— עט, יענע אַלע שעהנע זאַכען האָבען זיך שוין לאַנג געענ־דינט! — און אַ טרער איז אויף איהרע פינגער געפאַלען, אין וועלכע זי האָט די נאָדעל געהאַלטען.

אויך ראָזאַליע, וועלכע איז פריהער געווען לעבעדיג, פרעהלאַך און האָט שטענדיג געזונגען, האָט זיך מיט אַמאָל אין גאַנצען פער־ענדערט. איהרע רונדע באַקען זיינען איינגעפאַלען, די פאַרב איז פון זיי פערשוואונדען און איהר גאַנצער פּנים האָט זיך מיט עפּעס אַ געלקייט בעצויגען. זשאַננאַ האָט זי אַפט געפרעגט:

— דו ביזט קראַנק ראָזאַליע?

דאָס מיידעל האָט יעדעס מאָל געענטפערט:

— ניין, מאַדאַם! — און דערביי איז איהר יעדעס מאָל דאָס בלוט אין פּנים אַריין און זי האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט.

אנשטאָדט צו לויפען און שפּרינגען ווי פריהער, האָט זי איצט קוים געשלעפּט די פיס. זי האָט אין גאַנצען פערלאָרען איהר קאָ־קעטישען אויסזעהן, און מעהר גאָרנישט געקויפט ביי די פערביי־פאָהרענדיג הענדלער, וועלכע האָבען איהר אומזיסט פאָרגעלייגט ליענטעס, קאָרסעטען און פאָרפיום.

און דאָס גרויסע הויז האָט עפּעס ווי אָבגעהילכט מיט פוסט־קייט, עס איז געווען טויט ווי אַ קבר מיט דעם לאַנגען פראָנט, אויף וועלכען דער רעגען האָט איבערגעלאָזען לאַנגע, גרויע פאַסען.

אַרום ענדע יאַנואַר איז אויסגעפאַלען אַ שנעע. פון ווייטען, פון דער אַנדערער זייט פון ים, האָט מען געזעהן אנקומענדיג גרויסע, שווערע וואָלקענס און לאַנגזאַם האָבען גענומען פאַלען די

ווייסע שנייעלאַך. אין איין נאַכט איז די גאַנצע ערד באַדעקט געוואָרען מיט אַ ווייסער דעקע און אַלע ביימער האָבען זיך מיט פראָסט בעצויגען.

זשוליען אין הויכע יעגערשע שטיוועל אַנגעטהאָן, האָט גאַנצע טעג פערבראַכט אין וועלדעל. בעהאַלטענדיג זיך אין אַ גראָבען, איז ער דאָרט געלעגען און אַבגעהיט די ווארדער פויגלען. פון צייט צו צייט האָט אַבגעקלונגען אַ שאָס דורך דער אייזיגער שטילקייט פון די פעלדער, גאַנצע סטאַיעס צושראָקענע ראָבען האָבען די הויכע ביימער פערלאָזען און זיך גענומען דרעהען אין דער לופט.

אויסגעהענדיג פאַר לאַנגווייליגקייט, איז זשאַננאַ מאַנכעס מאָל ארויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַנעק. גאַנץ פון ווייטען, ווי אַ עכאָ, האָבען זיך דערטראָגען טענער פון ווייטען לעבען.

אָבער זי האָט גאָרנישט געהערט, אויסער דאָס פּליעסקען פון די כוואַליעס פון ווייטען און דעם שטילענדען גערויש פון פאַלענדיגען שנעע.

און די שנעע דעקע איבער דער ערד איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען.

אין איינעם פון די דאָזיגע גרויע פריהמאָרגענס איז זשאַננאַ געזעסען אונבעוועגליך ביי זיך אין צימער און געוואָרעמט די פיס ביים פייער, בעת ראָזאַליע, וועלכע האָט זיך דאָס אַ טאָג אַלץ מעהר פאַרענדערט, האָט לאַנגזאַם דאָס בעט פאַרבעט. פּלוצים האָט זשאַננאַ הינטער זיך דערהערט אַ קרעכץ. ניט אומקעהרענדיג דעם קאָפּ, האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

דאָס מיידעל האָט געענטפערט ווי אימער:

— גאָרנישט, מאַדאַם!

אָבער איהר שטימע האָט געקלונגען פערשטיקט, צוריסען.

זשאַננאַ האָט שוין גענומען טראַכטען וועגען עפּעס אַ'ן אַנדער

ואד, ווען זי האָט פּלוצים בעמערקט, אַז דאָס מיידעל בעוועגט זיך ניט מעהר. זי האָט אַ רוף געטהאָן:

— ראזאליע!

קיין זאך האָט זיך ניט בעוועגט. דאן איז איהר איינגעפאַלען, אַז יענע איז מסתמא ארויסגעגאנגען און זי האָט אויסגערופען העכער:

— ראזאליע!

זי האָט געוואָלט אויסציהען די האנד כדי אַ קלונג צו טהאָן, ווען גאנץ נאָהענט נעבען איהר האָט זיך געגעבען אַ טיעפער קרעכץ, וי איז אויפגעשפּרונגען אַ צושראָקענע.

דאָס מיידעל איז געזעסען אויף ד'ערד מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, בלייך ווי דער טויט, די פיס אויסגעצויגען און מיט'ן רוקען אין בעט אנגעשפּארט.

זשאננא האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהר:

— וואָס איז מיט דיר?

ראזאליע האָט ניט געענטפערט, ניט אַ ריר געטהאָן מיט קיין גליעד. זי האָט נור אנגעשטעלט אויף איהר מאדאם אַ פּאָאר אויגען, ווי אַ משוגענע און געסאָפּעט שווער, ווי פון מורא'דיגע יסורים געפּייניגט; און פּלוצים האָט זי זיך אויסגעצויגען אַזוי אַז זי איז אויפ'ן רוקען געפאַלען און מיט פערביסענע ציינער האָט זי אונטערדריקט פארצוויפעלטע וועה־געשרייען.

דאָ האָט זיך עפּעס בעוועגט אונטער איהר קלייד, וועלכע האָט צוגעדעקט איהרע אויסגעצויגענע פיס, און עס האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מאָדנער געזויש, אַ כאָרכלען, אַ כריפּען פון אַ פאַרשטיקטען האַלז. דערנאָך האָט פּלוצים אָבגעהילכט אַ הויכער מיאוקען ווי פון אַ קאַץ, אַ צאַרטער און שמערצליכער געשריי, דער ערשטער שמערץ געשריי פון אַ קינד, וואָס טרעט אין לעבען אריין.

פּלוצים האָט זיך זשאננא נעכאַפּט, וואָס דאָ טהוט זיך, ;ענומען לויפען איבער די טרעפּ אַ צושראָקענע און גערופען איהר מאַן.

— זשוליען! זשוליען!

ער האָט געענטפערט פון אונטען:

— וואָס איז, וואָס איז געשעהן?

זי האָט קוים געקענט אַרויסברענגען די ווערטער:

— אַך, ראָזאַליע...

זשוליען האָט גענומען לויפען אַרויף צו צוויי טרעפּלאַך אויף אַמאָל, האָט אַריינגעשטורעמט אין צימער, אַ הויב געטהאָן מיט איין בעוועגונג דאָס קלייד פון דער מיידעל און דערזעהן אַ מוראַ'דיג, קליין שטיק פליישׁ, פאַרשטיקט שרייענדיג, אין גאַנצען קלעפּעדיג, וואָס האָט זיך געצאַפּעלט צווישען צוויי נאַקעטע פיס.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַ בייזען אויסדרוק אויפ'ן פנים און אַרויסגעשטופּט זיין צושראָקענע פרוי:

— דאָס איז ניט דיין זאַך, געה, שיק מיר לודווינע און דעם אַלטען סימאָן.

ציטערענדיג איז זשאַננאַ אַראָגגעגאַנגען אין קיך, און אַזוי ווי זי האָט ניט געוואַגט צוריק אַרויפצוגעהן אויבען, איז זי אַריין אין סאַלאָן, וועלכען מען האָט מעהר ניט בעהייצט זייט די עלטערן זיינען אַוועקגעפאָהרען, און גענומען אַנגסטליך וואַרטען, וואָס דאָ וועט זיין. באַלד האָט זי געזעהן, ווי אַ דיענער איז שנעל אַוועקגעגאַנגען און איז גלייך צוריקגעקומען מיט דער אַלמנה דענטיו, די אַקושערקע פון דעם געגענד.

דערנאָך האָט אויף די טרעפּ זיך דערהערט אַ בעוועגונג, ווי מען וואָלט אַ פּערוואונדעטען אַרונטערגעטראָגען און זשוליען איז אַריינגעקומען זאָגען זשאַננאַ'ן, אַז זי קען שוין צוריק אַרויפגעהן. זי האָט זיך געטרייסעלט, ווי זיי וואָלט עפּעס אַ גרויס אונגליק איבערגעלעבט, זיך געזעצט צום פייער און געפרעגט:

— וואָס מאַכט זי?

פאַרטהאָן אין זיינע געדאַנקען איז זשוליען אַרומגעלאָפען הין און צוריק איבער'ן צימער, אַ ווילדער כעס האָט אין איהם גע־

ברענט און ער האָט ניט געענטפערט אויף איהר פראַגע. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שטעהן געבליבען און געזאָגט:

— וואָס דענקסטו צו טהאָן מיט דער מיידעל?

זי האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט און האָט אָנגעקוקט איהר מאַן:

— וואָס? ווילסטו דערמיט זאָגען? איך פאַרשטעה ניט!

פלוצים איז ער געוואָרען צוקאָכט און גענומען שרייען:

— מיר קענען דאָך ניט האַלטען דעם ממזר אין הויז!

דאַן איז זשאַננאַ געוואָרען נאָך מעהר צומישט און אויפגע־בראַכט און נאָך אַ לאַנגען שווייגען האָט זי געזאָגט:

— הער אויס, ליעבער פריינד, אפשר וואָלט מען איהם גע־קענט אָוועקגעבען צו אַן אַם אויפצוהאָדעווען.

ער האָט איהר ניט געלאָזט אויסרעדען:

— יאָ, און ווער וועט פאַר איהר צאָהלען, דו אפשר?

זי האָט אַ צייט לאַנג געטראַכט, זוכענדיג אַ'ן אויסוועג און צום סוף האָט זי געזאָגט:

— דער פאָטער פון'ם קינד וועט וועגען דעם זאָרגען, און ווען ער וועט חתונה האָבען מיט ראָזאַליע'ן, וועלען אַלע שוועריג־קייטען אויפהערען.

זשוליען האָט פערלאָרען די געדולד און אַרויסגעפּלאַצט מיט כעס:

— דער פאָטער?... דער פאָטער?... דו ווייסט דען ווער ער איז? ניין! ניט אמת, ניט אמת. דו ווייסט עס ניט. נו טאָ שווייג בעסער!

זשאַננאַ איז געוואָרען אויפגערעגט:

— ער וועט דאָך אָבער ניט פערלאָזען דאָס מיידעל אין אַזאַ צושטאַנד. דערצו דאַרף ער דאָך זיין אַ לומפּ! מיר וועלען אויס־געפינען ווער ער איז און איהם דאַן אויפזוכען. ער וועט מוזען עפּעס טהאָן.

זשוליען האָט זיך אביסעל בערוהיגט און גענומען ווידער געהן הין און צוריק איבער'ן צימער:

— מיין טהייערע, ראזאליע וויל ניט זאָגען, ווער דער מאַן איז און וויל איהם ניט ארויסגעבען, ניט מיר און ניט דיר. און דאַן... אזוי לאַנג ווי יענער וויל מעהר ניט וויסען פון איהר... מיר קענען דאָך אין אונזער הויז ניט האַלטען א מיידעל מיט א אונגע־זעצליך קינד. דאָס מוזטו דאָך איינזעהן!

זשאַננא איז געבליעבען ביי דאָס איהריגע:

— דאַן איז דער מאַן א לומפּ! אָבער מיר מוזען אויף יעדען פאַל ארויסקריעגען ווער ער איז און דאַן וועט ער האָבען צו טהאָן מיט אונז.

זשוליען איז געוואָרען רויט ווי פייער און דער כעס האָט זיך נאָך מעהר אין איהם צוברענט:

— אָבער... דערווייל קען זי דאָ מעהר ניט בלייבען.

זשאַננא האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און געפרעגט:

— יאָ, אַלזאָ וואָס איז דיין עצה?

ער האָט געענטפערט:

— זעהר איינפאַך, מען דאַרף איהר געבען אביסעל געלד און איהר שיקען צום טייפעל צוזאַמען מיט איהר שרייער.

דאָס האָט די יונגע פרוי ארויסגעבראַכט פון זיך:

— ניין, דאָס וועט ניט געשעהן. דאָס מיידעל איז מיין מילך־שוועסטער, מיר זיינען צוזאַמען אויפגעוואַקסען. זי איז בעגאַנגען א פעהלער, דאָס איז אמת, אָבער צוליעב דעם וועל איך זי ניט ארויסטרייבען און אויב עס וועט נויטיג זיין, וועל איך אַליין ער־ציהען דאָס קינד.

ער איז געוואָרען צוקאָכט:

— נו, יאָ, דאָס פּאַסט טאַקע פאַר אונז. וואָס וועלען פון אונז דענקען אונזערע בעקאַנטע, אונזערע אריסטאָקראַטישע פריינד? עס וועט הייסען, אַז מיר בעשיצען דאָס לאַסטער און גיבען א היים אַזעלכע פרויען. קיין אַנשטענדיגער מענש וועט ניט וועלען האָ־

בען מיט אונז צו טהאָן. ווי קען דאָס דיר גאָר איינפאַלען? ביזט הפנים משוגע געוואָרען?

זי איז געבליעבען פעסט ביי איהריגע:

— איך וועל קיינמאָל ניט ערלויבען ארויסטרייבען ראזאליע'ן אויף דער גאַס. און ווען דו וועסט זי ניט וועלען האַלטען, וועט מיין מוטער זי צונעהמען. סוף כל סוף וועלען מיר דאָך אויסגעפי־נען, ווער עס איז דער פאָטער פון'ם קינד.

דאַן איז דזשוליען ארויסגעלאָפען אַ צורייצטער און אַ זעץ געטהאָן מיט דער טיר:

— די ווייבער זיינען פערריקט מיט זייערע אידעען! — האָט ער אויסגערופען.

נאָכמיטאָג איז זשאַננאַ ארויפגעגאַנגען צו דער קינדבעטאָרען. דאָס מיידעל איז געלעגען אין בעט אונבעוועגליך מיט אָפענע אוי־גען, בעת איהר וואַרטס־פרוי האָט דאָס ניי־געבוירענע קינד אין איהרע אָרעמס געוויגט. אזוי שנעל, ווי ראזאליע האָט דערזעהן איהר מאדאַם האָט זי גענומען שלוכצען און אין דער גרעסטער פערצווייפ־לונג זיך בעהאַלטען אונטער דער דעקע.

זשאַננאַ האָט זי געוואָלט ארומנעהמען, אָבער זי האָט זיך גע־וועהרט. דאַן איז די וואַרטספרוי צוגעגאַנגען און איהר אראָבגע־צויגען די דעקע פון פנים. איצט האָט זי זיך אונטערגעגעבען, אָבער זי האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען.

אין קאַמין האָט געברענט אַ קליין פייער'ל. עס איז געוועזן קאַלט, דאָס עופה'לע האָט געוויינט. זשאַננאַ האָט ניט געוואָגט צו רעדען פון דאָס קינד, מורא האָבענדיג ארויסצורופען אַ נייעם געוויין. זי האָט גענומען די האַנד פון דער מיידעל און געזאָגט מעכאַניש:

— עס איז גאָרנישט! עס איז גאָרנישט! דו דאַרפסט זיך ניט אזוי אויפרעגען.

דאָס אָרימע מיידעל האָט פער'גנב'עט געקוקט אויף דער וואַרטספרוי, און אויפגעציטערט, ווען דאָס קינד האָט געוויינט.

צייטענווייז האָט דער איינגעהאַלטענער קימער זיך אַרויסגעריסען אין אַ קאַנוואולסיוועז כליפּען און אין האַלז האָבען איהר טרערען געשטיקט.

זשאַננאַ האָט זי נאָך אַמאָל אַ קוש געטהאָן און אַריינגעשושקעט איהר גאַנץ שטיל אין אויער אַריין:

— זיי רוהיג ראַזאַליע, מיר וועלען שוין זאָרגען פאַר דיין קינד!

אָבער אַזוי ווי דאָס מיידעל האָט זיך ווידער צויאַמערט, איז זשאַננאַ שנעל אַוועק.

יעדען טאָג איז זי צו איהר געקומען און יעדען מאָל האָט ראַזאַליע אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, אַזוי שנעל, ווי זי האָט איהר מאַדאַם דערזעהן.

דאָס קינד האָט מען אָבגעגעבען צו אַ שכנה אויף האַדאָוואַניע.

זשוליען האָט זעהר ווייניג גערעדט מיט זיין פרוי, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט בייז זיין אויף איהר, פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט אַוועקשיקען דאָס מיידעל.

אין אַ געוויסען טאָג האָט ער זיך אומגעקעהרט צו דעם דאָזיגען געשפּרעך. דאָן האָט זשאַננאַ אַרויסגענומען אַ בריעף פון קעשענע וואו די באַראָנעסע האָט געבעטען, מען זאָל גלייך שיקען דאָס מיידעל צו איהר, אויב מען וויל זי ניט האַלטען אין שלאָס.

זשוליען איז געוואָרען צוקאָכט און האָט אויסגערופען:

— דיין מאַמאַ איז פונקט אַזוי משוגע ווי דו!

אָבער מעהר האָט ער שוין וועגען דעם ניט גערעדט. אין פיערצעהן טעג אַרום האָט די קינדבעטאָרין געקענט אויפשטעהן און ווידער טהאָן איהר אַרבייט.

דאָן האָט זי זשאַננאַ איין מאָל אַ אין דער פריה אַוועקגעזעצט נעבען זיך, אָנגענומען איהרע הענד און אַריינגעקוקט איהר טיעף אין די אויגען:

— נו ראַזאַליע, איצט דערצעהל מיר אַלעס!

ראַזאַליע האָט גענומען ציטערן און אויסגעשטאַמעלט:

— וואָס פערלאַנגט איהר, מאַדאַם?

— פון וועמען איז דאָס קינד?

דאָ איז דאָס מיידעל ווידער געוואָרען מורא'דיג פערצווייפעלט, געזוכט צו בעפרייען איהרע הענד, אום זיך דאָס פנים צו פערשטע־לען.

און זשאַננאַ האָט זי געקושט ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האָט זיך שטאַרק געוועהרט און זי געטרייסט:

— געוויס איז דאָס אַ'ן אונגליק, מיין טהייערע, אָבער וואָס קען מען זיך העלפען? דו ביזט געוועזען שוואַך, אָבער דאָס פאַ־סירט מיט אַנדערע אויך. ווען דער פאָטער פון קינד זאָל מיט דיר חתונה האָבען, דאַן וועט אַלעס פאַרגעסען ווערען, און מיר וועלען צונעהמען דיין מאַן צוזאַמען מיט דיר אין דיענסט.

ראָזאַליע האָט געקרעכצט, ווי מען האָט זי געפייניגט און פון צייט צו צייט האָט זי זיך געזוכט אַרויסרייסען און אַנטלויפען.

זשאַננאַ האָט ווייטער גערעדט.

— איך פאַרשטעה גאַנץ גוט, אַז דו שעהמסט זיך, אָבער דו זעהסט דאָך, אַז איך בין ניט בייז אויף דיר. איך פרעג דיר אויף זיין נאָמען פון דיין טובה וועגען. איך זעה דאָך נאָך דיין פער־צווייפלונג, אַז ער וויל דיך וואַרפען, און איך וויל עס ניט דער־לאָזען. זשוליען וועט מיט איהם רעדען און מיר וועלען איהם שוין צווינגען, ער זאָל מיט דיר חתונה האָבען, און אַזוי ווי איהר וועט ביידע צוזאַמען זיינען ביי אונז אין דיענסט, וועלען מיר איהם שוין צווינגען, ער זאָל זיין גוט צו דיר.

דאָס מאָל האָט זיך ראָזאַליע האַסטיג אַ ריס געטהאָן פון איהר מאַדאַם'ס הענד און איז אַרויסגעלאָפען ווי אַ פעררי׳קטע.

אין אָבענד ביים טיש האָט זשאַננאַ זיך אָבגערופען צו זשוליען:

— איך האָב געוואָלט ביי ראָזאַליען אַרויסקריגען דעם נאָמען פון איהר פערפיהרער, אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. פרובּיר דו עס טהאָן, מיר מוזען דעם לומפּ צווינגען זי צו הייראַטען.

אָבער זשוליען איז גלייך געוואָרען מלא רציחה:

— הער אויס, דו ווייסט דאָך, אַז איך וויל פון דער געשיכטע גאָרנישט וויסען. דו האָסט געוואָלט האָבען דאָס מיידעל אין הויז, טאָ האַלט זי, אָבער מיך לאָז צופריעדען מיט'ן גאַנצען עסק.

זייט ראַזאַליע האָט דאָס קינד געבוירען איז ער געוועזען נאָך שלעכטער אויפגעלייגט, ווי פריהער. ער האָט זיך איינגעוואוינט ניט צו רעדען מיט זיין פרוי געלאַסען, זאָנדערן צו שרייען, ווי ער וואָלט שטענדיג געווען אין כעס אויף איהר, בעת זי האָט אין גע־גענטהייל געהערט שטיל, ווייך, איז געוואָרען נאָכגעביג, אום צו פערמיידען קריעגערייען. אָבער אין אָבענד ווען זי איז אַליין גע־ווען, האָט זי אָפט געוויינט.

טראָץ זיין שטענדיגען כעס, האָט איהר מאַן איהר ווידער גע־נומען שענקען זיין ליעבע, וואָס ער האָט ניט געטהאָן זייט זיי זיינען צוריקגעקומען פון זייער האָכצייטס־רייזע. און עס זיינען זעלטען אוועקגעגאַנגען דריי טעג נאָכאַנאַנד, אַז ער זאָל ניט קומען צו איהר אין שלאָפצימער.

ראַזאַליע האָט זיך אין גיכען אין גאַנצען פאַפראַוועט און איז שוין ניט געווען אַזוי טרויעריג, הגם עפּעס אַ געהיימער שרעק האָט זי נאָך אַלץ געשיינט צו דריקען.

און נאָך צוויי מאָל איז זי אַנטלאָפען, ווען זשאַננאַ האָט פּרובירט זי אויסצופרעגען.

פּלוצים איז אויך זשוליען געוואָרען פריינדליך און די יונגע פרוי האָט ווידער גענומען האָפען, איז איבעראַניים געוואָרען פרעה־לאַך, הגם זי האָט זיך אָפט געפיהלט מאָדנע שלעכט, אָבער זי האָט קיינעם וועגען דעם ניט געזאָגט.

דער שנעע איז ניט אָבגעגאַנגען, און כמעט פינף וואָכען נאָכאַ־נאַנד, האָט זיך אויסגעשפּרעהט איבער דער האָרטער, פלאַכער ערד אַ קלאָהרער הימעל ווי בלויער קריסטאַל ביי טאָג און ביינאַכט פול שימערענדע שטערען.

די איינזאַמע פויערשע הייזער, וועלכע זיינען געלעגען אין זייערע פיערקאַנטיגע הויפען, בעהאַלטען הינטער די גרויסע, פאַר־

שנעעטע בוימער, האָבען געשיינט צו שלאָפען אין זייערע ווייסע קליידער. ניט קיין מענש און ניט קיין חיה האָבען זיך אויף דער ווייסער וועלט געוויזען, און נור דער רויך פון די קוימענס, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען גלייך צום הימעל אַרויף, האָט אָנגעוויזען אַז אין די הייזער לעבט מען נאָך.

דאָס פעלד, די בוימער, אַלעס האָט אויסגעזעהן טויט, ווי ער־מאָרדעט פון קעלט.

פון צייט צו צייט האָבען די בוימער געקראַכט, ווי די היל־צערנע גליעדער זייערע וואָלטען צופּלאַצט געוואָרען אונטער דער קאָרע, און דאָ און דאָרט האָט זיך אָבגעבראָכען אַ צווייג און איז געפאַלען צו ד׳ערד. דער אייזיגער פראָסט האָט דעם זאַפט פון די בוימער אויסגעטריקענט און די קאָרע פון אויבען צוטראַסקעט.

זשאַננאַ האָט מיט אונגעדולט געוואַרט אויף מילדערע וועטערען, און אַלע איהרע ליידען און וועהטאָגען האָט זי צוגעשריעבען צו דער ביטערער קעלט.

באַלד האָט זי אויפגעהערט צו עסען, עס האָט איהר פון אַלעס געעקעלט; איהר פּולס האָט שטאַרק געקלאַפּט און הגם זי האָט כמעט גאָרנישט פערזוכט, איז איהר מאַגען שטענדיג קאַליע געווען און איהרע קראַנקע שטענדיג אָנגעצויגענע נערווען האָבען זי גע־האַלטען אין אַ אונערטרעגליכער אויפרעגונג.

איין מאָל אַ׳ן אָבענד איז דער טערמאָמעטער געפאַלען נאָך ניעדעריגער. זשוליען האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש צימערענ־דיג פאַר קעלט — וואָרים דער עס־צימער איז ניט געווען בעהייצט, כּדי צו שפּאָרען דאָס האָלץ — און זיך רייבענדיג די הענד האָט ער געזאָגט:

— היינט וועט זיין גוט צו שלאָפען זאַלבענאַנד, ניט אמת, קעצעלע?

ער האָט זיך צולאַכט מיט זיין פריהערדיגען, גוטען, קינדער־שען געלעכטער, און זשאַננאַ האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם אויפ׳ן האַלז; אָבער גראָדע היינטיגען אָבענד איז איהר געווען זעהר

שלעכט, זי האָט זיך געפיהלט אַזוי קראַנק, אַזוי נערוועז, אַז זי האָט שטיל געבעטען, קושענדיג איהם די ליפּען., ער זאָל זי היינט צורוה לאָזען. מיט עטליכע ווערטער האָט זי איהם דערצעהלט וועגען איהר קראַנקהייט:

— איך בעט דיך, מיין געליעבטער, איך פיהל זיך ניט גוט. מאָרגען וועט מיר ווערען בעסער.

ער איז ניט געווען איינגעשפּארט און געזאָגט:

— ווי דו ווילסט, מיין טהייערע, אויב דו ביזט קראַנק, מוזטו אויף זיך אַכטונג געבען.

און זיי האָבען גערעדט פון אַנדערע זאַכען.

זי איז פריה געגאַנגען שלאָפען.

געגען זיין געוואָהנהייט, האָט זשוליען געהייסען איינהייצען אין זיין שלאָפצימער, און ווען מען האָט איהם געמעלדעט, אַז דאָרט ברענט שוין אַ גוטער פייער, האָט ער אַ קוש געטהאָן זיין פרוי און איז אַוועק צו זיך.

דאָס גאַנצע הויז האָט געשיינט צו ליידען פון קעלט, די ווענט האָבען ווי געשווידערט פון פראָסט און זשאַננא האָט געציטערט אין איהר בעט; צוויי מאָל איז זי אויפגעשטאַנען, כדי אַריינצולייגען אַ שייטעל האָלץ אין אויווען און נאָך עפּעס אַ בגד זיך אויפ'ן בעט צו לייגען. קיין זאַך האָט זי ניט געקענט דערוואָרימען.

די פיס זיינען איהר ווי אָבגענומען געוואָרען און איבער'ן גאַנצען קערפּער איז דורכגעלאָפען אַ מין ציטערן; זי האָט זיך גע־וואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער, איז געוואָרען אויפגע־רעגט און וואָס ווייטער אַלץ מעהר נערוועז.

באַלד האָבען איהר גענומען קלאַפּען די צייהן אין מויל, די הענד האָבען געציטערט און די ברוסט איז געווען צוזאַמענגעדריקט. דאָס הארץ האָט געקלאַפּט לאַנגזאַם מיט שווערע, דומפּפע קלעפּ און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט הערט עס אין גאַנצען אויף צו קלאַפּען. זי האָט שווער געאָטהעמט, ווי זי וואָלט קיין לופט ניט געהאַט.

אַ מורא'דיגע אַנגסט איז איהר בעפאַלען און אין דערזועלביגער צייט האָט די ביטערע קעלט איהר דורכגענומען דורך און דורך. זי האָט נאָך קיין מאָל אין לעבען עפּעס אַזוינס ניט געפיהלט. די כוחות זיינען איהר אויסגעגאַנגען, זי האָט געפיהלט, אַז איהר לעצטע שטונדע איז נאָהנט. „איך שטאַרבּ!" איז איהר דורכגעלאָפען אין קאָפּ, און אין אַנגסטען איז זי אויפגעשפּרונגען פון בעט און אָנגע־קלונגען ראַזאַליע'ן, געוואַרט אַ ווייל און ווידער געקלונגען, ציטע־רענדיג און שוידערענדיג פון קעלט.

דאָס מיידעל איז ניט געקומען. זי איז מסתמא געשלאָפען מיט איהר ערשטען, פעסטען שלאָף, פון וועלכען עס איז שווער אויפצואוועקען, און זשאַננאַ, וועלכע האָט מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען, איז אויפגעשטאַנען און גענומען לויפען איבער די טרעפּ.

זי האָט זיך שטיל אויפגעהויבען, אַנגעטאַפּט אין דער פינס־טער די טהיר, געעפענט און אַ רוף געטהאָן:

— ראַזאַליע! — זי איז אַריין אינעווייניג, זיך אָנגעשטויסען אָן דער בעט, גענומען טאַפּען מיט די הענד און דערפיהלט, אַז עס איז לעדיג און קאַלט, ווי קיינער וואָלט דאָרט ניט געלעגען.

ערשטוינט האָט זי זיך אַליין געפרעגט:

— איז עס מעגליך, אַז זי זאָל אין אַזאַ וועטער אוועקגעהן פון הויז?

אָבער אַזוי ווי זי איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט ווי צום צו שפּרינגען, איז זי אוועקגע־לאָפען מיט די לעצטע קרעפטען, טרייסלענדיג זיך אויף די פיס, צו זשוליען איהם אויפצואוועקען.

זי איז האַסטיג צו איהם אַריינגעלאָפען, פערפאַלגט פון דעם געדאַנק, אַז זי שטאַרבט און מיט דעם וואונש איהם נאָך אַמאָל צו זעהן פאַר'ן טויט.

ביים אויסגעהענדיגען פייער אין קאַמין, האָט זי אויפ'ן קישען נעבען דעם קאָפּ פון איהר מאַן דערזעהן ראַזאַליע'ס קאָפּ.

ביי דעם געשריי, וואָס האָט זיך פון איהר אַרויסגעריסען, זייי נען זיי ביידע אויפגעשפּרונגען. אַ מאָמענט איז זי געבליבען שטעהן שטאַר, צוטומעלט פון דער דאָזיגער ענטדעקונג, דאַן האָט זי זיך געלאָזט לויפען צוריק אין איהר צימער.

ווען אָבער זשוליען האָט גענומען פערצווייפעלט רופען „זשאַננאַ!" איז אויף איהר אַנגעפאַלען אַזאַ מורא'דיגע אַנגסט, איהם צו זעהן, צו הערען זיין שטימע, אויסהערען זיינע ליגענס, טרעפען זיך מיט איהם פּנים לפּנים, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צוריק אויף די טרעפּ און זיך געלאָזט לויפען אַרונטער.

דאַן איז זי געלאָפען אין דער פינסטערניש אריין, ניט קוקענדיג אויף דער געפאַהר אַרונטערצופאַלען פון די טרעפּ און זיך אָן די שטיינער צושלאָגען. זי איז געפלויגען פון אַ אונווידערשטעהליכער בעדערפעניש געטריעבען, גאָרנישט צו הערען, קיינעם ניט צו זעהן.

ווען זי איז שוין אונטען געווען, האָט זי זיך אויף אַ טרעפּעל געזעצט אַ באָרפוסע אין איין העמד און איז דאָרט געבליעבען זיצען ווי אַ משוגענע.

זשוליען איז פון בעט אַרויסגעשפּרונגען, האָט זיך שנעל אַנגעטהאָן. זי האָט איהם געהערט קומענדיג און איז אויפגעשטאַנען, אום פון איהם צו אַנטלויפען. באַלד האָט ער אויך גענומען לויפען פון די טרעפּ און גערופען:

— זשאַננאַ, אָבער הער דאָך!

ניין, זי האָט גאָרנישט געוואָלט הערען, ניט געוואָלט ער זאָל זי אפילו מיט אַ פינגער אַנריהרען און זי האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אין עס צימער און איז אַנטלאָפען ווי פון אַ מערדער. זי האָט געזוכט אַ'ן אויסגאַנג, אַ באַהעלטעניש, אַ פינסטערען ווינקעל, אַ פערבאָרגענעם אָרט, וואו זי זאָל זיך קענען בעהאַלטען פון איהם. זי איז אַרונטערגעקראָכען אונטער'ן טיש און זיך דאָרט בעהאַלטען. אָבער גלייך האָט ער געעפענט די טהיר מיט אַ ליכט אין די הענד און ווידער גערופען:

— זשאַננאַ! זשאַננאַ!

און זי איז ווידער אַנטלאָפען פון דאַנען. ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה, האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן אין קיך און איז צוויי מאָל אַרומ־געלאָפען אין קרייז, ווי אין אַ שטייג, און אַזוי ווי ער האָט זי שיער־שיער ניט געכאַפּט, האָט זי פּלוצים געעפענט די טהיר און איז אַרויסגעלאָפען אין גאָרטען אַרויס.

די בעריהרונג מיט אייזיגען שנעע, אין וועלכען איהרע פיס זיינען אָפּט אַריין ביז צו די קניע, האָט איהר פּלוצים געגעבען די קראַפט פון פערצווייפלונג. הגם זי איז געוועזען האַלב נאַקעט, איז איהר דאָך ניט געוועזען קאַלט. זי האָט איצט שוין מעהר גאָרנישט געפיהלט, דער וועהטאָג פון איהר נשמה האָט איצט אין גאַנצען בעהערשט די וועהטאָגען פון איהר קערפּער און זי איז געלאָפען איבער דער ערד אַזוי וויים ווי דער שנעע אונטער איהרע פיס.

זי איז געלאָפען איבער דער גרויסער אַלעע דורך דעם וועלדעל, געשפּרונגען איבער גראַבענס און איז אַרויף אויף דער לאָנקע.

די לבנה האָט ניט געשיינט, די שטערן האָבען געלויכטען איבער'ן טונקעלען הימעל ווי צושאָטענע פונקען, אָבער דאָך איז דאָס פעלד געוועזען העל, שטיל און אונבעוועגליך איז אַלעס געלעגען אין דער אַרומיגער ווייסקייט.

זשאַננאַ איז געלאָפען, ניט אָבציהענדיג דעם אָטהעם, אָהן אַ בעשטימטען געדאַנק אין קאָפּ און פּלוצים איז זי געבליבען שטעהן ביים ראַנד פון אָבגרונד. אינסטינקטיוו איז זי פּלוצים שטעהן גע־בליעבען און אָהן אַ בעשטימטען געדאַנק, אָהן אַ ווילען געפאַלען אויף די קניע.

אין דעם פינסטערען אָבגרונד פאַר איהר, האָט דער אונזיכט־באַרער און שטומער ים פערשפּרייט אַ געזאַלצענעם גערוך פון וואַסער־פלאַנצען און פיש.

זי איז לאַנג אַזוי געזעסען, ווי פערשטיינערט, דערנאָך האָט זי פּלוצים גענומען ציטערן ווי אַ זעגעל פון ווינד געיאָגט. איהרע הענד און פיס, איהרע אָרעמס און דער גאַנצער קערפּער האָט גע־

טרייסעלט און געוואָרפען מיט אַ מורא'דיגע קראַפט, און מיט איין מאָל איז זי צוריקגעקומען צום בעוואוסטזיין און איהר איז אַלעס קלאָהר געוואָרען.

שוין לאַנג פערגאַנגענע בילדער האָבען גענומען שוועבען פאַר איהרע אויגען: דאָס אַרויספאָהרען מיט איהם אין ליאַסטיק'ס שיפעל, זייער געשפּרעך, דאָס ערשטע ערוואַכען פון ליעבע, דאָס טויפען פון דער שיפעל; דערנאָך זיינען איהרע געדאַנקען אַוועק נאָך ווייטער, ווען פול בענקעניש, פול מיט שענע חלומות איז זי צום ערשטען מאָל אין די פּאַפּעל־ביימער געקומען. און איצט? און איצט? אַך, איהר לעבען אין גאַנצען צושטערט, אַלע פריידען אַוועק, צו אַלע ערוואַרטונגען איז געקומען אַ סוף. פאַר איהרע אויגען האָט אַ שוועב געטהאָן אַ מורא'דיגע צוקונפט, פול קוואַלען, פערראַט און פערצווייפלונג! בעסער שטאַרבען, דאַן איז אַלעס פערביי, צו אַלעמען אַ סוף!

פון ווייטען האָט זיך דערהערט אַ שטימע:

— דאַ! דאָ זיינען שפּורען, שנעל, שנעל, אַהער!

דאָס איז געווען זשוליען, וועלכער האָט זי געזוכט.

זי האָט איהם מעהר ניט געוואָלט זעהן. אין דער טיעפעניש, דאָרט אונטער איהר, האָט זי איצט געהערט אַ שטילען גערויש. דאָס דומפּע קלאַפּען פון די כוואַליעס אַן די פעלזען.

זי האָט זיך אויפגעריכט, ענטשלאָסען זיך אַרונטערצו־וואַרפען. און נעהמענדיג אַבשייד פון'ם לעבען, האָט זי אַרויסגעקרעכצט דאָס לעצטע וואָרט פון די שטערבענדע, דאָס לעצטע וואָרט פון יונגע סאָלדאַטען, ווען זיי פאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד:

— מאַמאַ!

פלוצים האָט זי זיך דערמאָנט אַן דער מוטער, האָט געזעהן, ווי זי שלוכצט, געזעהן דעם פאָטער, ווי ער קניעט פאַר איהר צו־שמעטערטער לייכע און אין אַ סעקונדע האָט זי דורכגעליטען אַלע פערצווייפעלטע יסורים פון איהרע עלטערן.

אַהן קראַפט האָט זי זיך אַראָבגעלאָזען אין שנעע צוריק און

ווען זשוליען און דער אַלטער סימאָן געפֿאָלגט פֿון מאַריום, וועל־כער האָט געטראָגען אַ לאַטערנע, האָט זי אַנגעכאַפּט פֿאַר די אָרעמס און אַ שלעפּ געטהאָן פֿון אַבגרונד אוועק. האָט זי זיך שוין מעהר ניט געוועהרט.

זיי האָבען געטהאָן מיט איהר וואָס זיי האָבען געוואָלט, וויילזי האָט זיך מעהר ניט געקענט בעוועגען; זי האָט געפֿיהלט, אַז מען טראָגט זי, אַז מען האָט איהר אין בעט אריינגעלייגט און מען רייבט איהר מיט הייסע טיכער. דערנאָך האָט זי שוין מעהר גאָרנישט געדענקט, זי האָט פֿערלאָרען איהר בעוואוסטזיין. דאָן האָט איהר אַ חלום גענומען מאַטערן. איז דאָס ווירקליך געווען אַ חלום? זי איז געלעגען אין איהר צימער, עס איז געווען אַ העלער, ליכטיגער טאָג, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט אויפֿהויבען. פֿאַרוואָס? זי האָט עס ניט געוואוסט. דאָ האָט זי אויף ד'רערד דערהערט עפּעס ווי אַ קראַצען, אַ רוישען און פּלוצים האָט אַ קליין, גרוי מייזעל גענומען לויפֿען איבער איהר דעקע, אַן אַנדערע גלייך נאָך איהר, דאָן אַ דריטע, וועלכע איז מיט שנעלע קלייניגקע טריט צוגעקומען צו איהר ברוסט.

זשאַננאַ האָט ניט מורא געהאַט, אָבער זי האָט דאָס מייזעל געוואָלט כאַפּען און אויסגעצויגען די האַנד. עס איז איהר ניט געלונגען.

דאָ האָבען זיך פּלוצים פֿון אַלע זייטען בעוויזען מייז, צעהן. צוואַנציג, הונדערט, טויזענדער, מיליאָנען. זיי האָבען געקלעטערט איינס אויף'ס אַנדערע, איבער די ווענד, האָבען באַדעקט דאָס גאַנצע בעט, ווי מיט אַ שוואַרצען וואָלקען און צום סוף האָבען זיי זיך אַ לאָז געטהאָן אונטער דער דעקע. זשאַננאַ האָט געפֿיהלט, ווי זיי האָבען זיך איבער איהר הויט געגליטשט, איהר די פֿיס גע־גראַבעלט און ווי זיי זיינען איבער'ן גאַנצען קערפּער אַרויף און אַראָב געלאָפֿען. זי האָט געזעהן, ווי זיי הויבען זיך אויף פֿון צו־פֿוסען פֿון בעט, אום זיך אויף איהר ברוסט אַרויפֿצוואַרפֿען, און זי האָט זיך געוועהרט נעגען זיי, אויסגעשטרעקט די הענד פֿאַר זיך

כדי זיי צו כאַפּען, אָבער ווען זי האָט די פינגער צוגעמאַכט, זיינען זיי אימער לעדיג געווען.

זי איז געווען פערצווייפעלט, האָט געוואָלט אַנטלויפען, שרייען, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז מען האַלט זי פעסט, אַז קרעפטיגע אָרעמס האַלטען זי מיט געוואַלד צוריק. אָבער זי האָט קיינעם ניט געזעהן.

זי האָט ניט געהאַט קיין בעגריעף פון דער צייט, עס האָט אַזוי געדויערט לאַנג, לאַנג. דאַן האָט זי ערוואַכט אַ מיעדע, אַ צושלאָ־גענע אָבער דאָך מיט אַ'ן אַנגענעהמען געפיהל. זי האָט זיך גע־פיהלט שוואַך, שרעקליך שוואַך. זי האָט געעפענט די אויגען און ניט געוואונדערט זיך, וואָס די מאַמאַ איז געזעסען אין איהר צימער מיט אַ דיקען מאַן, וועמען זי האָט ניט געקענט.

ווי אַלט איז זי געווען? זי האָט עס ניט געוואוסט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז נאָך אַלץ אַ גאַנץ קליין מיידעלע, אַלע ערשיינונגען זיינען ביי איהר פערשוואונדען.

דער דיקער מאַן האָט געזאָגט:

— אָט, זי קומט ווידער צום בעוואוסטזיין!

די מאַמאַ האָט זיך צוואויינט און דער דיקער מאַן האָט זי בערוהיגט:

— בערוהיגט זיך, פרוי באַראָנעסע, איך זאָג אייך, אַז איצט איז זי געראַטעוועט. איך זאָג גוט דערפאַר. אָבער איהר דאַרפט איהר גאָרנישט דערצעהלען, איהר דאַרפט מיט איהר ניט רעדען, זי מוז שלאָפען.

און זשאַננאַ'ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי לעבט נאָך לאַנג אַזוי אין שלאָף. זי האָט אַפילו ניט פּרובירט זיך אָן עפּעס צו דערמאָ־נען, זוי ווי זי וואָלט אינסטינקטיוו מורא געהאַט, אַז די ווירקליכ־קייט וועט איהר ברענגען צום בעוואוסטזיין.

נור איין מאָל, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי בע־מערקט, אַז זשוליען זיצט נעבען איהר און דאָ האָט זי זיך פּלוצים

אַז אַלעם דערמאַנט, ווי אַ פאַרהאַנג וואָלט זיך אויפגעהויבען, וועלכער האָט איהר פערגאַנגענעם לעבען צוגעדעקט.

זי האָט דערפיהלט אַ מורא'דיגען שמאַך אין הארצען און ווידער געוואָלט אַנטלויפען. זי האָט אַ וואָרף געטהאָן די דעקע פון זיך, איז אויפגעשפרונגען פון בעט און געפאַלען, ווייל איהרע פיס זיינען נאָך צו שוואַך געווען זי צו טראָגען.

זשוליען האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן איהר צו העלפען. זי האָט גענומען מאַכען קולות, ער זאָל זי ניט אַנריהרען, האָט זיך געדרעהט און געוואָרפען; די טיר האָט זיך געעפענט, טאַנטע ליזאָן איז אריינגעלאָפען מיט דער אַלטער דענטיו, דערנאָך דער באַראָן און צום סוף די מאַמאַ, אַ צושראָקענע און אָהן אַ אָטהעם.

מען האָט זי צוריק אריינגעלייגט אין בעט און זי האָט אומישנע צוגעמאַכט די אויגען, אום צו קענען שווייגען און נאָכדענקען. די מוטער און די טאַנטע זיינען ארום איהר ארומגעגאַנגען, האָבען געהאָוועט און זי געפרעגט:

— דו הערסט אונז? זשאַננאַ, מיין אָרימע, קליינע זשאַננאַ'לע!

זי האָט זיך געמאַכט טויב און ניט געענטפערט; אָבער זי האָט גוט בעמערקט, אַז דער טאָג ענדיגט זיך, די נאַכט איז אַנגעפאַלען. די וואָרטס פרוי האָט זיך געזעצט נעבען איהר און פון צייט צו צייט איהר געגעבען טרינקען.

זי האָט געטרונקען ניט ריידענדיג אַ וואָרט, אָבער געשלאָפען האָט זי שוין ניט מעהר. דאָס טראַכטען איז איהר געווען שווער, און מיט מיה האָט זי געזוכט זיך צו דערמאָנען אַז זאַכען, וועלכע זיינען איהר אין גאַנצען פון קאָפּ ארויס; אין איהר געדעכעניש איז עפּעס ווי אַ לאָך געוואָרען, פוסטע, ווייסע פלעצער, וואו די פּאַסירונגען זיינען ניט פאַרשריעבען געווען.

ביסלאַכווייז, נאָך לאַנגער אָנשטרענגונג האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אַז אַלעס, וואָס איז מיט איהר געשעהן און איצט האָט זי שוין וועגען דעם געטראַכט נאָכאַנאַנד אָהן אויפהער.

די מוטער, טאַנטע ליזאַן און דער באַראָן זיינען אַהער געקומען, זי איז אַלזאָ זעהר קראַנק געוועזען. אָבער זשוליען! וואָס האָט ער זיי געזאָגט? האָבען איהרע עלטערן עפּעס געוואוסט? און וואו איז ראַזאַליע? און וואָס זאָל זי טהאָן? וואָס זאָל זי איצט טהאָן?

אַ געדאַנק איז איהר איינגעפאַלען, זי וועט אַוועקפאָהרען מיט פּאַפּאַ און מאַמאַ צוריק קיין רועז אַזוי ווי פריהער. זאָל זיך דאַכטען, אַז זי איז אַ'ן אַלמנה, און דאָס אַלעס.

דאַן האָט זי גענומען אויסוואַרטען און דערווייל זיך צוגעהערט וואָס מען האָט גערעדט אַרום איהר. זי האָט אַלעס פערשטאַנען, האָט עס אָבער ניט אַרויסגעוויזען, און גערולדיג און קלוג האָט זי אויסגענוצט איהר צוריקגעקריגענעם בעוואוסטזיין.

צום סוף איז זי געבליבען אַליין מיט דער באַראָנעסע און האָט שטיל אַ רוף געטהאָן:

— מאַמוניו!

זי האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר אייגענער שטימע, אַזוי פרעמד האָט זי איהר געקלונגען. די באַראָנעסע האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענד:

— מיין קינד, מיין ליעבע זשאַננאַ, מיין טאָכטערל דערקענסטו מיך איצט?

— יאַ, מאַמוניו, דו מוזט ניט וויינען. איך האָב מיט דיר אַ סך צו רעדען. האָט דיר זשוליען געזאָגט, פאַרוואָס איך בין אַנטלאָפען פון הויז יענע נאַכט?

— יאַ, מיין קינד, דו האָסט געהאַט אַ זעהר שטאַרקען, אַ זעהר געפעהרליכען פיעבער.

— מאַמאַ, דאָס איז ניט אמת, דעם פיעבער האָב איך שפּעטער געקריגען. אָבער האָט ער דיר געזאָגט פון וואָס איך האָב דעם פיעבער געקריגען און פאַרוואָס איך בין אַנטלאָפען?

— ניין, מיין קינד!

— ווייל איך האָב ראַזאַליען געפונען ביי איהם אין בעט.

די באַראָנעסע האָט געמיינט, אַז זי רעדט נאָך פון היץ און גע־זאָגט לאַסטשענדיג איהר:

— שלאָף, קינדעלע, בערוהיג זיך, סטאַרע זיך צו שלאָפען.

אָבער זשאַננאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט געהאַלטען ביי דאָס איהריגע:

— איך בין ביי מיין פולען בעוואוסטזיין, מאַמאַ. איך רעד ניט קיין נאַרישקייטען, ווי איך האָב מסתמא געטהאָן די לעצטע עטליכע טעג. איין מאָל ביי דערנאַכט האָב איך זיך געפיהלט אַזוי קראַנק, אַז איך האָב געוואָלט רופען זשוליען און דאָן, ווען איך האָב איהם געוואָלט אויפוועקען, האָב איך ביי איהם אין בעט געפונען ראָזאַליע'ן. דאָן האָב איך אויס פערצווייפלונג דעם קאָפּ פערלאָרען און בין אַרויסגעלאָפען אין שנעע און זיך געוואָלט אַרונטערוואַרפען פון פעלז.

אָבער די באַראָנעסע האָט ווידער געזאָגט:

— יאָ, מיין קינדעלע, דו ביזט זעהר קראַנק געווען, זעהר קראַנק...

— ניין מאַמאַ, ניט דאָס איז עס! איך האָב ראָזאַליע'ן גע־פונען ביי איהם אין בעט און וויל מעהר מיט איהם ניט לעבען. דו מוזט מיך נעהמען צוריק קיין רוען, ווי פריהער.

די באַראָנעסע, וועמען דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל דער קראַנקער ניט ווידערשפּרעכען, האָט געענטפערט:

— יאָ, מיין קינדעלע.

אָבער זשאַננאַ איז געוואָרען אונגעדולדיג:

— איך זעה, אַז דו גלויבסט מיר ניט. רוף אַריין פּאַפּאַ'ן, ער וועט מיר שוין גלויבען.

און די מוטער האָט זיך קוים אויפגעהויבען, גענומען איהרעביידע שטעקענס, און איז אַרויסגעגאַנגען נאָכשלעפענדיג איהר פוס. אין אַ פּאָאָר מינוטען אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען מיט דעם באַראָן, וועלכער האָט זי געפיהרט.

זיי האָבען זיך געזעצט אויף איהר בעט און זשאַננאַ האָט

גלייך ווידער אנגעהויבען. זי האט דערצעהלט לאנגזאם מיט א מאטער שטימע, אבער גאנץ קלאהר, פון זשוליען, זיין הארטקייט, זיין קארגשאפט און צום סוף פון זיין פעראט.

ווען זי האט געענדיגט, האט דער באראן פערשטאנען, אז זי רעדט ניט פון היץ, אבער ער האט ניט געוואוסט, וואס צו דענקען, וואס צו טהאן, וואס ער זאל איהר ענטפערען.

ער האט צערטליך גענומען איהרעביידע הענד, ווי אמאל, ווען ער פלעגט איהר א מעשה'לע דערצעהלען, כדי זי איינצושלעפערען:

— הער אויס, מיין טייערע קינד. איצט מוז מען האנדלען קלוג און אויסגערעכענט. לאמיר זיך ניט איילען, סטארע זיך צו דולדען דעם מאן, ביז מיר וועלען אננעהמען א בעשטימטען בעשלוס. זאגסטו עס מיר צו?

זי האט געשעפטשעט:

— יא, אבער ווי נור איך ווער ווידער געזונד, בלייב איך דא ניט. — דאן האט זי צוגעליגט גאנץ שטיל:

— וואו איז ראזאליע?

דער באראן האט געענטפערט:

— דו וועסט זי מעהר ניט זעהן!

אבער זי איז געבליבען פעסט:

— וואו איז זי? איך וויל עס וויסען.

דאן האט ער צוגעגעבען, אז זי האט נאך ניט פערלאזען דאס הויז, ער האט איהר אבער פערשפראכען, אז זי וועט אוועקגעהן.

ווען דער באראן האט די קראנקע פערלאזען, איז ער צימע־רענדיג פאר כעס און טיעף בעליידיגט אין זיינע פאטערליכע גע־פיהלען אוועק צו זשוליען און געזאגט קורץ:

— איך פערלאנג רעכענשאפט פון דיר וועגען דיין אויפיה־רונג אנטקעגען מיין טאכטער. דו האסט זי בעטראגען מיט אייער דיענסט־מיידעל. דאס איז א דאפעלטער פערברעכען!

אבער ער האט זיך געמאכט אונשולדיג, געלייקענט שטיין און ביין, זיך געשווארען און גערופען גאט אלס עדות. וואו זיינען גע־

ווען די בעווייזע? איז זשאננא דען ניט געווען נערוועז קראנק? האט זי דען ניט געהאט קיין געהירען ענטצינדונג? איז זי דען ניט אין מיטען נאכט, אין אן אנפאל פון דעליריום, ארויסגעלאפען אין שנעע? און גראדע אין אנהויב פון איהר קראנקהייט, ווען זי איז כמעט א נאקעטע, אין איין העמד ארויסגעלאפען פון הויז ארויס, האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז זי האט איהר דיענסט־מיידעל ביי איהם געטראפען.

זשוליען איז געווארען מלא רציחה, האט געסטראשעט מיט א פראצעס, און מיט אזא היץ אויסגעדריקט זיין ענטריסטונג, אז דער באראן איז צוטומעלט געווארען, האט זיך ענטשולדיגט און אויס־געשטרעקט צו איהם די האנד, וועלכע זשוליען האט ניט געוואלט נעהמען.

ווען זשאננא האט זיך דערוואוסט פון איהר מאז'ס ענטפער, איז זי ניט בייז געווארען, זי האט בלויז געזאגט:

— ער ליגט, פאפא! אבער מיר וועלען איהם שוין צווינגען צו זאגען דעם אמת.

צוויי טעג נאכאנאנד האט זי געשוויגען און געטראכט.

אויפ'ן דריטען טאג האט זי פערלאנגט צו זעהן ראזאליען. דער באראן האט ניט געוואלט זי שיקען רופען און פערזיכערט, אז זי איז נישטא. זשאננא האט ניט נאכגעגעבען:

— טא זאל מען שיקען נאך איהר!

זי איז ווידער געווארען שטארק אויפגערעגט, ווען דער דאק־טאר איז אריין.

מען האט איהם אלעס דערצעהלט, כדי ער זאל קענען זאגען זיין מיינונג. אבער פלוצים האט זשאננא גענומען וויינען נער־וועז, אין גאנצען אויסער זיך און שרייען אין איין קול:

— איך וויל זעהן ראזאליען! איך וויל זי זעהן!

דא, האט דער דאקטאר גענומען איהר האנד און געזאגט שטיל:

— מאַדאַם, בערוהיגט זיך. יעדע אויפרעגונג שאַדעט אייך, ווייל איהר זייט שוואַנגער.

זי איז געוואָרען אַזוי צושראָקען, ווי פון אַ שטאַרקען קלאַפּ, און גלייך האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז אינוועניג אין איהר בע־וועגט זיך עפּעס.

דאַן איז זי אַנשווינגען געוואָרען, ניט געהערט וואָס מען האָט גערעדט צו איהר, אין גאַנצען אין געדאַנקען פערזונקען. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען. דער נייער, וואונדערליכער געדאַנק, אַז אַ נייער לעבען שפּראָצט אין איהר, האָט איהר ניט אָבגעלאָזען. אויפ'ן האַרצען איז איהר נאָך טרויעריגער געוואָרען און עס האָט זי געפּלאָגט, וואָס דאָס איז זיין קינד. זי האָט זיך געשראָקען, ער זאָל ניט זיין עהנליך צו דעם פאָטער. ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָט זי געלאָזט רופען דעם באַראָן:

— פּאַפּאָ'לע, איך בין איצט שטאַרק ענטשלאָסען, איך וויל אַלעס וויסען, איצט נאָך מעהר ווי פריהער. הערסטו, איך וויל. און דו ווייסט, אַז אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען איך געפין זיך אַצינד, טאָרסטו מיך ניט אויפרעגען! הער אַלזאָ אויס. רוף מיר אַהער דעם פּריעסטער, איך מוז איהם דאָ האָבען, כדי ראָזאַליע זאָל ניט זאָגען קיין ליגען. אַזוי שנעל, ווי ער וועט קומען, וועסטו זי לאָזען אַרויפקומען און דו מיט דער מוטער זאָלסט דאָ בלייבען. אָבער פריהער פּאַר אַלץ מוזטו זעהן, אַז זשוליען זאָל ניט קריגען קיין פערדאַכט.

אין אַ שטונדע אַרום איז געקומען דער פּריעסטער נאָך אַלץ פּונקט אַזוי דיק און מיט אַ קורצען אָטהעם, ווי די באַראָנעסע. ער האָט זיך געזעצט נעבען איהר אויף אַ שטוהל, דעם גראָבען בויך צווישען די צושפּרייטע פיס און גענומען זיך ווישלען, בעת ער האָט, פון געוואָהנהייט וועגען, זיך אַלע ווייל געווישט דעם שטערן מיט דער קאַלירטער טאַשען־טיכעל.

— נו, באַראָנעסע, דאַכט זיך, אַז מיר זיינען ביידע ניט מאָ־גערער געוואָרען, איך מיט אייך זיינען אַ גלייכע פּאָר.

דאן האָט ער זיך א קעהר געטהאָן צו דער בעט פון דער קראנ־קער:

— בע־בע, וואָס האָט מען מיר געזאָגט, מיין טאָכטער! מיר וועלען באַלד האָבען א טויפען! ניין, ניין, דאָס מאָל ניט פון קיין שיפעל!

דאן האָט ער צוגעלעגט מיט אַן ערנסטען טאָן:

— דאָס וועט זיין א פערטהיידיגער פון דאָס פאָטערלאַנד!

און נאָך א קורצען נאָכדענקען:

— סיידען עס וועט אפשר גאר זיין א גוטע הויז־פרוי. — און זיך א קעהר געטהאָן צו דער באַראָנעסע — ווי איהר, ווערטהע מאַדאַם...

די טהיר האָט זיך געעפענט. ראַזאַליע, א צומישטע, א פער־וויינטע, שרייענדיג מיט בענומענע קולות, איז געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל און זיך ניט געוואָלט ריהרען פון אָרט. דער באַראָן איז געוואָרען אונגעדולדיג און זי א שטויס געטהאָן אין צימער אריין. דאָרט איז זי געבליבען שטעהן שלוכצענדיג, דאָס פּנים מיטביידע הענד פערשטעלט.

ווען זשאננא האָט זי דערזעהן, האָט זי זיך אויפגעריכט און געזעצט אין בעט. זי איז געוואָרען בלייכער ווי די לייל־אַכער. אויף וועלכע זי איז געלעגען און איהר ווילד־קלאַפּענדיגעס האַרץ האָט זיך האַסטיג געהויבען אונטער איהר העמד ארויף און אראָב.

זי האָט ניט געקענט רעדען און שווער געאָטהעמט. צום סוף האָט זי געזאָגט מיט א פּאָר אויפרעגונג ציטערענדער שטימע:

— איך... איך... דאַרף... דיך... גאַרניט... פרעגען... עס איז גענוג... אויף דיר... א קוק צו טהאָן... אום דיין שאַנדע צו זעהן...

נאָך א קליינער פּויזע, ווייל דער אָטהעם האָט איהר פער־כאַפּט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— אבער איך וויל אַלעס וויסען, דו הערסט? אַלעס! איך

האָב געלאָזט רופען דעם פריעסטער, אום עס זאָל קלינגען ווי אַ בייכטע.

ראזאַליע האָט זיך ניט געריהרט און געשריען, צודעקענדיג דאָס פּנים מיט קראַמפּפהאַפטע הענד. דער באַראָן איז געוואָרען אויפגעבראַכט, געכאַפּט איהרעביידע אַרעמס, זיי פאַנאַנדערגעריסען און זי געצוואונגען זיך צו שטעלען פאַר'ן בעט אויף די קניע.

— רעד! ענטפער!

זי איז געבליבען ליגען אויף דר'ערד, ווי אַ זינדעריןן וואָס האָט חרטה. דאָס הייבעל האָט זיך איהר פון קאָפּ אַראָבגערוקט, דער פאַרמוך איז געלעגען אויף דר'ערד. זי האָט ווידער פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד.

דאַן האָט דער פריעסטער גענומען רעדען צו איהר:

— הער אויס, מיין טאָכטער, וואָס מען רעדט צו דיר און ענטפער. מען וועט דיר גאָרנישט טהאָן, אָבער מיר ווילען וויסען, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן.

זשאַננאַ האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער דעם ראַנד פון בעט און געפרעגט:

— ביזטו עס מאַקע געווען אין זשוליען'ס בעט, ווען איך האָב אייך איבערראַשט?

ראזאַליע האָט אַרויסגעקרעכצט פון צווישען די פינגער:

— יאָ, מאַדאַם!

דאַ האָט די באַראָנעסע פּלוצים גענומען וויינען אויפ'ן קול און איהר געוויין האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שלוכצען פון ראזאַליען.

זשאַננאַ האָט געפרעגט, מיט די אויגען אויף איהר דיענסט געריכטעט:

— זייט ווען האָט עס זיך ביי אייך אָנגעהויבען?

— זייט ער איז געקומען.

זשאַננאַ האָט ניט פערשטאַנען:

— זייט ער איז געקומען?... אַלזאָ, זייט... פון פריהלינג אָן?

— יאָ, מאַדאַם!

— ס'הייסט, אַלזאָ, זייט ער איז אהער אין הויז געקומען?

— יאָ, מאַדאַם!

זשאַננאַ האָט גענומען שטעלען פראַגען שנעל און האַסטיג:

— אָבער ווי אַזוי איז עס געשעהן? וואָס האָט ער דיר געזאָגט? ווי אַזוי האָט ער מיט דיר אָנגעהויבען? ווען האָסטו נאָכגעגעבען? ווי אַזוי האָסטו געקענט מיט איהם האָבען צו טהאָן?

איצט האָט ראָזאַליע געעפענט די הענד. אויך איהר איז בעפאַלען עפּעס אַ מין פיעבער און עס האָט זיך איהר פערוואַלט ענטפערען, דערצעהלען, דאָס האַרץ אויסרעדען:

— וואָס ווייס איך? עס איז געשעהן, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל געגעסען דאָ אין הויז. ער איז אין מיין צימער געקומען און זיך אויפ'ן בײדים בעהאַלטען. איך האָב ניט געוואָגט צו שרייען, ניט געוואָלט מאַכען קיין סקאַנדאַל און ער איז צו מיר אין בעט אריין און געטהאָן מיט מיר, וואָס ער האָט געוואָלט. איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. איך האָב גאָרנישט געזאָגט, ווייל נאָך אַלעמען איז ער אַ שעהנער מאַן און ער איז מיר געפעלען...

זשאַננאַ האָט אַ געשריי געטהאָן:

— אָבער דיין... דיין... קינד? איז עס זיינס?

ראָזאַליע האָט געשלוכצעט:

— יאָ, מאַדאַם!

דאַן זיינען זיי ביידע אַנשווייגען געוואָרען.

מען האָט נאָר געהערט דאָס כליפּען פון ראָזאַליען און דער באַראָנעסע. זשאַננאַ האָט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראָגען. זי האָט געפיהלט, ווי אויך איהרע אויגען ווערען נאַס, און די טרעהרען פליסען איבער איהרע באַקען.

דאָס קינד פון איהר דיענסט־מיידעל האָט געהאַט דעם זעל־בען פאָטער, ווי איהר אייגען קינד. איהר כעס איז אַבגעגאַנגען און אַ טיעפע, אונענדליכע, מורא׳דיגע פערצווייפלונג האָט איהר אין גאַנצען בעהערשט.

צום סוף האָט זי ווידער גענומעןריידען מיט אַ פערענדערטער שטימע און קוים איינהאַלטענדיג די טרעהרען:

— ווען מיר האָבען זיך צוריקגעקעהרט... פון... פון דער האָכציימס־רייזע... ווען... ווען האָט ער מיט דיר ווידער אַנגע־הויבען?...

דאָס מיידעל האָט זיך אַראָבגעבויגען ניעדעריג, ביז צו דער ערד און אויסגעשטאַמעלט:

— גלייך דעם ערשטען אַבענד איז ער שוין געקומען צו מיר.

יעדער וואָרט האָט דורכגעבויערט זשאַננאַ׳ס האַרץ. אַלזאָ, דעם ערשטען אַבענד, דעם אַבענד, ווען זיי האָבען זיך צוריקגע־קעהרט אין שלאָס, האָט ער זי אויף איהר דיענסט־מיידעל פער־ביטען, און דערפאַר האָט ער זי געלאָזט אַליין שלאָפען.

איצט האָט זי שוין געוואוסט גענוג, מעהר האָט זי שוין ניט געוואָלט הערען.

זי האָט אַ געשריי געטהאָן:

— געה, געה אַוועק!

און ווען ראָזאַליע, אַ פערצווייפעלטע, אַ דערשלאָגענע, האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט, האָט זי אַ געשריי געטהאָן צו איהר פאָטער:

— פיהר זי אַרויס, נעהם זי צו פון דאַנען!

אָבער דער פריעסטער, וועלכער האָט ביז אהער גאָרנישט געזאָגט, האָט געדענקט, אַז איצט איז דער ריכטיגער מאָמענט צו האַלטען אַ לאַנגע רעדע:

— מיין טאָכטער, דאָס וואָס דו האָסט געטהאָן, איז זעהר מיאוס, און דער ליעבער גאָט וועט דיר אַזוי גיך ניט מוחל זיין. ווען דו וועסט זיך פון היינט אַז ניט אויפפיהרען ווי געהעריג איז,

דאַן וואַרט אויף דיר דער גיהנום. איצט, ווען דו האָסט אַ קינד מוזטו זיין עהרליך. די פרוי־באַראָנעסע וועט זיכער טהאָן פאַ. דיר, וואָס זי וועט קענען, און מיר וועלען דיר נאָך אויסזוכען מאַן...

ער וואָלט נאָך לאַנג אַזוי גערעדט, אָבער דער באַראָן האָט צום צווייטען מאָל אַ כאַפּ געטהאָן ראַזאַליען פאַר די אַקסלען, איהר אויפגעהויבען, צוגעשלעפּט צום טהיר און אַרויסגעשליידערט, ווי אַ פּעקעל.

ווען ער איז צוריק אין צימער אריין, איז ער געוועזען בלייבער, ווי זיין טאָכטער. דער פּריעסטער האָט אָנגעהויבען פון דאָסניי:

— וואָס קען מען זיך העלפען? אַזוי זיינען זיי אַלע אין דער געגענד. עס איז טרויעריג, אָבער מען קען עס ניט ענדערען. מען מוז האָבען נאַכזיכט מיט די מענשען און זייערע שוואַכקייטען. קיינע פון זיי האָט ניט חתונה, סיידען זי איז שוואַנגער, מען וואָלט געקענט זאָגען, אַז ביי אונז איז דאָ אַזאַ מנהג!

דאַן האָט ער צוגעלייגט אין אַ בייזערען טאָן:

— דאָס געהט אַזוי ווייט, אַז אפילו די קינדער זיינען אויך ניט בעסער. האָב איך דען לעצטען יאָהר ניט געכאַפּט אויף דעם בית־עולם אַ קליין אינגעל מיט אַ מיידעל? איך האָב עס דער־צעהלט זייערע עלטערען, און ווייסט איהר, וואָס יענע האָבען מיר געענטפערט? „וואָס קענען מיר העלפען, הערר פּריעסטער, מיר האָבען זיי דאָס ניט געלערענט, עס איז ניט אונזער שולד!“ אייער דיענסט, מיינע פריינדע, האָט געהאַנדעלט פּונקט אַזוי, ווי אַלע איבעריגע.

אָבער דער באַראָן האָט זיך געטרייסעלט פאַר כעס און איהם אונטערבראָכען:

— זי? וואָס געהט זי מיר אָן! אָבער אויף זשוליען, אויף איהם בין איך אויפגעבראַכט. וואָס ער האָט געטהאָן איז אַ געמיינ־הייט, און איך וועל מיין טאָכטער פון איהם צוגעהמען.

און אַן אויפגערעגטער האָט ער ווייטער גערעדט:

— אַזאַ זאַך איז ניט געהערט געוואָרען, מיין טאַכטער אַזוי צו בעטריגען. ער איז אַ לומפּ, אַן אויסוואורף, אַ שופט און איך וועל עס איהם זאָגען. איך וועל איהם צופּאַטשען די באַקען! מיין שטעקען וועל איך אויף איהם צוברעכען.

אָבער דער פּריעסטער, וועלכער איז געזעסען נעבען דער ווייי־נענדיגער באַראָנעסע און לאַנגזאַם געשמעקט זיין טאַבאַק, האָט איצט געוואָלט אויספיהרען זיין מיסיאָן אַלס שלום־מאַכער:

— נו, נו, הערר באַראָן, צווישען אונז גערעדט, האָט ער געטהאָן דאָס, וואָס זיי אַלע טהוען. קענט איהר אַ סך מענער, וואָס זיינען טריי צו זייערע פרויען? — און ער האָט צוגעלייגט מיט מילדער גוטמוטהיגקייט:

— הערט אויס, איך'ל זיך וועטען, אַז איהר אַליין האָט אויך געהאַט אייער שפּאַס... קיינער הערט דאָך ניט... ניט אמת?...

דער באַראָן איז געבליבען שטעהן אַ צומישטער פאַר'ן פריעסטער און יענער האָט ווייטער גערעדט:

— ניט אמת, איהר האָט געלעבט פּונקט אַזוי, ווי אַלע אַנ־דערע? ווער ווייס, אפשר האָט איהר אויך געהאַט צו טהאָן מיט אַזאַ שעהנינקע קאַמער־מיידעל, ווי ראָזאַליע. איך זאָג אייך, אַז אַלע האָבען עס געטהאָן. און אייער פרוי איז צוליעב דעם ניט געווען וועניגער גליקליך און ניט וועניגער געליעבט. ניט אמת?

דער באַראָן איז געוואָרען אין גאַנצען צוטומעלט און האָט שוין מעהר גאָרנישט געזאָגט.

עס איז טאַקע געווען אמת. ער האָט אויך עטוואָס אַזוינס געטהאָן און גאַנץ אָפט אויך, אַזוי אָפט, ווי עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגענהייט. און אויך ער האָט זיין היים ניט רעס־פּעקטירט, און פאַר די קאַמער־מיידלאַך פון זיין פרוי, ווען זיי זיינען נור שעהן געווען, זיך ניט אַבגעשטעלט.

איז ער דען צוליעב דעם געווען אַ לומפּ? פאַרוואָס האָט ער זשוליען אַזוי שטרענג געאורטהיילט, ווען ער האָט אויף זיך אַליין קיינמאָל ניט געקוקט, ווי אויף אַ שולדיגען?

און ביי דער באַראָנעסע, וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ ניט גע־קענט בערוהיגען פון געוויין, האָט אַ לייכטער שמייכעל אַ שוועב געטהאָן איבער די ליפּען ביים דעם גערַאנק אַז די קליינע שטיע־פעררייען פון איהר מאַן. זי האָט געהערט צו יענע סענטימענטאַלע נאַטורען, וועלכע ווערען שנעל געריהרט און פערגיבען פּונקט אזוי שנעל און פאַר וועלכע די ליעבעס פּאַסירונגען בעדייטען אַ טהייל פון'ם לעבען.

אַראָבגעפאַלען ביי זיך, איז זשאַננאַ געלעגען אויפ'ן רוקען מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען, מיט אויסגעצויגענע, אונ־בעוועגליכע הענד. געקוקט שטאַר פאַר זיך און מיט וועהטאָג גע־טראַכט. איין וואָרט פון ראָזאַליען איז איהר ווידער אין געדע־כעניש געקומען און איהר די נשמה פערוואונדעט, און דאָס האַרץ ווי מיט אַ מעסער דורכגעשטאָכען:

— איך האָב גאָרנישט געזאָגט, ווייל ער איז אַ שעהנער מאַן.

איהר איז ער אויך געפעלען, ווייל ער איז אַ שעהנער מאַן. און נאָר צוליעב דעם האָט זי זיך איהם אָבגעגעבען, זיך מיט איהם אויפ'ן גאַנצען לעבען פערבונדען. צוליעב דעם האָט זי זיך אָבגעזאָגט פון אַלע האָפנונגען, פון אַלע מעגליכע פּלענער, פון אַלע טרוימען וועגען אַ שעהנער צוקונפט.

זי האָט מיט איהם אַ שידוך געטהאָן און איז אריינגעפאַלען אין דעם דאָזיגען טיעפען אָבגרונד, פון וועלכען עס איז נישטאָ קיין שום אויסגאַנג, אין דעם דאָזיגען עלענד, אין דער פערצווייפלונג, בלויז ווייל ער איז אַ שעהנער מאַן און איז איהר געפעלען פּונקט אזוי, ווי ראָזאַליען.

די טהיר איז מיט רציחה אויפגעריסען געוואָרען. זשוליען איז אריין.

ער האָט אויסגעזעהן שטאַרק אויפגעבראַכט. אויף די טרעפּ האָט ער געטראָפען די וויינענדיגע ראָזאַליע און ער איז געקומען דערגעהן, וואָס דאָ טהוט זיך אַזוינס, וואָרים ער האָט פערשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אַז דאָס מיידעל האָט זיך מסתמא פער־

פלוידערט. אָבער ביים אָנבליק פון'ם פריעסטער, איז ער געבליבען שטעהן, ווי אַן איינגעגראָבענער. מיט אַ ציטערענדען און שטילען קול האָט ער געפרעגט:

— וואָס, וואָס איז געשעהן?

דער באַראָן, וועלכער איז נור וואָס געווען אזוי אויפגעבראַכט, האָט איצט ניט געוואגט אַ וואָרט צו זאָגען. דעם פריעסטער'ס ווערטער האָבען איהם דעם מויל צוגעמאַכט. די מוטער האָט נאָך געוויינט, אָבער זשאַננאַ האָט זיך אויפגעריכט, אָנגעשפּאַרט אויף אַן אָרעם און אָנגעקוקט דעם מאַן, וועלכער האָט איהר פערשאַפט אזוי פיעל מורא'דיגע יסורים, האָט זי געזאָגט, זיך שטיקענדיג פאַר אויפרעגונג:

— דו זעהסט, אַז מיר ווייסען איצט אַלע דיינע געמיינהייטען. קיין זאַך איז פאַר אונז ניט פערבאָרגען פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואָס דו האָסט אריבערגעטראָטען דעם שוועל פון דיעזער הויז. מיר ווייסען, אַז דאָס קינד פון מיין דיענסט איז דיין קינד, פּונקט אזוי ווי דאָס, וואָס איך טראָג אונטער מיין הארצען. זיי וועלען זיין ברידער.

און ביי דעם דאָזיגען געדאַנק האָט זי ארומגעכאַפּט אזאַ טיעפער וועהטאָג, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין די קישענס און געגומען קראַמפּפּהאַפט שלוכצען.

זשוליען איז געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל און ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, אָדער וואָס צו זאָגען.

דער פריעסטער האָט זיך דאָ ווידער אריינגעמישט:

— אָבער קומט דאָך צו זיך, ליעבע פרוי, בערוהיגט זיך און נעהמט עס זיך ניט אזוי צום הארצען.

ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום בעט און ארויפגעלייגט זיין ווייכע האַנד אויפ'ן שטערן פון דער פערצווייפעלטער. די דאָזיגע לייכטע בעריהרונג האָט זי עפּעס מאָדנע בערוהיגט. זי האָט גלייך דערפיהלט, אַז די דאָזיגע גראָבע און שטאַרקע האַנד,

וועלכע איז געוואָהנט געווען צו פערגעבען זינד, צו שטאַרקען און צו טרייסטען, האָט מיט איהר בעריהרונג איהר פריעדען געבראַכט.

דער גוטער אַלטער איז געבליבען שטעהן נעבען איהר און ווייטער גערעדט:

— ליעבע פרוי, מען מוז אימער פערגעבען. אַ גרויס אונ־גליק האָט אונז געטראָפען, אָבער גאָט האָט אין זיין בארמהער־ציגקייט, דורך אַ גרויסען גליק אַלעס ווידער גוט געמאַכט, דען איהר וועט אין גיכען ווערען אַ מוטער. דאָס דאָזיגע קינד וועט זיין אייער טרייסט און אין זיין נאָמען בעט איך אייך, בעשווער איך אייך, פערצייהעט הערר זשוליען. אַ נייער בונד וועט פון איצט אָן זיין צווישען אייך, און איהר קענט זיין זיכער, אַז אין דער צוקונפט וועט ער אייך טריי בלייבען. קענט איהר דען זיך צו־שיידען מיט דעם, וועמעס פרוכט איהר טראָגט אונטער'ן הארצען?

זי האָט ניט געענטפערט, אין גאַנצען אַן אויסגעמאַטערטע, אַ דערשטיקטע און פערמוטשעטע, ניט פיהלענדיג אין זיך קיין קרעפטען ניט פאַר האַס און ניט פאַר נקמה.

די באַראָנעסע, וועלכע האָט ניט געקענט טראָגען לאַנג קיין כעס און וועלכע איז שוין מיעד געווען פון דער גאַנצער סצענע, האָט געפליסטערט:

— זיי גוט, זשאַננאַ!

דאַ האָט דער פּריעסטער גענומען דעם יונגען מאַן פאַר ביידע הענד, צוגעשלעפּט איהם צום בעט און אריינגעלעגט זיינע הענד אין די פון דער יונגער פרוי. דאַן האָט ער זיי לייכט אַ קלאַפּ גע־טהאָן איבער די הענד, ווי ער וואָלט זיי וועלען אין גאַנצען פער־אייניגען און געזאָגט מיט אַ צופריעדענעם טאָן:

— אַט אַזוי, און איצט איז ווידער אַלעס אין אָרדנונג. גלויבט מיר, אַזוי איז בעסער!

ביידענס הענד, פעראייניגט אויף איין מאָמענט, האָבען זיך גלייך ווידער אָבגעטהיילט.

זשוליען האָט ניט געוואַגט זשאַננאַ'ן ארומצונעהמען, האָט ער

אַ קוש געטהאַן דער שוויגער אין שטערן, זיך אַ דרעה געטהאַן אויף דעם אַבזאַץ, גענומען דעם באַראָן אונטער'ן אָרעם און איז מיט איהם אַרויס רויכערען אַ סיגאַר. דער באַראָן האָט ניט פּראָטעסטירט. טיעף ביי זיך אין הארצען איז ער געווען צופריעדען, וואָס די זאַך האָט זיך אַזוי געענדיגט.

דערנאָך איז די אויסגעמאַטערטע קראַנקע אַנדרימעלט געוואָרען, בעת דער פּריעסטער און די מוטער האָבען שטיל גערעדט צווישען זיך. דער פּריעסטער האָט גערעדט, ערקלעהרט זיינע אידעען און די באַראָנעסע האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז מיט אַלעם געווען איינפערשטאַנען. צום שלום האָט ער געזאָגט:

— אַלזאָ, אָבגעמאַכט. איהר גיט דער מיידעל דעם הויף אין באַרוויל, און איך נעהם אויף זיך צו געפינען פאַר איהר אַ מאַן, אַ בראַווען, אַן אָרענטליכען מענשען. נישקשה, פאַר דעם פּרייז פון צוואַנציג טויזענד פראַנק וועלען מיר שוין געפינען אַ חתן. מיר וועלען האָבען גענוג פון וואָס אויסצוקלייבען.

איצט האָט די באַראָנעסע גליקזעליג אַ שמייכעל געטהאַן; נור צוויי טרעהרען זיינען נאָך פון פריהער אויף איהרע באַקען פערבליבען.

זי האָט געזאָגט נאָך אַמאָל:

— אַזוי בלייבט עס! באַרוויל איז מינדעסטענס ווערטה צוואַנציג טויזענד פראַנק, אָבער עס וועט אָבגעשריבען ווערען אויף דעם נאָמען פון דאָס קינד. די עלטערען וועלען קענען דאָרט וואָהנען און זיך בענוצען מיט דעם איינקונפט אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלען לעבען.

דער פּריעסטער האָט זיך אויפגעהויבען, און דריקענדיג דער מוטער די האַנד, האָט ער געזאָגט:

— בעמיהט זיך ניט, פרוי באַראָנעסע, בעמיהט זיך ניט, איך וויים, ווי שווער יעדער טריט איז.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער בעגעגענט טאַנטע לי־

זאן, וועלכע האט געוואלט געוואהר ווערען די קראנקע. זי האט קיין זאך ניט בעמערקט, מען האט איהר גארנישט געזאגט און זי האט פון קיין זאך ניט געוואוסט, ווי אלע מאל.

VIII.

ראזאליע האט פערלאזען דאס הויז און זשאננא האט די שמערצליכע צייט פון דער שוואנגערשאפט דורכגעמאכט. זי איז ניט געווען גליקליך ביי דעם געדאנק אז איהר מוטערשאפט: צו־פיעל יסורים האט זי זיך אנגעליטען. זי האט ערווארטעט איהר קינד אהן אינטערעס, אהן אונגעדולד, געבויגען אונטער די קער־פערליכע און גייסטיגע ליידען.

לאנגזאם איז דער פריהלינג אנגעקומען. די נאקעטע בוי־מער האבען זיך נאך געטרייסעלט אונטער דעם קאלטען ווינד, אבער אין נאסען גראז, אין די גראבענס, וואו די אסענדיגע בלע־טער האבען געפוילט, האבען גענומען שפראצען געלע פרימעל־בליהמעלאך. פון דער גאנצער לאנקע, פון די הויפען, פון די פאכ־טען, פון די צוגראבענע פעלדער, פון אומעדום, האט זיך געטראגען א פייכטער גערוך. און קליינינקע, גרינינקע פינטעלאך, אין אן אונגעהויער גרויסער צאהל, האבען ארויסגעשאסען פון דער ברוי־נער ערד ארויס, און געבליסטשעט אין די זונען־שטראהלען.

א דיקע, שטארקע פרוי, וואס האט פערנומען ראזאליע'ס פלאץ, האט בעגלייט די באראנעסע אויף איהרע איינזאמע שפאציערען איבער דער אלעע, אויף וועלכער עס זיינען פערבליבען גריבער, נאסע און שמוציגע, סמנים פון איהרע שווערע, שלעפענדיגע פיס.

פאפא'לע האט געפיהרט זשאננא'ן אונטער'ן ארעם. דאס געהן איז איהר איצט אנגעקומען שווער און זי האט זיך אימער געפיהלט שלעכט; און טאנטע ליזאן, בעאונרוהיגט און פער־וואונדערט איבער דעם, וואס עס וועט אין גיכען געשעהן, האט זי געהאלטען פאר דער אנדער האנד. דער וואונדער פון א קינד־הא־

בען, וועלכען איהר אליין איז קיינמאָל ניט בעשערט געווען אי־בערצולעבען, האָט אַלע איהרע געדאנקען פערנומען.

שטונדען לאנג זיינען זיי אזוי געגאנגען, ניט אויסרעדענדיג א וואָרט. אין דער זעלבער צייט איז זשוליען ארומגעפאָהרען אי־בער דער געגענד רייטענדיג. ער האָט פּלוצים געפונען אין דעם א בעזונדערען פערגעניגען.

קיין זאך האָט מעהר ניט געשטערט איהר אומעדיגען לעבען. דער באראָן, די באראָנעסע און זשוליען האבען געמאכט עטליכע וויזיטען צו די ארומיגע גוטס־בעזיצער; זיי האבען בעזוכט די דע־פאָרווילס, מיט וועלכע זשוליען איז געוואָרען עפּעס בעזונדערס בעפריינדעט. זיי האבען אויך געמאכט נאך א בעזוך צו די דע־בירזעווילס, וועלכע האבען בעצאָהלט צוריק מיט א בעזוך. און ווייטער האָט קיין זאך ניט געשטערט דעם אומעדיגען גאנג פון זייער לעבען.

אין א געוויסען נאכמיטאָג, א זייגער פיער, איז א מאן מיט א פרוי געקומען צורייטען און האבען זיך אבגעשטעלט אין הויף פאר'ן שלאָס. און זשוליען, וועלכער האָט זיי געזעהן פון ווייטען, איז אריינגעלאָפען אין זשאננא'ס צימער זעהר אן אויפגע־רעגטער און געזאָגט:

— שנעל, שנעל געה ארונטער, דאָס זיינען די דע־פאָרווילס. זיי זיינען געקומען געוואָהר ווערען, וואָס דו מאכסט. זאָג זיי, אז איך בין נישטאָ, אָבער איך וועל באלד זיין צוריק. איך מוז זיך געהן אנטהאָן.

א פערוואונדערטע איז זשאננא אראבגעגאנגען אויפנעהמען די געסט.

א שעהנע יונגע פרוי, מיט א מעלאַנכאָלישען בלייכען פּנים, גרויסע בליסטשענדיגע אויגען און מיט מאַט־בלאָנדע האָאר, האָט איהר רוהיג פאָרגעשטעלט איהר מאן. הערר דער־פאָרוויל איז געווען א מין גבור, מיט גרויסע, רויטע וואָנצעס. דערנאך האָט זי געזאָגט:

— מיר האבען זיך געטראפען מיט אייער מאן עטליכע מאל און מיר האבען פון איהם געהערט, אז איהר זייט ניט געזונד. דער־פאר האבען מיר בעשלאסען ניט אבצולעגען אונזער בעזוך אויף לענגער. מיר זיינען געקומען איינפאך אלס שכנים געוואהר ווע־רען, וואס איהר מאכט. ווי איהר זעהט, זיינען מיר געקומען אהן צערעמאניעס, רייטענדיג אויף פערד. איבעריגענס האבען מיר אנומעלט געהאט דאס פערגעניגען אויפצונעהמען אלס געסט אייער מוטער און דעם בארא.

זי האט גערעדט מערקווירדיג פארנעהם, ליעבענסווירדיג און איינפאך. זשאננא איז געווען בעצויבערט פון איהר און האט זי גלייך ליעב בעקומען. זי וועט ווערען מיין פריינדין, האט זי ביי זיך א טראכט געטהאן.

דער גראף דע־פארוויל האט געמאכט אקוראט א פערקעהרטען איינדרוק פון זיין פרוי. ער האט אויסגעזעהן, ווי א בער, וועל־כען מען האט אריינגעלאזען אין א סאלאן.

אזוי שנעל ווי ער האט זיך געזעצט, האט ער אוועקגעלייגט זיין הוט אויף א צווייטען שטוהל נעבען זיך, אבער מיט די הענד האט ער גארניט געוואוסט וואס צו טהאן. פריהער האט ער זיי ארויפגעלעגט אויף די קניע, דאן אויף די ווענטלאך פון פאטעל, און צום סוף האט ער זיי צוזאמענגעלייגט ווי צו א געבעט.

דא איז אריין זשוליען. זשאננא איז געווארען שטארק אי־בערראשט. זי האט איהם גארניט דערקענט. ער האט זיך אפגערא־זירט, איז געווען שעהן, עלעגאנט, פערפיהרעריש, ווי אין דער צייט, ווען זיי זיינען חתן־כלה געווען. ער האט א דריק געטהאן דעם גראף, וועלכער איז ביי זיין אריינקומען אויפגעשטאנען, די גרויסע, האאריגע האנד און געקושט דעם גרעפינ'ס האנד; דער־ביי זיינען איהרע בלייכע באקען עטוואס פאררויטיגט געווארען און די ברעמען האבען א ציטער געטהאן.

זשוליען האט גערעדט. ער איז געווען ליעבענסווירדיג, ווי פריהער, און זיינע גרויסע אויגען, דער שפיעגעל פון דער נשמה,

האבען ווידער אנגענומען אַ צערטליכען אויסדרוק. זיינע האָאר, וועלכע זיינען מיט אַ ווײַלע צוריק געווען צושויבערט, ניט פער־קאמט, אבגעלאָזען, זיינען איצט געווען גלאַט, געקרויזט און גלאַנציג.

ווען די דע־פּאַרווילס האָבען זיך געזעגענט און שוין גע־האַלטען ביים אוועקגעהן, האָט די גרעפין זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם:

— ליעבער וויקאָנט, ווילט איהר מאַכען מיט אונז אַ שפּאַ־ציער־רייט דיענסטאג?

און בעת ער האָט זיך פערנויגט, מורמלענדיג: „געוויס, גרעפין“, האָט זי גענומען זשאַננאַ'ס האַנד און געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטימע און זיסען שמייכעל:

— ווען איהר וועט ווידער געזונד ווערען, וועלען מיר אַלע דריי רייטען צוזאַמען. דאָס וועט זיין וואונדערשעהן, ווילט איהר?

מיט אַ גראַציעזער בעוועגונג האָט זי אויפגעהויבען די שלעפּע פון איהר רייט־קלייד, און לייכט, ווי אַ פויגעל, ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן פערד, בעת איהר מאַן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך טאַמע־וואַטע פערנויגט, איז אויך ארויף אויף זיין גרויסען נאָרמאַנישען רייט־פערד.

ווען זיי זיינען פון די אויגען פערשוואונדען, האָט זשוליען, וועלכער האָט געשיינט צו זיין שטאַרק בעגייסטערט, אויסגערופען:

— דאָס זיינען אויסגעצייכענטע מענשען, מיט זיי איז ווערטה בעקאַנט צו זיין.

זשאַננאַ, וועלכע איז אויך געווען גוט אויפגעלייגט אליין ניט ווייסענדיג פאַר וואָס, האָט געענטפערט:

— די קליינע גרעפין איז ווירקליך בעצויבערענד! איך פיהל, אַז איך וועל זי ליעב האָבען. אָבער דער מאַן איז עפּעס אַ מין בער. וואו האָסטו זיך מיט זיי בעקענט?

ער האָט זיך פרעהליך געריבען די הענד:

— איך האָב זיי צופעליג געטראָפען ביי די בריזעווילס. דער

מאַן שיינט צו זיין אביסעלע פערגרעבט. ער איז אַ פאַנאַטישער יעגער, אָבער אַן עבּטער ערדעלמאַן.

און ביים טיש זיינען זיי אַלע געווען פרעהליך, ווי עפּעס אַ געהיימער גליק וואָלט אין הויז אריין.

ביז צו די לעצטע פריהלינגס־טעג האָט קיין נייעס ניט פּאַ־סירט.

איין מאָל, אַ דיענסטאג אבענד, ווען זיי זיינען געזעסען אונ־טער דעם שאָטען פון אַ בוים, נעבען אַ גאָרטען טישעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען זשוליען'ס פלאַש קאָניאַק, האָט זשאננא פּלוצים ארויסגעלאָזען אַ געשריי, איז בלייך געוואָרען און צו־געדריקטביידע הענד צום בויך. אַ פּלוצים'דיגער שאַרפער וועה־טאָג האָט זי דורכגענומען, איז אָבער גלייך ווידער פערגאַנגען.

אין צעהן מינוטען ארום איז געקומען אַ נייער אַנפאַל, וועל־כער האָט געדויערט לענגער, הגם ער איז ניט געווען אַזוי שאַרף.

מיט גרויס מיה האָט זי זיך פערשלעפּט צום הויז, האַלב געטראָגען פון איהר פאָטער און איהר מאַן. דער קורצער וועג פון גאָרטען ביז צום הויז האָט איהר אויסגעוויזען אונענדליך לאַנג. זי האָט שרעקליך געקרעכצט און יעדע מינוט זיך געבויגען צו דר'ערד, אַזוי ווי עס וואָלט איהר שווער געווען אויפצוהאַלטען די געוויכט פון איהר אייגענעם קערפּער.

דאָס קינד האָבען זיי ערוואַרט ערשט ענדע סעפּטעמבער. אָבער זיי האָבען מורא געהאַט פאַר אַן אונגליק, פאַר אַ פריה־צייטיגע געבורט, און גלייך איז געוואָרען איינגעשפּאַנט, און דער אַלטער סימאָן איז שנעל אַבגעפאָהרען רופען דעם דאָקטאָר.

ער איז געקומען ארום האַלבער נאכט און האָט גלייך אויפ'ן ערשטען בליק דערקענט די סמנים פון אַ פריה־געבורט.

אין בעט האָבען די וועהטאָגען איהר אביסעל אַבגעלאָזען, אָבער אַ מורא'דיגע אנגסט איז אויף זשאננא'ן אנגעפאַלען, אַזוי ווי אַ פעראַהנונג פון טויט.

עס זיינען דאַ מאָמענטען, ווען מיר דערפיהלען דעם טויט אַזוי נאָהענט, אַז זיין אָטהעם מאַכט פריהרען אונזער האַרץ.

דער צימער איז געווען פול מיט מענשען. די באַראַנעסע איז געזעסען אין אַ פאָטעל און האָט שווער געאָטהעמט. דער באַראָן האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען און איז ארומגעלאָפען פון איינעם צום צווייטען, האָט געשלעפּט אַלערליי זאַכען, וואָס זיינען גאָרניט נויטיג, זיך אַלע ווייִלע בעראַטהען מיט'ן דאָקטאָר און ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. זשוליען איז ארומגעגאַנגען מיט אַן ערנסטער מינע, אָבער אינערליך גאַנץ רוהיג, היין און צוריק, און די אַלמנה דענטיו איז געשטאַנען צו־פוסען פון בעט, מיט אַ מינע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ געלעגענהייט.

זי איז געווען אַ וואָרטס־פרוי, אַ הייבאַם, אַ שמש'טע ביי טויטע און אַלץ וואָס איהר ווילט. זי פלעגט אַריינגעהמען איז איהרע הענד אַ ניי־געבאָרענעם קינד, איהם באָדען, איינשטילען, פערוויגען מיט דער זעלבער גלייכגילטיגקייט און דעם זעלבען טעמפּען אויסדרוק אין פּנים, מיט וועלכע זי האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָרט פון אַ גוסס'ן, צו זיין לעצטען אָטהעם־צוג. זי פלעגט אויך צורעכט מאַכען די טויטע און זיי אויסריכטען צו זייער קבורה. די קעכין לודווינא און טאַנטע ליזאַן האָבען זיך בעהאַלטען הינ־טער דער טהיר און פון דאָרט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט.

פון צייט צו צייט האָט זשאַננא רחמנות'דיג געקרעכצט.

צוויי שטונדען נאָכאַנאַנד האָט אויסגעזעהן, אַז עס וועט נאָך נעהמען אַ לאַנגע צייט, אָבער פאַרטאָג זיינען די וועהטאָגען גע־וואָרען שטאַרקער, כמעט אונערטרעגליך, און זשאַננא, וועלכע האָט מיט אַלע איהרע קרעפטען ניט געקענט איינהאַלטען די וועה־גע־שרייען, האָט אַלץ געטראַכט פון ראָזאַליען, וועלכע האָט ניט גע־ליטען, כמעט ניט געקרעכצט און וועמעס קינד, דער ממזר, איז אָהן שמערצען, אָהן יסורים אויף דער וועלט געקומען.

זי האָט זיך איצט פערגליכען מיט ראָזאַליען, און אין איהרע יסורים האָט זי געפלוכט גאָט, וועמען זי האָט ביז אָהער געהאַל־

טען פאַר אַ גערעכטיגען. זי האָט געפלוכט די אונגערעכטיגקייט פון שיקזאַל, וועלכע האָט דוקא איהר געבראַכט אַזעלכע שווערע ליי־דען.

פון צייט צו צייט איז דער אַנפאַל געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז די געדאַנקען זיינען איהר פון קאָפּ פערשוואונדען. זי האָט ניט געהאַט מעהר קיין קרעפטען, קיין לעבען אין זיך. זי האָט נור געוואוסט, אַז זי האָט מורא'דיג געליטען.

אין די מאָמענטען, וואָס האָט איהר אויף אַ ווײַלע אַבגע־לאָזען און זי איז עטוואָס רוהיגער געוואָרען, האָט זי ניט געקענט אַבדרייסען איהרע בליקען פון זשוליען. און אַז אַנדער שמערץ, אַ זעלבען שמערץ, האָט זי גענומען דריקען, ווען זי האָט זיך דערמאַנט אַן דעם מאָמענט, ווען איהר קאַמער־מיידעל איז געפאַלען צו־פוסען פון דער זעלבער בעט און האָט געבאָרען דעם ברודער פון דעם קינד, וואָס מאַטערט זי איצט אַזוי מורא'דיג. מיט וועהטאַג האָט זי זיך דערמאַנט אַן די בליקען, פערהאַלטונג, די בעוועגונגען פון איהר מאַן אַנטקעגען דער מיידעל, וואָס איז דאָרט אויף דר'ערד געלעגען, און איצט האָט זי אויף זיין פּנים געלעזען, ווי זיינע גע־דאַנקען וואָלטען איהם געווען אַנגעשריבען אויפ'ן שטערן. זי האָט דאָרט געזעהן די זעלבע לאַנגווייליגקייט, די זעלבע גלייכ־גילטיגקייט פאַר איהר, ווי פאַר יענער, די זעלבע זאָרגלאָזיגקייט פון דעם עגאָאיסט, ווענען די פּאַטערשאַפט מאַכט אַביסעל נערוועז.

אַבער דאָ האָט איהר ווידער אַנגעכאַפּט אַזאַ מורא'דיגער, אַזאַ העפטיגער קראַמפּף, אַז זי האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „איך שטאַרב! איך שטאַרב!"

אַ ביטערער האַס האָט אַנגעפילט איהר האַרץ, אַ האַס צו דיעזען מענשען, וועלכער איז געווען די אורזאַכע פון איהרע יסורים. זי האָט דערפיהלט אַ שמערצליכען וואונש צו שילטען איהם, פלו־כען, פערפלוכען דאָס אונבעקאַנטע קינד, וועלכעס ברענגט איהר דעם טויט.

אין דער גרויסער אַנשטרענגונג האָט זי זיך אויסגעצויגען

כּדי די לאַסט פון זיך אַרויסצואוואַרפען, און פּלוצים האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אינווענינג אין איהר האָט זיך עפּעס מיט געוואַלט אַרויסגעריסען און די שמערצען האָבען פּלוצים אויפגעהערט.

דער דאָקטאָר און די וואַרטס־פרוי זיינען געשטאַנען אַריבערגעבויגען איבער איהר און האָבען עפּעס פון דאָרט צוגענומען. און באַלד האָט זי זיך אַ טרייסעל געטהאָן פון יענעם גערויש, וועלכען זי האָט שוין איין מאָל געהערט. דער קליינער וועה־געשריי, די צאַרטע קלאַנגען פון דעם ניי־געבאָרענעם קינד, האָבען זיך איינגעבויערט אין איהר נשמה, אין איהר אָבגעשוואַכטען קערפּער, אין איהר האַרץ, און, אַליין ניט פיהלענדיג, האָט זי אויסגעשטרעקט איהרע אָרעמס.

זי האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך. איז דאָס, וואָס זי האָט געהערט, ניט געווען אַ נייער רוף צו גליק? און בעפרייט, בערוהיגט, גליקליך, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבען, האָט זי דערפיהלט, ווי איהר האַרץ און איהר ליבּ ערוואַכען ווידער: זי איז געווען אַ מוטער. זי האָט געוואָלט זעהן איהר קינד. עס האָט ניט געהאַט קיין האָאָר, קיין נעגעל, ווייל עס איז פאַר דער צייט געבאָרען געוואָרען. אָבער ווען זי האָט דערזעהן, ווי דאָס קליין מענשעלע בעוועגט זיך, ווי זיין מײלכעלע עפענט זיך, אַז עס ציהט זיך, און שטרעקט זיך, און לעבט, איז אַ ווילדע פרייד אויף איהר אָנגעפאַלען און זי האָט געפיהלט, אַז זי איז גערעטעט, אַז זי איז געשיצט געגען יעדע פערצווייפלונג, אַז דאָ, אין איהרע הענד, האָט זי עטוואָס געהאַלטען, וואָס זי וועט ליעב האָבען און וואָס עס וועט איהר גאַנץ לעבען אויספילען.

*   *   *

פון איצט אָן האָט זי געהאַט נור איין געדאַנק: איהר קינד. זי איז פּלוצים געוואָרען אַ פאַנאַטישע מוטער, און ווייל זי איז געווען ענטוישט אין איהר ליעבע, בעטראַגען אין איהרע האָפ־

נונגען, האָט זי איהר גאַנצע נשמה דעם קינד אוועקגעגעבען.

מען האָט געמוזט אַוועקשטעלען די וויגעלע נאָהענט ביי איהר בעט און ווען זי האָט געקענט אויפשטעהן, איז זי גאַנצע טעג אָבגעזעסען ביים פענסטער נעבען דאָס בעטעלע פון איהר קינד, וועלכע זי האָט געוויעגט.

זי איז געווען אייפערזיכטיג צו דער אַם, און ווען דאָס קליין עופה׳לע האָט זיינע הענטלאַך אויסגעצויגען און די ברוסט גע־זוכט, האָט זי אַ בלייכע און אַ ציטערענדע אַנגעקוקט די רוהיגע פויערטע מיט האַס, און עס האָט זיך איהר געוואָלט דעם זוהן פון יענער׳ס הענד ארויסרייסען און די ברוסט, פון וועלכער ער האָט אזוי דורשטיג געטרונקען, מיט איהרע נעגעל צודראַפּען.

דאַן, אום איהם צו פוצען, האָט זי אַליין געשטיעקט די שעהנ־סטע זאַכען, אַלעס מיט דעם גרעסטען לוקסוס· ער איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ וואָלקען פון שפּיצען און האָט געקראָגען וואַ־רימע, וואונדער־שעהנע, קליינע היטעלאַך.

זי האָט איצט פון קיין זאַך מעהר ניט גערעדט, ווי נור פון איהם און זיינע זאַכען, און אָפט האָט זי איבערגעריסען אַ גע־שפּרעך, אום צו ציינען עפּעס אַ שפּיצעל, אַ הייבעל, אָדער אַ שעהן אויסגענעהטען בענדעל.

זי האָט גאָרניט געהערט, וואָס ארום איהר טהוט זיך, זיך בע־גייסטערט איבער יעדער שטיקעל וועש, וואָס זי האָט אַליין גע־זוימט און אָפט געפרעגט איהרע נאָהענטע:

— דענקט איהר, אַז דאָס וועט איהם פּאַסען?

דער באַראָן און די מוטער האָבען געשמייכעלט פון איהר פאַנאַטישער איבערגעבענהייט צום קינד, אָבער זשוליען, וועמעס געוואָהנהייטען עס זיינען צוליעב דעם געשטערט געוואָרען און וועלכער האָט געפיהלט, אַז ער איז עפּעס קלענער און אונבעדייי־טענדער געוואָרען, זייט דער קליינער טיראַן איז אויף דער וועלט געקומען, איז געווען אונבעוואוסט אייפערזיכטיג צו דעם דאָזיגען קליינעם מענשען־קינד, וועלכער האָט ביי איהם אוועקגערויבט

דעם ערשטען פלאַץ אין הויז. גאַנץ אָפט האָט ער ארויסגעוויזען זיין אונגעדולד און געזאָגט מיט כעס:

— זי מאַכט מיך קראַנק מיט איהר בן־יחיד!

די ליעבע האָט איהר אזוי בעהערשט, אַז זי פלעגט גאַנצע נעכט אָבזיצען ביי דער וויעגעלע און זיך צוקוקען, ווי דער קליי־נער שלאָפט, אָבער אזוי ווי זי האָט אַליין דערביי איהרע קרעפ־טען פערלאָרען, איז זי געוואָרען בלאַס און מאגער, און גענומען הוסטען, האָט דער דאָקטאָר געפאָדערט, אַז מען זאָל ביי איהר צונעהמען דאַס קינד.

זי איז געוואָרען אויסער זיך, האָט געוויינט, געבעטען, אָבער עס האָט איהר גאָרניט געהאָלפען. פון דאַן אַן האָט מען די וויעג אוועקגעשטעלט אויף ביי דער נאַכט נעבען דער בעט פון דער אַם. און יעדע נאַכט איז די מוטער געשטאַנען מיט באָרוויסע פיס נעבען שליסעל־לאָך און זיך צוגעהערט, אויב איהר קינד שלאָפט רוהיג, אויב ער האָט זיך ניט אויפגעכאַפט, אָדער אויב עס פעהלט איהם ניט עפּעס.

אזוי האָט איהר אַמאָל געפונען זשוליען, ווען ער איז שפּעט אַהיים געקומען פון אַ דיענער, וואָס ער האָט געהאָט ביי די פאַר־ווילס, און פון דאַן אָן האָט מען זי איינגעשלאָסען אין איהר צי־מער, אום זי צו צווינגען צו בלייבען אין בעט.

געטויפט האָט מען דאָס קינד אָרום ענדע אויגוסט. דער באַ־ראָן און טאַנטע ליזאָן זיינען געווען די קוואַטערס און דעם אינגעל האָט מען אַ נאָמען געגעבען פּעטער סימאָן פּאָול.

אין די ערשטע סעפּטעמבער טעג איז שטיל, אָהן גערויש, אָהן טומעל, אוועקגעפאָהרען טאַנטע ליזאָן און מען האָט ניט בע־מערקט איהר אָבפאָהרען, פונקט אזוי ווי מען האָט ניט געזעהן איהר געגענוואָרט.

אין אַ געוויסען אבענד איז דער פּריעסטער געקומען נאָכ'ן עסען. ער איז עפּעס געווען ווי פערלעגען, ווי ער וואָלט זיך ארומ־געטראָגען מיט אַ געהיימניס, און נאָך דעם, ווי ער האָט אַ צייט

גערעדט פון זייטיגע זאכען, האָט ער געבעטען די ערלויבנים צו רעדען מיט דער בּאַראָנעסע און איהר מאַן אונטער פיער אויגען.

מיט לאַנגזאַמע טריט זיינען אַלע דריי אוועק איבער דער גרויסער אַלעע, בעת זשוליען איז געבליבען אַליין מיט זשאַננאַ'ן. ער איז געווען ערשטוינט, בּעאונרוהיגט און אויפגערעגט פון די סודות, וואָס מען האָט פון איהם בעהאַלטען.

ער האָט זיך אַנגעבאָטען צו בעגלייטען דעם פּריעסטער, ווען יענער האָט זיך געזעגענט און זיי זיינען צוזאַמען פערשוואונדען אויפ'ן וועג צו דער קירכע צו, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגען דער קלאַנג פון דעם אבענד גלאָק.

עס איז געווען קיהל, כמעט קאַלט, און דער בּאַראָן מיט דער בּאַראָנעסע זיינען ווידער געזעסען אין סאַלאָן.

זיי האָבען אַלע געכאַפּט אַ דרימעל, ווען זשוליען האָט זיך פּלוצים צוריקגעקעהרט שטאַרק אויפגערעגט, מיט אַ פּנים פלאַם־פייער. נאָך פון דער טהיר האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו זיינע שווינער־עלטערען, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זשאַננאַ איז דערביי געווען:

— צום טייפעל, איהר זייט אַפּנים משוגע געוואָרען צו געבען דער מיידעל צוואַנציג טויזענד פראַנק. דאָס איז דאָך פּשוט אַרויסגעוואָרפענע געלד!

זיי זיינען געווען אַזוי ערשטוינט, אַז קיינער האָט ניט געענטפערט און זיך ווערגענדיג פאַר כעס האָט ער ווייטער גערעדט:

— אַזאַ נאַרישקייט איז דאָך נאָך גאַרנישט געהערט געוואָרען. איהר ווילט הפנים אונז ניט איבערלאַזען קיין פּפעניג נאָך זיך.

דאַ האָט דער בּאַראָן, וועלכער איז ווידער צו זיך געקומען, געוואָלט איהם איבּערשלאָגען די רייד, און ער האָט אויסגערופען:

— שווייג בעסער, האָב אין זינען, אַז דו רעדסט דאַ, אין געגענוואַרט פון דיין פרוי.

ער האָט געענטפערט מלא רציחה:

— איך פייף אויף דעם. איבעריגענס ווייס זי וועגען וואָס דאַ האַנדעלט זיך! דאָס איז דאָך אַ פּשוט'ע גנבה. איהר בע־גנב'עט דאָך זי!

זשאַננאַ איז געוואָרען אויפמערקזאַם, אָבער זי האָט ניט גע־וואוסט וועגען וואָס דאַ האַנדעלט זיך און זי האָט געפרעגט פער־וואונדערט:

— אָבער וואָס איז דאַ אַזוינס?

דאַ האָט זיך זשוליען אַ קעהר געטהאָן צו איהר און גענומען מיט איהר רעדען מיט אַ טאָן, ווי מען רעדט צו אַ פערבינדעטע. מיט וועמען מען איז צוזאַמען בעטראָגען געוואָרען. ער האָט איהר קורץ ערקלעהרט דעם פּלאַן חתונה צו מאַכען ראָזאַליען און אַז מען וויל איהר געבען אַלס נדן דעם הויף באַרוויל, וועלכער איז ווערטה אַם ווענינסטען צוואַנציג טויזענד פראַנק.

דאַן האָט ער צוגעלייגט:

— מיין ליעבע, דיינע עלטערען זיינען משוגע, זיי זיינען פּשוט פון זינען אַראָב. צוואַנציג טויזענד פראַנק! עס פעהלט זיי דאָרט אַ קליאַפּקע אין קאָפּ! צוואַנציג טויזענד פראַנק פאַר אַ ממזר!

זשאַננאַ האָט איהם אויסגעהערט אָהן אויפרעגונג און אָהן כעס. זי איז אַליין ערשטוינט געוואָרען איבער איהר רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט אַנטקעגען אַלעם, וואָס האָט ניט אַנגעריהרט איהר קינד. דער באַראָן איז געוועזען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט ניט געקענט דעם אָטהעם אָבכאַפּען און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. צום סוף האָט ער ארויסגעפּלאַצט און גענומען שרייען, טופּענדיג מיט'ן פוס:

— בערעכבען גור, וואָס דו רעדסט! ווער איז דען אין דעם שולדיג, וואָס מען מוז געבען דער מיידעל געלד? פון וועמען האָט זי דאָס? איצט וואָלסטו וועלען זיי ביידען וואַרפען! יאַ?

זשוליען איז געוואָרען ערשטוינט פון זיין שווער'ס היציג־

קיים. ער האָט איהם שטום אָנגעקוקט און דאן געזאָגט אביסעל רוהיגער:

— אָבער פופצעהן טויזענד פראנק וואָלט דאך אויך גענוג געווען. זיי האָבען אַלע קינדער פאר דער חתונה, און צו פון דעם, צו פון יענעם, — דאָס איז אַלץ איינס. ווען איהר שענקט אוועק א הויף פון צוואנציג טויזענד פראנק, דאן איז אויסער דעם, וואָס איהר נעהמט עס ביי אונז אוועק, בעדייטעט עס נאָך, אז איהר שרייט אויס פאר דער גאנצער וועלט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. איהר האָט אָם ווענינסטענס געמעגט א טראַכט טהאָן וועגען אונזער נאָמען און אונזער שטעלונג.

ער האָט גערעדט מיט אַן ערנסטען טאָן, ווי איינער, וואָס ווייס, אַז ער איז גערעכט. דער באַראָן, צומישט פון דער דאָזיגער טענה, איז געבליבען שטעהן פאר איהם מיט אַן אָפענעם מויל. דאן האָט זשוליען דערפיהלט, אַז ער איז ווידער אויפ'ן פערד און איז געקומען צום שלום:

— צום גליק, איז נאָך גאָרנישט אָבגעמאַכט. איך קען דעם קערל, וועלכער וועט מיט איהר חתונה האָבען. ער איז אַ גוטער יונג, איך וועל זיך מיט איהם דורכרעדען און אַלעס אין אָרדנונג ברענגען. דאָס נעהם איך שוין אויף זיך.

און געזאָגט עס, איז ער שנעל אוועק, ווייל ער האָט הפנים מורא געהאַט צופיעל וועגען דעם צו רעדען. און אזוי ווי אַלע האָבען געשוויגען, האָט ער עס אָנגענומען פאר צושטימונג און איז אוועק אַ פרעהליכער.

אזוי שנעל ווי ער איז פערשוואונדען, האָט דער באַראָן אויסגערופען אויסער זיך פאר כעס:

— ניין, דאָס איז שוין צופיעל, ביי גאָט, דאָס איז צופיעל!

אָבער ווען זשאַננא האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און דערזעהן איהר פּאַטער'ס אויפגערעגט פּנים, האָט זי פּלוצים גענומען לאַכען, לאַכען, ווי אַמאָל, ווען זי האָט איבערגעלעבט עטוואָס קאָמישעס:

— פאפא, פאפא, האסטו געהערט, ווי אזוי ער האט עס ארויס־געדערט: צוואנציג טויזענד פראנק! צוואנציג טויזענד פראנק!

און די מוטער, ביי וועמען דער געלעכטער איז געקומען פונקט אזוי שנעל, ווי דער וויינען, האט ביי דער עראינערונג אן איהר איידעם'ס צוקאכט פנים, זיינע אויפגערעגטע ווערטער, זיין היי־ציגער אבזאגען זיך צו געבען דער פערפיהרטער מיידעל, פרעמדע, ניט זיינע געלד, און איבערהויפט א גליקליכע פון זשאננא'ס פרעה־ליכקייט, אויסגעבראכען אין אזא געלעכטער, אז טרעהרען זיי־נען איהר אזש פון די אויגען ארויס.

דער באראן האט זיך אויך פון זיי אנגענומען און אלע דריי האבען, ווי אין די גוטע אלטע צייטען, א צייט לאנג זיך געקאט־שעט פאר געלעכטער.

ווען זיי זיינען אלע אביסעל רוהיגער געווארען, האט זשאננא געזאגט פערוואונדערט:

— מערקווירדיג, מיר איז דאס אלעס איצט אזוי גלייכגיל־טיג, עס הויבט מיך ניט אן צו קימערען. ער קומט מיר איצט פאר, ווי א פרעמדער. עס גלויבט זיך מיר גארניט, אז איך בין זיין פרוי. איהר זעהט, זיינע גראבקייטען פערשאפען מיר בלויז שפאס און איך לאך איבער זיי.

און ניט ווייסענדיג פארוואס, האבען זיי זיך ארומגענומען און בעוועגט געלאכט.

אין צוויי טעג ארום, נאכ'ן פריהשטיק, ווען זשוליען האט געהאט נאר־וואס אוועקגעפאהרען, איז צו זיי געקומען עפעס א הויכער, אונבעקאנטער קערל, פון א יאהר צוויי ביז פינף און צוואנציג. ער האט געטראגען א גאנץ נייע בלויע בלוזע, מיט שטארק אנגעקראכמאלעטע ארבעל, וועלכע זיינען געווען צוגע־שפיעלעט ביים האנד געלענק. ער איז אריין פער'גנב'עט דורכ'ן טויער, ווי ער וואלט דארט נאך פון אין דער פריה אן געווען בע־האלטען און געווארט אויף א גינסטיגער מינוט; ער איז דורך פארביי דעם גראבען, וועלכער האט ארומגערינגעלט קוליארס פאר־

מע, איז צוגעקומען צום שלאָס, און מיט אומזיכערע טריט זיך דער־נעהנטערט צו דעם באַראָן און די דאַמען, וועלכע זיינען, ווי גע־וועהנליך, געזעסען אונטער׳ן שאָטען פון די בוימער.

דערזעהן זיי, האָט ער אַרונטערגעכאַפּט די היטעל און זיך פערנויגט מיט אַ פערלעגענער מינע, און ווען ער איז געווען נאָ־הענט גענוג, אַז זיי זאָלען איהם קענען הערען, האָט ער אַרויסגע־שטאַמעלט:

— אַ גוטען טאָג, הערר באַראָן און די דאַמען!

אָבער אַזוי ווי קיינער האָט איהם ניט געענטפערט, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט:

איך בין דאָס דער דאָזיגער לעקאָק!

אַזוי ווי דער נאָמען איז זיי געווען גאַנץ פרעמד, האָט דער באַראָן געפרעגט:

— וואָס פערלאַנגט איהר?

דאָ איז דער יונג געוואָרען צומישט. ער האָט אויסגעשטאַ־מעלט ניט דרייסט, בעת זיינע אויגען זיינען אַרומגעלאָפען פון זיין היטעל ביז צום שפּיץ פון שלאָס:

— דער הערר פּריעסטער האָט מיר דערצעהלט פון דער געשיכטע.

און געזאָגט עס, איז ער אַנשוויגען געוואָרען, מורא האָבענ־דיג צו זאָגען צופיעל.

דער באַראָן האָט נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען און געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ געשיכטע? איך ווייס פ:ן גאַרנישט צו זאָגען.

יענער האָט געזאָגט מיט אַ שטום קול:

— יאָ, די געשיכטע מיט אייער קאַמער־מיידעל... די... די ראָזאַליע.

זשאַננאַ, וועלכע האָט זיך אַנגעשטויסען וואָס ער מיינט, האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַרויס מיט איהר קינד אויף די אָרעמס, און דער באַראָן האָט זיך אָנגערופען:

— קומט צו נעהענטער!

דאַן האָט ער איהם אָנגעוויזען אויף דעם שטוהל, פון וועל־כען זיין טאָכטער האָט זיך נור וואָס אויפגעהויבען.

דער פויער האָט זיך גלייך געזעצט און ארויסגעמורמעלט:

— איהר זייט זעהר פריינדליך!

דערנאָך האָט ער גענומען אויסוואַרטען, ווי ער וואָלט מעהר ניט געהאט וואָס צו זאָגען. נאָך אַ לאַנגען שטיל שווייגען האָט ער זיך ענטשלאָסען צו רעדען און, קוקענדיג צום בלויען הימעל ארויף, האָט ער געזאָגט:

— אַ גאַנץ שעהן וועטער היינט! פאר דער צייט! אָבער מען האָט דערפון גאָרנישט, ווייל סיי ווי איז שוין אַלעס פערזעעט!

און ער איז ווידער אנשוויגען געוואָרען. דער באַראָן איז געוואָרען אונגעדולדיג און איז איבערגעגאַנגען דירעקט צו דער פראגע:

— אזוי, איהר ווילט מיט ראזאַליען הייראטהען?

דער יונג איז גלייך געוואָרען אונרוהיג, ווייל דאָס האָט איהם ארויסגעבראַכט פון דער נאָרמאַנישער פאָרזיכטיגקייט און ער האָט געענטפערט עטוואָס לעבעדיגער, אָבער נאָך אַלץ אָהן צוטרויען:

— דאָס ווענדעט זיך אָן פיעלעס, אפשר יא, און אפשר ניט.

דער באַראָן, וועמען דעם פויער'ס שפּיצעלאָך האָבען דער־עסען, האָט ארויסגעפּלאַצט ביין:

— צום טייפעל, ענטפערט אָפען, ווי אַ מענש. זייט איהר געקומען אָהער צוליעב דער געשיכטע, אָדער ניט? נעהמט איהר דאָס מיידעל, אָדער ניט?

דער יונג האָט גענומען צושראָקען קוקען אויף זיינע שטיוועל:

— אויב עס איז אזוי, ווי דער הערר פריעסטער זאָגט, דאַן וויל איך זי נעהמען, אָבער אויב עס איז ריכטיג, וואָס הערר זשור־ליען זאָגט, דאַן נעהם איך זי ניט!

— וואָס האָט אייך הערר זשוליען געזאָגט?

— הערר זשוליען האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל בלויז קרי־גען פופצעהן טויזענד פראַנק, און דער הערר פריעסטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל קריגען גאַנצע צוואַנציג טויזענד· פאַר צוואַנ־ציג טויזענד מאַך איך דעם געשעפט, פאַר פופצעהן טויזענד ניט.

דאָ האָט די באַראָנעסע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסען שטיל אויף איהר שטוהל, גענומען לאַכען פון דער מאָדנער האַל־טונג פון'ם פויער. דער יונג האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט, מיט אַן אונצופריעדענעם אויסדרוק. ער האָט ניט פערשטאַנען פון וואָס זי לאַכט, האָט געשוויגען און געוואַרט וואָס ווייטער וועט זיין.

דער באַראָן, וועמען דער דאָזיגער האַנדעל האָט גענומען לאַנג־ווייליגען, האָט גלייך מיט איין קלאַפּ געמאַכט אַ סוף צו אַלע זיינע צווייפלען. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב געזאָגט דעם הערר פריעסטער, אַז איהר וועט קריגען דעם הויף בארוויל אויף אייער גאַנץ לעבען, דערנאָך געהט עס איבער צום קינד. ער איז ווערטה צוואַנציג טויזענד פראַנק און וואָס איך זאָג, איז געזאָגט. זייט איהר, אַלזאָ, איינפערשטאַנען אָדער ניט?

דער יונג האָט געשמייכעלט מיט אַ גליקליכען, צופריעדע־נעם שמייכעל און איז מיט אַמאָל רעדעוודיג געוואָרען:

— דאַן געווים זאָג איך זיך ניט אָב. איך האָב נור געוואָלט דעם איין פונקט אויסצוזעצען. ווען דער הערר פריעסטער האָט מיט מיר גערעדט, בין איך גלייך מרוצה געוואָרען. ביי גאָט, אויסער דעם האָב איך עס געוואָלט טהאָן צוליעב דעם הערר באַראָן, ער וועט עס מיר שוין פערגעלטען, האָב איך ביי זיך געטראַכט. אָבער דאָ איז געקומען הערר זשוליען און פון די צוואַנציג זיינען געוואָרען בלויז פופצעהן טויזענד. האָב איך מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף דערגעהן וואָס דאָ איז און בין אהער געקומען. דאָס הייסט ניט, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין צוטרויען, אָבער מען דאַרף דאָך וויסען, וואו מען האַלט אין דער וועלט. מען קען בלייבען

גוטע פריינד, אָבער געשעפט איז געשעפט. ניט אמת, הערר באראָן?

מען האָט איהם גענוצט אונטערברעכען, אז ניט וואָלט ער אזוי אוועקגערעדט אהן א סוף און דער באראָן האָט געפרעגט:

— אלזא, ווען ווילט איהר חתונה האָבען?

דאָ איז דער יונג ווידער געוואָרען פערלעגען, שרעקענדיג, אונענטשלאָסען, און צום סוף האָט ער געזאָגט:

— טאָמער וואָלטען מיר אָנשרייבען וועגען דעם א פּאַפּיער'ל?

דאָס מאָל איז דער באראָן געוואָרען אין כעס:

— צום טייפעל, איהר קריגט דאָך דעם הייראַטס קאָנטראַקט, דאָס איז דאָך גענוג!

אָבער דער פויער איז געווען איינגעשפּאַרט:

— אָבער מיר קענען דאָך דערווייל האָבען א געשריבען פּאַפּיער'ל, שאַדען קען עס דאָך אוודאי ניט.

דער באראָן האָט זיך אויפגעהויבען:

— זאָגט יאָ אָדער ניין און דאָס גלייך! אויב איהר ווילט ניט, האָב איך אַן אַנדער חתן.

דאָס האָט גלייך געווירקט אויף דעם כיטרען נאָרמאַנער, וועלכער האָט זיך דערשראָקען פאַר א קאָנקורענט און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד, ווי ביי א קוה האַנדעל:

— קלאַפּט צו, הערר באראָן, אָבגעמאַכט! א שופט איז דער, ווער עס וועט חרטה האָבען!

דער באראָן האָט צוגעקלאַפּט. דאַן האָט ער גערופען לודווינען. די קעכין האָט ארויסגערוקט דעם קאָפּ פון פענסטער.

— ברענגט אהער א פלאַש וויין, מיר וועלען אויסטרינקען, אום צו בעגיסען דאָס געשעפט.

נאָך דעם איז דער יונג אוועק מיט לייכטע טריט.

זשוליען האָט מען פון דעם בעזוך גאַרנישט דערצעהלט. דער קאָנטראַקט איז געמאַכט געוואָרען אין געהיים און נאָך דעם, ווי

מען האָט זיי אין דער קירכע אויפגערופען, האָבען זיי אין אַ גע־ווינען מאָנטאָג חתונה געהאַט.

אַ שכנה האָט דאָס קינד נאָכגעטראָגען נאָך דעם פּאָר פּאָלק אין קירכע אריין, ווי אַ זיבערען משכן פון צוקונפטיגען גליק, און קיינער אין דער געגענד האָט זיך ניט געוואונדערט. פערקעהרט, מען איז מקנא געווען דעזירע׳ס גליק. „ער לעגט זיך אין אַ גע־מאַכטע בעט“, האָט מען געזאָגט ווענען איהם מיט אַ ביטערען שמייכעל, אָבער אָהן שום ביטערקייט אָדער ענטריסטונג.

זשוליען האָט געמאַכט אַ שרעקליכע סצענע, וועלכע האָט פערקירצט דעם בעזוך פון זיינע שוויגער־עלטערען אין די „פּאַפּעל־בוימער“. אָהן איבעריגע טרויעריגקייט האָט זשאַננאַ געקוקט אויף זייער אוועקפאָהרען, ווארים פּאָל איז פאר איהר געוואָרען אַ קוואַל פון אונערשעפּליכען גליק.

IX.

ווען זשאַננאַ האָט זיך גוט פּאַפּראַוועט נאָכ׳ן קינד־בעט, איז ביי זיי געבליבען אָבצוגעבען אַ וויזיט די פּאַרווילס און אויך צו צופאָהרען צום מאַרקיז דע־קאָוטעליע.

זשוליען האָט געהאַט ניט לאַנג צוריק געקויפט אויף אַן אָקשאָן אַ פאַעטאָן, צו וועלכען עס איז נויטיג געווען בלויז איין פערד, אַזוי, אַז ער האָט איצט געקענט ארויספאָהרען צוויי מאָל אַ מאָנאַט.

אין אַ העלען סעפּטעמבער טאָג איז דער וואָגען איינגעשפּאַנט געוואָרען און נאָכדעם, ווי זיי זיינען צוויי שטונדען צייט גע־פאָהרען איבער די לאַנקעס, האָבען זיי פערקירעוועט אין אַ ניעדע־ריגען טהאָל, וועמעס ברעגעס זיינען געווען בעוואַקסען מיט וואַלד, בעת אין דער מיטען איז די ערד געווען פערזעהט.

באַלד זיינען די פערזעהטע פעלדער פערביטען געוואָרען אויף

לאַנקעס און די לאַנקעס ווידער אויף זומפּען, בעוואַקסען מיט אַזעלכע פּלאַנצען, וועמעס לאַנגע בלעטער, ווי גאָלדענע בענדער, האָבען געפּלאַטערט אויפ׳ן ווינד.

פּלוצים האָט זיך פון ווייטען בעוויזען דער שלאָס לאַ ברי־ליעט; פון איין זייט האָט ער זיך געגרענעצט מיט די הויכע בוימער און פון דער אנדערער זייט איז ער מיט זיין גאַנצען פּראַנט געשטאַנען נעבען אַ גרויסען טייך. אַנטקעגען, אויף דער אנדע־רער זייט פון טייך, האָט זיך געצויגען אַ הויכער סאַסנאָווער וואַלד באַרג אַרויף, און דאָרט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט אַן אַנדער וואַלד, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין טהאָל אַריין.

אום צו צוקומען צום שלאָס, האָט מען געמוזט קרייצען אַן אַלטען צוג־בריק און דאַן דורך אַ מאַסיווען, אייזערנעם טויער אין דעם סטיל פון דער צייט פון לואי דעם דרייצעהנטען. דער שלאָס אַליין איז אויך געווען לויט דער ארכיטעקטור פון דער זעלבער צייט.

זשוליען האָט אויפמערקזאם געמאַכט זשאַננאַ׳ן אויף אַלע איינצעלהייטען פון׳ם שלאָס, ווי איינער, וואָס איז גוט בעקאַנט מיט׳ן פּלאַץ, און ער איז געווען שטאַרק בעגייסטערט פון זיין שעהנהייט.

— קוק נאָר אַן דעם אַריינפאָהר, איז דאָס ניט גרויסאַרטיג? די גאַנצע לענג פון דער אַנדער זייט קוקט אַרויס צום טייך מיט אַ וואונדער־שעהנע טעראַסע אויפ׳ן וואַסער. צו־פוסען פון די טרעפּלאַך ליגען פעראַנקערט פיער שיפלאַך, צוויי פאַר דעם גראַף און צוויי פאַר דער גרעפין. אויף דער רעכטער זייט, דאָרט וואו דו זעהסט די פּאַפּעל־בוימער, ענדיגט זיך דער טייך און עס הויבט זיך אַן אַ סאַזשעלקע, וועלכע לויפט ביז צו פּעקאַמפּ. די גאַנצע געגענד איז זעהר רייך מיט וואַסער פויגלען און דער גראַף האָט זעהר ליעב צו געהן אויף געיעג אַרום דיעזען טייך. אָט דאָס רוף איך אַ שלאָס!

די אַריינגאַנגס־טהיר האָט זיך געעפענט און די בלייכע גרע־

פין און ערשיענען. זי איז דאָס ארונטערגעקומען בענגענען די בעזוכער. זי איז געווען אנגעטהאָן אין א קלייד מיט א לאַנגער שלייפע, ווי די שלאָס־פּרויען פון פריהערדיגע צייטען.

זי האָט געהאט אין זיך עטוואָס פון דער פרוי פון ים און האָט געשיינט צו זיין ווי געבאָרען פאר דעם דאָזיגען פירשטליכען פּאַלאַץ.

פון די אכט פענסטער פון'ם סאַלאָן זיינען פיער ארויסגע־קומען אויפ'ן וואסער אין דעם פינסטערען סאָסנאָווען וואלד, וואָס האָט זיך געצויגען אנטקעגען צום באָרג צו.

די דונקעלע בוימער האָבען דעם וואלד צוגעגעבען עטוואס טיעפעס, אומעדיגעס, שטרענגעס, און ווען דער ווינד האָט גע־בלאָזען, האָט דאָס אָבצען פון די בוימער געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען זיך פון די זומפּען געטראָגען.

די גרעפין האָט אָנגענומען זשאננא'ן פארביידע הענד, ווי זיי וואָלטען געווען פריינדינען פון קינדהייט אָן. דאן האָט זי זי אוועקגעזעצט און זיך געזעצט נעבען איהר אויף א ניעדעריגען שטוהל; זשוליען, אין וועלכען די אמאָליגע עלעגאַנץ האָט זייט די לעצטע פינף מאָנאַטען ווידער ערוואכט, איז געווען פריינדליך, גוט אויפגעלעגט, האָט ליעבענסווירדיג געפּלוידערט און געשמייכעלט.

די גרעפין און ער האָבען גערעדט פון זייערע שפּאַציערען רייטענדיג. זי האָט גוטמוטהיג אָבגעלאכט פון איהם, ווי ער זיצט אויפ'ן פערד, האָט איהם גערופען „דער ריטער, וואָס טרייסעלט זיך אויפ'ן פערד", און ער זי — „די קעניגין פון אמאזאנקעס".

דאָ האָט זיך פּלוצים אונטער די פענסטער דערהערט א שאָס. און זשאננא האָט לייכט א געשריי געטהאָן. דאָס איז געווען דער גראף, וועלכער האָט א פויגעל געשאסען. זיין פרוי האָט איהם גלייך אריינגערופען. מען האָט געהערט דאָס צושווימען פון א שיפעל און ער איז אריין אין סאלאָן אין הויכע שטיוועל, בעגלייט פון צוויי נאַסע הינד, וועלכע זיינען געווען רויט, אזוי ווי ער

און וועלכע האָבען זיך אויפ'ן טרעטער נעבען טהיר אַוועקגעלייגט.

ביי זיך אין דער היים האָט דער גראַף זיך געפיהלט זיכערער, אונגעצוואונגענער און האָט אמת געפרעהט זיך מיט די געסט. ער האָט געהייסען מאַכען פייער אין קאמין, ברענגען מאדיערא און ביסקוויטען, און פּלוצים האָט ער אויסגערופען:

— אָבער איהר בלייבט דאָך דאָ צו דינער, מיר וועלען אייך אַנדערש ניט אָבלאָזען.

זשאננא, וועלכע האָט קיינמאָל ניט פערגעסען איהר קינד, האָט זיך אָבגעזאָגט. ער האָט געבעטען נאָך אַמאָל, ווען אָבער זי איז געבליבען ביי דאָס איהריגע און ניט געוואָלט אָננעהמען די איינלאַדונג, האָט זשוליען געמאכט אַן אונגעדולדיגע בעוועגונג. זי האָט מורא געהאט איהם ארויסצוברענגען פון זיך און, אום אויסצומיידען קריעריִען, האָט זי, געגען איהר אייגענעם ווילען, איינגעוויליגט, הגם דער געדאַנק, אַז זי וועט איהר קינד שוין ניט זעהן ביז מאָרגען האָט זי שטאַרק געפּלאגט.

דער נאָכמיטאָג איז געווען זעהר שעהן. צוערשט האָבען זיי בעזוכט די קוועלען. זיי זיינען געפלאָסען צו־פוסען פון אַ מיט מאָך בעוואקסענעם פעלז אין אַ קלאָהרען באססיין, אין וועלכען עס האָט נאָכאַנאַנד געברויזט און געשיפּעט, ווי דאָס וואסער וואָלט געקאָכט. דאַן זיינען זיי געפאָהרען אויף שיפלאָך. דער גראַף האָט גערודערט, זיצענדיג צווישען זיינע ביידע הינד. יעדער מאָך מיט דער וויאָסלע האָט אויפגעהויבען דאָס שווערע שיפעל און זי אַ שטויס געטאָהן אין פאָראויס. זשאננא האָט פון צייט צו צייט איינגעטונקט איהר האַנד אין דאָס קאלטע וואסער און האָט הנאה געהאט פון דער אייז־קאלטער פרישקייט, וועלכע איז דורכגעלאָפען איהר קערפער פון דער דאָזיגער בעריהרונג. גאַנץ פון הינטען אין שיפעל זיינען געזעסען זשוליען מיט דער גרעפין, איינגעוויקעלט אין שאלען. אויף זייערע פּנים'ער איז פערגלייזערט

געוואָרען יענער בעזונדערער שמייכעל פון גליקליכע מענשען, וועל־כע געפינען ניט קיין ווערטער זייער גליק אויסצודריקען.

עס איז דונקעל געוואָרען. אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען און געפייפט צווישען די בלעטער. די אונטערגעהענדיגע זון איז שנעל פערשוואונדען הינטער די טאַנען־בוימער און ביים אָנבליק פון דעם רויטען, מיט קליינע ראָזאָווע וואָלקענדלאַך, פערזעהטעטן הימעל, איז אַלעמען גלייך קאַלט געוואָרען.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין דעם גרויסען סאַלאָן, אין וועלכען עס האָט געברענט אַ געוואַלדיגער פייער. און ווי נור זיי זיינען דעם שוועל אריבערגעטראָטען, האָבען זיי גלייך דערשפירט אַ געפיהל פון וואַרימקייט און אַנגענעהמליכקייט. דאָ האָט דער גראַף, אַ פרעהליכער און אַ גליקליכער, אַ קאָפּ געטהאָן זיין פרוי אין זיינע שטאַרקע אַטלעטישע ארעמס, האָט די אויפגעהויבען ווי אַ קינד ביז צו זיין מויל און איהר געגעבען צוויי שטאַרקע קו־שען אויף די באַקען, ווי אַ בראַווער צופריעדענער מאַן.

און זשאַננאַ האָט מיט אַ שמייכעל געקוקט אויף דעם גוט־מוטהיגען ריזען, אויף וועמעס גרויסע צופאַלטערטע באָרד עס איז געווען גענוג בלויז איין קוק צו טהאָן, אום איהם צו האַלטען פאַר אַ ווילדען מענשען־פרעסער, און געטראַכט פאַר זיך: „מאָדנע ווי מען האָט אימער אַ טעות אין מענשען!“. און ווען זי האָט גאַנץ אונבעוואוסטערהייד איהר בליק צו זשוליען געווענדעט, האָט זי בעמערקט, ווי ער שטעהט אין טהיר אַ טויט־בלייכער, מיט די אויגען שטאַר אויף דעם גראַף געריכטעט. זי האָט בעזאָרגט צוגע־גאַנגען צו איהר מאַן און שטיל געפרעגט:

— דו ביזט קראַנק? וואָס איז מיט דיר?

ער האָט געענטפערט בייז:

— גאָרנישט, לאָז מיך צופריעדען. מיר איז געווען קאַלט.

ווען זיי זיינען אין עס־צימער אַוועק, האָט דער גראַף געבעטען ערלויבניס מיטצונעהמען זיינע הינד. זיי זיינען גלייך אריין און בילעלענדיג זיך געזעצט רעכטס און לינקס פון זייער בעל־הבית.

אַלע ווײַלע האָט ער זײַ געגעבען אַ ביסען און זײַ געגלעט איבער די גלאַטע אויערען. די הינד האָבען אויסגעצויגען די קעפּ, גע־דרעהט מיט די עקען און געציטערט פאַר בעפריעדיגונג.

ווען זשאַננאַ און זשוליען האָבען געוואָלט נאָכ'ן עסען אוועק־פאָהרען, האָט זײַ דער גראַף נאָך פערהאַלטען, כדי זײַ צו ווייזען אַ פישפאַנג בײַ פאַקעל בעלויכטונג.

זײַ האָבען זיך געמוזט זעצען מיט דער גרעפין אויף דער טעראַסע, וואָס האָט געפיהרט צום טײַך, און ער איז אַרײַן אין שיפעל מיט אַ דיענער, וועלכער האָט איהם נאָכגעטראָגען אַ פּי־שער־נעץ און אַ ברענענדיגען פאַקעל.

די נאַכט איז געווען ליכטיג און קאַלט און אויפ'ן הימעל האָ־בען געשימערט און געפינקעלט מיליאָנען שטערען.

דאָס ליכט פון'ם ברענענדיגען פאַקעל האָט געוואָרפען משונה'־דיגע שאָטענס אויפ'ן וואַסער און אויף די ביימער. ווען מען האָט דאָס שיפעל פּלוצים אַ קירעווע געטהאָן, האָט זיך געוויזען אַ ריעזיגער פאַנטאַסטישער שאָטען, דער שאָטען פון אַ מאַן אויף דעם זוים פון וואַלד. דער קאָפּ האָט ארויסגעשטאַרטשעט איבער די ביימער ביז צום הימעל ארויף און די פיס זײַנען אין וואַסער גע־שטאַנען. דאַן האָט דער ריעזיגער שאָטען אויפגעהויבען זײַנע אַרעמס, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט צו די שטערען דערגרייכען. באַלד זײַנען די אַרעמס צוריק אַראָבגעפאַלען און גלײַך האָט מען דער־הערט אַ לײַכטען פּליאַסק פון וואַסער.

נאָכדעם ווי די שיפעל האָט זיך אַ ווײַלע פאַרזיכטיג גע־דרעהט אהער און אהין, האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואונדערליכער געשפּענסט לויפט אין וואַלד אוועק. שפּעטער האָט ער זיך בעווי־זען אויף דעם אונזיכטבאַרען האָריזאָנט און דערנאָך אַ קלענערער, אָבער מעהר דײַטליך, אויף דער טעראַסע פון שלאָס. און די הויכע שטימע פון'ם גראַף האָט אבגעקלונגען:

— גילבערטאַ, איך האָב אַכט שטיק.

די רודער האָבען געקלאַפּט דאָס וואַסער. איצט איז דער

ריעזיגער שאטען געבליבען שטעהן אונבעוועגט אויפ'ן וואנד. ביס־לעכווייז האָט ער פערלאָרען פון זיין הויכקייט און ברייטקייט. דער קאָפּ האָט געשיינט צו זינקען, דער קערפּער שמעלער צו ווערען, און ווען דער גראף איז אויף די טרעפּ פון דער טעראסע ארויף, געפאָלגט פון'ם דיענער, וועלכער האָט די פּאקעל געטראָגען, איז דער שאטען איינגעשרומפּען געוואָרען בי צו דער געוועהנלי־כער גרויס פון דעם גראף'ס פיגור.

ער האָט געהאַט אכט גרויסע, צאַפּעלדיגע פיש אין נעץ.

ווען זשאננא און זשוליען זיינען צוריק אהיים געפאָהרען אין דעקעס און מאַנטלען איינגעוויקעלט, וועלכע מען האָט זיי דארט געליהען, האָט זיך ביי זשאננאַ'ן ארויסגעריסען:

— דער ריעז דארט אין שלאָס איז דאָך אַ גוטער מענש!

און זשוליען, וועלכער האָט אַנגעטריבען דעם פערד, האָט געענטפערט:

— יאָ, אבער זיינע מאַניערען זיינען ניט אַלע מאָל גוט.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָבען זיי בעזוכט די קאַטעליערס, וועלכע האָבען זיך גערעכענט פאר דער ערשטער אדעליגער פאַ־מיליע פון דער פּראָווינץ. זייער גוט רעמיניל איז געוועזען ניט ווייט פון קאַני. דער נייער שלאָס, וועלכער איז געבויט געוואָרען אין דער צייט פון לודוויג דעם פיערצעהנטען, איז געלעגען בעהאַלטען אין אַ וואונדערבאַרען פּאַרק, ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט הויכע ווענט. אויף אַ בערגעל האָבען זיך געזעהן די רואינען פונ'ם אַלטען שלאָס. דיענער אין פּאראדנע ליווריען האָבען אריינ־געפיהרט די געסט אין אַ גרויסען, רייכען צימער. אין מיטען אויף אַ פּיעדעסטעל, אין דער פאָרמע פון אַ זייל, איז געשטאַנען אַ גרויסע וואַזע פון טהייערען פּאָרפּאָר. און אונטער גלאָז האָט זיך געפונען אַ בריעף געשריבען מיט דער האַנד פונ'ם קעניג אַליין. וואו ער האָט געבעטען דעם מארקיז לעאָפּאָלד־ערווע־זשאָזעף־זשערמע דע ווארנעוויל דע ראָללעבאַרק דע קוטעליע אַנצונעהמען די דאָזיגע מתנה פון זיין הערשער.

זשאַננאַ און זשוליען האָבען בעטראַכט די קעניגליכע מתּנה, ווען דער מאַרקיז און די מאַרקיזע זיינען אַריינגעקומען. די מאַרקיזע איז געווען אַנגעפּודערט, ליעבענסווירדיג אויס געוואוהנ־הייט, און שטאָלץ. איהר מאַן, אַ בעדייטענדע פּערזענליכקייט מיט ווייסע האָאר, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ'ן קאָפּ, ווי אַ בערשטעל, האָט אין זיינע בעוועגונגען, אין זיין אָרט צו רעדען, אין זיין גאַנצען בענעהמען, געהאַט עפּעס אַ מין גרויסאַרטיגקייט, וועלכע האָט אָנגעוויזען זיין בעדייטונג.

זיי זיינען געווען מענשען פון עטיקעט, פון יענעם בעזונדערען מין מענשען, וועמעס גייסט, געפיהל און ווערטער, זיינען ווי אָנגע־קראָכמאַליעט. נור זיי האָבען גערעדט, אויף קיין ענטפער האָבען זיי ניט געוואַרט, האָבען געשמייכעלט מיט אַ ליעבענסווירדיגען שמייכעל און אויף קיין איין מינוט ניט פערגעסען, אַז זיי זיינען גרויסע יחסנים, און עס איז איינע פון זייערע פליכטען אויפ־צונעהמען ביי זיך די קלענערע יחסנים פון דער ארומיגער גע־גענד.

זשאַננאַ און זשוליען האָבען געפיהלט זעהר ניט אַנגענעהם. זיי האָבען זיך זעהר געסטאַרעט צו מאַכען אַ גוטען איינדרוק, און אין דער זעלבער צייט מורא געהאַט צו בלייבען צו לאַנג, אָבער ווי אַוועקצוגעהן עס זאָל זיין גלאַט און שעהן האָבען זיי אויך ניט געוואוסט. אָבער די מאַרקיזע האָט אויף אַ גאַנץ איינפאַכען שטיי־גער געמאַכט אַ סוף צו זייער בעזוך. זי האָט אונטערבראָכען די אונטערהאַלטונג, ווי אַ קעניגין, וועלכע ענדיגט אַ אודיענץ.

ווען זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט אַהיים, האָט זשוליען געזאָגט:

— אויב דו האָסט גאַרנישט דאַגעגען, דאַן מאַכען מיר מעהר קיינע וויזיטען; מיר זיינען די פּאַרווילס אם ליעבסטען.

און זשאַננאַ איז געווען איינפערשטאַנדען.

דעצעמבער, דער פינסטערסטער מאָנאַט אין גאַנצען יאָהר איז לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען. דאָס איינטאָניגע לעבען פון אַמאָל

האָט זיך ווידער אַנגעהויבען. אבער זשאננאַ'ן איז ניט געווען אומעדיג, זי איז שטענדיג פערנומען געווען מיט פּאול'ן, אויף וועלכען זשוליען האָט פון דער זייט געקוקט מיט אַ אונצופריעדענעם, קרומען בליק.

אָפט האָט די מוטער, האַלטענדיג איהם אויף די הענד און בעשיטענדיג איהם מיט הייסע לאַסקעס, ווי נור מוטערס קענען, אויסגעשטרעקט דאָס קינד צום פאַטער און געזאָגט:

— אָבער טהו איהם דאָך אַ קוש! מען קען מיינען אז דו האָסט איהם גאר ניט ליעב.

מיט אַן אויסדרוק פון עקעל האָט ער קוים אַנגעריהרט דעם גלאַטען שטערן פון דאָס קליין עופה'לע מיט זיינע ליפען, דערביי האָט ער זיך אויסגעבויגען מיט'ן גאַנצען קערפּער, כדי דאָס קינד זאָל איהם ניט אַנריהרען מיט זיינע קליינע צאַפּעלדיגע הענטעלאַך. דאַן איז ער שנעל פון צימער ארויס, ווי איהם וואָלט דער עקעל געטריעבען.

דער פאַרשטאַנד, דער דאָקטאָר און דער פּריסטער זיינען ווען ניט ווען געקומען צו מיטאָג. פון צייט צו צייט זיינען אויך די פאַרווילס געקומער, מיט וועמען זיי זיינען אַלץ מעהר און מעהר בעפריינדעט געוואָרען. דער גראַף האָט, ווי עס שיינט, זעהר ליעב געקריגען דעם קליינעם פּאול. שטונדען לאַנג פלעגט ער איהם האַלטען אויף די קניע, בעת ער איז צו זיי מיט אַ וויזיט געקומען און מאַנכעס מאָל זאָגאר דעם גאַנצען נאָכמיטאָג. ער האָט איהם פאַרזיכטיג ארומגענומען מיט זיינע גרויסע הענד און איהם געקיצעלט מיט די שפּיצען פון זיינע לאַנגע וואָנצעס. דאַן האָט ער איהם געלאַסטשעט און געקושט לייִדענשאַפטליך, ווי אַ מוטער. דער גראַף האָט שטארק געליטען דערפון, וואָס זיין פרוי האָט איהם קיין קינד ניט געהאַט.

דער מאַנאַט מערץ איז געווען קלאָהר, טרוקען און כמעט מילד. די גרעפין האָט ווידער גענומען רעדען פון שפּאַציערען רייטענדיג אויף פערד. זשאננא איז געווען מיעד פון לאַנגע אבענדען, פון

די לאַנגע נעכט, די לאַנגע, גלייכע, איינטאָניגע טעג, און זי האָט מיט פערגעניגען איינגעוויליגט, גליקליך מיט די דאָזיגע פּלענער. אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָט זי זיך אונטערהאַלטען מיט דעם, וואָס זי האָט זיך אַ רייט־קלייד צורעכט געמאַכט. דאַן האָבען זיי גענומען ארויספאָהרען אויף פערד. זיי האָבען געריטען אימער צו צוויי: פאָראויס די גרעפין מיט זשוליען, הונדערט טריט הינטער זיי — דער גראַף און זשאַננאַ.

ביידע לעצטע האָבען רוהיג גערעדט צווישען זיך ווי צוויי פריינד: זייערע עהרליכע נשמות, זייערע ריינע הערצער האָבען געפונען אַן אבקלאַנג איינער ביי'ם אנדערען. די ביידע אין פאָר־אויס האָבען געפליסטערט, מאַנכעס מאָל געלאַכט הויך און העפטיג און האָבען זיך פּלוצים אַנגעקוקט, ווי זייערע אויגען וואָלטען זיך געזאָגט זאַכען, וועלכע זייערע ליפּען האָבען ניט געוואָגט ארויס־צוברענגען. פּלוצים האָבען זיי זיך אַ יאָג געטהאָן אין גאַלאָפּ, געטריבען פון אַ וואונש צו אנטלויפען, אַנטלויפען ווייט, ווייט פון דאַנען.

דאַן האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז גילבערטא איז אויפגערעגט, אַ ווינד האָט אָפט דערטראַגען איהר נערוועזע שטימע צו די ביידע הינטערשטע רייטער. דער גראַף האָט דאַן געשמייכעלט און זיך אַבגערופען צו זשאַננאַ'ן:

— מיין פרוי איז ניט אימער גוט אויפגעלייגט.

איינמאָל אַן אבענד, ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אהיים, האָט די גרעפין שטאַרק געשמיסען איהר פערד און ווען יענעם האָט זיך געוואָלט אַ טראַג טהאָן, האָט זי איהם פּלוצים מיט געוואַלד אבגעשטעלט. זשוליען האָט איהר עטליכע מאָל געזאָגט: „היט זיך, דער פערד וועט זיך נאָך צוטראָגען!"

זי האָט געענטפערט:

— זאָל ער, דאָס געהט אייך גאַר ניט אָן.

איהר שטימע איז געוועזען אזוי האַרט און קלאָהר, אַז איהרע

ווערטער האָבען העל אבגעקלונגען און זיינען עפּעס אזוי ווי גע־בליעבען הענגען אין דער לופטען.

דאָס פערד האָט זיך אויפגעהויבען אויף די הינטערשטע פיס, געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס, פון מויל האָט איהם געקלאַפּט אַ שוים און ער האָט געביסען דעם צוים. פּלוצים האָט דער גראף, וועלכער איז געוואָרען אונגעדולדיג, אַ געשריי געטהאָן מיט אַ דונערענדען קול:

— גיעב אַכטונג, גילבערטא!

דאַן האָט זי עפּעס אזוי ווי אויף צו להכעים אין אַ בעזונדערער אויפרעגונג, וועלכע קיין זאַך האָט ניט געקענט בערוהיגען, ווילד אַ זעץ געטהאָן איהר פערד מיט'ן בייטש צווישען די אויערן; די צורייצטע חיה האָט זיך אַ הויב געטהאָן, איז אויפגעשפּרונגען און זיך גענומען יאָגען איבער'ן פעלד מיט אַ משונה'דיגע שנעלקייט.

פריהער האָט זיך דאָס פערד געטראָגען איבער'ן לאָנקע, דער־נאָך האָט ער זיך אַ וואַרף געטהאָן איבער די פערזועהטע פעלדער און אויפהויבענדיג, ווי אַ שטויב, די פייכטע, פעטע ערד, האָט ער זיך געיאָגט אזוי שנעל, אַז מען האָט קוים געקענט בעמערקען אויף איהם די אַמאַזאָנקע.

זשוליען, אַ צומישטער, איז געבליעבען שטעהן אויף אָן אָרט און האָט פערצווייפעלט זי גערופען:

— גרעפין! גרעפין!

דער גראף האָט עפּעס אויסגעבורטשעט און זיך צוגעבויגען צו דער האַלז פון זיין גרויסען פערד, האָט ער מיט זיין גאַנצען קערפּער איהם געצוואונגען זיך אַ וואַרף צו טהאָן אין פאַראויס; דערנאָך האָט ער איהם גענומען יאָגען מיט אזא אימפּעט, האָט אזוי צוקאָכט געשריען, געקלאַפּט מיט די שפּאָרעס, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גרויסער, מעכטיגער רייטער טראָגט דעם פערד אונטער זיך און זיי ביידע פליהען ערגעץ אוועק. זיי האָבען זי געיאָגט מיט אַ משוגע'נעם אימפּעט אַלץ ווייטער און ווייטער אין פאַראויס. און זשאַננאַ האָט פון דער ווייטען געזעהן ביידע

געשטאַלטען פון די רייטער, די פרוי און דעם מאַן. זיי זיינען גע־פלויגען און געפלויגען און וואָס ווייטער אַלץ קלענער געוואָרען. בלאַסער און אינגאַנצען פערשוואונדען, ווי צוויי פויגעל, וועלכע פערפאָלגען זיך, פערליערען זיך און פערשווינדען הינטער'ן האָ־ריזאָנט.

זשוליען איז צוגעקומען צו זשאַננאַ'ן נאָך אַלץ טריט ביי טריט, און געזאָגט:

— איך גלויב, אַז היינט איז זי טאַקע אויף אַן אמת משוגע!

אוןביידע האָבען געפאָלגט נאָך זייערע פריינד, וועלכע זיינען פערשוואונדען אין טהאָל.

אין אַ פערטעל שעה ארום האָבען זיי ביידען דערזעהן צוריק־קומענדיג און באַלד האָבען זיך אַלע ווידער פעראייניגט.

דער גראַף איז געוועזען רויט און האָט זיך געבאָדען אין שוויים. ער האָט געלאַכט צופריעדען, מיט טריאומף, און האָט מיט זיין אייזערנער פויסט געהאַלטען פאַר'ן צוים דעם ציטערענדען פערד פון זיין פרוי. זי איז געוועזען בלייך, אויף איהר פנים איז געלעגען אַ שמערצליכער, פערצערטער אויסדרוק, און מיט איין האַנד האָט זי זיך געהאַלטען אַז איהר מאַנ'ס שולטער, ווי זי וואָלט מורא האָבען, אַז אָט־אָט חלש'ט זי.

אין יענעם טאָג איז זשאַננאַ'ן קלאָהר געוואָרען, אַז דער גראַף איז משוגע פערליעבט אין זיין פרוי.

אין פערלויף פון דעם נעקסטען מאָנאַט איז די גרעפין געוועזען אַזוי פרעהליך, ווי זי איז נאָך קיינמאָל ביז אַהער ניט געוועזען. זי איז אָפט געקומען אין די פאַפעל־בוימער, האָט נאָכאַנאַנד געלאַכט, און געקושט זשאַננאַ'ן מיט אַ מין לײדענשאַפטליכער צערטליכקייט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי עפּעס אַ וואונדערבאַרע פרייד האָט זי מיט אַמאָל געטראָפען. איהר מאַן, וועלכער איז אַליין אויך געווען אויפ'ן זיעבעטען הימעל, האָט זי ניט אָבגעלאָזען פון די אויגען, אַלע ווײלע גענומען איהר האַנד, אָדער געזוכט זיך צוצוריהרען

צו איהר קלייד אין אַ'ן אויסברוך פון גיי־ערוואַכטעטער ליידענ־שאַפט.

איין מאָל אַ'ן אָבענד האָט ער זיך אָבגערופען צו זשאַננאַ'ן:

— מיר זיינען איצט אין זעהר אַ גוטער שטימונג, גילבערטאַ איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי ליעב, ווי איצט. זי האָט ניט מעהר קיין שלעכטע לוינען, איז ניט צורייצט, איך פיהל, אַז זי ליעבט מיך, בעת ביז אַהער בין איך אין דעם ניט געווען זיכער.

אויך זשוליען האָט געשיינט צו זיין פאַרענדערט. ער איז געווען פרעהליך, ווייניגער אונגעדולדיג, עפּעס אַזוי ווי די געגענ־זייטיגע פריינדשאַפט פון די צוויי פאַמיליעס וואָלטביידען פריע־דען און פריידע געבראַכט.

דער פריהלינג איז געווען אַ פריהערדיגער און אַ הייסער. פון מילדען פריהמאָרגען ביז צום מילדען, וואַרימען אָבענד האָט די זון געוואַרעמט די ערד און געמאַכט אַלעס שפּראָצען און בליהען. אַלעס אין דער נאַטור האָט געבליהט, איז געוואַקסען, האָט זיך ניי בעלעבט.

זשאַננאַ האָט זיך געפיהלט עפּעס מאָדנע בעוועגט פון דער דאָזיגער פרוכטבאַרקייט פון דער נאַטור. יעדעס בליהמעל און גראָז האָט אויף איהר אַ'ן איינדרוק געמאַכט, איהר ווייך און מע־לאַנכאָליש געשטימט. דאַן זיינען געקומען צערטליכע עראינערונ־גען אַן די ערשטע שטונדען פון איהר ליעבע. די ליעבע צו זשוליען איז שוין לאַנג אָבגעשטאָרבען אין איהר הארצען און אויף אימער פערשוואונדען, אָבער איהר גאַנצער קערפּער, געלאַסטשעט פון דעם מילדען, וואַרימען פריהלינגס ווינטעל, האָט זיך געטרייסעלט און געבענקט נאָך צערטליכקייט.

זי האָט ליעב געקראָגען די איינזאַמקייט, און זיך וואַרעמענדיג אויף דער זון, האָט זי געטרוימט איהרע טרוימען, פאַרגעסען אַלעס אין דער וועלט און זיך געפיהלט גליקליך.

איין מאָל אין דער פריה, ווען זי איז געזעסען און געטרוימט. זאָט זי אין איהרע געדאַנקען דערזעהן פאַר זיך יענע פון דער זון

בעלויבטענע שטעלע אין מיטען פון'ם דונקעלען וואַלד ביי עטרעטאַ. דאָרט האָט זי צום ערשטען מאָל דערפיהלט אַ ציטער, שטעהענדיג נעבען דעם מאַן וועלכער האָט זי דאַן געליעבט; דאָרט האָט ער צו ערשטען מאָל אויסגעשפּראָכען דעם ניט דרייסטען פערלאַנג פון זיין הארצען. און דאָרט האָט זי אויך פּלוצים געגלויבט גלויבען אין אַ שענער, גליקליכער צוקונפט.

אין דאָס דאָזיגע וועלדעל האָט זיך איהר איצט געוואָלט ווי־דער געהן. עפּעס אַזוי ווי דער גאַנג אַהין וואָלט געקענט עפּעס ענדערן אין איהר איצטיגען טרויעריגען לעבען.

זשוליען איז אַבגעפאָהרען גאַנץ פריה און זי האָט ניט גע־וואוסט וואוהין. זי האָט געהייסען זאָטלען דעם קליינעם, ווייסען פערדעל פון די מאַרטינס, אויף וועלכען זי איז מאַנכעס מאָל גע־פאָהרען רייטענדיג און איז אוועקגעפאָהרען.

עס איז געווען איינער פון יענע שטילע פריהמאָרגענס, ווען אין ערגעץ בעוועגט זיך קיין זאַך ניט, קיין גרעזעלע קיין בלעטעלע, אַלץ שיינט אונבעוועגליך, ווי דער ווינד וואָלט אַבגעשטאָרבען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די אינזעקטען זיינען אויך ערגעץ פערשוואונדען.

אונבעמערקט האָט די זון איהרע גאָלדענע שטראַהלען געגאָ־סען, וואָס האָבען ווי געאָטהעמט מיט מעכטיגען פריעדען, און זשאַננאַ האָט געריטען אַ גליקליכע, געוויעגט פון איהר פערד.

פון צייט צו צייט האָט זי ארויסגעקוקט צו אַ קליינעם, ווייסען וואָלקענדעל ווי אַן אראָבגעריסען שטיק רויך, גרויס ווי אַ שטיק וואַטע, וואָס איז געהאַנגען דאָרט אויבען גאַנץ אַליין, אין מיטען פון בלויען הימעל.

זי האָט זיך אראָבגעלאָזען אין טהאָל, וועלכער איז ארויס־געקומען צום ים צווישען הויכע פעלזען, ווי טהויערן, בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „די טהירען פון עטרעטאַ“, און איז שטיל צוגעפאָהרען צום וואַלד. דורך די נאָך יונגע בלעטער האָט דאָס ליכט זיך געגאָסען ווי אַ רעגען, און זי האָט געבלאָנדזשעט איבער

די קליינע סטעזשקעס אהער און אהין אַ פער'חלום'ט געזוכט יענעם פּלאַץ און ניט געקענט געפינען.

פּלוצים איבערשניידענדיג אַ לאַנגע אַלעע, האָט זי דערזעהן צוויי רייטפּערד צוגעבונדען צו אַ בוים, וועלכע זי האָט גלייך דער־קענט. עס זיינען געוועז די פערד פון גילבערטאַ און זשוליען. די איינזאַמקייט איז איהר דערעסען און זי האָט זיך דערפרעהט מיט דער דאָזיגער אונערוואַרטעטער בעגעגעניש. זי האָט שנעל אַ טריב געטהאָן איהר פערד.

ווען זי איז צוגעקומען צו די צוויי געדולדיגע פערד, וועלכע זיינען דאָ געשטאַנען, ווי זיי וואָלטען שוין געוואָהנט געווען צו שטעהן לאַנג אויף איין אָרט, האָט זשאַננאַ גענומען רופען איהרע פריינד, אָבער קיינער האָט זיך אויף איהר רוף ניט אָבגערופען.

אַ פרויען האַנדשוה און ביידע בייטשען זיינען געלעגען אויף דעם צוטראַטענעם גראָז. זיי זיינען אַפנים דאָ געזעסען און דער־נאָך אוועק, איבערלאָזענדיג די פערד.

זי האָט געוואַרט אַ פערטעל שעה צוואַנציג מינוט, זיך וואונ־דערנדיג וואו יענע האָבען געקענט אהינקומען און וואָס אַזוינס זיי טהוען דאָרטען. זי איז אַרונטערגעקראָכען פון פערד און גע־שטאַנען אונבעוועגליך, אַנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. צוויי קליינע פויגעלאַך, ניט בעמערקענדיג זי, האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען אין גראָז נעבען איהר. איינער פון די ביידע איז אַרומגעשפּרונגען אַרום דעם אַנדערע'ן ציטערענדיג מיט די פלאַטערנדע פליגעלאַך, האָט זיך געדרעהט און געשפּרונגען, געוואָרפען מיט'ן קעפּעל און געטשיריקעט, און פּלוצים האָט זיך דאָס פּאָאַר'ל גענומען קושען מיט די שנאָבעלאַך.

זשאַננאַ האָט זיך אַזוי פערוואונדערט, ווי זי וואָלט ביז אהער גאָרנישט געוואוסט דערפון. דאַן האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט:

— יאָ, אמת, איצט איז דאָך פריהלינג.

דאַן איז איהר אַן אַנדער געדאַנק אין קאָפּ דורכגעלאָפען, אַ פערדאַכט. זי האָט פון ווייטען געקוקט אויף דעם האַנד'שוה, די

בייטשען אוןביידע פארלאָזענע פערד און שנעל איז זי צוריק אויף איהר פערד אַרויפגעשפרונגען מיט נור איין געדאנק: צו אַנטלויפען.

זי האט זיך גענומען יאָגען אין גאַלאָפּ שנעל, שנעל, שנעל אוועק פון דאנען צו די פאפעל־בוימער צו. איהר קאָפּ האט גע־ארבייט, זי האָט איבערגעלייגט, צוזאַמענגעשטעלט די פאקטען. ווי איז דאָס מעגליך, וואָס זי האָט עס נאָך פריהער ניט בעמערקט. וואָס זי האָט גאָרניט געזעהן? ווי אַזוי האָט זי ניט פערשטאַנען וואָס זשוליען׳ס אַבוועזענהייט בעדייטעט, זיין פּלוצימדיגען פוצען זיך, ווי אַמאָל אין זיין בעסערער לוינע?

זי האָט זיך אויך דערמאָנט אַן דער נערוועזער איפּגערעגט־קייט פון גילבערטא, איהרע משוגענע שטיק, איהר איבערטריעבענע צערטליכקייט און די גליקליכע שטימונג אין וועלכער זי האָט זיך זייט אַ געוויסער צייט געפונען און איבער וועלכער דער גראַף האָט זיך אַזוי געפרעהט.

זי האָט ווידער געלאָזט געהן דעם פערד טריט ביי טריט. ווייל זי האָט געמוזט נאַכדענקען, זיך אריינטראכטען און די שנעלע בע־וועגונג האָט געשטערט איהרע געדאנקען.

נאָכדעם ווי די ערשטע אויפרעגונג איז אַריבער, איז איהר הארץ ווידער כמעט רוהיג געוואָרען. זי האָט ניט געפיהלט קיין אייפערזוכט, קיין האַס, בלויז פעראכטונג. זי האָט ווייניג גע־טראכט פון זשוליען. אויף איהם האָט איהר גאָרנישט געוואונ־דערט, אָבער דער דאָפּעלטער פערראַט פון דער גרעפין, איהר פריינדין האָט איהר אויפגעבראַכט.

אַלע מענשען זיינען אַלזאָ געווען ניעדערטרעכטיג, ליגנעריש און פאַלש! און די טרערען זיינען איהר אין די אויגען אַרויס. פערלאָרענע טרוימען בעווייגט מען אָפּט פונקט אַזוי שטאַרק ווי אַ טויטען.

דאָך האָט זי ביי זיך אָבגעמאַכט, זיך צו מאַכען ניט וויסענ־דיג און צו פארשליעסען איהר הארץ פאַר אַלעמען, קיינעם ניט צו ליעבען, אויסער פּאָול׳ן און איהרע עלטערן. די געגענוואַרט פון

אַלע אַנדערע מענשען אַריבערצוטראָגען מיט אַ רוהיגער מינע, ניט וויזענדיג זיי וואָס ביי איהר אין הארצען טהוט זיך.

אַזוי שנעל ווי זי איז אַהיים געקומען, האָט זי זיך אַרויפגע־וואָרפען אויף איהר זוהן, איהם אריינגעטראָגען אין זיין צימער און געקושט איהם ווילד אַ שטונדע נאַכאַנאַנד אַהן אַ׳ן אויפהער.

זשוליען האָט זיך אומגעקעהרט צום עסען אַ לאַבעדיגער, אַ פרעהליכער, אַ גוטמוטיגער און געפרעגט:

— קומען דען דאָס יאָהר פּאַפּאַ און מאַמאַ ניט אַהער?...

זי איז איהם פאַר דער דאַזיגער פריינדליכקייט געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז זי האָט איהם כמעט מוחל געווען איהר ענטדעקונג אין וואַלד, און אַ הייסער וואונש איז פּלוצים אויף איהר אָנגע־פאַלען, אַזוי שנעל ווי מעגליך, דיעזעביידע מענשען ווידער צו זעהן וועלכע זי האָט נאָך פּאַול׳ן אַם מייסטען געליעבט. זי האָט אַ גאַנצען אָבענד פערבראַכט דערמיט, זיי צו שרייבען, אַז זיי זאָלען וואָס שנעלער אַרויסקומען.

זיי האָבען געלאָזט וויסען, אַז זיי קומען דעם צוואַנציגסטען מאַי. עס איז ערשט געווען דער זיעבעטער און מיט וואַקסענדער אונגעדולד האָט זי ערוואַרט די עלטערן, ווי זי וואָלט אויסער איהר קינדערשער ליעבע צו זיי, נאָך געהאַט אַ בעדערפניש צו קומען אין בעריהרונג מיט עהרליכע, אָפענע רייינע מענשען, וועמען אַלעס ניעדריגעס איז ווייט, וועמעס לעבען, האַנדלונגען, געדאַנקען און ווינשע זיינען אימער געווען עהרליך און אָפענהערציג.

זי האָט זיך געפיהלט איינזאַם, אַליין מיט איהר אַנשטענדיג־קייט, אונטער דיעזע געפאַלענע און זינדיגע נאַטורען, הגם זי האָט זיך שנעל אויסגעלערענט צו טראָגען אַ מאַסקע. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי האָט דער גרעפין די האַנד אויסגעשטרעקט און איהר מיט אַ שמייכעל די ליפּען צום קוש אָנגעבאָטען, האָט זי דאָך געפיהלט, ווי אין איהר וואַקסט אַ פוסטקייט, אַ פעראַכטונג צו מענשען, און טאָג טעגליך האָט עפּעס אַ שטיקעל נייעס אין דער

ארומיגער געגענד נאָך אַ גרעסערען עקעל, אַ גרעסערע פּעראַכטונג אין איהר הארצען ערוועקט.

קוליאר'ס טאָכטער האָט נאָר וואָס געהאַט אַ קינד און איצט ערשט וועט זי חתונה האָבען.

די מארטין'ס דיענסט — אַ יתומה — איז געווען שוואַנגער; אַ קליינע שכנה, ערשט פופצעהן יאָהר אַלט, דאָס גלייכען; אַן אַלמנה, אַן אונגליקליכע, שמוציגע, הינקעדיגע, פערשלומפּערטע בעשעפענים, וועלכע האָט קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט, ווי „שמור־ציגער חזיר", איז ניט קוקענדיג אויף איהר העסליכקייט, אויך ארומגעגאַנגען מיט'ן בויך.

יעדע מינוט האָט מען געהערט פון אַ שוואַנגערשאַפט, פון דעם פאַלען פון אַ מיידעל אָדער אַ מוטער פון קינדער, פון אַ פויערשער אָדער אַ רייכער פארמערשער פאַמיליע.

דער ליכטיגער פריהלינג האָט ווי געוועקט די שאַפונגס־קראַפט אין די מענשען, ווי אין די פלאַנצען, און זשאַננא, וועמעס פערלאַ־שענע געפיהלען האָבען געשוויגען, האָט נור מיט איהר געפייניגטען הארצען און מיט דער סענטימענטאַלער נשמה זיך אָבגערופען אויף דער ווארימקייט און פרוכטבארקייט פון דער ארומיגער נאַטור. זי האָט געטרוימט אהן פערלאַנגען, געבענקט און ליעב געהאַט די אייגענע בענקעניש, די קערפּערליכע פאָדערונגען זיינען איהר גע־וואָרען אין גאַנצען פרעמד און מיט אַן עקעל, וועלכער איז אריבער־געגאַנגען אין אַ האַס, האָט זי זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיגער טיי־רישער זייט פון'ם לעבען און זיך געוואונדערט.

די ליעבע צווישען צוויי וועזענס האָט זי געעמפּערט, ווי עטוואָס שמוציגעס, אוננאַטירליכעס; ווען זי איז אויף גילבערטאַ'ן בייז געווען, איז דאָס ניט געווען ווייל יענע האָט ביי איהר דעם מאַן צוגענומען, נור ווייל אויך זי איז אין דעם אַלגעמיינעם זומפּ אריינגעקראָכען.

זי האָט דאָך ניט געהאַט אין זיך דאָס זעלבע בלוט, ווי די פויערים, ביי וועמען עס הערשען די ניעדעריגע אינסטינקטען. ווי

אזוי זשע האָט זי געקענט פאַלען אזוי ניעדריג, ווי יעגע אַלע ניעדריגע בעשעפעניסען ?

אין דעם זעלבען טאָג, וואָס איהרע עלטערן האָבען געדאַרפט אָנקומען, האָט זשוליען איהר עקעל נאָך שטאַרקער געמאַכט דערמיט. וואָס ער האָט איהר לאַכענדיג דערצעהלט, אלס עטוואָס גאַנץ נאַטירליכעס און קאָמישעס, די לעצטע נייעס פון דער געגענד:

דער בעקער האָט מיט א טאָג צוריק דערהערט עפּעס א גערויש אין באַק־אויווען, הגם מען האָט יענעם טאָג גאָרנישט געבאַקען; ער האָט געמיינט, אז א שכור האָט זיך דאָרט אודאי פערקליבען, אָבער ער האָט דאָרט געפונען זיין ווייב, וועלכע האָט נימ אריינגעזעצט קיין ברויט, נור געטהאָן עטוואָס גאַנץ אנדערעס...

ער האָט געשלאָסען:

— דער בעקער האָט דעם אויווען פערמאַכט און זיי וואָלטען דאָרט זיכער דערשטיקט געוואָרען, ווען נימ דעם בעקער'ס קליינער איינגעל, וועלכער איז אוועקגעלאָפען מיט א גוואַלד צו א שכנה, ווייל דער איינגעל האָט געזעהן די מוטער מיט דעם שמיעד אריינקריכענדיג אהין.

זשוליען האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

— די לצים גיעבען אונז איצט ליעבעס ברויט צו עסען. דאָס קלינגט, ווי א פאַבעל פון לאַפאָנטען.

זשאַננאַ האָט זיך מעהר נימ געקענט צוריהרען צו א שטיקעל ברויט.

ווען די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן מהויער און דער גליקליך לאַכענדיגער פּנים פון'ם באַראָן האָט זיך אין פענסטער בעוויזען, איז די יונגע פרוי געוואָרען טיעף בעוועגט און א דורשט נאָך ליעבע איז אויף איהר אָנגעפאַלען, ווי זי האָט ביז אהער נאָך קיינמאָל נימ געפיהלט.

זי איז געווען אויפגערעגט און צושראָקען און זיך שוין קוים געקענט האַלטען אויף איהרע פיס, ווען זי האָט דערזעהן איהר מוטער'ל.

די באַראָנעסע איז אין די זעקס ווינטערדיגע מאָנאַטען מיט צעהן יאָהר עלטער געוואָרען. איהרע אויפגעבלאָזענע, אָראַבהענ־גענדיגע באַקען זיינען געווען רויט, ווי מיט בלוט אָנגעפילט, איהר בליק איז געווען פאַרלאָשען און זי האָט זיך נור געקענט בעוועגען, ווען מען האָט זי געפיהרט אונטער ביידע אָרעמס. איהר קורצער אָטהעם איז נאָך שווערער געוואָרען, איז פון האַלז אַרויסגעקומען מיט עפּעס אַ מין פּייפען אַזוי, דאָס עס איז אונאָנגענעהם געווען צו שטעהן נעבען איהר.

דער באַראָן, וועלכער האָט זי געזעהן יעדען טאָג, האָט ניט בעמערקט איהר טרויעריגען צושטאַנד, און ווען זי האָט זיך בע־קלאָגט אויף איהר אָטהעמלאָזיגקייט און, אַז עס ווערט איהר אַלץ שווערער זיך צו בעוועגען, האָט ער געזאָגט:

— דאָס דאַכט זיך דיר, מיין ליעבע, דו ביזט אַלע מאָל אַזוי געווען.

נאָכדעם ווי זשאַננאַ האָט זי בעגלייט אין זייער צימער, איז זי אַוועק צו זיך און ביטער געוויינט. דאַן איז זי ווידער אַוועק צו איהר פאָטער, איז צוגעפאַלען צו זיין ברוסט מיט טרערען אין די אויגען און געזאָגט:

— אַך, ווי די מאַמאַ האָט זיך פאַרענדערט! זאָג מיר, וואָס איז מיט איהר?

ער איז געווען זעהר ערשטוינט:

— דענקסטו? איך זעה דאָס ניט. דו ווייסט, איך האָב זי קיינמאָל ניט פאַרלאָזען און מיר דאַכט זיך, אַז עס איז איהר איצט ניט ערגער, ווי אַלע מאָל. זי איז אימער אַזוי געווען.

אין אָבענד האָט זשוליען זיך אָבגערופען צו זיין פרוי:

— דו ווייסט, פון דיין מאַמאַ'ן איז געוואָרען אַ תל, איך גלויב עס האַלט שמאָל מיט איהר.

און ווען זשאַננאַ האָט גענומען שלוכצען, איז ער געוואָרען אונגעדולדיג:

— נו, זיי דאָך ניט קיין קינד, איך זאָג דאָך ניט, אַז זי איז

פערלאָרען, דו מוזט אימער מאַכען זאַכען ערגער ווי זיי זיינען. זי האָט זיך פאַרענדערט און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך אין איהרע יאָהרען.

אין אַכט טאָג ארום האָט זי שוין מעהר וועגען דעם ניט געטראַכט, זי האָט זיך צוגעוואוינט צו דעם פאַרענדערטען אויסזעהן פון דער מוטער און אפשר האָט זי אויך אָבגעשטופּט פון זיך די זאָרג אויס אינסטינקטיווען עגאָאיזמוס, אום עס זאָל ניט שטערען איהר רוה.

די באָראָנעסע, וועלכע האָט מעהר ניט געקענט געהן, איז יעדען טאָג ארוים בלויז אויף אַ האַלב שעה שפּעטער אביסעלע פרישע לופט. זי האָט זיך קוים מיט צרות דערשלעפּט צו אַ באַנק אויף איהר געליעבטער אַלעע און גלייך זיך דאָרט געמוזט אוועקזעצען.

— לאָמיר זיך אביסעל אָברוהען — פלעגט זי דאַן זאָגען — די פיס זיינען היינט ביי מיר אין גאַנצען ווי אָבגענומען.

זי האָט איצט שוין מעהר ניט געלאַכט און נור קוים געשמייכעלט פון זאַכען, פון וועלכע זי וואָלט מיט אַ יאָהר צוריק זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער.

איהרע אויגען נור האָבען איהר נאָך גוט געדיענט און זי האָט גאַנצע טעג געלעזען „קאָרינגא“ אָדער לאַמאַרטין'ס „בעטראַכטונגען“ אָדער מען האָט איהר געמוזט דערלאַנגען דעם שיפלאָד מיט די ערינערונגען. דאַן האָט זי אויסגעלייגט אויפ'ן שויס די אַלטע, איהר טייערע בריעף, אוועקגעשטעלט דעם שופליאַד נעבען זיך אויף אַ שטוהל און אריינגעלייגט צוריק איינעם נאָך'ן אַנדער'ן איהרע הייליגטהימער, איבערקוקענדיג לאַנגזאַם יעדען פון זיי. ווען זי איז געוועזען גאַנץ אַליין, האָט זי געקושט מאַנכע פון זיי, ווי מען קושט פאַר'גנב'עט די האָאָר פון טויטע, זעהר געליעבטע מענשען.

מאַנכעס מאָל ווען זשאַננאַ איז אונערוואַרטעט אין איהר צימער אריין, האָט זי איהר געטראָפען וויינענדיג און זשאַננאַ איז צו איהר צוגעשטאַנען: „וואָס איז דיר, מאַמוניו?“ די באָראָנעסע

האָט זיך שווער אָבגעזיפצט און געענטפערט: „דאָס זיינען שולדיג מיינע הייליגטהימער“; מען דערמאָנט זיך אַן זאַכען, וועלכע זיינען געוועזן אַזוי שעהן, און איצט זיינען זיי אויף אימער פאַרביי. עס טויכען אויף פאַר די אויגען מענשען, אַן וועלכע מען האָט שוין לאַנג פאַרגעסען, און דאָ געפינט מען זיי ווידער, מען הערט זייער שטימע און עס מאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק. ווען עס איז וועסטו אויך פון דערפון וויסען!“

עס האָט פּאַסירט, אַז דער באַראָן איז אריינגעקומען אין אַזעלכע אומעדיגע מינוטען און דאַן האָט ער געזאָגט:

— זשאַננאַ, קינדעלע, הער מיך, פאַרברען אַלע בריעף, אַי מיינע, אַי דער מאַמאָס, אַלע, אַלע! עס איז ניטאַ עטוואָס שרעקליכערעס, ווי ווען מיר, אַלטע לייט, דערמאָנען זיך אַן אונזער יוגענד.

אָבער אויך זשאַננאַ האָט געהיט איהרע בריעף און זיך פאַרבערייט אַ קעסטעלע מיט הייליגטימער, טראָצדעם, וואָס זי איז געוועזן גאַנץ אַנדערש ווי איהר מאַמאַ, פאָלגענדיג עפּעס אַ מין גע׳ירש׳ענטען אינסטינקט פאַר סענטימענטאַלע טרוימערייען.

אין אַ פּאָאַר טעג אַרום האָט דער באַראָן געמוזט אוועקפאָהרען וועגען עפּעס אַ געשעפט אַנגעלעגענהייט.

דער וועטער איז געוועזן זעהר אַ שעהנער. שטילע נעכט בעשאָטען מיט אונצעהליגע שטערן האָבען געפאָלגט נאָך רוהיגע, מילדע אָבענדען, ליכטיגע אָבענדען האָבען געפאָלגט נאָך זוניגע טעג און די זוניגע טעג נאָך שטראַהלענדיגע פריהמאָרגענס. די מוטער האָט זיך באַלד געזונט פיהלען בעסער, און זשאַננאַ האָט פאַרגעסען זשוליען׳ס פּעראַכט און גילבערטאַ׳ס ניעדערטרעכטיגקייט און זיך געפיהלט כמעט גאַנץ גליקליך. אַלעס האָט געבליהט און געשמעקט און דער שטענדיג רוהיגער ים האָט געגלאַנצט פון פריה ביז נאַכט אונטער דעם קריסטאַלענעם הימעל.

איין מאָל, אַ נאָכמיטאָג האָט זשאַננאַ גענומען פּאָול׳ן אויף די הענד און איז אוועק מיט איהם שפּאַצירען אויפ׳ן פעלד. פון

צייט צו צייט האָט זי געקוקט אויף איהר זוהן, דאַן איז איהר בליק געפאַלען אויף דאָס גראָז פול מיט בלומען אין דער גאַנצער לענג פון וועג און זי האָט זיך געפיהלט פייערליך, גליקליך געשטימט. אלע ווײַלע האָט זי געקושט דאָס קינד און עס ליידענשאַפטליך צו איהר ברוסט געדריקט. מאַנכעס מאָל האָט אַ זיסער גערוך, וועלכער האָט זיך דערטראָגען פון די לאַנקעס איהר ווי בערוישט און אַלעס צוזאַמען האָט ביי איהר ארויסגערופען אַ געפיהל פון גליק און לייטזעליגקייט. דאַן האָט זי גענומען טרוימען פון זיין צוקונפט, וואָס וועט פון איהם אַרויסוואַקסען? מאַנכעס מאָל האָט זי געוואָלט, ער זאָל ווערען אַ גרויסער מאַן, בעריהמט, מעכטיג און מאַנכעס מאָל ווידער האָט זי געטראַכט, אַז עס וואָלט זיין בעסער, אַז ער זאָל זיין אַ'ן איינפאַכער מענשעלע, זאָל בלייבען ביי איהר, אימער צערטליך, אימער נעבען דער מאַמאַ'ס זייט.

ווען זי האָט געלאָזט רעדען איהר זעלבסטזיכטיגע מוטערהאַרץ, האָט זי געוואונשען, ער זאָל בלייבען איהר זוהן, בלויז איהר זוהן: אָבער ווען זי האָט געלאָזט רעדען איהר רייכע פאַנטאַזיע, דאַן האָט זי געטרוימט, ער זאָל ווערען עטוואָס פאַר דער גאַנצער וועלט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ראַנד פון אַ גראָבען און איהם גענומען בעטראַכטען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, ווי זי וואָלט איהם נאָך קיינמאָל ניט געזעהן און זי איז פּלוצים ערשטוינט געוואָרען ביי דעם געדאַנק, אַז דאָס דאָזיגע קליינע בעשעפעניש וועט אַמאָל גרויס ווערען, אַז ער וועט געהן מיט פעסטע טריט, וועט טראָגען אַ באָרד און ריידען ערנסט מיט אַ מענשליכער שטימע.

פון ווייטען האָט זי אימיצער גערופען, זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ. דאָס איז מאַריוס צו איהר געלאָפען: זי האָט געמיינט, אַז עפּעס געסט זיינען צו זיי געקומען און האָט זיך אויפגעהויבען אַ אונצופריעדענע, פאַרוואָס מען שטערט איהר. דער יונג איז

געלאָפען אַזוי שנעל ווי ער האָט נור געקענט און האָט אויסגע־רופען, ווי נור ער איז צוגעקומען אַביסעל נעהענטער:

— מאַדאַם, דער באַראָנעסע איז זעהר שלעכט!

זי האָט דערפיהלט, ווי אַן אייז־קאַלטער שטראָם וואָלט איהר איבער'ן רוקען אַריבער, און אין גאַנצען צורודערט האָט זי זיך גע־לאָזט לויפען אַהיים.

נאָך פון ווייטען האָט זי דערזעהן אַ'ן עולם מענשען, וועלכער האָט זיך אַרומגעקליבען אַרום אַ בוים. זי האָט זיך אַ וואַרף גע־טהאָן אַהין. דער עולם האָט אַבגעטראָטען אַן אַ זייט און זי האָט דערזעהן די מוטער ליגענדיג אויף דער ערד, מיט צוויי קישענס אונטער'ן קאָפּ. איהר פּנים איז געווען אין גאַנצען שוואַרץ, די אויגען צוגעמאַכט און די ברוסט, וועלכע האָט זייט צוואַנציג יאָהר אַזוי שווער דעם אָטהעם געשעפּט, האָט זיך מעהר ניט בעוועגט. די אַם האָט ביי דער יונגער פרוי צוגענומען דאָס קינד און עס אוועקגעטראָגען פון דאַנען.

זשאַננאַ האָט געקוקט שטאַר פאַר זיך און געפרעגט:

— וואָס איז דאָ געשעהן? איז זי געפאַלען? מען זאָל גלייך רופען אַ דאָקטאָר.

און ווען זי האָט זיך אומגעדרעהט, האָט זי דערזעהן דעם פּריעסטער, וועמען, קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט איהם אַהער גערופען.

ער האָט אָנגעבאָטען זיין הילף און זיך בעמיהט אַרום דער קראַנקער מיט פאַרקאַשערטע אַרבעל פון זיין פּריעסטער־ראָק. אָבער ניט די עסיג און ניט די אָ־דעקאָלאָן איינרייבונגען האָבען עפּעס געהאָלפען.

— מען מוז זי אויסטהאָן און אַריינלייגען אין בעט — האָט געזאָגט דער פּריעסטער.

דער פּאַכטער יאָזעף קוליאַר איז דאָ געווען, אויך דער אַלטער סימאָן און לודוויגע. מיט דער הילפע פון דעם פּריעסטער פּיקאָט האָבען זיי די באַראָנעסע געוואָלט אוועקטראָגען, אָבער ווען זיי

האבען זי אויפגעהויבען, איז איהר קאפ שווער צוריקגעפאלען און דאס קלייד פאר וועלכער זיי האבען זי אנגענומען, איז צוריסען געווארען, אזוי שווער און אונבעוועגליך איז איהר מעכטיגע לייב געווארען.

דא האט זשאננא א געשריי געטהאן פאר שרעק און דער שווע־רער, פארשוואלענער קערפער איז זיי פון די הענד ארויסגעפאלען און אויף דער ערד געזונקען.

זיי האבען געמוזט ברייגנען א שטוהל פון סאלאן און נאכדעם. ווי מען האט זי אהין ארייגעזעצט, איז מעגליך געווארען איהר אוועקצוטראגען. טריט ביי טריט איז מען ארויף אויפ'ן גאנעק, דאן אויף די טרעפ, ביז מען איז צוגעקומען צו דער באראנעסעס שלאף־צימער און מען האט איהר ארייגעלייגט אין בעט.

די קעכין האט זיך א צייט געמאטערט אויסצוטהאן די באַ־ראנעסע, אבער צום גליק איז די אלמנה דאנטיו געווען דערביי, זי האט זיך געוויזען גאנץ אונערווארטעט, פונקט אזוי ווי דער פריס־טער, ווי זיי וואלטען „דערשמעקט דעם טויט" ווי די דיענער האַ־בען זיך אויסגעדריקט.

זשאזעף קוליאר איז אוועק נאך א דאקטאר און ווען דער פריעסטער האט געוואלט זיך פארבערייטען איהר צו געבען די לעצטע אוילונג, האט די וויטווע דאנטיו איהם ארייגעשושקעט אין אויער:

— גיט זיך ניט קיין מיה, הערר פריעסטער, זי איז שוין אויסגעגאנגען.

זשאננא איז געווען פערצווייפעלט און ניט געוואוסט, וואס צו טהאן. דער פריעסטער האט אויף יעדען פאל געטהאן זיינס און איהר פערגעבען אלע איהרע זינד.

צוויי שטונדען האבען זיי געווארט נעבען דעם בלויען, לעב־לאזען קערפער. זשאננא איז געלעגען אויף די קניע און פערצווייפעלט געשלוכצט פאר וועהטאג און קימער.

ווען עס האט זיך געעפענט די טהיר און דער דאקטאר איז

אַריין, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז די רעטונג, טרייסט און האָפ־נונג איז אין שטוב אַריין. זי איז צוגעגאַנגען צו איהם און שטאַמ־לענדיג דערצעהלט אַלעס וואָס זי האָט געוואוסט.

— זי איז געגאַנגען שפּאַצירען, ווי אימער. זי האָט זיך גע־פיהלט גאַנץ גוט, זאָגאַר זעהר גוט... צום פריהשטיק האָט זי געגעסען בוליאָן און צוויי אייער... זי איז אומגעפאַלען... און גלייך אַזוי שוואַרץ געוואָרען, ווי איהר זעהט זי איצט... זי האָט זיך מעהר ניט בעוועגט... מיר האָבען אַלעס געטהאָן, זי ווידער צו זיך ברייננען... אַלעס...

זי איז אַנשוויגען געוואָרען, ווייל די וואָרטס־פרוי האָט דעם דאָקטאָר אַ וואונק געטהאָן, אַז אַלעס איז אויס, אין גאַנצען פאַר־ביי; אָבער זי האָט ניט געוואָלט פאַרשטעהן, ניט געוואָלט גלויבען און געפרעגט מיט אַנגסט:

— איז איהר צושטאַנד ערנסט, דענקט איהר, אַז עס איז געפעהרליך?

צום סוף האָט ער געענטפערט:

— איך האָב מורא, עס איז ערנסט. איך האָב מורא, איהר אָבער זייט מוטיג! זייט מוטיג!

זשאַננאַ האָט זיך מיט געעפענטע אָרעמס אַ וואַרף געטהאָן אויף דער מוטער.

זשוליען איז אַריין. ער איז געוואָרען שטאַרק ערשטוינט, צור־טומעלט, בעוועגט און ניט געקענט אַרויסריידען קיין וואָרט. דער טויט איז געקומען אַזוי אונערוואַרטעט, אַזוי פּלוצים, אַז ער האָט ניט אויסגעפּעיעט אַנצונעהמען די נויטיגע האַלטונג, מאַכען אַ מינע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזאַ געלעגענהייט. ער האָט געפליסטערט:

— איך האָב געוואוסט, איך האָב געפיהלט, אַז עס וועט אַזוי זיין.

דאַן האָט ער אַרויסגענומען זיין נאָזטיכעל, אָבגעווישט די אויגען, זיך איבערגע'צלם'ט, האָט עפּעס אויסגעמורמעלט און נאָכ־דעם, ווי ער איז צוריק אויפגעשטאַנען, האָט ער געוואָלט אויפ־

הויבען זיין פרוי. אבער זי האט ארומגעכאפט איהר טויטע מוטער, זיך נעדריקט צו איהר און זי געקושט. מען האט זי געמוזט מיט געוואלט אברייסען פון דארט, אזוי פערצווייפעלט און אונגליקליך איז זי געווען.

אין א שטונדע ארום האט מען אריינגעלאזען אין צימער פון דער טויטער. עס איז ניט געבליעבען איהר קיין שום האפנונג. דער שלאפצימער איז איצט געווען אויפגעראמט, ווי א טויטען צימער. זשוליען איז געשטאנען ביים פענסטער און שטיל גע־שמועסט מיט'ן פריעסטער. די אלמנה דאנטיו האט זיך אוועק־געזעצט וואס בעקוועמער אין א פאטעל, ווי איינע, וואס איז גע־וואהנט צו האלטען וואך ביי א טויטען און וואס פיהלט זיך היימיש אין א הויז ,וואו דער טויט איז אריין.

עס איז נאכט געווארען. דער פריעסטער איז צוגעגאנגען צו זשאננא'ן, זי אנגענומען פאר א האנד, און געזוכט איהר צו־רועה־טאגטע הארץ מיט פרומע רייד צו טרייסטען.

ער האט גערעדט פון דער טויטער, זי געלויבט מיט בעזונדערע פריעסטליכע ווערטער און מיט יענער פאלשער, געמאכטער מינע פון א פריעסטער, האט ער זיך אנגעשלאגען צו פערברענגען די נאכט ביי דער טויטער, און בעטען פאר איהר נשמה.

זשאננא האט אונטער שלוכצען זיך דערפון אבגעזאגט. זי האט געוואלט זיין אליין, גאנץ אליין אין דער דאזיגער לעצטער נאכט. זשוליען איז צו איהר צוגעגאנגען:

— דאס געהט ניט, מיר וועלען ביידע וואכען.

זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, אונפעהיג צו רעדען. צום סוף האט זי אויסגערעדט.

— זי איז מיין מוטער, מיין מוטער, איך וויל אליין זיין מיט איהר.

דער דאקטאר האט אויסגעשעפצעט:

— לאזט איהר טהון ווי זי וויל, די וועכטערין קען בלייבען אין צווייטען צימער.

דער פריעסטער און זשוליען האָבען א טראַכט געטהאַן וועגען זייערע בעטען און איינגעווילינט. דער פריעסטער פיקאָט האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף די קניע נעבען טויטען בעט, געזאָגט א געבעט און איז ארוים מיט די ווערטער:

— דאָס איז געווען א הייליגע פרוי — מיט דעם זעלבען טאָן, ווי ער האָט זיין געבעט געזאָגט.

דאַן האָט דער וויקאָנט זיך געווענדעט צו זשאַננאַ און גע־זאָגט אין זיין געוועהנליכען טאָן:

— ווילסטו אפשר עפּעס עסען?

זשאַננאַ האָט ניט געענטפערט, זי האָט ניט געוואוסט, אַז ער רעדט צו איהר. ער האָט געזאָגט נאָך אַמאָל: — דו האָסט גע־דארפט עפּעס עסען, אום זיך אביסעל צו שטאַרקען. — זי האָט געענטפערט צוטראָגען:

— שיק גלייך נאָך דעם פּאַפּאַ!

און ער איז גלייך אוועק, אום צו שיקען א רייטער קיין רועז.

זשאַננאַ איז געבליעבען זיצען פארשטיינערט, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט נור געוואָרט צו בלייבען אליין מיט דער טויטער, אום זיך אין גאַנצען איבערצוגעבען דעם געפיהל פון פערצווייפלונג.

עס איז טונקעל געוואָרען, שאָטענס האָבען זיך אין צימער פארשפּרייט און די טויטע איז פינסטערניש איינגעוויקעלט. די אלמנה דאַנמיו האָט גענומען ארומגעהן הין און צוריק מיט איהרע לייכטע טריט, זוכענדיג און פונאנדערלייגענדיג אונזיכטבארע זאַכען מיט די שטילע בעוועגונגען פון א קראַנקען וועכטערין.

דאַן האָט זי אַנגעצונדען צוויי ליכט און זיי פאָרזיכטיג אוועק־געשטעלט אויף א קליין נאַכט־טישעל, מיט א ווייסען טישטוך צוגעדעקט, צוקאָפּענס פון בעט.

זשאַננאַ האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געזעהן, גאָרנישט גע־פיהלט, גאָרנישט פערשטאַנען. זי האָט געוואָרט צו זיין אליין. זשוליען איז ווידער אריין, ער האָט אָבגעגעסען און געפרעגט נאָך אַמאָל:

— ווילסטו גאָרנישט א ביס טהאָן?

זיין פרוי האט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר מיט א'ן ארונטערגעלאָזענעם קאָפּ און א טרויעריגע מינע. און אזוי זיינען זיי אַלע דריי געבליבען שטיל, אהן שום בעוועגונג. פון צייט צו צייט האָט די וואָרטס־פרוי איינ־געדרעמעלט, א ווייליע געכראַפּעט און זיך דאַן פּלוצים א כאַפּ גע־טהאָן צושראָקען און ברייט געעפענט די אויגען.

צום סוף איז זשוליען אויפגעשטאַנען מיט די ווערטער:

— דו ווילסט טאַקע איצט בלייבען אַליין?

אין איהר פערצווייפלונג, האָט זי א כאַפּ געטהאָן זיין האַנד און געזאָגט:

— יא, יא, לאָז מיך אַליין!

ער האָט זי א קוש געטהאָן אין שטערן און געפליסטערט:

— איך וועל פון צייט צו צייט קומען זעהן, וואָס דו מאַכסט!

און ער איז ארוים מיט דער אלמנה דאַנטיו, וועלכע האָט איהר שטוהל ארויסגעקייקעלט אין א נעבען צימער.

זשאַננאַ האָט פערשלאָסען די טהיר, דאַן האָט זי ברייט פונאַנ־דערגעעפענטביידע פענסטער. איהר אין פּנים האָט א שלאָג געטהאָן די פרישע, וואַרימע פאַרנאַכטיגע לופט און דער גערוך פון פריש געשניטענעם הייה, וועלכער איז מיט צוויי טעג צוריק אָבּ־געקאָשעט געוואָרען און איז דאָרט געלעגען פאַרגאָסען מיט לבנה שיין.

דיעזע מילדע לופט איז איהר אונאַנגענעהם געווען, עס האָט איהר וועה געטהאָן און געשטאָכען, ווי ווען אימעצער וואָלט גע־לאַכט פון איהר.

זי איז צוריק צוגעגאַנגען צו דער מוטער'ס בעט, האָט גענומען איינע פון די קאַלטע, אונבעוועגליכע הענד און גענומען בעטראַכ־טען איהר מוטער.

זי איז ניט געווען מעהר געשוואָלען, ווי פריהער. איצט האָט זי אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט רוהיג געשלאָפען און צוליעב די בלייכע

פלאַמען פון די ליכט, וועלכע דער ווינד האָט געבלאָזען, האָבען די שאָטענס אויף איהר פנים זיך אַלע וויילע געביטען און עס האָט זיך אויסגעדראַכט, ווי איהר פנים איז בעלעבט און באַוועגט זיך.

זשאַננאַ האָט זי שטאַר אַנגעקוקט און פון דער פרייהעסטער יוגענד־צייט האָבען אויף איהר אַ שטראָם געטהאָן עראינערונגען.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי די מאַמוניו איז צו איהר אין קלויס־טער אויף בעזוך געקומען און איהר דאָרט נאַשערייען געבראַכט, אַ גאַנצע מאַסע קליינע איינצעלהייטען, צערטליכקייטען, ווערטער, טענער, בעוועגונגען, די קנייטשען אַרום איהרע אויגען, ווען זי האָט געלאַכט, איהר שווערער אָטהעם, ווען זי האָט זיך נור וואָס אַוועק־געזעצט — אַלעס, אַלעס האָט ווידער אין איהר גערעכעניש אָב־געלעבט און זי איז געבליעבען שטעהן פאַרטראַכט און געזאָגט פאַר זיך:

— זי איז טויט!

און דער גאַנצער שרעק פון'ם דאָזיגען וואָרט איז איהר פלוצים קלאָהר געוואָרען.

די וואָס איז דאָרט געלעגען, איהר מוטער, איהר מאַמוניו. מאַדאַם אַדעלאַאידאַ — איז געשטאָרבען? זי וועט זיך מעהר קיינ־מאָל ניט בעוועגען, קיינמאָל מעהר ניט רעדען, קיין מאָל מעהר ניט זיצען ביים טיש אַנטקעגען פאַפאַ'ן און קיינמאָל מעהה ניט זאָגען: „גוט מאָרגען, זשאַונאַלע!“ זי איז געשטאָרבען. זי איז טויט!

מען וועט זי אין דעם הילצערנעם קאַסטען אַריינלייגען, מיט טשוועקעס פאַרשלאָגען, אין דר'ערד אַרונטערלאָזען און אַלעס וועט זיין אויס. מען וועט זי מעהר קיינמאָל ניט זעהן. איז עס מעגליך, אַז זי האָט ניט מעהר קיין מוטער? דער דאָזיגער ליעבער, טהייע־רער פנים, וועלכען זי האָט ליעב געהאַט זייט זי האָט צו ערשטען מאָל די אויגען געעפענט, וועלכען זי האָט ליעב געהאַט, זייט זי האָט צום ערשטען מאָל איהרע אָרעמס אויסגעשטרעקט. דיעזער קוואַל פון וואַנען מען שעפּט אַזוי פיעל ליעבע, דאָס דאָזיגע איינ־

ציגע בעשעפעניש: די מאמא, וועלכע בעדייטעט פאר דער מענש־ליכער הארץ מעהר ווי אַלעס אויף דער וועלט — איז פארשוואונ־דען. בלויז עטליכע שטונדען זיינען איהר נאָך פארבליעבען צו קוקען אויף דאָס דאָזיגע פּנים, אויף די אונבעוועגליכע שטריכען, הינטער וועלכע עס איז שוין ניט געווען מעהר קיין געדאַנק. און דאַן? דאַן וועט בלייבען בלויז אַ'ן עראינערונג.

און זי איז געפאַלען אויף די קניע אין מורא'דיגער פערצווייפ־לונג, זיך איינגעקלאַמערט מיט קראַמפּפּהאַפטע הענד אַן לייל־אַך, צוגעדריקט די ליפּען צום בעט און מיט אַ הארצרייסענדער שטימע גענומען יאָמערן:

— אוי, מאַמאַ! מיין אָרימע מאַמאַ! מאַמוניו!

און, ווען זי האָט דערפיהלט אַז זי פערליערט דעם קאָפּ, ווי אין יענער נאַכט, ווען זי איז אַ באַרוועסע איבער'ן שנעע געלאָפען, איז זי אויפגעשטאַנען, צום פענסטער צוגעגאַנגען, אום זיך אָב־צופרישען און נייע לופט איינצואָטהעמען.

די בוימער, די לאַנקע און דער ים דאָרט פון וויטען זיינען געלעגען אין טיעפען פריעדען, געשלאָפען אין שטילען צויבער פון דער שימערענדער לבנה־נאַכט. עטוואָס פון יענער רוהיגער מילד־קייט איז אין זשאַננאַ'ס הארץ אַריינגעדרונגען און זי האָט גע־נומען לאַנגזאַם וויינען.

דאַן איז זי ווידער צוגעגאַנגען צום בעט, זיך געזעצט און גענומען דער מוטער'ס האַנד, ווי זי וואָלט געוואַרט ביי אַ קראַנקער. אַ גרויסע פליעג, צוגעצויגען פון די ליכט, איז אַריינגעפלויגען אין צימער אַריין. עס האָט זיך געקלאַפּט אַן די ווענט, ווי אַ פּילקע און געזשומעט פליהענדיג פון איין עק צימער ביז צום צווייטען. זשאַננאַ'ן האָט אויפגערעגט דער זשומען און זי האָט אויפגע־הויבען די אויגען, אָבער זי האָט געזעהן בלויז דעם שאָטען פון דער פליעג, וועלכע איז אַרומגעשפּרונגען אויפ'ן באַלקען. דאַן האָט זי מעהר גאָרנישט געהערט. שפּעטער אַ ווייליע איז זי אויפ־מערקזאַם געוואָרען אויף דעם לייכטען טיק־טאַק פון קאַמין זייגער

און אויף נאָך עפּעס אַ זעהר שטילען געררויש. דאָס איז געווען דער מאַמאַ'ס זייגערל, וועלכער איז נאָך געגאַנגען און וועלכער איז געבליעבען אין איהר קלייד, וואָס איז געלעגען אויף אַ שטוהל צו־פוסען פון בעט. און פּלוצים האָבען די יסורים אין זשאַננאַ'ס האַרץ ווידער ערוואַכט דורך דעם אונבעשטימטען צוזאַמענהאַנג פון דער טויטער מיט דעם דאָזיגען קליינעם זייגער'ל, וועמעס מעכאַניזם האָט נאָך אַלץ געאַרבייט און געלאָפען זיין געוועהנליכען גאַנג. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער, עס איז ערשט געווען האַלב נאָך צעהן; איהר איז געוואָרען מורא'דיג ביים געדאַנק דאָ צו בלייבען אַ גאַנצע נאַכט.

זי האָט גענומען טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען, וועגען איהר אייגענעם לעבען, וועגען ראַזאַליע'ן, גילבערטאַ'ן און וועגען די ביטערע ענטוישונגען פון איהר האַרצען. אויף דער וועלט האָבען אַלזאָ עקזיסטירט נור עלענדקייט, קימער, אונגליק און טויט, נור בעטרוג, נור ליגען, נור ליידען און טרערען. וואו קען מען גע־פינען רוה און פריעדען? מסתמא אין אַ'ן אַנדער וועלט, וואו די נשמה איז בעפרייט פון אַלע ערדישע געפאַהרען. די נשמה! זי האָט גענומען טרוימען וועגען דיזער אונערגרינדליכער געהיימנים, זיך הינרייסענדיג מיט פּאָעטישע פאַרשטעלונגען. וואו איז איצט די נשמה פון איהר מוטער? די נשמה פון דעם דאָזיגען אונבעו־וועגליכען, אייזיגען קערפּער? אפשר ערגעץ ווייט, ווייט. אפשר ערגעץ אין דער לופטען, אבער וואו? פערשוואונדען ווי אַ פויגעל, וועלכער האָט זיך פון זיין שטייג אַרויסגעריסען...

איז זי פון גאָט גערופען געוואָרען? אָדער וואו עס איז אין נייע וועלטען פאַרוועהט, מיט נייע זוימען אויסגעמישט, וועלכע וועלען באַלד ווידער אַרויסשפּראָצען?

און אפשר שוועבט זי אַרום דאָ ערגעץ גאַר נאָהענט? אין דעם צימער אַרום דעם לעבלאָזען קערפּער, וועלכען זי האָט ערשט פערלאָזען? פּלוצים האָט זשאַננאַ דערפיהלט, ווי עפּעס וואָלט אויף איהר אַ וועה געטהאָן, ווי אַ גייסט וואָלט זי בעריהרט. אויף

איהר איז אַנגעפאַלען אַזאַ שרעק, אַז זי האָט ניט געוואַגט זיך אַ ריהר צו טהאָן, צו אָטהעמען אָדער זיך אומצוקוקען. דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט פאַר אַנגסט.

פּלוצים האָט די פליעג זיך ווידער גענומען דרעהען אין דער לופט און קלאַפּען אָן די ווענט. זי האָט אַ שווידער געטהאָן פון קאָפּ ביז צו די פיס. דערנאָך, ווען זי האָט דערזעהן דאָס קליין פליעגעלע איז זי רוהיגער געוואָרען, איז אויפגעשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט. איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף'ן שרייב־טיש — אויף'ן שרייבטיש וואו עס האָט זיך געפונען דער שופליאַד מיט די „הייליגטהימער".

אַ מאָדנער און אַ צערטליכער געדאַנק איז איהר אין קאָפּ אַריין. איבערצולעזען ביי דיעזער לעצטער טויטען־וואַך די אַלטע בריעף, וועלכע זיינען דער טויטער אַזוי טהייער געווען, איבער־לעזען ווי אַ הייליגען בוך. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דער־מיט וועט זי ערפיהלען אַ הייליגע פליכט, אַ פליכט פון אַ קינד צו איהרע עלטערן, און דאָס וועט איהר מאַמוניו אויף יענער וועלט דערפרעהען.

דאָס זיינען געווען בריעף פון איהר זיידען און באָבען, וועמען זי האָט ניט געקענט. עס האָט זיך איהר געוואָלט זיי אויסשטרע־קען די הענד איבער דעם קערפּער פון זייער טאָכטער איז דער דאָ־זיגער טרויעריגער נאַכט, צו זיי געהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען צוזאַמען מיט איהר געליטען און אַ געהיימען בונד פון ליעבע פאַרקניפּען צווישען די שוין לאַנג פערשטאָרבענע, דער, וועלכע איז נור וואָס אויסגעגאַנגען און איהר, וועלכע איז נאָך פערבליבען אויף דער ערד.

זי איז אויפגעשטאַנען, געעפענט דעם שרייב־טיש און פון אַן אונטערשטען שופליאַד אַרויסגענומען אַ צעהנדליג קלייניקע פּעק־לאַך געל געוואָרענע פּאַפּיר, וועלכע זיינען געווען זאָרגזאַם צו־זאַמענגעלייגט און פאַרבונדען.

זי האָט זיי אַלע אויסגעלייגט אויפ'ן בעט, צווישען די

אָרעמס פון דער באַראָנעסע, געטריעבען פון עפּעס אַ בעזונדערן צאַרטען געפיהל.

דאַן האָט זי גענומען לעזען.

דאָס זיינען געווען יענע אַלטע בריעף, וועלכע ווערען בעהאַל־טען אין דעם פאַמיליע־שרייבטיש, יענע בריעף, פון וועלכע עס שמעקט מיט אַלטענטום.

דער ערשטער האָט זיך אַזוי אָנגעהויבען: „מיין שענער איי־ניקעל!" דאַן: „מיין ליעב קינד!" „מיין ליעבע אַדעלאַאידע!" נאָכ־דעם נאָך ווי זיי זיינען געשריעבען געוואָרען צו דאָס קליין מיי־דעלע, אָדער צו דער ערוואַקסענער מיידעל און שפּעטער צו דער יונגער פרוי.

אָבער זיי אַלע זיינען פול געווען מיט קינדערשער ליידענ־שאַפטליכער צערטליכקייט, מיט טויזענד אינטימע קליינע זאַכען, יענע איינפאַכע און דאָך וויכטיגע זאַכען פון אַ פאַמיליע, וועלכע האָבען פאַר אַ פרעמדען קיין שום בעדייטונג נים.

„פּאַפּאַ האָט די גריפּ. די גוטע הארטענזע האָט זיך פאַר־ברענט די האַנד. די קאַץ איז גע'פּגר'ט, דער טאַנען־בוים, וואָס שטעהט גלייך ביים אַרויסגאַנג, דו ווייסט דאָך, האָט מען אומ־געהאַקט. די מוטער האָט פאַרלאָרען איהר געבעט בוך, ווען זי איז פון קירכע אַרוים, זי דענקט, אַז מען האָט עס ביי איהר צוגע־גנב'עט".

עס האָט זיך דאָרט אויך גערעדט פון אונבעקאַנטע מענשען, וועמעס נעמען זשאַננאַ האָט אין איהר קינדהייט אַמאָל געהערט.

ביי די דאָזיגע אַלע קלייניגקייטען, וועלכע זיינען איהר פאַר־געקומען אַלס ענטדעקונגען, איז זי שטאַרק געריהרט געוואָרען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט טיעף אַריינגעקוקט אין דעם לאַנג פער־פלאָסענעם לעבען און דאָס האַרץ און די נשמה פון איהר מאַ־מוניו. זי האָט אָנגעקוקט דעם קערפּער, וואָס איז דאָ געלעגען אויסגעצויגען און פּלוצים האָט זי גענומען לעזען אין דערהויך, פאַר דער טויטער, ווי זי וואָלט זי וועלען צושטרייען, זי טרייסטען.

דער אונבעוועגליכער קערפּער האט געשיינט צו זיין גליקליך.

זי האט געוואָרפען די בריעף איינעם נאָך'ן אנדער'ן צופוסען פון בעט און דערביי געטראַכט, מען האָט זיי איהר געדאַרפט מיט־געבען אין קבר, ווי בלומען.

זי האט אבגעבונדען א'ן אנדער פּעקעלע, עס איז געווען א'ן אונבעקאַנטע האַנדשריפט. זי האָט איבערגעלעזען:

„איך קען מעהר ניט לעבען אָהן דיין ליעבע, איך ליעב דיך צו משוגעת."

און מעהר גאָרנישט; קיין אונטערשריפט.

זי האָט איבערגעדרעהט דאָס פּאַפּיר אין די הענד און ניט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך. אויף דעם אדרעס איז געשטאַ־נען: „צו דער באַראָנעסע לעפּערטיואַי דע־וואַ."

זי האט געעפענט א צווייטען בריעף:

„קוים היינט אזוי שנעל ווי ער וועט אוועקגעהן, מיר וועלען האָבען בלויז איין שטונדע צו זיין צוזאַמען. איך פאַרגעטער דיך."

אין א אנדער בריעף האט זי געלעזען: „איך האָב דיך היינטיגע נאַכט פערצווייפעלט באַגעהרט, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך פיהל דיין קערפּער אין מיינע אָרעמס, דיין מויל אויף מיינע ליפּען, אז מיר קוקען זיך אריין איינער דעם אַנדער'ן אין די אויגען און דאַן איז אויף מיר געפאַלען אזאַ פערצווייפלונג, אז איך האָב זיך שיער פון פענסטער ניט ארויסגעוואָרפען ביים געדאַנק, אז אין דיעזער שטונדע רוהסטו נעבען זיין זייט, אז דו מוזט איהם געהערען, ווען נור ער וויל..."

זשאַננאַ איז געוואָרען צושראָקען. זי האָט גאָרנישט פער־שטאַנען. וואָס בעדייטעט עס? צו וועמען, פאַר וועמען, פון וועמען זיינען געקומען די דאָזיגע ווערטער פון ליעבע? זי האָט ווייטער געלעזען און ווידער געפונען ווערטער פון דער העכסטער ליידענשאַפט, ערקלעהרונגען פון צוזאַמענקונפטען, פון צייט צו צייט א בעמערקונג וועגען פאָרזיכטיגקייט און אימער זיינען צום שלום געשטאַנען די דאָזיגע פיער ווערטער:

„פארברען גלייך דעם בריעף!“

צום סוף האט זי פונאנדערגעוויקעלט א גלייכגילטיגען צע־טעלע געשריעבען פון דער אייגענער האנדשריפט. דאס איז גע־ווען א'ן איינלאדונג צו א דיענער און אונטערגעשריעבען: פאול דע־עננעמאר. דער זעלביגער, וועמען דער באראן האט נאך ביז'ן היינטיגען טאג, ווען ער האט וועגען איהם גערעדט, גערופען, „מיין ארימער, אלטער פאול“ און וועמעס פרוי איז געווען די בעסטע פריינדין פון דער באראנעסע.

און דא איז זשאננא'ן פלוצים אריינגעפאלען א צווייפעל, וועלכער איז גלייך געווארען א געוויסהייט: דער דאזיגער מאן איז געווען איהר מוטער'ס געליעבטער.

און אויסער זיך, האט זי מיט איין קלאפ א ווארף געטהאן יענע עקעלהאפטע פאפיערען, ווי מען טרייסעלט אב פון זיך א גיפ־טיגע חיה. זי איז צוגעלאפען צום פענסטער און גענומען הערצ־רייסענד וויינען. זי האט שוין מעהר ניט געקענט איבערטראגען און איז צוזאמענגעבראכען נעבען וואנט, פארשטעקט דעם פנים אין די פארהאנגען, אז מען זאל איהרע קרעכצען ניט הערען און געשלוכצט און געיאמערט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

זי וואלט אזוי אבגעשטאנען די גאנצע נאכט. אבער דער־גערויש פון טריט אין א צווייטען צימער האט זי דערשראקען. דאס איז אפשר געווען איהר פאטער, און אט די אלע בריעף זיינען געלעגען אויפ'ן בעט און אויף דער ערד. ער האט נור גע־דארפט איינעם עפענען און ער האט אלעס געוואוסט. זי איז צו־געלאפען, א כאפ געטהאן א הויפען אלטע, געל־געווארענע פא־פיערען, אי דעם זיידען'ס, אי דעם געליעבטען'ס, אי די וואס זי האט נאך ניט געלעזען און זיי אלע, אלע מיט איין קלאפ אין אויוען אריינגעווארפען. דאן האט זי גענומען איינע פון די ליכט, וואס זיינען געשטאנען אויפ'ן נאכט־טישעל און דעם פאק בריעף אונטערגעצונדען. א רויטער פלאם האט א פלאקער גע־

טהאָן און דעם צימער, דאָס בעט, די טויטע, מיט אַ העלען, צי־טערנדען ליכט בעשטראַהלט.

ווען פון אַלע פּאַפּירען איז בלויז געבליעבען אַ הויפען אַש, איז זי צוריק צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און זיך דאָרט געזעצט, ווי זי וואָלט ניט געוואָגט צו זיין נעבען דער טויטער. זי האָט זיך ווידער צו־וויינט, בעהאַלטען דעם פּנים איןביידע הענד און געקרעכצט מיט אַ פערצווייפעלטער, פאַרשטיקטער שטימע:

— אַך, מיין אָרימע מאַמאַ, מיין אָרימע מאַמאַ!

אַ שרעקליכער געדאַנק איז איהר דורכ'ן קאָפּ דורכגעלאָפען: טאָמער איז די מאַמאַ ניט געשטאָרבען, אפשר איז זי נור איינ־געפאַלען אין אַ היהנער־פּלעט און אַט וועט זי זיך פּלוצים אויפ־כאַפּען און וועט נעהמען רעדען? וואָס וועט דאַן זיין? וועט דאָס שרעקליכע געהיימניס, וועלכע זי האָט זיך איצט דערוואוסט ניט אָבשוואַכען איהר קינדערשער ליעבע? וואָלט זי געקענט אַ קוש טהאָן די מוטער מיט דעם זעלבען געפיהל, ווי פריהער? וואָלט זי איהר געקענט ליעבען מיט דעם זעלבען הייליגען געפיהל, וואָס פריהער? ניין, דאָס איז אונמעגליך! און דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהר האַרץ צוריסען.

די נאַכט איז אַוועק; די שטערן זיינען בלאַסער געוואָרען. עס איז געוואָרען פריש ווי אימער געגען פריהמאָרגען. די לבנה ניעדעריג אין הימעל האָט זיך געהאַלטען אין אונטערטויכען אין ים אַריין, וועלכען זי האָט פאַרגאָסען מיט אַ פּערלמוטערנעם גלאַנץ.

און זשאַננאַ האָט זיך דערמאָהנט אָן דער ערשטער נאַכט, וואָס זי האָט פערבראַכט אין די פּאַפּעל־ביימער. ווי ווייט איז דאָס איצט געווען פון איהר, ווי אַלעס האָט זיך פאַרענדערט! ווי טרויעריג האָט זיך איהר די צוקונפט פאַרגעשטעלט!

דער הימעל האָט זיך מיט ראָזאָווע פאַרבען באַדעקט, איז העל און ליכטיג און דערנאָך אין גאַנצען רויט געוואָרען. ער־שטוינט, פאַרוואונדערט, האָט זי אַנגעקוקט דעם שטראַהלענדיגען

הימעל און זיך געפרעגט, ווי איז עס מעגליך, אַז אויף דער ערד, וואו די זון געהט אויף אַזוי העל, אַזוי ליכטיג, אַזוי וואונדער־שעהן, זאָל ניט זיין קיין פרייד און קיין גליק?

אַ קלאַפּען אין טהיר האָט זי דערשראָקען און זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאַן. דאָס איז געוועזען זשוליען, ער האָט געפרעגט:

— נו, ביזטו נאָך ניט מיעד?

זי האָט געענטפערט:

— ניין!

זי איז געוועזען צופריעדען, וואָס זי איז ניט מעהר אַליין.

—דו מוזט זיך אָבער אויסרוהען —האָט ער געזאָגט.

זי האָט לאַנגזאַם געקושט איהר מוטער מיט אַ שמערצליכען, פערצווייפעלטען, לאַנגען קוש. דאַן איז זי אַוועק צו זיך אין צימער.

דער טאָג איז אַוועק מיט יענע טרויעריגע געשעפטען, וועלכע דער טויט ברייננגט מיט זיך. דער באַראָן איז אַנגעקומען אין אָפּענד. ער האָט אַ סך געוויינט.

אויפ'ן דריטען טאָג איז געוועזען די לויה.

זשאַננאַ האָט אַ קוש געטהאַן דעם קאַלטען שטערן, אַנגעטהאַן די מוטער צום לעצטען מאָל און געזעהן, ווי מען פאַרקלאַפּט דעם טויטען קאַסטען, איז זי אַוועק. מען האָט ערוואַרטעט געסט.

גילבערטאַ איז געקומען די ערשטע און שלוכצענדיג אַרויפ־געפאַלען איהר פריינדין אויפ'ן ברוסט.

דורך'ן פענסטער האָט מען געזעהן די עקיפּאַזשען, וועלכע האָבען זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן טהויער. אין דעם גרויסען פיר־הויז האָבען זיך דערהערט שטימען. פרויען אין שוואַרצען, וועלכע זשאַננאַ האָט גאָרניט געקענט, זיינען אין גרויסען זאַאַל אַריין און ביסלאַכווייז איהם אין גאַנצען אַנגעפילט. די מאַרקיזע דע קוטעליע און די וויקאָנטעסע דע־בריזעוויל האָבען זי געקושט. פּלוצים האָט זי בעמערקט טאַנטע ליזאָן הינטער זיך, און זי האָט זי

ארומגענומען מיט אזוי פיעל צערטליכקייט, אז די אַלטע מיידעל האָט שיער ניט גע'חלש'ט.

זשנליען איז אריין אין טיעפען טרויער אַנגעטהאַן, עלע־גאַנט, ערנסט און זעהר בעאַכטעט פון דעם גרויסען און שענעם עולם. ער האָט עפּעס גערעדט אין דער שטיל מיט זיין פרוי און צום סוף האָט ער בעמערקט צוטרויליך:

— די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע איז געקומען, דאָס איז זעהר גוט!

און גריסענדיג די דאַמען מיט אַ'ן ערנסטען אויסדרוק אויפ'ן פּנים איז ער אוועק.

טאַנטע ליזאַ און גילבערטאַ זיינען געבליעבען מיט זשאַננאַ'ן, בעת די טרויער צערעמאָניעס זיינען אַנגעגאַנגען. די גרעפין האָט זי נאָכאַנאַנד ארומגענומען און ווידערהאָלט:

— מיין אָרימע זשאַננאַ! אָרימעס קינד!

ווען גראַף פאַרוויל איז געקומען אַבנעהמען זיין פרוי, האָט ער אזוי געוויינט, ווי ער וואָלט זיין אייגענע מוטער פערלאָרען.

X.

די פאָלגענדע טעג זיינען געווען זעהר טרויעריג, יענע אומע־דיגע טעג אין אַ הויז, וואו אַלעם ווייזט זיך אוים פוסט און וויסט, וואו אויף יעדען טריט און שריט פעהלט דער מיטגליעד פון דער פאַמיליע, וועלכער איז אויף אויביג פערשוואונדען.

יעדע מינוט דערמאַנט אייך עפּעס אַן דעם טויטען און צו־רייסט אייך דאָס הארץ: דאָ אַ שטוהל, דאָ דער שירעם, וועלכער איז נאָך געבליבען שטעהן אין פאָרהויז, דאָרט איהר גלאַז, וועלכע דאָס מיידעל האָט נאָך ניט צוגענומען; אין אַלע צימערען געפינט מען עפּעס, איהר שלייער, אַ האַנדשוה, אַ בוך, אויף וועמעס בלע־טער עס זיינען פערבליבען צייכענס פון איהרע דיקע פינגער.

טויזענד קליינינקייטען, וועלכע קריגען אַ שמערצליכע בעדייטונג, ווייל זיי דערמאָנען אַן טויזענד קליינע פּאַסירונגען.

איהר שטימע פערפאָלגט אונז, מיר הערען זי, דוכט זיך, ווי־דער: עס ווילט זיך אַנטלויפען, אַוועק פון דאַנען. אָבער מען מוז בלייבען דאָ און ליידען צוזאַמען מיט די איבעריגע, וועלכע ליי־דען אויך.

אויסערדעם האָט זשאַננאַ'ן פערפאָלגט די עראינערונג אַן דעם, וואָס זי האָט זיך דערוואוסט פון די בריעף. דער ראָזיגער געדאַנק האָט זי געדריקט און איהר פערוואונדעטע הארץ האָט זיך ניט געקענט פּארהיילען. זי האָט זיך געפיהלט נאָך איינ־זאַמער פון דיעזען שרעקליכען געהיימנים. מיט דעם לעצטען גלויבען איז אויך פערשוואונדען איהר לעצטער צוטרויען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער פאָטער אוועקגעפאָהרען. ער האָט געמוזט אומבייטען דעם פּלאַץ, אַטהעמען אַנדערע לופט, אום זיך צו בעפרייען פון דעם קומער, וואָס האָט איהם נאָכאַ־נאַנד געדריקט.

און דאָס גרויסע הויז, פון וועלכען די אַלטע בעל'הבית'ים זיינען ביסלאַכווייז פערשוואונדען איינער נאָכ'ן אַנדער'ן, איז ווי־דער געוואָרען רוהיג, און אַלעס האָט גענומען געהן מיט דעם גע־וועהנליכען גאַנג.

דערנאָך איז פּאָול קראַנק געוואָרען. זשאַננאַ האָט פערלאָרען דעם קאָפּ. צוועלף טעג נאַכאַנאַנד האָט זי מיט אַ'ן אויג ניט צו־געמאַכט און כמעט גאָרנישט געגעסען.

ער איז ווידער געזונד געוואָרען, אָבער דער געדאַנק, אַז ער האָט געקענט שטאַרבען, האָט זי משוגע געמאַכט. וואָס זאָל זי טהאָן, וואָס וועט פון איהר ווערען, ווען זי זאָל איהם פערליערען? און גאַנץ לאַנגזאַם האָט זיך אין איהר הארץ אַריינגעגנב'עט אַ פערלאַנג נאָך אַ קינד צו האָבען. באַלד האָט זי דערפון גענומען טרוימען, שוין פון לאַנג האָט זי געהאַט אַ הייסען וואונש, צו

זעהן ארום זיך צוויי קליינע וועזענס, א אינגעלע און א מיידעלע. איצט האט זי דער דאזיגער וואונש איינפאך פערפאלגט.

אבער זייט דעם צופאל מיט ראזאליע'ן, האט זי ניט געלעבט מיט איהר מאן. ווערען נאהענט מיט איהם איצט, אזוי ווי זיי האבען צווישען זיך געהאלטען, איז געווען אונמעגליך. זשוליען האט געלעבט מיט אנדערע פרויען, דאס האט זי געוואוסט און ביי דעם געדאנק בלויז, אז זי וועט דארפען אריבערטראגען זיינע צערטליכקייטען, האט זי געטרייסעלט פאר עקעל.

דאך וואלט זי עס שוין ווי עס איז ביי זיך גע'פועל'ט און וואלט אלץ אריבערגעטראגען, אזוי שטארק איז געווען איהר וואונש צו האבען נאך א קינד, אבער זי האט ביי זיך געפרעגט, ווי הייבט מען עס אן, ווי קומט מען ווידער צו איהם, זי וואלט אפשר גע־שטארבען פאר חרפה ווען זי זאל דארפען וועגען דעם רעדען מיט איהם. ער ווידער האט, ווי עס שיינט, איהר אפילו אין זינען ניט געהאט.

זי וואלט אפשר די זאך שוין אין גאנצען אויפגעגעבען, ווען עס וואלט זיך איהר יעדע נאכט ניט געדאכט, אז זי האט א טאכ־טער'ל. זי האט עס געזעהן מיט פאול'ן שפיעלענדיג אונטער די בוימער, און מאנכעס מאל האט עס איהר געהויבען פון בעט אויפ־צושטעהן און אהן שום ערקלעהרונגען צו איהר מאן צו געהן. צוויי מאל איז זי שוין ביי זיין טהיר געווען, אבער זי האט זיך יעדעס מאל שנעל צוריק אומגעקעהרט און איהר הארץ האט געהאמערט פאר שאם.

דער באראן איז געווען ווייט. די מאמוניו טויט. איצט האט זשאננא ניט געהאט קיין איין מענשען, ביי וועמען א'ן עצה צו פרעגען, מיט וועמען זיך דורכצורעדען און פאר וועמען זי זאל קענען איהרע אינטימע געהיימניסע אנפערטרויען. און זי האט זיך בעשלאסען צו געהן צום אבבע פיקאט, און אונטער דעם זיעגעל פון פערשוויגענהייט, איהם מיטטהיילען דעם שווערען פלאן, מיט וועלכען זי טראגט זיך ארום.

ווען זי איז צו איהם געקומען, האָט זי איהם געטראָפען אין זיין קליינעם גאָרטען.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אַ ווײַלע גערעדט פון זייטיגע זאַכען, האָט זי אויסגעשטאַמעלט רויט ווערענדיג:

— הערר פּריעסטער, איך וויל בייכטען.

ער איז געוואָרען ערשטוינט, האָט אויפגעהויבען זיינע ברי־לען, אום זי צו בעטראַכטען. דאַן האָט ער גענומען לאַכען:

— נו, נו, איהר האָט, דאַכט זיך, גאָרניט אַזוי פיעל זינד אויף אייער געוויסען.

איצט איז זי געוואָרען צומישט:

— ניין, אָבער איך וואָלט אייך וועלען פרעגען אַ עצה, אַ עצה וועגען עפּעס, איבער וואָס איך וואָג ניט מיט אייך צו רעדען.

זיין גוטמוטהיגער אויסדרוק איז גלייך אויפ'ן שטעל פער־שוואונדען, און ער האָט אָנגענומען זיין פּריעסטערליכע פרומע מינע:

— דאַן, מיין טאָכטער, וועל איך אייך אויסהערען אין בייכט־שטוהל, קומט!

אָבער אונענטשלאָסען האָט זי איהם אָבגעהאַלטען. זי האָט ניט געקענט ביי זיך פּועל'ן צו רעדען מיט איהם איבער אַזעלכע אונפּאַסענדע זאַכען אין דער שטילקייט פון דער לעדיגער קירכע:

— אָבער... ניין, הערר פּריעסטער... איך קען, ווען איהר ווילט, אייך זאָגען, וואָס מיר ברענגט צו אייך. לאָמיר זיך זעצען דאָרט, אין אייער קליינער לעטאַנקע.

לאַנגזאַם זיינען זיי אַוועק אַהין. זי האָט געזוכט ווערטער.

נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך געזעצט, האָט זי אָנגעהויבען, ווי זי וואָלט וועלען בייכטען: „געעהרטער פאָטער!" זי האָט אַ ווײַלע געצעגערט, דאַן ווידער אַמאָל געזאָגט: „געעהרטער פאָ־טער!", און איז אַנשוויגען געוואָרען אין דער גרעסטער פער־לעגענהייט.

ער האָט פערלייגט די הענד איבער'ן בויך, גרייט זי אויסצו־

הערצען. ווען ער האָט איהר פערלעגענהייט געזעהן, האָט ער איהר געמאַכט מוטה:

— ניי, מיין טאָכטער, עס זעהט אויס, ווי איהר וואָלט ניט געוואָגט ארויסריידען, וואָס ביי אייך אין הארצען טהוט זיך; נעהמט זיך אַן מוטה.

זי האָט זיך ענטשלאָסען, ווי אַ פייגלינג, וואָס וואַרפט זיך אַנטקעגען אַ געפאַהר:

— געעהרטער פאָטער, איך וואָלט ווען האָבען אַ צווייטע קינד.

ער האָט גאָרניט געענטפערט, ווייל ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט. דאַן האָט זי איהם גענומען ערקלעהרען און גע־שטאַמעלט:

— איך שטעה איצט גאַנץ אַליין אויף דער וועלט. מיין פאָ־טער און מיין מאַן זיינען פרעמד איינער דעם אַנדערען; מיין מוטער איז טויט, און, און... — זי האָט אַ ציטער געטהאָן און געזאָגט גאַנץ שטיל: — און די טעג האָב איך שיער ניט פערלאָרען מיין זוהן. וואָס וואָלט דאַן געוואָרען פון מיר?

זי איז אנשוויגען געוואָרען. דער פריעסטער, נאָך אַלץ ניט פערשטעהענדיג, האָט זי אַנגעקוקט. דאַן האָט ער געזאָגט:

— נו, אַלזאָ?

זי האָט ווידערהאָלט:

— איך וואָלט ווען האָבען אַ צווייטע קינד.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, ווארים ער איז געוואָהנט גע־ווען מיט די גראָבע וויצען פון די פויערים, וועלכע האָבען זיך פאַר איהם ניט געשעהמט און גערעדט אַלעס, וואָס איז זיי אויף דער צונג ארויף, און ער האָט געענטפערט מיט אַ כיטרען מאַך מיט'ן קאָפּ:

— נו, איך דענק, אַז דאָס ווענדעט זיך דאָך אין גאַנצען אַן אייך.

זי האט איהם אפענהערציג אנגעקוקט, דאן האט זי אויסגע־שטאמעלט פערלעגען:

— אבער... אבער... איהר פערשטעהט דאך... אז זייט דאן... זייט דאן... זייט דער געשיכטע מיט דער מיידעל... איהר ווייסט דאך... פון דאן אן לעב איך ניט מיט מיין מאן...

ער, וועלכער איז געוואהנט געווארען צו דעם מיש־מאש און דער צולאזענקייט פון די פויערים, איז געוועזן ערשטוינט פון דער דאזיגער ענטדעקונג; דאן האט זיך איהם געדאכט, אז ער פער־שטעהט, וואס די יונגע פרוי וויל. ער האט אויף איהר א קוק גע־טהאן פון דער זייט גוטמוטהיג און פול מיט סימפאטיע:

— יא, איך פערשטעה, איך פערשטעה זעהר גוט, אז אייער... אייער לעבען פון אן אלמנה דריקט אייך... איהר זייט יונג און געזונד, עס איז נאטירליך, גאנץ נאטירליך!

ער האט א שמייכעל געטהאן, ארויסווייזענדיג דערביי די פערגרעבטע נאטור פון דעם דארפישען פריעסטער און גענומען גלעטען זשאננא'ס האנד:

— דאס איז ערלויבט, דאס געזעץ ערלויבט עס אייך. איהר זייט דאך פערהייראט. און פערהייראט איז מען ניט אויף קאטא־ווער.

זי האט אין אנהויב ניט פערשטאנען, וואס ער מיינט, אבער ווען זי האט זיך אנגעשטויסען, איז זי רויט געווארען און טרעה־רען זיינען איהר פון די אויגען ארויס:

— אה, הערר פריעסטער, וואס פאלט אייך איין? איך שווער אייך... איך שווער... — און פאר וויינען האט זי מעהר ניט גע־קענט רעדען.

זי האט ניט געוואוסט, וואס נאך זי זאל זאגען. ער איז געוועזן איבערראשט און האט זי געטרייסט:

— הערט אויף, איך האב אייך דאך ניט געוואלט וועה טהאן. איך האב נור געמאכט א שפאס. פערלאזט זיך אויף מיר, איך וועל שוין איבעררעדען מיט הערר זשוליען.

איצט האָט זי זיך שוין געוואָלט אָבזאָגען פון זיין הילף. זי האָט מורא געהאַט, אַז די גאַנצע געשיכטע קען ווערען אונאַנגענעהם, געפעהרליך, אָבער זי האָט ניט געוואָגט און איז אוועק מיט די ווערטער:

— איך דאַנק אייך, הערר פריעסטער.

אַכט טעג זיינען אוועק. זי האָט געלעבט אין אומעט און ערוואַרטונג.

דאַן, איין מאָל אַן אָבענדביים טיש, האָט זשוליען איהר אַנגעקוקט עפּעס אַזוי מאָדנע, מיט יענעם בעזונדערען שמייכעל אויף די ליפּען, וועלכען זי האָט ביי איהם געזעהן, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט. ער איז געווען צו איהר פריינדליך, זאָגאַר העפליך, מיט אַ לייכטער איראָניע, און שפּעטער, ווען זיי זיינען געגאַנגען שפּאַציערען אין דער מוטער'ס אַלעע, האָט ער איהר שטיל אין אויער אריינגעשושקעט:

— מיר זיינען, אַלזאָ, ווידער חבר געוואָרען?

זי האָט ניט געענטפערט. אויף דר'ערד האָט זי בעמערקט אַ לאַנגע, גלייכע, קוים מערקליכע ליניע, וועלכע איז איצט מיט גראָז פערוואַקסען געוואָרען. דאָס זיינען געווען שפּורען פון דער באַראָנעסע'ס טריט, וועלכע זיינען ביסלעכווייז פערשוואונדען. ווי עס ווערט פערשוואונדען אַן ערהאינערונג. זשאַננאַ האָט דערפיהלט, ווי דאָס הארץ פערקוועטשט איהר און עס ווערט איהר אַזוי אומעטיג, אַזוי טרויעריג. איינע אַליין איז זי, אַליין אין דער גאַנצער וועלט, ווייט פון אַלע מענשען.

זשוליען האָט ווידער גערעדט:

— איך בין צופריעדען. איך האָב מורא געהאַט, טאָמער געפעל איך דיר שוין ניט און וועל זיין ביי דיר אַן אונגעבעטענער גאַסט.

די זון איז אונטערגעגאַנגען, די לופט איז געווען מילד. זשאַננאַ'ן האָט זיך געוואָלט וויינען, אויסגיסען איהר ביטער הארץ, פיהלען נעבען זיך אַ פריינד און אויסרעדען פאַר איהם אַלעס.

וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אויף איהר צו־וועהטאָגטער נשמה. אַ שלובצען האָט זיך פון איהר האלז ארויסגעריסען. זי האָט געעפענט איהרע ארעמס און איז געפאלען צו זשוליען אויפ'ן ברוסט.

זי האָט געוויינט. ער האָט ערשטוינט אראָבגעקוקט אויף איהרע האָאר, ווארים איהר פּנים האָט ער ניט געקענט זעהן. זי האָט איהם בעהאלטען אויף זיין ברוסט. ער האָט געדענקט, אַז זי ליעבט איהם נאָך און האָט זי מיטליידיג אַ קוש געטהאָן אויפ'ן קאָפּ.

דאן זיינען זיי, ניט רעדענדיג אַ וואָרט, צוריק אין הויז אריין. ער איז אוועק נאָך איהר אין איהר שלאָף־צימער און פערבראכט מיט איהר די גאנצע נאַכט.

און זייערע פאמיליען בעציהונגען האָבען זיך פון דאָס ניי אָנ־געהויבען. ער האָט זיי ערפילט ווי אַ פליכט, וועלכע איז איהם געווען ניט אנגענעהם, און זי האָט עס אריבערגעטראָגען, ווי אַ פּיינליכע, שרעקליכע .נויטווענדיגקייט, מיט דעם ענטשלוס אויף אימער זיך פון דעם צו ענטזאָגען אזוי שנעל, ווי זי וועט פיהלען. אַז זי איז שוואנגער.

אָבער באלד האָט זי בעמערקט, אַז איהר מאַן'ס לאסקעס זיי־נען איצט גאַנץ אנדערש, ווי זיי זיינען פריהער געווען. ער האָט זי בעהאנדעלט, ווי אַ צוריקגעהאלטענער ליעבהאָבער, אָבער ניט ווי אַ רוהיגער מאַן.

זי איז געווען ערשטוינט, האָט בעאָבאכטעט און בעמערקט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט זי איהר צוועק קיינמאָל ניט עררייכען.

איין מאָל ביי נאַכט, אין זיינע ארעמס, מויל אנטקעגען מויל, האָט זי אויסגעפליסטערט:

— ווארום גיסטו זיך מיר ניט אַפּ אזוי ווי פריהער?

ער האָט געלאַכט:

— אום דו זאָלסט ניט שוואנגער ווערען!

זי האָט גענומען ציטערען:

— ווארום ווילסטו ניט האָבען נאָך אַ קינד?

ער איז געוואָרען שטאַרק צושראָקען:

— וואָס רעדסטו, ביזט משוגע? נאָך אַ קינד? עס פאַלט מיר גאָרניט איין. עס איז גענוג איין קינד, וואָס שרייט נאָכאַנאַנד, וואָס לאָזט ניט רוהען, פערנעהמט די גאַנצע וועלט און קאָסט געלד. נאָך אַ קינד! אַ שעהנעם דאַנק!

זי האָט איהם גענומען אין איהרע אָרעמס, געקושט און געבעטען:

— אַך, איך בעט דיר, לאָז מיך נאָך אַמאָל אַ מוטער ווערען!

אָבער ער איז געוואָרען אַזוי אין כעס, ווי זי וואָלט איהם בעליידיגט:

— דו האָסט הפנים דעם קאָפּ פערלאָרען! איך בעט דיר, שוויינ!

זי האָט געשוויגען און ביי זיך אָבגעמאַכט איהם צו צווינגען מיט כיטראַסט איהר דאָס גליק צו שענקען. פון וועלכען זי האָט געטרוימט. זי האָט געזוכט די ליעבעס אומאַרמונגען צו פערלענגערען, האָט געשפּיעלט אַ קאָמעדיע פון פערצווייפעלטער ליידענשאַפט, איהם געדריקט צו זיך, אַנגעווענדעט אַלע מעגליכע שלויאַייטען, אָבער ער איז אימער געבליבען רוהיג און האָט זיך אויף קיין איין מאָמענט ניט פערגעסען.

אָבער איהר פערצווייפעלטער וואונש האָט זי ניט געלאָזט רוהען און, בערייט אַלעס צו טהאָן, אַלעס צו פּרובירען, איז זי ווידער אַוועק צו אַבבע פיקאָט.

ער איז געזעסען ביים פריהשטיק, האָט געגעסען און איז געווען רויט, ווי אַ בוריק, ווייל נאָכ'ן עסען האָט ביי איהם אימער דאָס הארץ שטאַרק געקלאַפּט.

אַזוי שנעל, ווי ער האָט זי געזעהן אַריינקומענדיג, האָט ער געפרעגט:

— נו, וואָס הערט זיך?

עס האָט זיך איהם זעהר געוואָלט וויסען דער ערפאָלג פון זיין פערמיטלונג.

איצט איז זי געווען ענטשלאסען, האט זיך מעהר ניט גע־שעהמט און געזאגט:

— מיין מאן וויל ניט קיין קינדער.

דער פריעסטער האט זיך א דרעה געטהאן צו איהר מיט א געוויסער פריעסטערשער נייגעריגקייט, בעריידט צו ראיען זיך אין איהר אינטימען לעבען. די דאזיגע זאכען האבען איהם אלע מאל פערשאפט שפאס. ער האט געפרעגט:

— וואס הייסט? ער קומט ניט צו אייך?

דא האט זי געענטפערט:

— יא, אבער ער... ער... ער ענטזאגט זיך מיך צו מאכען פאר א מוטער.

דער פריעסטער האט פערשטאנען. איהם זיינען בעקאנט גע־ווען די דאזיגע זאכען, און ווי א הונגעריגער כאפט זיך צום עסען, אזוי האט ער זיך גענומען אויספרעגען אויף אלע גענויע איינ־צעלהייטען.

דאן האט ער א ווײלע נאכגעטראכט און געזאגט גאנץ רוהיג, ווי ער וואלט גערעדט פון א גאנץ געוועהנליכער זאך:

— מיין ליעבע טאכטער, פאר אייך איז פאראן בלויז איין מיטעל: מאכט איהם גלויבען, אז איהר זייט שוואנגער, דאן וועט ער זיך אויפהערען צו היטען און איהר וועט אויף אן אמת שוואנגער ווערען.

זי איז געווארען רויט; דער גאנצער פנים האט זיך ביי איהר אנגעצונדען, אבער ענטשלאסען אויף אלעס, האט זי גע־פרעגט:

— אבער טאמער גלויבט ער מיר ניט?

דער פריעסטער האט געקענט די מיטלען, ווי אזוי די מענער אריינצונעהמען אין די הענד אריין:

— דערצעהלט אלעמען וועגען אייער שוואנגערשאפט, רעדט אומעטום דערפון, דאן וועט ער שוין גלויבען.

דאַן האָט ער צוגעלייגט, ווי ער וואָלט וועלען אראָבוואַרפען פון זיך די שולד:

— איהר האָט אַ רעכט אַזוי צו האַנדלען, די קירכע דולדעט דעם פערקעהר צווישען מאַן און ווייב נור דאַן, ווען עס האָט דעם צוועק די פאַמיליע ווייטער צו פלאַנצען.

זי האָט געפאָלגט זיין קלוגע עצה, און אין פערצעהן טאָג ארום האָט זי עס געזאָגט זשוליען. ער האָט זיך דערשראָקען:

— דאָס איז אונמעגליך! דאָס איז ניט אמת!

זי האָט איהם גלייך אָנגעגעבען דעם גרונד פון איהר פער־דאַכט. ער האָט זיך בערוהיגט און געזאָגט:

— לאָמיר אָקאָרשט אָבוואַרטען, דו וועסט זעהן, אַז דו האָסט אַ טעות.

— דאַן האָט ער זי געפרעגט יעדען אין דער־פריה:

— נו?

זי האָט געענטפערט:

— ניין, נאָך ניט! עס וועט מיך זעהר וואונדערען, ווען עס וועט זיין ניט, ווי איך זאָג.

איצט איז ער שוין געוואָרען אונרוהיג. ער איז געוועזען בייז, צורייצט און שטאַרק איבערראַשט. ער האָט געזאָגט:

— איך קען דאָס ניט פערשטעהן. איך בעגרייף גאַרניט, ווי דאָס קען מעגליך זיין, איך בין געוועזען אַזוי פאָרזיכטיג.

אין פיער וואָכען ארום האָט זי איבעראַל פערשפרייט די נאַכ־ריכט, נור דער גרעפין גילבערטאַ האָט זי דערפון ניט דערצעהלט; עפּעס אַ מאָדנער געפיהל פון שאַם האָט זי אָבגעהאַלטען.

אין אָנהויב, ווען דער כעס האָט נאָך אַיין איהם געברענט, האָט זשוליען אויסגעמיעדען זיין פרוי און איז ניט צוגעקומען נאָהענט צו איהר. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט איינגעזעהן, אַז עס איז פערפאַלען, האָט ער מיט כעס ערקלעהרט: „דאָס וועט זיין אַן אונגעבעטענער גאַסט!“, און ווידער גענומען געהן צו זיין פרוי.

וואָס דער פריעסטער האָט פּאַראויסגעזעהן, דאָס איז גע־שעהן: זי איז שוואַנגער געוואָרען.

דאַן האָט זי יעדען אָבענד פערריעגעלט די טהיר. איבער־וועלטיגט פון פרייד און דאַנקבאַרקייט, האָט זי זיך געגעבען אַ שבועה פון איצט אָן אויף אימער צו בלייבען ריין און אונבעריהרט.

זי האָט זיך ווידער געפיהלט כמעט גליקליך און זיך אַליין געוואונדערט, ווי שנעל דער שמערץ נאָך דעם טויט פון דער מו־טער איז איינגעשטילט געוואָרען. זי האָט געמיינט, אַז פאַר איהר איז גאָר קיין טרייסט ניטאָ, און איצט, נאָך קנאַפּע צוויי מאָנאַטען, האָט זיך פערמאַכט די אָפענע וואונד. עס איז איהר פערבליבען אַ צערטליכע מעלאַנכאָליע, ווי אַ טרויער שלייער, וואָס האָט זיך איבער איהר לעבען פערשפּרייט. איצט האָט שוין קיין אונגליק איהר ניט געקענט מעהר טרעפען, איהרע קינדער וועלען אויס־וואַקסען, וועלען זי ליעב האָבען; זי וועט לעבען רוהיג און צו־פריעדען, ניט קימערענדיג זיך מעהר וועגען איהר מאַן.

אַרום ענדע סעפּטעמבער האָט דער פריעסט פּיקאָט געמאַכט אַ פאָרמאַלען וויזיט אין נייע פריעסטער־קליידער, אויף וועלכע עס האָבען זיך געפונען פלעקען בלויז פון איין אַכט טאָג און האָט פאָר־געשטעלט זיין נאָכפאָלגער, דעם אַבבע טאָלביאַק. דאָס איז געווען אַ גאַנץ יונגער, מאָגערער, קליינער פריעסטער, וועלכער האָט גע־רעדט זעהר וויכטיג מיט אַ מין פּאַפאָס; זיינע טיעפע אויגען, מיט די שווארצע פּאַסען אַרום זיי, האָבען דערציילט פון פערבאָר־גענעם אייפער.

דער אַלטער פריעסטער איז דערהויבען געוואָרען צו אַ דעקאַן פון גאָדערוויל.

זשאַננאַ איז געוואָרען זעהר טרויעריג פון דעם. וואָס ער געהט אוועק. די געשטאַלט פון דעם דאָזיגען מאַן איז פערבונדען געווען מיט אַלעם, וואָס זי האָט, אַלס פרוי, איבערגעלעבט. ער האָט זי' חתונה געמאַכט, האָט פּאָול'ן געטויפט און די באַראָנעסע בעער־דיגט. זי האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען עטאוואַן אָהן דעם

דאָזיגען פּוזאַטען פּריעסטער פּיקאָט, וועלכער געהט פאַרביי אין דער גאַנצער לענג פון די הויפען און פאַרמס, און זי האָט איהם ליעב געהאַט פאַר זיין פרעהליכקייט און זיין נאַטירליכער איינפאַכקייט.

טראָץ דעם, וואָס ער איז ערהויבען געוואָרען, צו אַ העכערען ראַנג, האָט ער זיך דאָך דערמיט ניט געפּרעהט. ער האָט געזאָגט:

— פרוי גרעפין, אַך, ווען איהר זאָלט וויסען, ווי שווער דאָס קומט מיר אָן! איך בין דאָ שוין זייט אַכטצעהן יאָהר. די פּריעסטער־שטעלע ברייננט ניט אַריין קיין סך, קוים וואָס מען קען זיך דורכלעבען. די מענער זיינען ניט רעליגיעז און די ווייבער, די ווייבער, איהר ווייסט דאָך, זיי האָבען גאַר קיין חרפּה און קיין בושה ניט. און די מיידלאַך האָבען ניט חתונה פריהער, ווי זיי האָבען זיך ניט גוט אָנגעשטופּט! די מירטען־קראַנצען זיינען ביליג אין אונזער געגענד, אָבער דאָך האָב איך זיי זעהר ליעב געהאַט.

דער נייער פּריעסטער האָט געמאַכט אַן אונצופריעדענע בעוועגונג. ער איז געוואָרען רויט און געזאָגט קורץ:

— ביי מיר וועט עס אַלעס אַנדערש ווערען!

צאַרט און מאַגער, אין זיין שוין אָבגעטראָגענעם, אָבער ריינליכען פּריעסטער־ראָק, האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ צוריינצטעס קינד.

דער פּריעסטער פּיקאָט האָט איהם אָנגעקוקט פון דער זייט. ווי ער פּלעגט טהאָן, ווען ער האָט געשפּאַסט, און האָט ווייטער גערעדט:

— מיין ליעבער אַבבע, אום צו פערהינדערען אַזעלכע זאַכען, האָט מען געדאַרפט די גאַנצע געמיינדע אין קייטען פערשמיעדען. און דאָס וועט אויך גאַרנישט העלפען.

— דער נייער פּריעסטער האָט געענטפערט מיט אַ בייסענדען טאָן:

— דאָס וועלען מיר שוין זעהן!

דער אַלטער האָט גענומען אַ שמעק טאַבאַק און געזאָגט:

— מיין ליעבער, די יאָהרען וועלען אייך שוין רוהיגער מאַ־כען. מיט שטרענקייט וועט איהר פערטרייבען פון קירכע איהרע לעצטע בעטער. נעהמט זיך אין אכט, ווירקליך. ווען איך זעה ביי דער גאָטעס־דיענסט אַ מיידעל, וואָס זעהט מיר אויס צו דיק, דאַן זאָג איך צו זיך אליין, דאָס וועט זיין נאָך אַ געמיינדע־מיט־גליעד, און איך זוך די מיידעל חתונה צו מאַכען. איהר קענט זיי ניט אָבהאַלטען פון צו זינדיגען, איהר קענט אָבער געהן צום יונג און זעהן, אַז ער זאָל די מוטער פון׳ם קינד ניט פערלאָזען. מאַכט זיי חתונה, אָבבע, מאַכט זיי חתונה און קימערט זיך ווייטער וועגען קיין זאַך ניט.

— מיר האָבען פערשיעדענע מיינונגען. עס איז אומזיסט זיך דעריבער צו שטרייטען.

און דער אָבבע פיקאָט האָט נאָך אַמאָל איבערגערעדט, ווי עס טהוט איהם וועה אוועקצוגעהן פון׳ם פריעסטער־הויז, פון דעם קליינעם טהאָל, וואו ער האָט תהלים געזאָגט און פון ווייטען געזעהן, ווי די שיפען פאָהרען פערביי...

ביידע פריעסטען האָבען זיך געזעגנט. דער אַלטער האָט אַרומגענומען זשאַננאַ׳ן, וועלכע האָט כמעט געוויינט.

אין אַכט טעג אַרום איז דער פריעסטער טאָלביאַק ווידער גע־קומען. ער האָט גערעדט פון די רעפאָרמען, וועלכע ער וועט איינ־פיהרען, ווי אַ קראָנפּרינץ, וואָס נעהמט איבער די רעגיערונג. דאַן האָט ער געבעטען די גרעפין, אַז זי זאָל זונטאָג ניט פעהלען אין דער קירכע און צו אַלע יום־טובים זאָל זי קומען קאָמיוניצירען.

— איהר און איך — האָט ער געזאָגט — זיינען דער קאָפּ פון דער בעפעלקערונג. מיר מוזען די לייטע געבען אַ גוטען ביי־שפּיעל. אום צו האָבען די מאַכט און ווערען געאַכטעט, מוזען מיר זיין אייניג. ווען קירכע און שלאָס געהען האַנד אין האַנד.

דאַן וועט דאָס אָרעם שטיבעל פאַר אונז מורא האָבען און אונז פאָלגען.

ביי זשאַננאַ'ן איז די רעליגיאָן געווען אַ געפיהל־זאַך. זי האָט געהאַט יענעם טרוימערישען גלויבען, וועלכען יעדער פרוי האַלט איז זיך איין. ווען זי האָט איהרע פליכטען צו דער קירכע ערפילט, איז עס געווען הויפּטזעכליך אויס אַלטע געוואָהנהייט נאָך פון קלויסטער, ווייל די אַפּיקור'סישע פילאָזאָפיע פון דעם אַלטען באַראָן האָט שוין לאַנג איהר רעליגיעזע איבערצייגונג צושמעטערט.

דער פריעסטער פּיקאָט האָט זיך בענוגענט מיט דאָס ביסעלע, וואָס זי האָט איהם געקענט געבען און האָט זי ניט געטאַדעלט. אָבער ווען זיין נאָכפאָלגער האָט זי דעם פאָלגענדען זונטאָג ניט געזעהן צו דער גאָטעס־דיענסט, איז ער געקומען צו לויפען אַז אונרוהיגער, מיט אַן ערנסטער מינע.

זי האָט ניט געוואָלט האָבען צו טהאָן מיט דעם פריעסטער און האָט צוגעזאָגט צו קומען. און זי האָט זיך פאַרגענומען פון געפעליגקייט וועגען די ערשטע עטליכע וואָכען רעגעלמעסיג אין קירכע צו געהן.

ביסלעכווייז איז דער געהן אין קירכע ביי איהר געוואָרען אַ געוואָהנהייט און זי האָט זיך אונטערוואָרפען אונטער דעם איינ־פלוס פון דיעזען קליינעם, מאַגערען, הערשזיכטיגען און עהרלי־בען פריעסטער.

ער איז איהר געפעלען מיט זיין מיסטיציזם און זיין פייער־דיגען גלויבען. ער האָט אָנגעריהרט אין איהר די סטרונע פון רעליגיעזער פּאָעזיע, וועלכע אַלע פרויען טראָגען אין זייערע נשמות. זיין אונבויגזאַמע שטרענגקייט, זיין פעראַכטונג צו דער וועלט און צו די ליידענשאַפטען, זיין עקעל צו אַלעם, וואָס איז מענשליך, זיין ליעבע צו גאָט, זיין ווילדקייט, זיין יוגענדליכע אונערפאַה־רענקייט, זיינע האַרטע ווערטער, זיין אונבויגזאַמער ווילען, האָבען אויף זשאַננאַ'ן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז פון דעם טויג געקנאַטען, פון וועלכען מאַרטירער קומען אַרויס. און זי האָט זיך

געלאָזט פערפיהרען, זי, די פיעל געפּרובטע, ליידענדע, אַזוי אָפט ענטוישטע פרוי, פון דעם שטרענגען פאַנאַטיזם פון דעם דאָזיגען אינגעל, דעם גאָטעס־דיענער.

ער האָט זי געפיהרט צו קריסטום דעם טרייסטער, איהר געוויזען ווי די פרומע פריידען פון דער רעליגיאָן וועלען מילדערען אַלע איהרע ליידען און זי האָט געקניעט אין בעט שטוהל, זיך ערניעדערינגט פאַר גאָט, געפיהלט זיך קליין און שוואַך פאַר דעם דאָזיגען פריסטער וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ אינגעל פון אַ יאַהר פופצעהן.

אבער באַלד איז ער פערהאַסט געוואָרען אין דער גאַנצער געגענד.

זייענדיג אונבייגזאַם שטרענג צו זיך אַליין, האָט ער זיך צו די איבעריגע מענשען פערהאַלטען נאָך שטרענגער. איין זאַך האָט מעהר ווי אַלעס ארויסגערופען זיין כעס און ענטריסטונג: דאָס איז געוועזען די ליעבע.

אין זיינע דרשות האָט ער נאָכאַנאַנד וועגען דעם גערעדט מיט האַרטע ווערטער, און געגאָסען פעך און שוועבעל אויף דעם עולם פויערים פאַר זייערע זינדיגע געפיהלען. ער האָט געציטערט פאַר כעס, געטופּעט מיט די פיס אין גאַנצען אין דער מאַכט פון די בילדער, וועלכע ער אַליין האָט אין זיין צורייצקייט ארויסגערופען.

די בחורים און די מיידלאַך אין דער קירכע האָבען זיך פערגנב'עט אַנגעקוקט און די אַלטע פּויערים וועלכע האָבען ליעב געהאַט צו מאַכען שפּאַס פון די דאָזיגע זאַכען, האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען דעם יונגען פריעסטער'ס אונגעדולדזאַמקייט. די גאַנצע געגענד איז געוואָרען צורודערט.

מען האָט שטילערהייד איבערגעגעבען איינער דעם אַנדער'ן, ווי שטרענג ער בעגעהט זיך מיט די לייטע, וואָס קומען צו איהם בייכטען, וועגען די שווערע שטראָפען, וואָס ער לייגט אויף זיי ארויף. דאַן איז מען דערגאַנגען, אַז ער וויל ניט פאַרגעבען די

מיידלאַך זייערע זינד, וועלכע האבען פערלאָרען זייער אונשולד, און מען האט גענומען לאַכען פון איהם. מען האט געלאַכט אין די יום-טובים ביים גאָטעס דיענסט, ווי די יוגענד אָנשטאַט צו געהן אין קירכע איז רוהיג געזעסען אויף די בענק און געטהאָן, וואס זי האט געוואָלט.

באַלד האט ער גענומען נאַכשפּיאָנירען די פאַרליעבטע פּאָאַר־לאַך, כדי ניט צו דערלאָזען, אַז זיי זאָלען זיך טרעפען, ווי א וואָלד היטער וואס יאָגט זיך נאָך א וואָלד גנב. ער האט זיי ארויסגע־טריעבען אין די ליכטיגע אָבענדען פון די גראַבענס, פון הינטער די שפּייכלער, פון צווישען די בושעס ביי די אָבהאַנגען פון די בערג.

איין מאָל האט ער געטראָפען א פּאָארעל, וועלכע איז ניט אַנטלאָפען פאר איהם; ארומגענומען און קושענדיג זיך זיינען זיי געגאַנגען איבער א גראָבען פול מיט שטיינער.

דער פּריסטער האט א געשריי געטהאָן:

— איהר זאָלט זיך אויפהערען צו קושען, איהר הערט, שמוּ־ציגע פּויערים, וואס איהר זייט!

דער יונג האט זיך אויסגעדרעהט און געענטפערט:

— קימערט זיך וועגען אייערע זאַכען, הערר פּריסטער, אַזעלכע געשיכטען געהען אייך גאָרניט אָן.

דאָן האט דער פּריסטער אויפגעהויבען א שטיין פון ד'ערד און עס א וואָרף געטהאָן אויף זיי, ווי אויף הינט. מיט א געלעכ־טער זיינען זיי ביידע אַנטלאָפען און דעם נעקסטען זונטאָג האט ער פאַרעפענטליכט זייערע נעמען ביים גאָטעס דיענסט פון'ם אַל־טאַר ארונטער.

נאָכדעם האבען אַלע יונגע לייט פון דער געגענד אויפגע־הערט צו געהן אין קירכע.

יעדען דאָנערשטאָג האט דער פּריסטער געגעסען אין שלאָס און אין די איבעריגע טעג פון דער וואָך איז ער אויך אָפט געקומען צו זיין בייכטקינד, כדי מיט איהר צו ריידען.

זי האָט זיך בעגייסטערט צוזאַמען מיט איהם, גערעדט וועגען איבער ערדישע זאַכען, און אַבגעפריפט דעם גרויסען, אַלטען אַר־סענאַל פון רעליגיעזע פראַגען.

זיי האָבען ביידע שפּאַצירט איבער דער לאַנגער אַלעע פון דער באַראַנעסע און גערעדט פון קריסטום און די אַפּאָסטאָלען פון דער הייליגער מאַמען און די קירכען פאָטערס, ווי זיי וואָלטען זיי פּער־זענליך געקענט. פון צייט צו צייט זיינען זיי שטעהן געבליעבען און זיך טיעפזיניגע פראַגען געשטעלט, וועלכע האָבען זיי אין מיס־טישע שטימונגען אַריינגעבראַכט.

זשוליען האָט זיך צום נייעם פּריעסטער פערהאַלטען מיט גרויס דרך ארץ און אָפט געזאָגט:

— דער געפעלט מיר גאַנץ גוט; ער איז שטרענג.

זשוליען האָט געבייכטעט און קאָמיוניצירט, וויפיעל דער פּריעסטער האָט נור געוואָלט, געבענדיג דערמיט אַ גוטען ביי־שפּיעל דעם פּראָסטען עולם.

איצט איז ער כמעט יעדען טאָג געגאַנגען צו די פּאַרוויל'ס, געגאַנגען אויף גע'יעג מיט איהר מאַן, וועלכער האָט אָהן איהם שוין גאַרניט געקענט אויסקומען, און גערייטען מיט דער גרעפין ניט קוק־קענדיג אויף רעגען און שלעכטען וועטער. דער גראַף האָט געזאָגט:

— זיי זיינען משוגע מיט זייער שטענדיגען רייטען, אָבער דאָס איז גוט פאַר מיין פרוי.

אַרום מיטען נאָוועמבער איז דער באַראָן צוריק אין שלאָס געקומען. ער איז פּאַרענדערט געוואָרען, פאַרעלטערט, מיעד און אין אַ טרויעריגער שטימונג, וואָס האָט איהם אויף אַ מינוט ניט פערלאָזען. זיין ליעבע צו דער טאָכטער איז אויסגעוואַקסען, עפּעס אַזוי ווי די עטליכע מאָנאַטען פון איינזאַמקייט און טרויער האָבען נאָך פאַרשטאַרקט אין איהם דאָס בעדערפעניש נאָך ליעבע, צו־טרויען און צערטליכקייט.

זשאַננאַ האָט איהם גאַרנישט דערצעהלט פון איהרע נייע אידעען, פון איהר פריינדשאַפט מיט דעם אַבבע טאָלביאַק און

איהר רעליגיעזען עקסטאַז. אבער ווען ער האָט דעם ערשטען מאָל דערזעהן דעם פּריעסטער, האָט אין איהם שטאַרק ערוואַכט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט.

און ווען די יונגע פרוי האָט איהם איינמאָל אין אבענד געפרעגט:

— ווי געפעהלט ער דיר? — האָט ער געענטפערט:

— דער מאַן איז אַ'ן אינקוויזיטאָר און מוז זיין זעהר געפעהרליך.

און ווען ער האָט דאַן פון די פויערים, וועמעס פריינד ער איז געווען, געהערט פון דער שטרענקייט פון דעם יונגען פּריעסטער, פון זיין היציגקייט און פון זיין גאַנצער פערפאָלפונג סיסטעמע געגען די נאַטור געזעצע און די איינגעבאָרענע אינסטינקטען, דאַן האָט זיך זיין הארץ מיט האַס ערפילט.

ער אַליין האָט געהערט צו דער שוהלע פון די אַלטע פילאָזאָפען, וועלכע האָבען פאַרעהרט די נאַטור. ווען ער האָט געזעהן, ווי צוויי חיות פּאָארען זיך, האָט דאָס איהם גערירט. ער האָט געגלויבט אין אַ מין פּאַנטעאיסטישער גאָטהייט און איז אויפגעבראַכט געווען געגען דער קאַטוילישער אויפפאַסונג פון'ם אַלמעכטיגען, נאָך וועלכער ער, דער אַלמעכטיגער איז ביטרע ווי אַ יעזואיט און דעספּאָטיש ווי אַ טיראַן. זיין גאָט איז געווען די נאַטור, דאָס לעבען אין גאַנצען, ליכט, ערד, זון, פּלאַנצען, מענשלופט, חיות, שטערן, גאָט אַליין און דער קלענסטער ווערימעל. מיט איין וואָרט דאָס גאַנצע שעפּפערישע קראַפט, וואָס איז שטאַרקער ווי אַ ווילען, ווייטער און ברייטער ווי אַ געדאַנק, וואָס ענטפּלעקט זיך אָהן וועלכען ניט איז בעזונדערען צוועק, אָהן אַ ענד אין אַלע מינים, אין אַלע פאָרמען און אין אונענדליכען וועלט רוים, ניט געטריעבען פון גאָרנישט, ניט געצוואונגען פון קיינעם אויסער פון צופאָל און פון דער וואָרימקייט, וועלכע די זון גיסט אוים איבער די וועלטען. די דאָזיגע שעפּפערישע קראַפט ענטהאַלט אין זיך אַלע זוימען, פון וועלכע דאָס לעבען שפּראָצט ארוים, געדאַנקען און

געפיהלען ענטוויקלען זיך אין איהר ווי בלומען און פרוכטען אויף די בוימער. אַז די דאָזיגע שעפּפערישע קראַפט איז געווען זיין גאָט, אין איהר האָט ער געגלויבט און זי האָט ער פערהייליגט. און ער האָט גענומען געהן צו די פויערים, פון הויף צו הויף און אנגע־פיהרט א העפטיגען קאַמפף געגען דעם שטרענגען פריעסטער, וועל־כער האָט דאָס לעבען בעקעמפפט.

זשאַננאַ איז געווען פערצווייפעלט, זי האָט געבעטען צו גאָט, גערעדט מיט איהר פאָטער, אָבער ער האָט אויף אַלע איהרע טענות געענטפערט:

— דעם סאָרט מענשען מוז מען בעקעמפפען, דאָס איז אונ־זער רעכט און אונזער פליכט! זיי זיינען ניט מענשליך. — און טרייסלענדיג מיט זיינע לאַנגע, ווייסע האָאר האָט ער ווידערהאָלט:

— זיי זיינען ניט מענשליך, זיי פערשטעהן גאָרנישט, גאָר־נישט, גאָרנישט. זיי זיינען פאַרבלענדעט און זיי בעקעמפפען די נאַטור! — און ער האָט געשריען „זיי בעקעמפפען די נאַטור,“ ווי ער וואָלט אַ פלוך אַרויסגעבראַכט.

דער פריעסטער האָט גלייך דערפיהלט, אַז ער איז זיין שונא, אָבער וועלענדיג איינהאַלטען די מאַכט איבער'ן שלאָס און איבער דער יונגער פרוי, האָט ער געדולדיג אָבגעוואַרט זיין צייט, זיכער אין דעם ענדליכען זיעג.

דאַן האָט איהם פערפאָלגט אַ געוויסער געדאַנק. ער האָט צופעליג ענטדעקט דאָס פערהעלטניס צווישען זשוליען און גיל־בערטאַ און האָט זיך בעשלאָסען אום יעדען פרייז צו מאַכען אַ סוף דערצו.

איין מאָל אין אַ געוויסען טאָג איז ער געקומען צו זשאַננאַ'ן און צום סוף פון אַ לאַנגען רעליגיעזען געשפּרעך, האָט ער פון איהר פערלאַנגט, זי זאָל זיך מיט איהם פעראייניגען און העלפען בעקעמפפען דאָס בייזע אין איהר אייגענער פאַמיליע און ראַטעווען צוויי נשמות, וועלכע זיינען אין געפאַהר.

זי האָט ניט פערשטאַנען וואָס ער וויל און פערלאַנגט אַ'ן ער־קלעהרונג.

ער האָט געענטפערט:

— די שטונדע איז נאָך ניט געקומען, איך וועל אייך אין גיכען ווידער זעהן. — און ער איז אַנטלאָפען.

דער ווינטער איז שוין באַלד געווען אַוועק, אַ פוילער ווינ־טער, ווי די לייטע אין דאָרף האָבען געזאָגט, אַ נאַסער און אַ לינדער.

אין אַ פּאָאַר טעג אַרום איז דער פּריעסטער ווידער געקומען און האָט גערעדט ניט קלאָהר פון אַ שמוציגער פערבינדונג צווישען מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפט זיין ריין און ווייט פון זינד. עס איז נויטיג, האָט ער געזאָגט, אַז די וואָס ווייסען דערפון, זאָלען עס בעקעמפפען מיט אַלע מעגליכע מיטלען. דאַן האָט ער גערעדט פון גאָט, פון הימעל און פליכטען, דערנאָך, אָנעהמענדיג זשאַננאַ'ן פאַר אַ האַנד, האָט ער זי בעשוואָרען צו עפענען די אויגען, צו פערשטעהן און איהם צו העלפען.

דאָס מאָל האָט זי פערשטאַנען, אָבער זי האָט געשוויגען, צו־שראָקען פון'ם געדאַנק, וואָס פאַר אונאַנגענעהמליכקייטען עס קע־נען אַרויסקומען דערפון פאַר איהר רוהיגער הויז. און זי האָט גע־מאַכט אַ'ן אַנשטעל, אַז זי פערשטעהט ניט, וואָס דער פּריעסטער מיינט.

דאַן האָט ער זיך שוין מעהר ניט צוריקגעהאַלטען און גענומען רעדען אָפען:

— אַ שווערע פליכט האָב איך צו ערפיהלען, גרעפין, אָבער איך קען ניט העלפען. מיין אַמט באַפעהלט, ניט צו בעהאַלטען פון אייך, וואָס איהר קענט הינדערן. זייט וויסען, אַז אייער מאַן האָט זינדיגע פערבינדונגען מיט דער גרעפין פאַרוויל!

זשאַננא האָט אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ. דער פּריעסטער האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי:

— וואָס דענקט איהר איצט צו טהאָן?

זי האָט געשטאַמעלט:

— וואָס קען איך טהאָן, הערר אבבע?

ער האָט געענטפערט מיט היץ:

— זיך אַריינוואַרפען צווישען די דאָזיגעביידע זינדיגע.

זי האָט זיך צו־וויינט און געזאָגט מיט אַ קול פערשטיקט פון טרערען...

— אבער דאָס איז ביי איהם שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. ער האָט מיך שוין בעטראָגען מיט מיין דיענסט מיידעל אויך. ער ליעבט מיך ניט מעהר, ער בעהאַנדעלט מיך שלעכט, ווען איך פערלאַנג עטוואָס, וואָס פאַר איהם לוינט זיך ניט, מאַכט ער אַ סקאַנדאַל. וואָס קען איך מאַכען?

דער פריעסטער האָט אויסגערופען מיט כעס:

— אַלזאָ איהר גיט זיך אונטער, איהר שווייגט, איהר זייט דערמיט איינפערשטאַנען! די זינד בעהאַלט זיך אין אייער הויז און איהר דולט עס! דאָס פערברעכען געשעהט אונטער אייערע אויגען און איהר מאַכט זיך ניט זעהענדיג! און איהר זייט אַ פרוי, אַ קריסטין, אַ מוטער?

זי האָט געשלוכצט:

— אבער וואָס זאָל איך טהאָן?

ער האָט געענטפערט:

— אַלעס, אַבי ניט צו דולדען אַזאַ זינד! אַלעס, זאָג איך אייך. פאַרלאָזט איהם. אַנטלויפט פון דעם הויז, וועלכען ער האָט פאַר־פלעקט.

זי האָט געזאָגט:

— אבער איך האָב ניט קיין געלד, הערר אבבע, און דאַן האָב איך איצט קיין מוט ניט, און ווי זאָל איך אַוועק אָהן בעווייזע? איך האָב אַפילו ניט קיין רעכט דאָס צו טהאָן.

דער פריעסטער האָט זיך אויפגעהויבען, ער האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט:

— די פייגהייט רעדט פון אייך. איך האָב געגלויבט, אַז

איהר זיין אַנ'אַנדערע. איהר זייט ניט ווערט גאָט'ס גנאָדע.

זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די קניע:

— איך בעט אייך, פערלאָזט מיך ניט! העלפט מיר, ראַטעט מיר!

ער האָט געענטפערט קורץ:

— עפענט גראָף פאַרווילל די אויגען, זיין זאַך איז עס, דאָס דאָזיגע פערהעלטעניס צו ברעכען.

אַ שרעק איז אויף איהר אַנגעפאַלען ביי דיעזען געדאַנק:

— אַבער, הערר אַבבע, ער וועט זיי טויטען. איך וויל ניט זיין קיין מסור: ניין, דאָס וועל איך ניט טהאָן, קיין מאָל ניט!

ער האָט אויפגעהויבען די האַנד מלא רציחה, ווי ער וואָלט זי וועלען פערפלוכטען:

— טאָ לעבט ווייטער אין אייער שאַנדע, אין אייערע זינד, דען איהר זייט שולדיגער ווי יענע, איהר — די געזעצליכע פרוי, — זייט זייער פאַרבינדעטע! איך האָב דאָ מעהר גאָרנישט וואָס צו טהאָן.

ער איז אַוועק מיט אַזאַ כעס, אַז ער האָט זיך געטרייסעלט מיט'ן גאַנצען לייב.

אַ פערצווייפעלטע האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך איהם. בערייט נאָכצוגעבען און עס איהם פערשפּרעכען. ער איז געוועזען פול ענטריסטונג און איז געגאַנגען מיט גרויסע טריט, טרייסלענדיג מיט כעס זיין גרויסען בלויען רעגען שירעם, וועלכער איז געוועזען כמעט אַזוי גרויס ווי ער.

ער האָט דערזעהן זשוליען ביים אַריינגאַנגס-טויער, ער איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי מען שערט אונטער די בוימעלאַך; דער פּריעסטער האָט זיך אַ קעהר געטהאָן לינקס, אום דורך קול־יאַרס הויף דורכצוגעהן און האָט ווידערהאָלט:

— לאָזט מיך אָב, איך האָב אייך מעהר גאָרנישט וואָס צו זאָגען, גרעפין!

פונקט אויף זיין וועג, אין מיטען הויף, זיינען געשטאַנען אַ מאַסע קינדער פון הויף און פון דער נאָכבאַרשאַפט. זיי האָבען זיך אַרומגעקליעבען אַרום דער קאַנורע פון דער צוויג מירצאַ און האָבען נייגעריג מיט שטומער אויפמערקזאַמקייט עטוואָס בע־טראַכט. צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען דער באַראַן, מיט די הענד אויפ'ן רוקען פאַרלייגט, האָט ער זיך אויך נייגעריג צוגעקוקט. מען האָט געקענט איהם אָננעהמען פאַר'ן שוהל־לעהרער. ווען ער האָט פון וויטען דעם פריעסטער בעמערקט, איז ער אַוועק, כדי איהם ניט צו גריסען און ניט צו רעדען מיט איהם.

זשאַננאַ האָט איהם נאָכגעשריען:

— איך בעט אייך, לאָזט מיר אַ פּאָאַר טעג צייט, הערר פריעסטער, זיך צו איבערלייגען, דאַן וועל איך אייך זאָגען, וואָס איך האָב בעשלאָסען, און מיר וועלען זעהן, וואָס מיר קענען טהאָן.

זיי זיינען צוגעקומען צו דער מאַסע קינדער, און דער פריעס־טער איז צוגעגאַנגען נעהנטער, אום צו זעהן, וואָס האָט אַזוי צו־געצויגען זייער אויפמערקזאַמקייט.

דאָס האָט די צוויג הינטלאַך געהאַט. פאַר דער קאַנורע האָבען שוין אַרומגעקראָכען פיער שטיק אַרום דער מוטער, וועלכע האָט זיי צערטליך געלעקט, בעת זי איז פול שמערצען אויף אַ זייט געלעגען. אין דעם אויגענבליק, ווען דער פריעסטער האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר, האָט זיך די צוויג אויסגעצויגען און אַ זעקסטער קליינער הינטעלע האָט זיך בעוויזען. די אינגלאַך האָבען גענומען פּאַטשען מיט די הענד און אויסגערופען:

— דאַ איז נאָך איינס, נאָך איינס !

פאַר זיי איז דאָס געווען אַ שפּיעל, אַ געוועהנליכער שפּיעל פון דער נאַטור, אין וועלכער עס איז ניט געווען קיין שום שמו־ציגעס. זיי האָבען זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיגער געבורט, ווי זיי וואָלטען געזעהן, ווי עפּעל פאַלען פון בוים אַרונטער.

דער אַבבע טאָלביאַק איז צוערשט ווי פאַרשטוינערט געוואָרען. דאַן איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ ווילדער כעס: ער האָט אויפ־

געהויבען זיין גרויסען שירעם און גענומען מיט אַלע קרעפטען קלאַפּען מיט איהם איבער די קעפּ פון די קינדער. די אינגלאַך, פערוואונדערטע און צושראָקענע האָבען געכאַפּט די פיס און זיינען זיך צולאָפען: דער אַבבע האָט זיך פּלוצים אָבגעשטעלט פאַר דער צויג, וועלכע האָט פּרובירט זיך אויפצוהויבען. אָבער ער האָט איהר ניט געלאָזט זיך שטעלען אויף די פיס, ער האָט דעם קאָפּ פערלאָרען און גענומען שיטען אויף איהר קלעפּ ווי אַ משוגענער. צוגעשמידט מיט אַ קייט צו דער קאָנורע, האָט די צויג ניט געקענט אַנטלויפען און זי האָט מורא'דיג געקרעכצט און זיך געזוכט צו וועהרען. ער האָט דעם שירעם אויף איהר צובראָכען און ווען ער האָט מעהר גאָרנישט ניט געהאַט אין די הענד, האָט ער זי גע־נומען טרייסלען מיט די פיס. אונטער דעם דרוק פון זיינע שווערע פיס האָט זי געבראַכט אויף דער וועלט דעם לעצטען היגטעל, וועל־כער האָט געקוויטשעט פון זיינע משוגענע קלעפּ; מיט אַ זעץ מיט דעם אָבזאַץ האָט ער דער'הרג'עט דעם פערבלוטיגטען קערפּערעל, וועלכער האָט זיך נאָך בעוועגט צווישען די בלינדע יונגינקע חיה'לאַך, וואָס האָבען שוין נאהרונג געזוכט. זשאַננאַ איז אַנט־לאָפען. פּלוצים האָט דער פּריעסטער דערפיהלט, ווי עמיצער האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַלז. ער האָט געקריגען אַ מורא'דיגען פּאַטש. דער הוט איז איהם פון קאָפּ אַראָבגעפלויגען, דאַן האָט דער באַראָן איהם מיט געוואַלט צוגעשלעפּט ביז צום טויער און איהם אַרויסגעשליידערט אויפ'ן גאַס אַרויס.

ווען דער באַראָן האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער געפונען זיין טאָכטער שלוכצענדיג אויף די קניע צווישען די קליינע הינט־לאַך, וועלכע זי האָט צוזאַמענגענומען אין איהר שויס. מיט גרויסע טריט איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און מאַכענדיג מיט די הענד האָט ער אויפגערעגט אַ געשריי געטהאָן:

— אַט דאָס איז דער קערל אין פּריסטער'ס ראָק, דאָס איז ער! האָסטו איהם שוין איצט דערקענט? דאָס איז ער!

די פּאַרמערס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען. אַלע האָבען בע־

טראַכט דעם הונד, וועמעס לייב איז צו'הרג'עט געוועז און די אַלטע קוליאַר האָט געזאָגט:

— ווי קען דאָס אַ מענש זיין אַזוי ווילד!

זשאַננאַ האָט צוזאַמענגעקליבען די זיעבען הינטלאַך און האָט זיך גענומען זיי אויסהאָדעווען.

מען האָט פּרובירט זיי געבען מילך. דריי זיינע אויסגע־גאַנגען אויף דעם צווייטען טאָג. דאַן איז דער אַלטער סימאָן אוועק זוכען איבער'ן גאַנצען דאָרף, טאָמער וועט ער געפינען אַ צויג, וואָס זאָל זיי קענען קאָרמענען. אָבער ער האָט אַזאַ ניט געפונען. ער האָט געבראַכט אַ קאַץ, און פאַרזיכערט, אַז איהר מילך וועט זיין פּונקט אַזוי גוט. נאָך דריי פון די הינטעלאַך זיי־נען געטויטעט געוואָרען און דער לעצטער איז איבערגעגעבען גע־וואָרען צו דער אַם פון אַ גאַנץ אַנדער'ן מין.

די קאַץ האָט איהם גלייך אָנגענומען, האָט זיך אוועקגעלייגט אויף אַ זייט און איהם געלאָזען זויגען.

אָבער אום ניט אויסצומאַטערן די אָנגענומענע מוטער, האָט מען דעם הינטעל אָנטוואוינט אין פיערצעהן טעג ארום און זשאַננאַ האָט גענומען אויף זיך איהם אויסצוהאָדעווען מיט אַ פלעשעל.

זי האָט איהם אַ נאָמען געגעבען טאָטאָ, אָבער דער באַראָן האָט אומגעביטען זיין נאָמען און איהם גערופען „מאַססאַקר."

דער פּריעסטער איז מעהר ניט געקומען, אָבער דעם נעקסטען זונטאָג האָט ער פון אַלטאַר ארונטער געסטראַשעט און געשאָלטען דעם שלאָס. מיט ברענענדיגע אייזענס, האָט ער געזאָגט, מוז מען אויסברענען די וואונדען! און ער האָט פאַרפלוכט דעם באַראָן, וועלכער האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט. דערנאָך האָט ער גע־געבען אַ פאַרשטעלטע און ניט דרייסטע אָנצוהערעניש אויף זשוליען'ס נייע ליעבע.

דער וויקאַנט איז געוועזן אויסער זיך, אָבער די מורא פאַר אַ סקאַנדאַל האָט דערשטיקט זיין צאָרן.

פון דאַן אַן האָט דער פּריעסטער אין זיין יעדער דרשה גע־

סטראשעט מיט ראַכע, אַז גאָט וועט זיך אָברעכענען מיט זיינע שונאים און וועט בעשטראָפען די זינדער.

זשוליען האָט אנגעשריבען אַ רעספּעקטפולען אָבער ערנ־סטען בריעף צום ערצבישאָף. דעם פּריעסטער טאַלביאַק האָט מען פון אויבען געוואָרענט, אַז ער קען פערליערען זיין אַמט און ער איז אנשווייגען געוואָרען.

איצט האָט מען איהם אָפּט געטראָפען אויף לאַנגע, איינזאַמע שפּאַציערגענג. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט און אַ נער־ווען צורייצטען אויסדרוק אויפ'ן פּנים. פאָהרענדיג שפּאַציערען אויף זייערע פערד, האָבען גילבערטאַ און זשוליען איהם שטענדיג געזעהן, דאָ ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע פון ווייטען אויפ'ן לאַנקע, דאָ אויפ'ן ראַנד פון אַ אָבהאַנג, דאָ לעזענדיג זיין תהילים אין אַ קליינעם טהאָל, וואו זיי האָבען זיך געקליעבען אַרונצופאָהרען. דאַן האָבען זיי שטעל אומגעקעהרט די פערד, אום ניט צו פאָהרען פערביי איהם.

דער פריהלינג איז געקומען, האָט אויף דאָס ניי זייער ליעבע אנגעצונדען און זי געוואָרפען אין די אָרעמס איינער דעם אַנדער'ן דאָ דאָרט, און דאָ דאָ, אין יעדען שטילען ווינקעלע, וואָס זיי האָבען אויף זייער וועג געטראָפען.

די בלעטער אויף די בוימער זיינען נאָך געוועזן שיטער, דאָס גראָז פייכט און זיי האָבען ניט געקענט אוועק ווייט אין וואַלד אריין, ווי זומער צייט. אום צו בעהאַלטען זייערע ליעבעס־מצער־נעס האָבען זיי בענוצט אַ וואַגען ביידעל פון אַ פּאַסטוך, וועלכע איז געבליעבען שטעהן נאָך פון לעצטען הערבסט אויף דעם באַרג פון וואַקאָט. זי איז דאָרט געשטאַנען אויף איהרע הויכע רעדער פינף מעטער ווייט פון דעם פעלזיגען אָבהאַנג, גראַדע אויף דעם פונקט, וואו דער טהאָל פאַלט אַראָב. דאָרט האָבען זיי ניט מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי כאַפּען, ווייל פון דאָרט האָבען זיי געקענט זעהן די גאַנצע לאַנקע. און די פערד, צוגעבונדען צו דיעזען וואַ־

געןביידעל, האָבען גערולדיג געוואַרט ביז זיי האָבען זייער ליעבעס דורשט געשטילט.

אָבער איינמאָל, ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון זייער בע־האַלטונגס פּלאַץ, האָבען זיי דערזעהן דעם פּריעסטער טאַלביאַק, זיצענדיג בעהאַלטען צווישען די קוסטעס, וואָס זיינען געוואַקסען אויפ'ן באַרג.

— מיר וועלען ווייטער מוזען פערלאָזען די פּערד אין טהאָל — האָט געזאָגט זשוליען — אַז ניט קענען זיי אונז פעררראַטען.

און פון דאַן אַן פּלעגען זיי צובינדען זייערע פערד צו די גע־דיכטע בושעס אין טהאָל.

איין מאָל אַ'ן אָבענד, ווען זיי האָבען זיך ביידע צוריקגע־קעהרט קיין „לאַ וורילעט" אום צו עסען צוזאַמען מיט'ן גראַף, האָבען זיי באַגעגענט דעם גלח אַרויסקומענדיג פון שלאָס. ער האָט זיי אָבגעטראָטען דעם וועג און זיי געגריסט, אָבער זיינע אויגען האָבען אויסגעמידען זייער בליק.

אַ אונרוהיגקייט איז אויף זיי אָנגעפאַלען, אָבער אין גיכען האָבען זיי זיך ווידער בערוהיגט.

* * *

איין מאָל אין אַ נאָכמיטאָג איז זשאַננאַ געזעסען ביי זיך אין צימער און געלעזען. עס איז געווען אָנהויב מאַי. אין דרויסען האָט געבושעוועט אַ שטורעם און דער ווינד האָט געיאָמערט אין קאַמין. דאַן האָט זי פּלוצים דערזעהן דעם גראַף פאַרווילל לויפענדיג אָהער צופּוס מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זי האָט געמיינט, דאָס אַ'ן אונגליק איז געשעהן.

זי איז שנעל אַראָבגעלאָפען, איהם צו עמפּפאַנגען, און ווען זי איז געשטאַנען נעבען איהם, האָט זי געמיינט, אַז ער איז משוגע געוואָרען.

ער האָט געטראָגען אַ גרויסע פוטערנע היטעל, וועלכע ער פּלעגט אָנטהאָן בלויז אין דערהיים, דערצו זיין געיעג אַנצוג און

איז געווען אַזוי בלייך, אַז זיינע רויטע וואָנצעס, וועלכע האָבען זיך געוועהנליך ניט שטאַרק אָנגעזעהען אויף זיין געזונדען, רויטען פּנים, האָבען איצט אויסגעזעהן, ווי פלאַם פייער. זיינע אויגען זיינען געווען שטאַר און האָבען צומישט ארומגעלאָפען אַהין און אַהער.

— ניט אמת, מיין פרוי איז דאָ? — האָט ער אויסגעמורמעלט.

זשאַננאַ האָט פערלאָרען דעם קאָפּ און געענטפערט:

— ניין, איך האָב זי היינט נאָך ניט געזעהן!

די פיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט און ער האָט זיך געמוזט זעצען. ער האָט אַראָבגענומען די היטעל און זיך עטליכע מאָל אָבגעווישט דעם שטערן מיט אַ טיכעל.

דאַן האָט ער זיך שווער אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צו דער יונגער פרוי און אויסגעשטרעקט צו איהר ביידע הענד, מיט אַ אָפענעם מויל, בערייט צו רעדען, ענטדעקען פאַר איהר עטוואָס שרעקליכעס, ענטזעצליכעס, אָבער די ווערטער זיינען פון זיין מויל ניט ארויס. ער האָט זי פערצווייפעלט אָנגעקוקט און גענומען שטאַמלען, ווי ער וואָלט שיכור געווען:

— אָבער דאָס... דאָס איז דאָך אייער מאַן!... און... און איהר אויך...

און דאַן האָט ער זיך געלאָזט לויפען צום ים צו.

זשאַננאַ איז נאָכגעלאָפען, איהם צוריקצוהאַלטען, זי האָט איהם גערופען, געבעטען, דאָס האַרץ האָט זיך ביי איהר געצאַפּעלט פאַר שרעק. זי האָט פערשטאַנען, אַז ער ווייס אַלעס. וואָס וועט ער טהאָן? ער זאָל זיי כאָטש ניט געפינען!

אָבער זי האָט איהם ניט געקענט אָניאָגען און ער האָט זי ניט געהערט. ניט טראַכטענדיג, ניט צווייפלענדיג, זיכער און איבער־צייגט איז ער געגאַנגען צו זיין צוועק. ער איז געשפּרונגען איבער קאַנאַוועס, איבער שטראַמען, ביז ער איז ענדליך אָנגעקומען צום פעלזען־באַרג.

זשאַננאַ איז געשטאַנען ביים ראַנד פון אַ גראָבען, וועלכע איז געווען בעוואַקסען מיט ביימער און מיט אַ ציטערענדיגער האַרץ

האָט זי איהם לאַנג אָנגעקוקט. און ווען זי האָט איהם פון די אויגען פערלאָרען, איז זי אַ אונרוהיגע און אַ צושראָקענע צוריק אַהיים געגאַנגען.

ער האָט זיך פארקירעוועט רעכטס און גענומען לויפען נאָך שנעלער. דער ברויזענדער ים איז געווען ווייס מיט שוים; גרויסע שוואַרצע וואָלקענס האָבען אויסגעגאָסען אַ גוס רעגען איבער'ן ברעג. דער ווינד האָט געפייפט און געהוזשעט, בויגענדיג די יונגע בוימעלאַך און טרייבענדיג שטיקער ווייסע שוים פון ים, ווי גרויסע, ווייסע פויגלען צו דער יבשה.

דער געדיכטער רעגען האָט געשמיסען דעם גראף אין פנים, האט דורכגעווייקט זיינע באַקען, זיינע וואָנצעס, פון וועלכע דאָס וואסער איז געלאָפען. אין זיינע אויערען האָט געהוזשעט און דאָס האַרץ איז פול געווען מיט אונרוהיגקייט.

דאָרט פון ווייטען האָט זיך פאַר איהם געעפענט דער טיעפער טהאָל פון וואָלקאַט. קיין זאַך האָט זיך ניט געזעהן אויסער אַ פאסטוך'ס הייזעל אויף הויכע רעדער, וועלכע איז געשטאַנען אין פערלאָזענעם פעלד. צוויי פערד זיינען געווען צוגעבונדען צו די אָגלאָבלעס פון'ם וואָגען ביידעל. הייגט, אין אַזאַ שטורעמדיגען וועטער האָבען זיי ביידע פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט.

ווי נור ער האָט דערזעהן די פערד, האָט ער זיך אָראָבגע־לאָזען אויף זיינע הענד און קניע און האָט אָנגעהויבען קריכען אויף אַלע פיער צום שטיבעל. מיט דער גרויסער פוטערנער היטעל אויפ'ן קאָפּ, אין גאַנצען פול אין בלאָטע איינגעשמירט, האָט ער אויסגעזעהן, ווי עפעס אַ ווילדע חיה.

ער איז דערקראָכען ביז צו דער איינזאַמער הייזעל און זיך אונטער זיהר בעהאַלטען, כדי יענע זאָלען איהם ניט זעהן דורך די שפּאַרונגעס אין די ווענטלאַך.

ווען די פערד האָבען איהם דערזעהן, זיינען זיי געוואָרען אונרוהיג און ער האָט איבערגעשניטען זייערע צוימען מיט וועל־כען זיי זיינען געווען צוגעבונדען צו דער שטיבעל; ער האָט עס

איבערגעשניטענע מיט אַ'ן אָפענעם מעסער, וועלכען ער האָט גע־האַלטען אין האַנד אָנגעגרייט. אַ שטאַרקער ווינד האָט אַ שמיים געטהאָן די פערד און זיי האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין אַ גאַלאָפּ. געיאָגט פון'ם האָגעל, וועלכער האָט געקלאַפּט אויפ'ן דעכעל פון דער שטיבעל אויף רעדלאַך. די שטיבעל האָט זיך געוויגט אויף די הויכע רעדער, פון שטורעם בעוועגט.

דאַן האָט דער גראַף זיך אויפגעהויבען, צוגעלייגט די אויגען צו אַ שפּאַלט פון טהיר און אַריינגעקוקט אינעווייניג. ער איז געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך, ווי ער וואָלט אויף עפּעס גע־וואַרט. אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט. פּלוצים איז ער אויפגע־שפּרונגען, בעשפּריצט אין בלאָטע פון קאָפּ ביז די פיס. מיט אַ ווילדער בעוועגונג האָט ער אַ שלעפּ געטהאָן דעם ריעגעל, וועלכער האָט פון אויסענווייניג די טהיר צוגעשפּאַרט. דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן די אָגלאָבלעס און גענומען טרייסלען דאָס הייזעל, ווי ער וואָלט זי וועלען אויף שטיקער צוברעכען. דערנאָך האָט ער זיך מיט אַ מאָל איינגעשפּאַנט אין וואָגען, האָט אָנגעבויגען זיין גרויסע, הויכע פיגור און מיט אַ פערצווייפעלטער אָנשטרענגונג און מיט דעם כח פון אַ'ן אָקס, האָט ער גענומען שלעפּען די שטיבעל אויף רע־דער מיט די וואָס זיינען אינעווייניג געווען צום ברעג פון דעם משפּועה'דיגען אַבהאַנג פון'ם באַרג.

זיי האָבען אינעווייניג געשריען, געקלאַפּט מיט די פויסטען אין די ווענטלאַך און ניט פערשטאַנען, וואָס מיט זייער שטיבעל האָט פּאַסירט.

ווען ער איז צום שפּיץ צוגעקומען, האָט ער די לייכטע הילצערנע הייזעל אַבגעלאָזען און זי האָט זיך גענומען קייקלען אַרונ־טער איבער דעם משופּעה'דיגען, פעלזיגען באַרג אַראָב.

עס האָט זיך געטראָגען אַלץ שנעלער, אַלץ משונה'דיגער, שפּרינגענדיג, זיך פאַרטשעפּענדיג, ווי אַ חיה און קלאַפּענדיג מיט די אַקסלען.

אַ'ן אַלטער בעטלער, וועלכער איז געלעגען אין אַ גראָבען

האָט דערזעהן, ווי עפּעס אַ הילצערנער קאַסטען קייקעלט זיך אריבער, איבער זיין קאָפּ און ער האָט געהערט שוידערליכע גע־שרייען פון אינעווייניג.

פּלוצים איז ביי דער הייזעל אַ ראַד אָבגעשפּרונגען, דאָס הייזעל האָט זיך איבערגעקעהרט אויף אַ זייט און זיך שוין אָנ־געהויבען צו קוליען באַרג אראָב ווי אַ פּילקע. ווי אַ הויז וואָס איז אראָבגעשווינקט געוואָרען פון אַ שפּיץ באַרג אראָפּ. ווען עס איז צוגעקומען צום ברעג פון אָבגרונד, האָט עס געגעבען אַ שפּרונג אין דערהויך און דערנאָך אַ זעץ אראָב פון באַרג אונטען און איז צושאָטען געוואָרען, ווי אַן איי־שאָלעכץ.

אזוי שנעל, ווי דאָס הייזעל איז אונטען אויף די פעלזען צושמעטערט געוואָרען, איז דער אַלטער בעטלער פון דעם גראָ־בען ארויס, פון וועלכער ער האָט צוגעקוקט, ווי עס איז פון באַרג אראָבגעפאַלען. ער האָט פאָרזיכטיג גענומען אראָבקלעטערן צום גרונד, וואו עס איז געבליבען ליגען. ער איז אָבער ניט צוגעגאַנגען צו דער חורבה און איז געלאָפען צום נאָהענטסטען הויף אָנזאָגען וועגען דעם אונגליק.

מענשען זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען, זיי האָבען אָבגעראַמט די ברעטער און געפונען צוויי קערפּערס. זיי זיינען געווען שרעק־ליך צו'הרג'עט, צוקאַליעטשעט. דער פרוי'ס אַ באַק ביין איז געווען ארויסגעזעצט און זייערעביידען'ס גליעדער זיינען געווען אזוי צוקוועטשט, אזוי צוריבען, ווי אין זיי וואָלטען גאָר קיין ביינער ניט געווען.

אָבער ניט קוקענדיג דערויף וואָס זיי זיינען געווען אזוי צו־קאַליעטשעט האָט מען זיי ווידער דערקענט און יעדער האָט איצט אָנגעהויבען צו קלעהרען, וועגען דער אורזאַכע ווי אזוי עס האָט געקענט פּאַסירען אזא אונגליק.

— וואָס האָבען זיי דאָ געטהאָן, אין דער שטיבעל? — האָט געפרעגט אַ'ן אַלטע פרוי.

זיי האָבען מסתמא געזוכט וואו צו בעהאַלטען זיך פון שטורעם

— האָט געענטפערט דער בעטלער — און דער שטורעם האָט מסתמא אַראָבגעשליידערט דאָס שטיבעל פון באַרג און זיי זיינען גע'הרג'עט געוואָרען. איך האָב אַליין געוואָלט זיך בעהאַלטען אין שטיבעל, אָבער איך האָב געזעהן צוויי רייטפערד צוגעבונדען, האָב איך פערשטאַנען, אַז עמיצער איז שוין דאָ אינעווייניג — און מיט אַ ציטערענדען קול האָט ער צוגעלייגט:

— דאָס איז געווען מיין גליק, אַז ניט וואָלט איך איצט אַזוי געלעגען אַ צושמעטערטער.

אימיצער האָט זיך אָבגערופען:

— דאָס וואָלט אפשר בעסער געווען.

— פאַרוואָס וואָלט דאָס עפּעס געווען בעסער? — איז דער אַלטער אַ צוקאַכטער געוואָרען — ווייל איך בין אַ קבצן און זיי זיינען רייך?

און אַ ציטערענדער, אַ אָבגעריסענער, אין גאַנצען נאַס און שמוציג, מיט אַ צופאַלטערטער באָרד און לאַנגע האָאַר, וועלכע האָבען אַרויסגעשטאַרצעט פון אַ צולעבערטער הוט, האָט ער אָנגעוויזען אויף ביידע טויטע קערפּערס מיט דעם שפּיץ פון זיין צו־קרימטען שטעקען און געזאָגט:

— פאַר דעם טויט זיינען מיר אַלע גלייך.

מעהר פויערים האָבען זיך דערווייל אָנגעקליבען און זיי זיינען געשטאַנען און געקוקט פון דער זייט אונרוהיג און צושראָ־קען. דאַן האָבען זיך אַלע בעראַטען וואָס צו טהאָן און האָבען בעשלאָסען אַז אַזוי ווי מען וועט דאָך מסתמא קריעגען דערפאַר אַ בעלוינונג אין שלאָס, דאַרף מען אָוועקפיהרען די קערפּערס אַהין.

מען האָט גלייך איינגעשפּאַנט צוויי פוהרען. אָבער דאָ האָט זיך אַ נייע שטערונג געמאַכט. איין טייל פון די פויערים האָבען פאַרגעלייגט אַריינצולייגען אַ פּאָאַר בינטלאַך שטרוי אין וואָגען אונטערצובעטען אונטער די הרוגים, און די איבעריגע אויס רעס־פּעקט פאַר די טויטע, האָבען געדיינקט, אַז עס פּאַסט זיך בעסער

אונטערצוליינען מאטראצען. די פרוי, וועלכע האָט פריהער גע־רעדט, האָט זיך אבגערופען:

— אָבער די מאטראצען וועלען דאָך ווערען איינגעפלעקט אין בלוט און עס וועט זיין אַ עסק זיי צו וואַשען!

דאַ האָט זיך אריינגעמישט אַ דיקער פויער און געזאָגט מיט אַ כיטרען שמייכעל.

— דאַן וועלען זיי אונז דערפאר בעצאָהלען. וואָס שענער מיר וועלען זיי איצט אויסריכטען, אלץ טהייערער וועלען זיי בע־צאָהלען.

די דאָזיגע טענה האָט געווירקט. מען האָט אלזאָ איינ־געשפאנט צוויי פוהרען אויף הויכע רעדער אהן רעסאָרען. איינעם האָט מען אוועקגעפיהרט רעכטס דעם אנדערן לינקס, טרייסלענדיג און ריטלענדיג ביי יעדען טריט די קערפער פון די מענשען, וועלכע האָבען זיך נור וואָס געקושט און געהאלזט און וועמען עס איז שוין מעהר ניט באַשערט געוועזן זיך ווידער צוזעהן.

ווי נור דער גראף האָט געזעהן, אז דאָס הייזעל קוליעט זיך פון די פעלזען באַרג ארונטער, האָט ער זיך געלאָזט לויפען אין רע־גען און שטורעם אזוי שנעל ווי זיינע פיס האָבען איהם געקענט טראָגען. אַ פּאָאַר שעה נאכאנאנד איז ער אזוי געלאָפען, שפּרינ־גענדיג איבער גראבענס, קאנאוועס, צווישען געדיכטע קוסטעס און אליין ניט וויסענדיג ווי אזוי איז ער פארנאכט צייט אין שלאָס געקומען.

די דיענער האָבען אויף איהם געווארט, און איהם אנגעזאָגט, אז ביידע פערד זיינען אליין אהן די רייטער אהער געקומען. זשוליען'ס פערד איז געקומען צולויפען נאָך דעם אנדער'ן אויך אין יענעם'ס היים.

דאָ איז דער גראף צוטומעלט געווארען און האָט געזאָגט מיט אַ פערשטיקטע שטימע:

— עפּעס האָט געמוזט פּאסירען מיט זיי אין אזאַ שרעקליכען וועטער! געהט אלע זיי זוכען!

ער אַליין איז אויך אַוועק. אַבער אַזוי גיך, ווי מען האָט איהם מעהר ניט געקענט זעהן, האָט ער זיך בעהאַלטען אונטער די קוסטעס און פון ווייטען געקוקט אויפ'ן וועג, אויף וועלכען עס האָט זיך געדראַפּט צוריקקעהרען אַ טויטע, אַ שטאַרבענדע, אַ צוקאַליעטשעטע, אויף אויביג פאַרקריפּעלטע, די פרוי, וועלכע ער האָט נאָך אַלץ געליעבט מיט אַ משוגענער ווילדער ליידענשאַפט.

און באַלד איז אַ וואָגען איהם פאַרבייגעפאָהרען, אויף וועלכען עפּעס אַ זאָנדערבאַרע משא איז געלעגען. די פוהר האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר'ן שלאָס און איז אַריינגעפאָהרען אין טויער. דאָס איז זי! יאָ! יאָ! אַבער אַ אימה'דיגע מורא האָט איהם צוגעשמידט צום פּלאַץ, די מורא'דיגע אַנגסט זיך צו דערוויסען וואָס איז געשעהן, דער שרעק פאַר דער ווירקליכקייט. און ער האָט זיך ניט בעוועגט, צוזאַמענגעהויקערט, ווי אַ האָז, האָט ער זיך געטרייסעלט ביי דעם מינדסטען גערויש.

ער האָט געוואַרט אַ שעה, אפשר צוויי. דער וואָגען איז ניט אַרויסגעקומען צוריק, און ער האָט געזאָגט צו זיך, אַז זיין פרוי איז מסתמא געשטאָרבען. אַבער דער געדאַנק זי צו זעהן, איהר פאַרגליווערטען בליק צו באַגעגנען האָט אויף איהם אַרויפגעוואָרפען אַזאַ שוידער, אַז ער האָט פּלוצים גענומען מורא האָבען, אַז מען זאָל איהם ניט געפינען אין זיין בעהעלטעניש און איהם צווינגען צו צוקוקען ווי זי מאַטערט זיך מיט'ן טויט. און ער איז אַנטלאָפען נאָך טיעפער אין וואַלד אַריין.

אַבער דאָן איז איהם אויפ'ן זינען אַרויף, אַז אפשר נויטיגט זי זיך אין הילף, אַז עס איז נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל זי פּפלעגען, וועער עס זאָל אַרום איהר אַרומגעהן און ער האָט זיך געלאָזט לויפען צוריק אין שלאָס.

קומענדיג אַהיים האָט ער געטראָפען דעם גערטנער. ער האָט געפרעגט:

— נו?

דער מאַן האָט ניט געוואָגט צו ענטפערען. אַבער דער גראַף האָט איהם ניט איינגעלאָזען:

— איז זי טויט? —

און דער דיענער האָט אויסגעשטאַמעלט:

— יאַ, הערר גראַף!

ער האָט פּלוצים דערפיהלט אַ גרויסע ערלייכטערונג. זיינע צוטרייסעלטע נערווען האָבען זיך מיט אַמאָל בערוהיגט און מיט פעסטע טריט איז ער אַרויף אויף די טרעפּ.

די אנדערע פוהר איז אוועק אין די „פּאַפּעל־בוימער“. זשאַננאַ האָט געזעהן, ווי מען האָט אַריינגעפיהרט די פוהר אין הויף פון שלאָס, האָט פון ווייטען דערזעהן די מאַטראַצען, זיך אָנגעשטויסען אַז אַ קערפּער ליגט אויף דעם און אַלעם בעגריפען. איהר שרעק איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי איז אנידערגעפאַלען צו דר'ערד אין חלשות.

ווען זי איז געקומען צו זיך, איז איהר פּאָטער געשטאַנען לעבען איהר, האָט געהאַלטען איהר קאָפּ און געלעגט עסיג קאָמ־פּרעסען צו איהרע שלייפען. ער האָט געפרעגט פאַרזיכטיג:

— ווייסטו שוין? — זי האָט געענטפערט:

— יאַ, פּאַפּאַ! —

אָבער ווען זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבען, האָט זי ניט גע־קענט, אַזוי צובראָכען איז זי געווען.

און אין דעם זעלבען אָבענד האָט זי אַ טויט קינד אויף דער וועלט געבראַכט — אַ מיידעלע!

פון זשוליען'ס לויה האָט זי גאָרנישט געזעהן און גאָרנישט געהערט.

אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום האָט זי בלויז באַמערקט, אַז טאַנטע ליזאָן איז ווידער געקומען; און צווישען די פיעבערישע טרוימען, וועלכע האָבען זי נאָכאַנאַנד פּערפאָלגט אין איהר הייץ קראַנקהייט, האָט זי זיך אַלץ געזוכט צו דערמאָנען זייט ווען דאָס אַלטע מיידעל האָט פערלאָזען די פּאַפּעל־בוימער, ווען, פאַרוואָס און אונטער וועלכע אומשטענדען איז זי דאָ צום לעצטען מאָל געווען.

זי האט זיך ניט געקענט דערמאנען אפילו דאז, ווען זי איז געוועזען ביים בעוואוסטזיין. זי האט נור געוואוסט, אז זי האט איהר געזעהן נאך דער מאמוניו'ס טויט.

XI.

דריי מאנאטען לאנג איז זשאננא אבגעלעגען קראנק און האט ניט געקענט פארלאזען איהר צימער. זי איז אזוי בלויך, אזוי שוואך געווארען, אז מען האט געמיינט, אז זי איז א פערלארענע. אבער ביסלעכווייז, גאנץ לאנגזאם איז זי ווידער צו זיך געקומען. דער פאפא און טאנטע ליזאן האבען זי ניט פארלאזען. זיי האבען ביידע געוואהנט אין די פאפעל-בוימער. פון דעם אונגליק איז איהר געבליבען א נערווען קראנקהייט, די קלענסטע אויפרע־גונג האט זי קראנק געמאכט.

זי האט זיך קיינמאל ניט נאכגעפרעגט אויף די איינצעלהיי־טען פון זשוליען'ס טויט. וואס איז איהר די נפקא מינה? האט זי ניט געוואוסט גענוג? די גאנצע וועלט האט געגלויבט אין אן אונגליקליכען צופאל, אבער זי האט דאך געוואוסט בעסער פון זיי און האט פארשלאסען אין איהר הארצען דאס געהיימניס. וועלכע האט זי געמוטשעט: די געוויסהייט אין איהר מאן'ס פעראט און דאס פלוצימדיגע און מורא'דיגע ערשיינען פון'ם גראף אין דעם טאג פון דער קאטאסטראפע.

פון דעם קורצען ליעבעס-פריהלינג, וואס איהר מאן האט איהר אמאל געשענקט, איז אין איהר נשמה פארבליבען בלויז א צערט־ליכע, זיסע, מעלאנכאלישע עראינערונג. זי האט איהם נור גע־זעהן פאר זיך, ווי ער האט אויסגעזעהן אין דער צייט, ווען זיי זיינען חתן כלה געווען, און ווי ער איז געוועזען אין די עטליכע שטונדען אין דער זוניגער קארסיקא, וואו די ליידענשאפט איז ביי איהר ערוועקט געווארען.

אַלע זיינע פּעהלערן, אַלע האַרטקייטען זיינען פערשוואונדען, אפילו די אונטריהייטען האָבען זיך אין איהר געדעכעניש פערלאָרען. זיין געשלאָסענער קבר האָט אַלעס אויסגעגלייכט. זי האָט איהם פערגעבען פאַר די פערגאַנגענע ליידען און נור געטראַכט פון די אויגענבליקען, ווען זי איז מיט איהם גליקליך געווען. און די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען מיט איהר געוועהנליכען גאַנג. מאָנאַט נאָך מאָנאַט זיינען אוועק און דער שטויב פון פערגעסענקייט האָט זיך לאַנגזאַם ארויפגעלייגט אויף אַלע איהרע עראינערונגען און אַלע איהרע ליידען. איצט האָט זי זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו איהר זוהן.

ער איז געוואָרען דער אידעאַל, דער איינציגער געדאַנק פון די דאָזיגע דריי מענשען און ער האָט איבער זיי געהערשט, ווי אַ דעספּאָט.

צווישען די דריי אונטערטאַנען, וועלכע ער האָט פערשקלאַפט, האָט זאָגאָר עקזיסטירט אַ מין אויפערזוכט. ווען דער באַראָן האָט דאָס קינד אויף זיינע קניע געוויגט און יענער האָט פאַר פריידע זיידען געקושט, איז זשאַננאַ פון וויטען געשטאַנען און נערווען און מיט קנאה אויף זיי געקוקט. טאַנטע ליזאָן, אויף וועלכער ער האָט, אַזוי ווי אַלע איבעריגע, זיך ניט אַרומגעקוקט, הגם ער האָט קוים געקענט פּלאַפּלען, איז אָפּט צו זיך אין צימער אוועק זיך גוט אויסצואוויינען, פאַרוואָס ער איז אַזוי קאַלט צו איהר. און האָט זי ביי איהם שוין יאָ אויסגעבעטעלט אַ לאַסקע, האָט זי געפיהלט, אַז דער מאַמען און דעם זיידען לאַסטשעט ער גאָר אויף אַ'ן אַנדער שטייגער.

צוויי יאָהר זיינען אַזוי אוועק און עס האָט קיין בעזונדער זאַך ניט פּאַסירט. אין אַנהויב פון דעם דריטען ווינטער האָבען זיי זיך בעשלאָסען אַריבערצוקלייבען זיך אין רועז ביז פריהלינג און די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך צונויפגעפּאַקט און פאַרלאָזען די פּאַפּעל־בוימער.

ווען זיי זיינען אָבער געקומען אין רועז, איז דאָס אַלטע,

לעדיגע, פייכטע הויז, איז פּאָול קראַנק געוואָרען אויף בראָנקיטיס אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט קריעגען פלעווריט, און די דריי קרובים האָבען צושראָקען ערקלעהרט, אַז די בעסטע זאַך פאַר איהם איז צו זיין אויפ'ן לאַנד און ווי נור דער קליינער איז געזונד געוואָרען, האָט מען איהם געבראַכט צוריק אין די פּאַפּעל-בוימער.

דאָן האָט זיך גענומען ציהען אַ רייהע פון שענע, איינטאָניגע יאָהרען. זיי זיינען אימער געווען אַרום דעם איינגעל, דאָ אין זיין צימער, דאָ אין גרויסען סאַלאָן און דאָ אין גאָרטען. זיי זיינען געווען גליקליך פון זיין שטאַמלען, זיינע קאָמישע אויסדריקע און בעוועגונגען האָבען זיי פערשאַפט די העכסטע פרייד.

זיין מוטער האָט איהם מיט ליעבשאַפט גערופען מיט דעם פאַרצערטעלטען נאָמען „פּאָולעט", אָבער אַזוי ווי ער האָט שאַרף ניט געקענט אַרויסרעדען דעם וואָרט, פלעגען זיי זיך אַלע פרעהלאַך צולאַכען אַלע מאָל ווען ער פלעגט מיט זיין קינדערשער שפּראַך אַרויסרעדען „פּאָויעט". דער דאָזיגער נאָמען איז ביי איהם פערבליעבען, מען האָט איהם אַנדערש שוין ניט גערופען.

אַזוי ווי ער איז שנעל געוואַקסען, איז ער געווען דער בעסטער צייטפערטרייב פאַר זיינע דריי ערציהערס, וועלכע דער באַראָן האָט אין שפּאַס גערופען „די דריי מאַמעס", צו מעסטען אויף ווי פיעל ער איז צוגעוואַקסען.

אין דער טהיר פון סאַלאָן האָט מען געמאַכט אַ גאַנצע רייהע קליינע שניטען מיט אַ מעסערל, וועלכע האָבען פון מאָנאַט צו מאָנאַט אָנגעצייגט אויף וויפיעל ער איז אונטערגעוואַקסען. דער דאָזיגער לייטער, וועלכען זיי האָבען גערופען „פּאָויעט'ס לייטער" האָט ביי זיי אַלעמען אַ גרויסע ראָלע געשפּיעלט.

דאָן האָט נאָך אימיצער גענומען שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַמיליע: דער הונד „מאַססאַקר", וועלכען זשאַננאַ האָט אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט, ווייל זי האָט זיך נור מיט איהר זוהן בעשעפטיגט. ער איז די גאַנצע צייט געווען צוגעבונדען אויף אַ

קיט צו זיין ביידעל לעבען שייער און האָט געלעבט אַ איינזאַמען, אבגעזונדערטען לעבען; די קעכין לודוויגע פלעגט איהם בלויז בע־זאָרגען מיט עסען.

פאָול האָט איין מאָל אַ פּריהמאָרגען איהם בעמערקט און זיך צו־ווינגט, אַז ער וויל איהם לאַשצען. זיי האָבען איהם צוגע־פיהרט צום הונד מיט גרויס מורא, אַז דעם קינד זאָל ניט געשעהן עפּעס שלעכטעס. אָבער דער הונד האָט זיך פריינדליך געשפּיעלט מיט דעם אינגעל, און ער האָט זיך צושריען, ווען מען האָט איהם געוואָלט פון דאָרט צונעהמען. דאָן האָט מען מאַססאַקר'ן פון קיט אבגעבונדען און אין הויז אַריינגעלאָזען. ער איז אויף אַ מינוט ניט אבגעטראָטען פון פאָול'ן און איז געוואָרען זיין בעסטער פריינד. זיי האָבען זיך צוזאַמען געקייקעלט אויף ד'רערד און גע־שלאָפען איינער נעבען אנדערען אויפ'ן טעפּיך און באַלד איז זאָ־גאָר מאַססאַקר געשלאָפען מיט זיין שפּיעל־קאַמעראַד אין בעט אויך.

זשאַננאַ איז געווען אויסער זיך צוליעב די פּליה און טאַנטע ליזאַן איז געווען מלא רציחה אויפ'ן הונד, פאַר וואָס ער האָט אוועקגערויבט ביים קינד אַזוי פיעל ליעבע, וועלכע האָט על פּי יושר געדאַרפט בעלאַנגען צו איהר.

צייטענווייז פלעגט די פאַמיליע בעזוכען די דע־בריזעווילס און די דע־קאַטעליערס. אָבער צו זיי איז נור דער בירגערמייסטער און דער דאָקטאָר געקומען רעגעלמעסיג צו בעזוך און דערמיט אונטערבראָכען די איינזאַמקייט פון דעם אַלטען שלאָס. אין קירכע איז זשאַננאַ ניט געגאַנגען זייט דער פּריעסטער האָט דאָן גע'הרג'עט דעם הונד, און אויסערדעם האָט זי געהאַט אַ פערדאַכט אויפ'ן גלח און איהם געהאַלטען פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם שרעק־ליכען טויט פון זשוליען און גילבערטאַ. זי איז געווען בייז אויף דעם גאָט, וואָס האָט געקענט האָבען אַזעלכע דיענער.

דער גלח טאָלביאַק האָט פון צייט צו צייט אין זיינע דרשות אנגעריהרט דעם שלאָס און ערקלעהרט, אַז בייזע רוחות האָבען

אַ שליטה אויף איהם. דער גייסט פון ווידערשפּעניגונג, דער גייסט פון פאַלשקייט, פון בייזקייט, פון זינד און פערדאָרבענהייט געפינען זיך דאָרט. מיט דעם אַלעמען האָט ער געמיינט דעם באַראָן.

אויגענטליך איז זיין קורבע געווען אין גאַנצען לײדיג, און ווען ער איז איבער די פעלדער געגאַנגען, אויף וועלכע די פויערים זיינען געווען פאַרנומען מיט אַקערן, האָבען זיי זיך ניט אָבגעשטעלט צו רעדען מיט איהם און האָבען זיך אפילו ניט אַרומגעקוקט אום איהם צו גריסען. זיי האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ מכשף, ווייל ער האָט אַרויסגעטריעבען אַ רוח פון אַ פרוי.

ער האָט געוואוסט אַזעלכע אָבשפּרעכונגען, ווען מענשען אָדער פיה ווערען „געכאַפּט“, ווארום ער האָט געהאַלטען. אַז פון טייפעל זיינען זיי דאָס געכאַפּט און דערפאַר טרעפט עס, וואָס אַ קוה הויבט אָן צו געבען בלויע מילך, אָדער דער עק ווערט ביי איהר פאַרדרעהט. מיט עטליכע צויבער ווערטער האָט ער געקענט מאַכען, אַז פערפאַלענע זאַכען זאָלען זיך צוריק אומקעהרען, זאָלען געפונען ווערען. אַזוי האָבען וועגען איהם די פויערים געגלויבט.

זיין ענגער פאַנאַטישער שכל, פלעגט זיך לײדענשאַפטליך פאַרטיעפען אין רעליגיעזע ביכער, וועלכע האָבען געלערענט די אונריינע כוחות פון טייפעל, די פערשידענע שפּיצלאַך, וואָס דער טייפעל קען אָבטהאָן; ווי ער האָט אַ שליטה דורך אַ שלעכטען בליק, דורך עין הרע און אַזוי ווי ער האָט זיך איינגעשמועסט, אַז ער איז ספּעציעל בערופען געוואָרען צו באַקעמפּפען די געהיימע קרעפטען פון שטן מקטרג, האָט ער אויסגעלערענט אַלע קמיעות און אַלע אָבשפּרעכונגען, וועלכע געפינען זיך אין די הייליגע ביכער.

איהם האָט זיך נאָכאַנאַנד געדאַכט, אַז ער זעהט דעם טייפעל, בלאַנדזשענדיג אין די פאַרנאַכטיגע שאָטענס און פון זיינע ליפּען זיינען ניט אַראָבגעגאַנגען די לאַטייגישע ווערטער:

„ווי אַ לייב בלאָנדזשעט ער אַרום, זוכענדיג וועמען איינצושלינגען“.

צווישען די פויערים האָט זיך פערשפּרייט אַ מין שרעק פאַר

זיין בעהאַלטענער קראַפט. און אפילו זיינע חברים, די אונוויסענדע דאָרפישע גלחים, וועלכע האָבען מורא געהאַט פאַר'ן אשמדאי אַזוי ווי פאַר גאָט אַליין און וועלכע זיינען אַזוי צוטומעלט געווען פון די פאַרשריפטען פון תפילות צו גאָט און פערשווערונגען פון טייפעל, אַז זיי האָבען צונויפגעמישט רעליגיאָן מיט שוואַרצע קונצען מאַ־כעריי, האָבען געהאַלטען פאַטער טאַלביאַק פאַר אַ מין בעל־שם, און זיי האָבען איהם רעספעקטירט פאַר זיין צויבער קראַפט און אויך פאַר זיין שטרענג פרומע אויפפיהרונג און לעבען.

ווען דער גלח האָט באַגעגענט זשאַננאַ'ן האָט ער זי ניט גע־גריסט.

דאָס האָט געערגערט טאַנטע ליזאַן, וועלכע האָט מיט איהר איינפאַכער און ריינער נשמה ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי אַזוי מען קען זיך האַלטען פון וויטען פון דער קירכע. זי איז געווען פרום און פלעגט בייכטען נאָך אַלע פאַרשריפטען פון דער קירכע, אָבער קיינער האָט זיך דערמיט ניט אינטערעסירט און קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט.

ווען זי איז געווען אַליין, גאַנץ אַליין מיט פאָול'ן, האָט זי צו איהם גערעדט פון ליעבען גאָט. ער האָט זיך צו איהר צוגע־הערט, ווי ווען זי האָט איהם דערצעהלט וואונדערליכע מעשה'לאַך ווי אַזוי די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען. אָבער ווען זי האָט איהם געזאָגט, אַז מען מוז גאָט זעהר ליעב האָבען, האָט ער אַפט געפרעגט:

— וואו איז ער, טאַנטע?

דאַן האָט זי אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן הימעל:

— דאָ, אויבען, פאויעט, אָבער דו דאַרפסט וועגען דעם ניט רעדען.

זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם באַראָן. אָבער איין מאָל האָט איהר פאָול ערקלעהרט, אַז דער ליעבער גאָט איז איבעראַל, נור ניט אין דער קירכע. ער האָט זיין זיידען דערצעהלט זיין געהיימ־ניספּולען געשפרעך מיט דער מאַנטע.

דאס קינד איז געוואָרען צעהן יאהר אַלט, די מוטער האָט אויסגעזעהן ווי פון פערציג. דער אינגעל איז געווען געזונד, שטאַרק, צולאָזען, פרעך, האָט געקלעטערט אויף בוימער, אָבער געלערנט האָט ער ווייניג.

ווען די לעקציאָנען האָבען איהם לאַנגווייליגט, האָט מען זיי אונטערבראָכען, און יעדעס מאָל, ווען דער באַראָן האָט איהם אַביסעל לענגער ביי די ביכער געהאַלטען, איז גלייך זשאַננאַ אריינגעקומען און געזאָגט:

— לאָז איהם אָב זיך שפּיעלען, מאַטער איהם ניט אויס, ער איז דאָך נאָך אַזוי קליין.

פאַר איהר איז ער נאָך אַלץ געווען אַ קליין קינד פון אַ יאָהר אָדער צוויי.

זי האָט זיך קוים געקענט פאָרשטעלען, אַז פּאולעט קען שוין געהן, אַרומלויפען, ריידען, שוין גאָר אַ קליין מענשעלע. און זי האָט געלעבט אין שטענדיגער ציטערניש, ער זאָל ניט פאַלען, זאָל זיך ניט פאַרקיהלען, ער זאָל ניט צוהיצט ווערען ביים לויפען, ער זאָל ניט עסען צופיעל פאַר זיין קליינעם מאָגען אָדער צו ווייניג, אום צו קענען וואַקסען.

ווען ער איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר, איז איינגעטראָטען אַ גרויסע שוועריגקייט: זיין ערשטע קאָנפירמאַציאָן, די ערשטע בעהעפטונג מיט דער קירכע.

אין אַ געוויסען אין דער פריה איז טאַנטע ליזאָן געקומען צו זשאַננאַ'ן און מיט איהר גערעדט וועגען דעם, אַז מען קען דעם קליינעם ניט לאָזען אַזוי ווייטער געהן אָהן רעליגיעזען אונטעריכט. אַז עס איז צייט ער זאָל ערפילען זיינע ערשטע פליכטען צו דער קירכע. זי האָט גע'טענה'ט אויף אַלערליי אופנים, געבראַכט פערשיעדענע און אודאי הונדערט ערקלעהרונגען אָבער די הויפּטזאַך איז געווען: סטייטש, וואָס וועלען מענשען וועגען איהר רעדען?

די מוטער איז געווען אונענטשלאָסען און אויפגערעגט, האָט זיך נאָך אַלץ מיישב געווען און געזאָגט, אַז עס האָט נאָך צייט.

אבער אין א מאנאט ארום, ווען זיי זיינען געווען אויף בעזוך ביי די בריזעווילס, האט יענע צופעליג געזאגט:

— דאס יאהר ווערט אייער פאול קאנפירמירט, ניט אמת?

און זשאננא, וועלכע האט זיך אויף אזא פראגע ניט גערעכט, האט געענטפערט:

— יא, מאדאם!

דער דאזיגער איינציגער ווארט האט געמאכט א סוף צו דער פראגע, און ניט זאגענדיג וועגען דעם איהר פאטער, האט זי געבעטען טאנטע ליזא'ן צו ברייגנען דעם קינד צו דער קאנפירמאציאנס שטונדע.

פיער וואכען לאנג איז אלעס געגאנגען גוט, אבער איין מאל איז פאולעט געקומען אהיים א הייזעריגער, אויפ'ן צווייטען טאג האט ער געהוסט. די בעזארגטע מוטער האט איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען און האט זיך דערוואוסט, אז דער גלח האט איהם געלאזען שטעהן ביים טהיר פון דער קירכע אין א צוג-ווינד די גאנצע צייט פון זיין לעקציע, ווייל ער האט זיך עפעס פערשטיפט.

זי האט איהם שוין מעהר ניט געלאזען געהן און האט זיך גענומען אליין מיט איהם לערנען רעליגיאן. אבער דער גלח טאלביאק האט איהם ניט געוואלט צולאזען צו דער קאנפירמאציאן, זאגענדיג, אז ער האט ניט גענוג רעליגיעזען אונטעריכטונג און אלע טענות און געבעטען פון דער טאנטע ליזאן האבען ניט געהאלפען. דער גלח איז געבליעבען ביי דאס זייניגע. א יאהר איז אריבער און דאס צווייטע יאהר איז ווידער געווען דאס זעלביגע. דא איז דער באראן געוואָרען אויסער זיך און האט ערקלעהרט, אז דאס קינד דארף עס אין גאנצען ניט. מען קען אויסקומען ניט גלויבענדיג אין די אלע דומהייטען, און עס איז ניט נויטיג צו באהעפטען זיך צו גאט אדער צום הייליגען גייסט, געהן צו דער קאנפירמאציאן, אום צו זיין א'ן ארענטליכער מענש, מען קען זיין ארענטליך אהן דעם אויך.

זיי האבען דארום בעשלאסען צו ערציהען איהם טאקע אלס

קריסט, אבער ניט דוקא אלס ארטאדאקסישען קאטאליק, און ווען ער וועט אויסוואקסען וועט ער קענען גלויבען אין וואס ער וועט וועלען.

אין א קורצער צייט ארום האט זשאננא בעמערקט, אז נאך איהרען א בעזוך צו די דע־בריזעווילס, האבען זיי איהר ניט גע־ענטפערט מיט א בעזוך, ווי דער שטייגער איז אימער געווען. וויסענדיג ווי איהרע שכנים האלטען שטארק פון עטיקעט, האט זי זיך געוואונדערט און די מארקיזע דע־קאטעליער האט איהר באלד געעפענט די אויגען; זי האט איהר מיט גדלות ערקלעהרט די אורזאכע, פארוואס די שכנים ווילען זי מעהר ניט בעזוכען.

אזוי ווי די מארקיזע דע־קאטעליער האט זיך גערעכענט לויט איהר מאן'ס גרויסען שטאנד, זיין גרויסען טיטול, זייער אונגע־הייערען רייכטהום פאר א מין קעניגין פון דער נארמנאדישער אריסטאקראטיע, האט זי אויך געהערשט, ווי א קעניגין. זי האט גערעדט גאנץ אפען, און איז געווען ליעבענסווירדיג אדער אונאנ־גענעהם נאך די אומשטענדען נאך, ווי עס האט זיך צו דער בע־שטימטער צייט געפאדערט. זי האט גע'מוסר'ט, אויפ'ן גלייכען וועג געפיהרט, גראטולירט, ווי עס האט זיך געפאסט צום רומעל. ווען זשאננא איז צו איהר געקומען, האט זי, נאך א פאר פראסטיגע ווערטער, געזאגט טרוקען:

— עס זיינען דא צוויי קלאסען מענשען, אזעלכע, וואס גלויבען אין גאט און אזעלכע, וואס גלויבען ניט אין גאט. די ערשטע, ווען זיי זיינען אפילו פון נידעריגסטע, זיינען אונזערע פריינד, אונזער גלייכען, די אנדערע עקזיסטירען פאר אונז ניט.

זשאננא, וועלכע האט דערפיהלט דעם שטאך, האט געענט־פערט:

— קען מען דען ניט גלויבען אין גאט און ניט געהן אין קירכע?

די מארקיזע האט געענטפערט:

— נייז, גרעפין. די גלויביגע בעטען צו גאט אין זיין קירכע ווי מענשען קומען צו מענשען אין זייער הויז אויף בעזוך.

זשאננא האט געענטפערט בעליידיגט:

— גאט איז איבעראל, און איך, מאדאם, וועלכע גלויב אין הארצען אין גאט'ס בארמהערציגקייט, פיהל ניט זיין געגענוואַרט, ווען געוויסע גלחים שטעלען זיך אוועק צווישען איהם און מיר.

די מארקיזע האט זיך אויפגעהויבען:

— די גלחים טראגען דעם באנער פון דער קירכע, ווער עס פאלגט ניט נאך דיזען באנער, איז געגען זיי און געגען אונז.

איצט האט זיך אויך זשאננא אויפגעהויבען א ציטערנדע:

— איהר גלויבט אין א גאט פון א פארטיי, איך גלויב אין דעם גאט פון אלע גוטע מענשען.

זי האט זיך פארנייגט און איז אוועק.

אבער אויך די פויערים האבען אנגעהויבען צו מורמלען צווי־שען זיך און באריידען זיי פארוואס דער יונגער אינגעל ווערט ניט קאנפירמירט אין דער קירכע. אמת זיי אליין זיינען אויך אין קירכע ניט געגאנגען, זיינען ניט צוגעקומען נאהענט צום אלטאר אויסער איין מאל א יאהר אויף פסח, ווען זיי האבען עס געמוזט טהאן. אבער די קינדער איז דאך שוין אן אנדער זאך. און קיין זאך אין דער וועלט וואלט זיי ניט געקענט ברענגען דערצו, אז זיי זאלען זייערם א קינד ערציהען אהן די אלע פארשריפטען פון דער קירכע, ווייל ווי די מעשה זאל ניט זיין, רעליגיאן איז רעליגיאן.

זשאננא האט בעמערקט ווי קרום זיי קוקען אויף איהר און זי איז געווען עמפערט פון דער אלגעמיינער היפאקריטסטווא, פון דער פייגהייט און פאלשקייט, וועלכע איז געלעגען בעהאלטען אין אלעמען'ס הערצער אונטער מאסקע פון עהרבארקייט און פרומ־קייט.

דער באראן האט גענומען אויף זיך פאול'ס ערציהונג און גע־נומען לערנען מיט איהם לאטיין. די מוטער האט ביי איהם גע־בעטען בלויז איין זאך:

— זאָלסט איהם נור ניט צופיעל אנשטרענגען!

דער באראָן האָט איהר פאַרבאָטען אריינצוקומען אין דעם שטודיר צימער, ווייל זי פלעגט יעדע מינוט אונטערברעכען זייער לערנען מיט פערשידענערליי פראַגען ווענען זיין געזונד:

— איז דיר ניט קאַלט אין די פיסלאַך, פּאולעט? אדער: טהוט דיר ניט וועה היינט דאָס קעפּעלע, פּאולעט?

און אַז זי האָט שוין מעהר קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטען די שטונדע זאָל זיך ענדיגען, האָט זי גאָר זיי אונטערבראָכען אין מיטען דערינען, זאָגענדיג:

— פּאַפּאַ, היים איהם ניט אזוי פיעל איבערזאָגען, עס ווערט דאָך איהם טרוקען אין האַלז.

דער באראָן האָט איהר דארום פערבאָטען אריינצוקומען בשעת'ן לערנען און זי האָט זיך געמוזט צופריעדען שטעלען מיט ארומטאַנצען נאָהענט צום קלאַס צימער און צוהערען זיך בע־זאָרגטערהייד.

ווי נור דער קליינער איז פריי געוואָרען איז ער מיט דער מוטער און טאַנטע ליזאַן אין גאָרטען געגאַנגען. זיי האָבען אַלע ליעב בעקומען גערטנעריי און זאָלבע דריט פלעגען זיי אין פריה־לינג פאַרפלאַנצען יונגע בוימעלאַך, האָבען פאַרזעהט זוימען, וועלכע זיי פלעגען אַבהיטען און נאָכקוקען יעדען טאָג ווי עס וואַקסט. זיי האָבען ארומגעשניטען די קוסטעס, געריסען בלומען, געפלאָכ־טען קראַנצען.

פּאול'ס גרעסטער פערגעניגען איז געווען צו קולטיווירען סאַלאַט. עס האָט געהאַט פיער בעזונדערע גרויסע בעעטען, אין וועלכע ער האָט פאַרזעעט ראָמענעס, לעטוס, עסקאַראָלס, און אַלערליי אנדערע מינים פון סאַלאַט. ער האָט געזעעט, ארומגע־גראָבען, בעגאָסען און געטהאָן אַלעס וואָס עס איז נויטיג, אַז זיי זאָלען ארויסקומען געראָטען. זיין מוטער און זיין טאַנטע פלעגען איהם העלפען און האָבען געאַרבייט פאַר איהם, ווי אַרבייטס־פרויען.

שטונדען לאַנג פלעגען זיי קריכען אויף די קניע אין די בעט־עטען, פערשמירען די קליידער, די הענד, אַריינזעצענדיג די וואָרצעלען אין די לעבער, וועלכע זיי פלעגען מאַכען אין דער ווייכער ערד מיט זייערע פינגער.

פּאַולעט איז אויסגעוואַקסען. ער איז שוין געווען באַלד פופצעהן יאָהר. די אויסגעקריצטע סמנים אין טהיר פון סאַלאָן האָבען שוין געוויזען דריי און זעכציג אינטשעס. אָבער לויט'ן שכל איז ער געווען נאָך אַ קינד, אונוויסענד און נאַריש, בעגראָבען צווישען די דאָזיגעביידע פרויען און דעם אַלטען ליעבענסווירדיגען מאַן, וועלכער איז דאָך געווען צו אַלט, איהם צו ערציהען.

ענדליך האָט אין אַ געוויסען אָבענד דער באַראָן גענומען רעדען פון אַ גימנאַזיע. זשאַננאַ האָט גלייך גענומען וויינען. טאַנטע ליזאָן איז געבליעבען זיצען אַ צושראָקענע אין טונקעלען ווינקעל, און די מוטער האָט געזאָגט:

— צו וואָס דאַרף ער אַזוי פיעל לערנען? ער וועט זיין אַ גוטסבעזיצער, אַ לאַנד אייגענטהימער. ער וועט זיך בעשעפטיגען מיט זיינע גיטער, ווי עס טהוען אַ סך אַדעליגע; דאָ אין דעם שלאָס וועט ער גליקליך לעבען און אַלט ווערען, אין דיעזער הויז, וואו מיר האָבען געלעבט פאַר איהם און וואו מיר וועלען מסתמא שטאַרבען. וואָס נאָך קען מען פערלאַנגען?

אָבער דער באַראָן האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— וואָס וועסטו איהם ענטפערען, ווען ער וועט אַלט ווערען פינף־און־צוואַנציג יאָהר און וועט קומען צו דיר און פרעגען: מאַמאַ, איך בין אויסגעוואַקסען אַ גאַרנישט צוליעב דיין שולד, צוליעב דיין מוטערליכער אייגען־ליעבע. איך קען ניט אַרבייטען, קען צו קיין זאַך ניט קומען, און דאָך בין איך ניט בעשאַפען געוואָרען פאַר דעם איינפאַכען, טרויעריגען, אונאינטערעסאַנטען לעבען, אויף וועלכען דו האָסט מיך פערדאַמט מיט דיין קורצזיכטיגער צערטליכקייט.

זי האָט נאָך אַלץ געוויינט און זיך גענומען בעטען ביי איהר זוהן:

— פאולעט, מיין טהייערער פאולעט, דו וועסט מיר קיינמאָל ניט אויפוואַרפען, אַז איך האָב דיר צופיעל ליעב געהאַט? ניט אמת?

און דער גרויסער קינד האָט פערוואונדערט געענטפערט:

— ניין, מאַמאַ!

— שווערסטו עס מיר?

— יאַ, מאַמאַ!

— דו ווילסט דאָך בלייבען דאַ, ניט אמת?

— יאַ, מאַמאַ!

דאַן האָט דער באַראָן געזאָגט פעסט און לויט:

— זשאַננאַ, דו האָסט ניט קיין רעכט איבער זיין לעבען א דעה צו זאָגען. דאָס וואָס דו טהוסט איצט, איז פייג און פער־ברעכעריש. דו אָפּפערסט אויף דיין קינד פאַר דיין אייגענעם גליק.

זי האָט בעהאַלטען איהר פּנים אין בײדע הענד און אויסגע־בראָכען אין א שלוכצען און דורך טרעהרען האָט זי געשטאַמעלט:

— איך בין געווען אַזוי אונגליקליך, אַזוי אונגליקליך, און איצט, ווען איך האָב איהם מיין רוהע געפונען, וויל מען איהם ביי מיר צונעהמען. וואָס וועט יעצט פון מיר ווערען... איך בין גאַנץ אַליין... אַזוי עלענד...

איהר פאָטער האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צו איהר און זי ארומגענומען:

— און איך, זשאַננאַ?

און זי איז איהם פּלוצים אויפ'ן האַלז ארויפגעפאַלען, גע־קושט איהם מיט שטורעם און געזאָגט מיט א האַלב־פערשטיקטער שטימע:

— יאַ, דו ביזט גערעכט, פּאַפּעלע, אפשר בין איך משוגע, אָבער איך האָב איהם אַזוי ליעב און איך האָב אַזוי פיעל געליטען.

אבער אויב עס מוז זיין, דאן וועל איך איינוויליגען, ער זאָל געהן אין שוהלע.

אָבער דאָ האָט פּאולעט, ניט וויסענדיג וואָס עס טהוט זיך דאָ אָרום איהם, זיך מוראָ'דיג צו־וויינט.

אָבער די דריי מאַמעס האָבען איהם גענומען לאַסטשען, גע־גלעט איהם און געקושט, געטרייסט און צוגעגעבען מוטה. און ווען זיי זיינען צום בעט געגאַנגען, איז ביי זיי אַלעמען שווער געווען אויפ'ן הארצען און זיי אַלע האָבען געוויינט אין בעט, אַפּילו דער באַראָן, וועלכער האָט זיך ביז אַהער מיט אַלע קרעפטען צוריק־געהאַלטען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז זיי וועלען דעם אינגעל אוועקשיקען אין האַוור אין אַ גימנאַזיע, און פון איצט אַן איז ער נאָך מעהר ווי ווען עס איז פערצערטעלט געוואָרען.

זיין מוטער האָט זיך געטרייסעלט ביים געדאנק, אַז באַלד וועט קומען די צייט, ווען זי וועט זיך מוזען צושיידען מיט איהר קינד און האָט שטיל געזיפצט. זי האָט פאַר איהם אַנגעגרייט אַן אויסשטאַטונג, ווי ער וואָלט אוועקפאָהרען אַם ווענינסטענס אויף אַ יאָהר צעהן. דאן, איין מאָל אַ פריה־מאָרגען אין אָקטאָבער, נאָכדעם ווי זיי האָבען די נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג, זיינען ביידע פרויען מיט איהם און דעם באַראָן אריין אין דער פאַמיליען־קאַרעטע און זיינען געפאָהרען אָבפיהרען פּאול'ן אין שוהלע אריין.

שוין מיט אַ צייט פריהער זיינען זיי געפאָהרען אויסקלייבען פאַר איהם אַ פּלאַץ אין קלאַס און אין שלאָף־צימער. און ווען זיי זיינען איצט אָנגעקומען, האָבען זשאַננאַ און טאַנטע ליזאַן פערבראַכט אַ גאַנצען טאָג אין ברענגען זיינע זאַכען אין אָרדנונג אין דעם קליינעם אַלמערעל און אין די שופליאַדען. אָבער אַזוי ווי אַהין האָבען אַפילו ניט געקענט אריין אַ העלפט פון די זאַכען, וואָס זיי האָבען מיטגעשלעפּט, זיינען זיי אַוועק צום דירעקטאָר און געבעטען נאָך אַ קאָמאָדע.

אַ שוהל־אויפזעהער איז אריין און האָט ערקלעהרט, אַז אַזוי פיעל זאַכען וועלען נור זיין אין וועג, אַז זיי זיינען נוצלאָז און דער שילער קען אַזוי פיעל ניט געברויכען. און אויף דעם גרונד פון שוהל־אָרדנונג, האָט ער זיך ענטזאַגט אריינצושטעלען נאָך אַ קאַמאָדע.

זשאַננאַ'ן איז דאָס זעהר ניט געפעלען און זי האָט זיך ענטשלאָסען צו דינגען אַ צימער אין אַ דערבייאיגען, קליינעם האָטעל, אום צו האָבען וואו צו האַלטען די איבעריגע זאַכען. זי האָט דעם בעל־הבית אנגעזאָגט, ער זאָל דעם אינגעל צושיקען אין שוהלע אַלעס, וואָס יענער וועט נור פערלאַנגען.

דאַן האָבען זיי געמאַכט אַ שפּאַציער ביים האַפען און האָבען זיך צוגעקוקט, ווי די שיפען קומען אריין און ארויס. דער פאַרנאַכט האָט זיך טרויעריג ארונטערגעלאָזען אויף דער שטאָדט, אין וועלכער עס האָבען זיך ביסלעכווייז די ליכט אַנגעצונדען. זיי זיינען אוועק עסען אין אַ רעסטאָראַן; קיינעם פון זיי האָט זיך ניט געוואָלט עסען און זיי האָבען זיך אַנגעקוקט מיט נאַסע אויגען בעת דער דינער האָט געשטעלט די שיסלען אויפ'ן טיש. ער האָט געמוזט צונעהמען פון טיש אַזוי ווי ער האָט ארויפגעשטעלט; קיינע פון זיי האָט זיך ניט געקענט צוריהרען צו קיין שפּייז.

און דאַן זיינען זיי אוועק אין גימנאַזיע צוריק. קינדער פון פערשיעדענעם עלטער זיינען אַנגעקומען פון אַלע זייטען, בעגלייט פון זייערע עלטערען, קרובים און דינער. פיעלע פון זיי האָבען געוויינט. אין דעם גרויסען, דונקעל בעלויכטענעם הויף, האָבען זיך פון אַלע זייטען געהערט פערשטיקטע שלוכצען.

זשאַננאַ און פּאָולעט האָבען זיך לאַנג ארומגענומען און געקושט. טאַנטע ליזאַן איז געשטאַנען פון הינטען, איהר פּנים אין אַ טאַשען־טוך איינגעגראָבען; אַז איהר האָט מען אין גאַנצען פערגעסען, ווי אימער. אָבער דער באַראָן, וועלכער איז אויך ווייך געוואָרען, האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם געזעגענען זיך און

האָט אוועקגעפיהרט זיין טאָכטער. פאר דער טהיר האָט געוואַרט די קאַרעטע. זיי זיינען אַלע דריי אריין און זיינען אוועק אין דער דונקעלהייט צו די פאפעל־בוימער.

צייטענווייז האָט זיך אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט דערהערט א פערשטיקטער שלוכצען, דאָ פון איינעם, דאָ פון אַן אַנדערען.

אויך מאָרגען האָט זשאַננאַ אָבגעוויינט אַ גאַנצען טאָג ביז נאַכט; אין דער פריה האָט זי געהייסען איינשפּאַנען די פערד און איז געפאָהרען קיין האַוור. פּאולעט האָט, ווי עס האָט געשיינט, שוין צוגעוועהנט זיך צו זיין אין דער פרעמד. דאָס ערשטע מאָל אין לעבען, האָט ער געקריגען חברים; זיין לוסט צו שפּיעלען זיך מיט זיי איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט קיין געדולד ניט געהאַט איינצוזיצען אויף אַן אָרט, בעת די מאַמא האָט אין עמפּפאַנגס־צימער מיט איהם פערבראַכט.

זשאַננאַ האָט איהם רעגעלמעסיג בעזוכט יעדע צוויי טעג און אויף קריסטמאַס האָט זי איהם גענומען אהיים. ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן מיט זיך בעת די שוהל־שטונדען, איז זי געבליבען זיצען אין עמפּפאַנגס־צימער און ניט געהאַט דעם מוטה און די קראַפט די שוהלע צו פערלאָזען. דער דירעקטאָר האָט זי געלאָזט רופען צו זיך און איהר געבעטען, זי זאָל ניט קומען אַזוי אָפט. אָבער זי האָט איהם ניט געפאָלגט.

אָבער עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זי געוואָרענט, אויב זי וועט ניט אויפהערען אַזוי אָפט קומען צו בעזוך, וועט ער געצוואונגען זיין אוועקצושיקען איהר זוהן פון שוהל, ווייל זי שטערט איהם אין זיין לערנען און אין זיין שפּיעלען זיך מיט די איבעריגע שילער. דער דירעקטאָר האָט אויך אַנגעשריבען וועגען דעם עטליכע ווערטער צו דעם באַראָן. פון דאַן אַן האָט מען זי גענומען היטען אין די פאפעל־בוימער, ווי אַ געפאַנגענע.

אַ שטענדיגע אונרוהיגקייט האָט זיך איינגענעסט אין איהר נשמה. זי האָט גענומען ארומוואַנדערען גאַנצע טעג איבער די פעל־

דער איינע אליין, מיט דעם הונד מאססאקר, טרוימענדיג און טיעף אין געדאנקען פערלארען. מאנכעס מאל איז זי אבגעזעסען אויף די פעלזען א גאנצען נאכמיטאג און מיט שטארע אויגען אויף דעם ים געקוקט.

פון צייט צו צייט איז זי געגאנגען מיט'ן וואלד ביז איפאר, איבער די אלטע וועגען, וועלכע זיינען געווען פאר איהר פול מיט טרויעריגע עראינערונגען. ווי ווייט, ווייט צוריק, איז געלעגען יענע צייט, ווען זי איז, אלס יונגע מיידעל, פול טרוימען און האפנונג, איבער דעם זעלבען וועג געגאנגען און לופט־שלעסער פאר א שעה־נער צוקונפט געבויט.

יעדעס מאל וואס זי האט איהר זוהן געזעהן, האט זיך איהר אויסגעדאכט, ווי זי וואלט איהם שוין צעהן יאהר אין די אויגען ניט געזעהן. פון מאנאט צו מאנאט איז ער אלץ מענליכער גע־ווארען, פון מאנאט צו מאנאט איז זי אלץ עלטער געווארען; איהר פאטער האט איצט אויסגעזעהן, ווי איהר ברודער, און טאנטע ליזאן, וועלכע האט זיך ניט געעלטערט, ווייל צו פינף־און־צוואנציג יאהר איז זי שוין געווען א פערוועלקטע, האט אויסגעזעהן בלויז ווי איהרע אן עלטערע שוועסטער.

פאולעט האט זיך ניט איבערגעארבייט. אין פערטען קלאס איז ער געבליבען זיצען, אין דריטען איז געווען נאך צו דערליי־דען און אין צווייטען איז ער ווידער געבליבען זיצען, און ווען ער איז אלט געווארען צוואנציג יאהר, איז ער נאך געווען אין קלאס פון רהעטאריק. ער איז געווארען א הויכער, בלאנדער יונגער מאן, מיט שוין גאנצע היבשע וואנצעלאך. איצט איז ער יעדען זונטאג געקומען אין די פאפעל־בוימער. ער האט זיך געלערענט רייטען. זינט ער איז נאך א אינגעל געווען, און ער פלעגט נור דינגען א פערד און אין צוויי שטונדען איז ער שוין געווען אף די פאפעל־בוימער.

באלד אין דער פריה איז זשאננא איהם ארויסגעגאנגען אנט־קעגען, בעגלייט פון דעם באראן און טאנטע ליזאן. דער באראן

איז שטאַרק פערעלטערט געוואָרען. ער איז געגאַנגען איינגעבויגען, ווי אַ שוואַכער אַלטינקער, די הענד הינטער'ן רוקען פערלייגט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מורא האָבען צו פאַלען און זיך די נאָז צו צושלאָגען. זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען איבער'ן וועג, פון צייט צו צייט זיך געזעצט אַברוהען נעבען אַ גראָבען און מיט די אויגען איינגעגעסען זיך אין דער ווייטקייט, צו זעהט זיך ניט דאָרט דער רייטער. און אַזוי שנעל, ווי עס האָט זיך בעוויזען אַ שוואַרצער פּונקט אויף דער ווייסער ליניע, האָבען זיי אַלע דריי גענומען פאַ־כען מיט די טאַשען־טיכלאַך.

ער האָט אַ טרייב געטהאָן דעם פערד אין גאַלאָפּ און זיך צו זיי אַ טראָג געטהאָן, ווי אַ שטורעם ווינד. זיין מוטער און זיין טאַנטע האָבען געציטערט קוקענדיג, ווי קונציג ער רייט; זיי האָ־בען זיך געטרייסעלט פאַר שרעק, עס זאָל מיט איהם עפּעס ניט פּאַסירען און דער זיידע איז געווען בעגייסטערט פון זיין בריה־שאַפט און איהם געקלאַפּט „בראַוואָ!“

הגם פאול איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון זיין מוטער, האָט זי איהם פונדעסטוועגען נאָך אַלץ בעהאַנדעלט ווי אַ קליין קינד און נאָך אימער געפרעגט:

— איז דיר ניט קאַלט אין די פּיסלאַך, פאולעט?

ווען ער איז געגאַנגען אויף דער טעראַסע שפּאַציערען מיט אַ סיגאַר אין מויל, האָט זי דאָס פענסטער געעפענט און צו איהם געזאָגט:

— פאולעט, זעה, געה ניט אַרום אָהן אַ היטעל, דו קענסט זיך נאָך פערקיהלען.

און זי האָט זיך געטרייסעלט פאַר אויפרעגונג, ווען די נאַכט איז אָנגעקומען און ער האָט געדאַרפט צוריקפאָהרען אין שטאָדט אַריין:

— פאָהר ניט אַזוי שנעל, מיין ליעבער פאולעט, זיי פאָר־זיכטיג, געדענק דיין אָרימע מאַמאַ, וועלכע וואָלט ניט אויסגעהאַל־טען, ווען מיט דיר זאָל עפּעס בייזעס געשעהן.

איין מאל א שבת אין דער־פריה, האט זי געקראגען א בריעף פון פאול׳ן, אז ער וועט מארגען ניט קומען זיך זעהן מיט זיי, ווייל א פאר פריינד זיינע האבען ארגאנזשירט אן אויספאהר און האבען איהם איינגעלאדען ער זאל זיך בעטהייליגען.

זי האט דעם גאנצען טאג שטארק געליטען, איז ארומגעגאנ־גען אהן א קאפ, ווי עפעס א גרוים אונגליק וואלט געשעהן, און דא־נערשטאג האט זי שוין ניט געקענט מעהר אויסהאלטען און איז אוועקגעפאהרען קיין האוור.

איהר האט זיך אויסגעוויזען, א פאולעט איז פערענדערט גע־ווארען. זי האט אפילו ניט געוואוסט בעשטימט אין וואס די דא־זיגע ענדערונג בעשטעהט, אבער זי האט בעמערקט, אז ער איז עפעס געווען לעבעדיגער, מונטערער, און האט גערעדט מיט א טיעפערער שטימע.

און פלוצים האט ער איהר געזאגט, ווי עטוואס גאנץ נא־טירליכעם:

— דו ווייסט, מאמא, אזוי ווי דו ביזט היינט אהער געקומען, וועל איך נעקסטען זונטאג ניט קומען קיין פאפעל־בוימער, ווארים מיר האבען דעם זונטאג אויך אן ארויספאהר.

זיינע ווערטער האבען איהר געטראפען, ווי א דונער־שלאג. זי האט זיך דערפיהלט אזוי ניעדערשלאגען, אזוי פערלארען, ווי ער וואלט איהר אנגעזאגט א בשורה, אז ער פאהרט אוועק אין אמעריקא.

ווען זי איז א קאפ געקומען צו זיך און האט געקענט רעדען, האט זי געזאגט:

— אבער פאולעט, וואס איז מיט דיר, וואס געהט דא פאר?

ער האט זיך צולאכט און זי גענומען קושען:

— אבער גארנישט, מאמא, איך וויל זיך מיט מיינע פריינד אמוזירען. דאס איז דאך גאנץ נאטירליך אין מיינע יאהרען.

זי האט ניט געהאט קיין ווערטער; זי האט ניט געפונען אפילו וואס צו זאגען איהם און ווען זי איז געפאהרען צוריק אליין אהיים

אין איהר קארטע האבען עפּעס מאדנע געדאנקען זיך בעוועגט אין איהר קאפּ. זי האט ניט דערקענט איהר פּאולעט, איהר קליי־נינקען פּאולעט פון די אמאליגע צייטען. זי האט צום ערשטען מאל דערזעהן, אז ער איז אויסגעוואקסען, אז ער געהערט ניט מעהר צו איהר, אז ער וועט איצט לעבען זיין אייגענעם לעבען, ניט קי־מערענדיג זיך וועגען די אלטע אין דער היים. עס האט זיך איהר געדאכט, ווי ער וואלט אין איין טאג פארענדערט געווארען. ווי איז דאס מעגליך? איז דאס געוועזן איהר זוהן, איהר קליין אינ־געלע, פאר וועלכען זי האט ערשט ניט לאנג סאלאט געפלאנצט אין זיין קליין גערטעל? איז דאס איהר פּאולעט, אט דער דאזיגער הויכער מאן שוין מיט א באָרד און מיט א'ן אייגענעם שטרענגען ווילען?

אין די קומענדע דריי מאנאטען איז פּאול זעלטען געקומען אין די פּאפּעל־בוימער, און יעדען מאל, ווען ער איז געקומען צו זיינע קרובים, האט ער, קענטיג, געהאט בלויז איין וואונש, וואס שנעלער ווידער אוועקצופאהרען און יעדען מאל האט ער געזוכט אן אויסרייד אום ביי זיי נאך א שטונדע אראבצונעהמען.

זשאננא איז דערפון געווען שטארק צומראגען, אבער דער באראן האט זי געטרייסט:

— לאז איהם זשאננא, עס זיך ניט אב דאס הארץ, פארגעס ניט, אז דער אינגעל איז צוואנציג יאהר אלט.

אין א געוויסען אין דער פריה, איז געקומען א'ן אלטער, ארעם געקליידעטער מאן און געפרעגט אויף פראנצויזיש מיט א דייטשען אקצענט אויף דער גרעפין.

נאכדעם ווי ער האט זיך עטליכע מאל פארנייגט, האט ער ארויסגענומען א פארשמירטען בריעף־טאש און געזאגט:

— איך האב פאר אייך א קליין פּאפּירעל!

און ער האט איהר דערלאנגט א פארפעצטען צעטעל, וועלכען ער האט פונאנדערגעוויקעלט. זי האט געלעזן איין מאל, א צוויי־

טען מאָל, אַנגעקוקט דעם אידען, נאָך אַמאָל איבערגעלעזען און געפרעגט:

— וואָס מיינט דאָס?

דער מאַן האָט ערקלעהרט:

— איך וועל עס אייך זאָגען. אייער זוהן האָט געדאַרפט האָבען אַביסעל געלד און אַזוי ווי איך ווייס, אַז איהר זייט אַ גוטע מוטער, האָב איך איהם געליהען, וויפיעל ער האָט געדאַרפט.

זי האָט גענומען ציטערן:

— אָבער פאַרוואָס האָט ער ביי מיר ניט געבעטען?

דער איד האָט גענומען געבען לאַנגע ערקלעהרונגען: עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ קאָרטען חוב, וועלכע האָט געמוזט בעצאָהלט ווערען אויף מאָרגען פאַר צוועלף אַ זייגער, אַז פאַול, וועלכער איז נאָך ניט פול יעהריג, האָט פון קיינעם ניט געקענט קריגען לייהען קיין געלד און ווען ער וואָלט דעם יונגען מאַן ניט געטהאָן די טובה, וואָלט זיין עהרע געווען אין געפאַהר און ער האָט לייכט געקענט קאָמפּראָמעטירט ווערען.

זשאַננאַ האָט געוואָלט רופען דעם באַראָן, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט, אַלע גליעדער האָבען ביי איהר אָבגענומען פאַר שרעק.

צום סוף האָט זי געזאָגט צום פּראָצענטניק:

— ווילט איהר זיין אַזוי גוט און אַנקלינגען.

ער האָט מורא געהאַט, אַז מען שטעלט איהם דאָ עפּעס אַ פּאַסטקע און האָט גענומען שטאַמלען:

— אויב איך שטער אייך, וועל איך קומען אַ'ן אַנדערס מאָל.

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. ער האָט אַנגעקלונגען און ניט ריידענדיג מעהר האָבען זיי געוואַרט אויף דעם באַראָן.

ווען ער איז אַריין אין סאַלאָן, האָט ער מיט איין בליק פערשטאַנען, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך. דאָס צעטעלע איז געווען אויסגעמאַכט אויף פופצעהן הונדערט פראַנק. ער האָט בעצאָהלט

טויזענד פראַנק און אָנקוקענדיג דעם מאַן שטרענג, האָט ער געזאָגט:

— איהר זאָלט זיך ניט דערוועגען נאָך אַמאָל צו קומען!

דער מאַן האָט זיך פאַרנייגט, געדאַנקט און פערשוואונדען.

די מוטער און דער זיידע זיינען גלייך אַוועקגעפאָהרען קיין האַוור, אָבער ווען זיי זיינען געקומען אין דער שוהלע, האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז פּאול איז שוין זייט אַ מאָנאַט דאָרט ניט געווען. דער דירעקטאָר האָט אונטער דער צייט געקראָגען פיער בריעף פון פּאול'ס מוטער, ערקלעהרענדיג, אַז דער אינגעל איז קראַנק, און דאָן אַז ער ווערט בעסער און אַז דאַרום קען ער ניט קומען אין שוהל. אין יעדען בריעף איז אויך געווען אַ בעזונדער בעשטעטיגונג פון אַ דאָקטאָר וועגען דעם צושטאַנד פון'ם קראַנקען. עס פערשטעהט זיך, אַז די אַלע בריעף זיינען געווען געפעלשטע.

זיי זיינען געווען ווי צושמעטערט און האָבען זיך אָנגעקוקט מיט שרעק איינע די אַנדערע. דער דירעקטאָר איז געווען זעהר אונרוהיג פון דער גאַנצער געשיכטע, ער האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען און איז מיט זיי געגאַנגען צו דער פּאָליציי. זשאַננאַ איז מיט איהר פאָטער געבליעבען איבער נאַכט אין אַ האָטעל. ערשט אויף מאָרגען האָט מען אויסגעפונען, וואו דער יונגער מאַן געפינט זיך. מען האָט איהם געפונען ביי אַ געפאַלענער פרויען־צימער. די מאַמאַ און דער זיידע האָבען איהם גענומען אַהיים אין די פּאָפּעל־בוימער צוריק און בשעת'ן גאַנצען וועג האָבען זיי ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. זשאַננאַ האָט געוויינט און געדריקט דעם טאַשען טוך צו די אויגען און פּאול האָט גלייכגילטיג געקוקט פון פענסטער אויף די פעלדער אַרוים.

אין אַ אַכט טאָג אַרום האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אין די לעצטע דריי מאָנאַטען געמאַכט פופצעהן טויזענד פראַנק שולדען. די קרעדיטאָרען האָבען דערווייל ניט געמאָנט, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז אין עטליכע מאָנאַטען אַרום וועט ער

ווערען פול־יעהריג און מען וועט שוין קענען געזעצליך מאַנען אויף זיינע אַנווייזונגען.

מען האָט איהם ניט געמאַכט קיין סקאַנדאַלען, מען האָט איהם געוואָלט געווינען דורך גוטסקייט. מען האָט איהם געלאַסטשעט, געצערטעלט, געקאַכט פאַר איהם זיינע געליעבטע שפּייזען און גע־טהאָן אַלעס מעגליכע, ער זאָל זיך פיהלען גוט. עס איז געווען פריהלינג צייט און טראָץ זשאַננאַס אַנגסט, האָבען זיי פאַר איהם געדונגען אַ שיפעל אין איפּאָרט, אום ער זאָל זיך קענען דורכ־פאָהרען איבער'ן וואַסער.

אוים מורא, ער זאָל ניט אוועק קיין האַוור, האָט מען איהם פערבאָטען צו רייטען אויף אַ פערד. דעם גאַנצען זומער האָט ער פערבראַכט אין פּוסט און פאַסעווען און איז שטענדיג געווען אויפ־געדעגט, צורייצט און צייטענווייז זאָגאַר ברוטאַל.

דער באַראָן איז געווען זעהר אונרוהיג צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך אויפגעהערט צו לערנען. און הגם זשאַננאַ האָט געציטערט ביי דעם געדאַנק, אַז ער זאָל פון איהר ווידער אוועק, פון דעסט־וועגען האָט זי אַליין אויך געמוזט איינזעהן, אַז עפּעס מוז גע־טהאָן ווערען מיט איהר זוהן. איין אָבענד איז ער גאָרניט געקומען אַהיים. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אוועקגעפאָהרען מיט צוויי מאַטראָזען אין זיין שיפעל. מיט אַ הוילער קאָפּ איז די פאַר־צווייפעלטע מוטער געלאָפען אין מיטען נאַכט אין איפּאָרט. אַ פּאָאַר מענשען האָבען ביים ברעג געוואַרט אויף דאָס צוריק קעהרען פון דער שיפעל. פון ווייטען האָט זיך דערזעהן אַ דונקעלעס ליכט שימערענדיג אין טומאַן און צוקומענדיג אַלץ נעהנטער און נעהנטער.

ווען די שיפעל איז צוגעקומען צום ברעג, האָבען די צוויי מאַטראָזען אָנגעזאָגט די בשורה, אַז פּאָול האָט זיי פערלאָזען, אַזוי שנעל ווי זיי האָבען איהם צוגעפיהרט קיין האַוור.

דאָס מאָל האָט שוין אַפילו די פּאָליציי איהם ניט געקענט

געפינען. דאָס פּרויענצימער, וואָס האָט איהם פריהער בעהאַלטען, איז פערשוואונדען צוזאַמען מיט איהם. זי האָט אויספערקויפט איהרע זאַכען, אויפגעגעבען איהר וואָהנונג און איז פערשוואנדען ניט איבערלאָזענדיג קיין שפּור.

אין פּאול'ס צימער אין די פּאַפּעל־בוימער האָבען זיי געפונען צוויי בריעף פון דער דאָזיגער באַשעפעניש. עס האָט געשיינט, אַז זי איז משוגע פערליעבט אין איהם. זי האָט געשריעבען וועגען אַ רייזע קיין ענגלאַנד און געזאָגט, אַז זי האָט שוין געקריגען די מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג אויף דער הוצאה.

פון דאַן אַן האָבען די דריי איינוואָהנער פון שלאָס געלעבט שטום און טרויעריג אין מורא'דיגע יסורים. זשאַננאַ'ס האָאַר, וועלכע זיינען געוועזען עטוואָס גרוי, זיינען איצט ווייס געוואָרען. און זי פלעגט טראַכטען און וואונדערען זיך, פאַרוואָס דער שיקזאַל איז אַזוי האַרט צו איהר. איין מאָל אין דער פריה האָט זי גע־קריגען אַ בריעף פון גלח טאָלביאַק:

גרעפין! גאָט'ס האַנד שטראָפט אייך שווער, איהר האָט איהם ניט געוואָלט געבען אייער קינד, איצט האָט ער איהם ביי אייך צוגענומען און אַ פּראָסטיטוטקע אין די אָרעמס אַריינגע־וואָרפען.

עפענען זיך ניט ביי אייך די אויגען אויף דעם דאָזיגען צייכען פון הימעל? גאָט'ס גנאָד איז אָהן גרענעצען, פיליכט וועט ער אייך מוחל זיין, ווען איהר וועט קומען און קניען פאַר איהם. איך בין זיין אונטערטעניגער קנעכט און וועל די טהירען פון זיין הויז פאַר אייך עפענען, ווען איהר וועט אין זיי אַנקלאַפּען.—

אַ צייט לאַנג איז זי געבליעבען זיצען מיט דעם בריעף אויף איהרע קניע. אפשר איז געוועזען אמת וואָס דער פּריעסטער האָט געשריעבען און איהר האַרץ איז צוריסען געוואָרען פון רעליגיעזער צווייפעל. קען דען גאָט זיין אַזוי ראַכע דורשטיג און אייפערזיכ־טיג, ווי די מענשען? אבער ווען ער זאָל זיך ניט ווייזען שטרענג

און ראָכע דורשטיג, וואָלט קיינער פאַר איהם ניט מורא האָבען און קיינער וואָלט צו איהם ניט בעטען. אום אַז די מענשען זאָלען איהם פאַרשטעהן, האָט ער געמוזט אַנעהמען זייערע געפיהלען און זייערע סענטימענטען, און די פייגער יאוש, די פערצווייפלונג, וועלכע טרייבט מענשען אין קירכע אַריין, האָט אַריינגעדרונגען אין איהר הארצען. איין אָבענד, ווען עס איז שוין פינסטער געוואָרען האָט זי זיך שטיל אַוועקגעגנב'עט צו דער קירכע איז געפאַלען אויף די קניע פאַר'ן מאָגערען פריעסטער און געבעטען מחילה אויף איהרע זינד.

דער גלח האָט איהר פערשפּראָכען אויף האַלב מוחל צו זיין, ווארום ער האָט ערקלעהרט, אַז גאָט קען ניט אויסשיטען אַלע זיינע חסדים אויף אַ הויז, וועלכע האָט אונטער איהר דאַך אַזאַ מענשען, ווי דער באַראָן:

— איהר וועט אין גיכען האָבען אַ צייכען פון גאָט'ס באַרמהערציגקייט.

און ווירקליך מיט צוויי טעג שפּעטער האָט זי ערהאַלטען אַ בריעף פון איהר זוהן. און אין איהר פערצווייפלונג, האָט זי דאָס אַנגענומען פאַר דעם ערשטען בעוויז פון גאָט'ס גנאַד.

„ליעבע מאַמע בעאונרוהיג זיך ניט וועגען מיר. איך בין אין לאָנדאָן, ביז געזונד און מוז נויטיג האָבען געלד. מיר האָבען ניט מעהר אַ גראָשען, און מאַנכע טעג פעהלט אונז פשוט אויף אַ שטיקעל ברויט.

די פרוי, וועלכע איז מיט מיר און וועלכע איך ליעב מיט מיין גאַנצען הארצען האָט אַלעס געאָפּפערט וואָס זי האָט נור פאַרמאָגט, אום מיך ניט צו פאַרלאָזען. פינף טויזענד פראַנק האָט זי אויף מיר אויסגעגעבען; און דו פערשטעהסט דאָך, אַז מיין עהרע פאָדערט, איך זאָל איהר דיעזע סומע צוריק אָבגעבען. אַלזאָ זיי אַזוי גוט און גיב מיר אין פאָראויס פינף טויזענד פראַנק אויף פּאַפּאַ'ס ירושה, ווייל איך בין דאָך שוין באַלד פול־יעהריג. דו וועסט מיר

דערמיט טהאָן אַ גרויסע טובה. אדיע, ליעבע מאַמאַ. איך קוש דיך הערצליך, ווי אויך דעם זיידען און טאַנטע ליזאַ. איך האָף דיך אין קורצען ווידער צו זעהן.

דיין זוהן,
גראַף פּאול דע־לאַמאַר.״

ער האָט צו איהר געשריעבען! ער האָט איהר אַלזאָ ניט פערגעסען! זי האָט גאָרניט געטראַכט וועגען דעם, אַז ער פאָדערט פון איהר געלד. אויב ער נויטיגט זיך, וועט זי דאָך איהם זיכער שיקען שטיצע. וואָס פאַר אַ בעטרעף האָט געלד! אבי נור ער שרייבט צו איהר!

וויינענדיג האָט זי געבראַכט דעם בריעף צום באַראָן. זיי האָבען געשיקט רופען טאַנטע ליזאַן און שורה נאָך שורה האָבען זיי געלעזען און יעדען וואָרט, יעדען זאַץ צוגליעדערט און ארומגערעדט.

זשאַננאַ, וועלכע האָט אַ וואָרף געטהאָן פון טיעפער פערצווייפלונג אין דער בעטרונקענהייט פון האָפנונגען, האָט זיך איינגעשמעלט פאַר איהר זוהן.

— ווי באַלד ער האָט אונז נור געשריעבען, וועט ער זיכער ווידער קומען צו אונז צוריק.

דער באַראָן האָט רוהיג געענטפערט:

— דאָס איז אַלץ איינס, ער האָט אונז אוועקגעוואָרפען צוליעב יענער ניעדעריגער פרוי, ער ליעבט זי אַלזאָ מעהר ווי אונז אַלע, און ער האָט אַ מינוט ניט געטראַכט, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו וועהלען צווישען איהר און אונז.

דאָס האָט פּלוצים געגעבען אַ שאַרפען שטאָך זשאַננאַ׳ן אין הארצען, און אַ האַס האָט זיך אין איהר ערוועקט צו דער דאָזיגער געליעבטער, וועלכע האָט אוועקגערויבט פון איהר די ליעבע פון איהר זוהן — אַ אונגעשטילטער, ווילדער האַס פון אַן אייפערזיכטיגער מוטער. ביז אַהער האָט זי נור געטראַכט וועגען פּאול׳ן,

זעלטען ווען איז איהר איינגעפאַלען, אַז אַ ניעדעריגע באַשעפעניש איז די שולד, וואָס ער האָט זיך דערוואַיטערט פון איהר; אַז זי האָט עם איהם אַראָבגעפיהרט פון וועג און איז פעראַנטוואָרטליך פאַר זיין שלעכטער אויפפיהרונג. אָבער דעם באַראָן'ס ווערטער האָבען פּלוצים געעפענט איהרע אויגען און געוויזען איהר די פאַטאַלע מאַכט פון יענער פרוי.

און זשאַננאַ האָט דערפיהלט, אַז צווישען איהר און יענער פרוי האָט זיך אָנגעהויבען אַ פערצווייפעלטער קאַמפּף פאַר פּאָול'ס ליעבע און אַז זי וועט איהר זוהן פערליערען אין גאַנצען איידער זיך טהיילען מיט יענער.

און איהר גאַנצע פרייד איז אַוועק.

זיי האָבען אַוועקגעשיקט פופצעהן טויזענד פראַנק און פינף מאָנאַטען נים געקריעגען קיין ענטפער אויף דעם.

דאַן איז אין שלאָס געקומען אַ בעאַמטער, אום איינצואָרדנען די איינצעלהייטען פון זשוליען'ס ירושה. זשאַננאַ און איהר פאָ־טער האָבען צוגעשטעלט אַלע חשבונות נים אַרויסרעדענדיג אפילו אַ וואָרט. זיי האָבען אפילו אָנגעגעבען די פּראָצענטען פון פאַר־מעגען, וועלכע האָבען אייגענטליך געהערט צו זשאַננאַ'ן.

פּאָול האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאַריז און האָט בעקומען הונדערט צוואַנציג טויזענד פראַנק.

דערנאָך זיינען אין צייט פון די נעקסטע זעקס מאָנאַטען פון איהם אָנגעקומען פיער בריעף. ער האָט זיי מיט עטליכע קורצע ווערטער געלאָזט וויסען פון זיין געזונד און די בריעף פלעגען זיך ענדיגען מיט אַ געמאַכטער צערטליכקייט. ער האָט אין זיי פער־זיכערט: „איך אַרבייט, איך האָב געקריעגען אַ גוטע שטעלע אויף דער בירזשע, איך האָף, אַז איך וועל אייך קענען בעזוכען אויף אַ פּאָאָר טעג אין פּאַפּעל־בוימער.“

ער האָט נים דערמאָנט אַ וואָרט פון זיין געליעבטער, און דאָס דאָזיגע שטילשווייגונג האָט גערעדט מעהר ווי לאַנגע בריעף. זשאַננאַ האָט געפיהלט צווישען די דאָזיגע אייזיגע שורעס דעם

איינפלוס פון דער ניעדעריגער פרוי, וועלכע בלייבט אויף אימער אַ שונא פון דער מוטער.

די דריי איינזאַמע מענשען האָבען זיך שוין לאַנג מיישב געווען וואָס זיי זאָלען טהאָן, אום צו ראַטעווען פאָול'ן פון איהרע הענד, אָבער זיי האָבען ניט געקענט קומען צו קיין ענטשיידונג.

— פאָהרען קיין פּאַריז? אָבער וואָס וועט עס העלפען?

דער באַראָן האָט געזאָגט:

— מיר מוזען אָבוואַרטען, ביז זיין ליידענשאַפט וועט אויס־בערבערענען, דאַן וועט ער אַליין מיט זיין אייגענעם ווילען קומען צוריק צו אונז.

זייער לעבען איז געווען אַ טרויעריגער. זשאַננאַ און ליזאַן זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין קירכע, אָבער זיי האָבען עס בעהאַל־טען פון דעם באַראָן. עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און זיי האָבען פון פאָול'ן קיין שום נאַכריכטען ניט בעקומען. און פּלוצים איז איין מאָל אַ אין דער פריה אָנגעקומען אַ פערצווייפעלטער בריעף, וועלכען זיי האָבען געלעזען מיט גרויס שרעק:

„ליעבע מאַמינקע! איך בין פערלאָרען; ווען דו העלפסט מיר ניט מוז איך זיך אַריינשיסען אַ קויל אין קאָפּ. אַ ספּעקולאַציע, פון וועלכער איך האָב ערוואַרטעט גרויסע פּראָפיטען איז דורכ־געפאַלען. איך בין שולדיג געבליבען פינף און אַכציג טויזענד פראַנק. ווען איך בעצאָהל עס ניט, בין איך ענטעהרט, רואינירט און קען זיך שוין מעהר קיין מאָל ניט אויפהויבען. אך בין פערלאָרען, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, איך וועל זיך בעסער אַריינשיסען אַ קויל אין קאָפּ אַריין, איידער איבערצולעבען אַזאַ שאַנדע. איך וואָלט עס אפשר שוין געטהאָן, ווען מיך וואָלט ניט אָבגעהאַלטען און ער־מוטיגט די פרוי, וועלכע איך דערמאָן קיינמאָל ניט אין מיינע בריעף, אָבער וועלכע איז געוואָרען מיין שוץ־ענגעל, מיין גוטער שטערן.

איך קוש דיר מיט'ן גאַנצען הארצען, טהייערע מאַמאַ! אפשר דאָס לעצטע מאָל! לעב וואָהל! דיין פּאָול“

פעק פון קאמערציעלע פאפירען, וועלכע זיינען אנגעקומען צוזאמען מיט'ן בריעף האבען געגעבען א גענויע ערקלעהרונג וועגען דער קאטאסטראפע.

דער באראן האט גלייך מיט דער צווייטער פאטשט געענט־פערט, אז זיי וועלען איהם העלפען. דאן איז ער אליין אוועקגע־פאהרען קיין האוור אום די זאך גענוי אויסצוגעפינען.

ער האט פער'משכנ'ט זיינע גיטער און דאס געלד איז גלייך אוועקגעשיקט געווארען קיין פאריז צו פאול'ן. דער יונגער מאן האט געענטפערט מיט דריי בריעף פון דאנקבארקייט, פול הייסער ליעבע, ער האט אין זיי אנגעזאגט, אז ער קומט גלייך די געליעבטע פערוואנדטע צו זעהן און צו זיין הארצען צו צודריקען.

ער איז ניט געקומען.

א יאהר איז אוועק.

זשאננא און דער באראן האבען שוין געוואלט אליין פאהרען צו איהם אין פאריז און מאכען א לעצטע פראבע איהם צו ברייננען אהיים, אבער דא האבען זיי געקריעגען פון איהם א בריעף, פון וועלכען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז ער איז ווידער אין לאנדאן צוליעב א נייער דאמפף שיף אונטערנעהמונג אונטער דער פירמע: פאול לאמאר און קאמפאניע. ער האט געשריעבען: איצט האב איך א זיכער'ן גליק אין מיינע הענד, אפשר א גרויסען רייכטהום. איך ריזיקיר מיט גארנישט. איהר קענט לייכט פערשטעהן, וואס פאר א גוטער געשעפט דאס איז. ווען איך וועל זיך מיט אייך ווידערזעהן, וועל איך מיר האבען געשאפען א שענע שטעלונג אין דער וועלט. היינטיגע צייטען קען מען אוועק ווייט נור אלס געשעפטסמאן.

אין דריי מאנאטען ארום האט די דאמפף שיף קאמפאניע באנקראטירט און דער דירעקטאר איז געשטעלט געווארען צום גע־ריכט פאר אונרעגעלמעסיגקייטען אין די ביכער פון דער פירמא.

זשאננא האט דערפון געקריעגען א נערווען אנפאל, וועלכע

האָט געדויערט עטליכע טעג און דערנאָך האָט זי זיך אָוועקגעלייגט אין בעט אַ קראַנקע.

דער באַראָן איז ווידער אַריבערגעפאָהרען קיין האַוור, האָט זיך עצות געהאַלטען מיט אַדוואָקאַטען, געשעפטסלייט, רעגיערונגס־בעאַמטע און האָט ענדליך אויסגעפונען, אַז די „דע־לאַמאַר קאָמ־פּאַניע" איז הינטערשטעליג געבליבען אויף צוויי הונדערט מיט פינף און דרייסיג טויזענד פראַנק און ער האָט ווידער אַ מאָל פאַר־משכּנ'ט זיינע גיטער. דער שלאָס, די פּאַפּעל־בוימער און די ביידע פאַכטען, וועלכע האָבען דערצו געהערט, זיינען פערמאַר־געדזשט געוואָרען אין אונגעהייער גרויסע סומען געלד.

איין אָבענד, ווען ער האָט אין ביוראָ פון זיין אַדוואָקאַט די לעצטע פּאַפּירען אונטערגעשריבען, האָט איהם געטראָפען אַן אַפּאָפּ־לעקסישער שלאָג.

אַ רייטער איז אַרויסגעפאָהרען אויף אַ פערד אַנצוזאָגען זשאַננאַ'ן די בשורה. ווען זי איז געקומען צו איהר פאָטער'ס בעט, איז ער שוין געווען טויט.

זי האָט געבראַכט זיין טויטען קערפּער אין די פּאַפּעל בוימער און איהר פערצווייפלונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט פאַר איהרע ליידען קיין אויסדרוק ניט געפונען. אַלעס אין איהר איז ווי פאַרשטיינערט, פערגליווערט געוואָרען.

דער פּריסטער טאָלביאַק האָט זיך ענטזאָגט צו בעערדיגען דעם באַראָן לויט די געבאָטען פון דער קירכע און עס האָט ניט גע־האָלפען קיין שום געבעט און געוויין פון די צוויי פרויען. ביינאַכט איז דער באַראָן בעערדיגט געוואָרען אָהן שום פייערליכקייטען.

פּאָול האָט דערהערט פון זיין זיידענ'ס טויט פון איינעם פון זיינע אַדוואָקאַטען. ער איז נאָך אַלץ געווען בעהאַלטען אין ענג־לאַנד. ער האָט אַנגעשריבען אַ בריעף און זיך ענטשולדיגט, פאַר־וואָס ער איז ניט געקומען צו דער לויה, ער האָט די נאַכריכט גע־קריגען צו שפּעט, און געענדיגט האָט ער זיין בריעף מיט די ווערטער: „איבעריגענס וועל איך איצט, נאַכדעם, ווי דו האָסט

מיר ארויסגעהאָלפען פון מיין גרויסען אונגליק, קענען צוריק קומען קיין פראנקרייך, און וועל דיך, מיין טייערע מוטער, אין גיכען בע־זוכען".

זשאננא איז געווען אזוי פערצווייפעלט, אז קיין זאך האט שוין איצט אויף איהר קיין איינדרוק ניט געקענט מאכען.

און ווען עס איז געקומען נאָהענט פון סוף ווינטער, האט מאנטע ליזאן, וועלכע איז שוין אלט געווען אכט און זעכציג יאהר, זיך שטארק פערקיהלט. פון דער פארקיהלונג האט זיך ענטוויקעלט א לונגען ענטצינדונג און זי איז איינגעשלאָפען אויף אויביג שטיל און רוהיג, מיט די ווערטער:

„מיין ארימע, קליינע זשאננא, איך וועל גאָט בעטען, ער זאָל זיך דערבארימען איבער דיר".

זשאננא איז נאָכגעגאנגען נאָכ'ן טויטען קאסטען. זי האט געזעהן, ווי מען האט איהר אין קבר אריינגעלאָזען, און מיט ערד פערשאָטען. און ווען זי איז אויפ'ן פרישען קבר צוזאמענגע־בראָכען, האט זי טיעף אין איהר הארצען געהאט איין וואונש — אויך צו שטארבען, אום ניט מעהר צו ליידען, ניט מעהר צו טראַכ־טען. א קרעפטיגע פויערטע האט זי אויפגעהויבען פון דער ערד און זי אוועקגעטראגען אויף די הענד, ווי א קליין קינד.

אין שלאָס האט זשאננא, וועלכע האט פינף נעכט נאָכאנאנד געוואכט ביים קראנקען בעט פון מאנטע ליזאן, געלאָזט דער אונ־בעקאנטער פויערטע, זי זאָל איהר אויסטהאָן און לייגען צו־בעט. פון אויסגעמאטערטקייט און יסורים איז זי אריינגעפאלען אין א טיעפען שלאָף.

אין מיטען נאכט האט זי זיך אויפגעכאפט. אויפ'ן קאמין האט געברענט א נאכט־לעמפעל, אויף א שטוהל איז געזעסען א פרוי און געשלאָפען. ווער איז עס געווען? זי האט זי ניט געקענט דערקענען. זי האט זיך אריבערגעבויגען איבער'ן ראנד פון בעט און זיך איינגעקוקט אין איהר ביים שיין פון לעמפעל. עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי האט איהר פנים שוין אמאל געזעהן.

אָבער ווען? וואו? די פרוי איז געשלאָפען גאַנץ רוהיג. דעם קאָפּ אויף די שולטערען אַנגעבויגען, איהר הייבעל איז אויף דר'ערד אַראָבגעפאַלען. זי האָט געמוזט אַלט זיין אַ יאָהר פיערציג — פינף־און־פיערציג, איז געווען געזונד, שטאַרק, מיט אַ געזונדער פאַרב אין פנים. איהרע הענד זיינען אַראָבגעהאַנגען פון ביידע זייטען פון שטוהל, איהרע האָאר זיינען געווען עטוואָס גרוי. זשאַננא האָט פון איהר ניט אַראָבגענומען די אויגען, נאָך אַבי־סעל צוטומעלט פון דעם שווערען שלאָף. האָט זי אויף איהר גע־קוקט און געקוקט. זי האָט זיכער דאָס פנים שוין אַמאָל געזעהן. אַמאָל, אָדער ערשט ניט לאַנג? דאָס האָט זי זיך ניט געקענט דערמאָנען און עס האָט איהר געפּלאָגט און נערווען געמאַכט. דאָס איז געווען די זעלבע פרוי, וועלכע האָט זי אויפגעהויבען פון ליזאָן'ס קבר אויפ'ן בית־עולם, זי געבראַכט אַהיים און דערנאָך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין. דאָס האָט זי זיך דערמאָנט, ווי אין אַ טומאַן.

אָבער האָט זי די דאָזיגע פרוי ניט בעגעגענט קיין מאָל פריי־הער? אָדער דוכט זיך איהר, אַז זי דערקענט אין איהר אַ פּער־זאָן, וועלכע זי האָט אַמאָל געקענט? און דאַן, ווי אַזוי איז זי גע־קומען דאָ אין צימער? צו וואָס?

די פרוי האָט געעפענט די אויגען, דערזעהן זשאַננאַ'ן און זיך שנעל אַ הויב געטהאָן. איצט זיינען זיי געשטאַנען איינע אַנט־קעגען דער אַנדערער אַזוי נאָהענט, אַז זיי האָבען זיך כמעט בע־ריהרט.

די אונבעקאַנטע האָט אויסגעברומט:

— וואָס? איהר שלאָפט ניט? איהר וועט זיך נאָך פער־קיהלען! לעגט זיך אַוועק צוריק אין בעט אַריין.

זשאַננא האָט געפרעגט:

— ווער זייט איהר?

אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט די פרוי געעפענט איהרע אָרעמס, זי אַ נעהם געטהאָן, אויפגעהויבען און מיט דער קראַפט

פון א מאן, זי ארייננעטראגען אין בעט. און בעת זי האט זי לאנג־זאם און צערטליך אויף די קישענס געלייגט, האט זי זיך איבער איהר אריבערגעבויגען און גענומען איהר קושען אויף די באקען, די האר, די אויגען און זיך בעגיסענדיג מיט טרעהרען, האט זי גע־שטאמעלט:

— מיין ארימע בעל־הבית'טע, מאמזעל זשאננא! מיין אונ־גליקליכע בעל־הבית'טע! דערקענט איהר מיך ניט?

און זשאננא האט א געשריי געטהאן:

— ראזאליע!

זשאננא האט זי ארומגעכאפט און געקושט. זיי האבען ביידע געשלוכצט איינע ביי דער אנדערער אויפ'ן האלז, גע־וויינט צוזאמען און ניט געקענט זיך אברייסען איינע פון דער אנ־דערער. ראזאליע איז געווען די ערשטע צו קומען צו זיך:

— נו, גענוג, בערוהיגט זיך. איהר מוזט זיין א מענש און זיך ניט פערקיהלען.

זי האט צורעכט געמאכט די דעקע, פעררירכט דעם ליילאך, אויסגעגלייכט די קישען פון איהר אמאליגער ווירטהין'ס צוקא־פענס. זשאננא האט נאך אלץ געשלוכצט, אויפגערעגט פון די אלע אלטע ערינערונגען, וועלכע האבען אין איהר נשמה ערוואכט. ענדליך האט זי געפרעגט:

— ווי אזוי ביזטו אהער צוריקגעקומען ראזאליע?

ראזאליע האט געענטפערט:

— וואס הייסט, איך האב אייך דען געדארפט איבערלאזען איצט איינע אליין. אין אייער עלענדקייט?

זשאננא האט געזאגט:

— מאך ליכטיג, איך זאל דיר קענען זעהן ווי עס בעדארף צו זיין.

ווען ראזאליע האט אוועקגעשטעלט די ליכט אויפ'ן נאכט־טיש, האט זי זי לאנג, לאנג בעטראכט, ניט רעדענדיג א ווארט.

דאַן האָט זשאַננאַ אויסגעשטרעקט די האַנד צו איהר אַלטער קאַמער־מײדעל און געפּליסטערט:

— איך װאָלט דיך בשום אופן ניט דערקענט, ליעבע ראָזאַ־ליע. דו האָסט זיך אַזוי פערענדערט! װײסטו? אָבער דאָך ניט אַזוי פיעל, װי איך!

און ראָזאַליע האָט אָנגעקוקט די מאַגערע פאַרװעלקטע פרוי מיט די װײסע האָאָר, װעלכע זי האָט אַמאָל פערלאָזען אַזאַ יונגע, אַזאַ שעהנע, אַזאַ פרישע און האָט געענטפערט:

— יאַ, מאַדאַם זשאַננאַ, איהר האָט זיך פערענדערט אַ סך מעהר, װי איהר האָט זיך געדאַרפט ענדערען פאַר אײערע יאָהרען; אָבער פערגעסט ניט, אַז עס איז שוין פיער־און־צװאַנציג יאָהר, זייט מיר האָבען זיך געזעהן.

זײ זײנען אויף אַ װײלע אַנשװײגען געװאָרען, בײדע אין זײערע געדאַנקען פערטיעפט. צום סוף האָט זשאַננאַ אויסגעמור־מעלט:

— ביזטו כאָטש גליקליך געװעזן, ראָזאַליע?

ראָזאַליע, װעלכע האָט מורא געהאַט צו ערװעקען שמערצליכע ערינערונגען אין איהר װירטהין׳ס האַרץ, האָט געענטפערט אוים־װײכענד:

— אַ, יאַ... געװיס... איך האָב זיך ניט װאָס צו בעקלאָגען, מאַדאַם. אויף יעדען פאַל בין איך געװעזן גליקליכער פון אײך. נור אײן זאַך האָב איך ניט געקענט פערגעסען, װאָס איך האָב פון דאַנען געמוזט אַװעק...

דאַן איז זי אַנשװײגען געװאָרען, װײל זי האָט ניט װילענדיג די פערגאַנגענהײט אָנגעריהרט. אָבער זשאַננאַ האָט געזאָגט מילד:

— דו װײסט, ראָזאַליע, עס געהט ניט אימער, װי מען װיל. דו ביזט אויך אַן אַלמנה, ניט אמת?

דאַ איז איהר בעפאַלען עפּעס אַ מין מורא און זי האָט גע־נומען ציטערען און מיט אַ פערשטיקט קול האָט זי װײטער גע־רעדט:

— האסטו נאך אנדערע... אנדערע קינדער?

— ניין, מאדאם!

— און ער... דיין זוהן? וואס איז פון איהם געווארען? ביזטו צופריעדען מיט איהם?

— יא, מאדאם! ער איז א גוטער יונג און א טיכטיגער ארבייטער. מיט זעקס מאנאטען צוריק האט ער חתונה געהאט, און ער וועט איבערנעהמען מיין הויף, ווייל איך וויל בלייבען דא, מיט אייך.

זשאננא האט געציטערט פאר אויפרעגונג און געפליסטערט:

— דו ווילסט, אלזא, בלייבען מיט מיר?

ראזאליע האט געענטפערט קורץ:

— געוויס, מאדאם. איך וועל אייך ניט איבערלאזען אזוי עלענד. איך האב שוין אלעס איינגעארדענט, אום צו קענען בליי־בען מיט אייך.

זיי זיינען ווידער אנשוויגען געווארען.

זשאננא האט געגען איהר ווילען גענומען פערגלייכען איהר לעבען מיט ראזאליע'ס, אבער אהן ביטערקייט אין הארצען. זי האט זיך איצט שוין געהאט צוגעוועהנט צו דער הארט־הערציגער גרויזאמקייט פון איהר שיקזאל.

זי האט געפרעגט:

— איז דיין מאן געווען גוט צו דיר?

— א, ער איז געווען א בראווער יונג, מאדאם, און ניט קיין פוילער. ער האט געארבייט פלייסיג און זיך גאנץ גוט ארויפגע־ארבייט. ער איז געשטארבען פון שווינדזוכט.

זשאננא האט זיך אוועקגעזעצט אין בעט. זי האט דערפיהלט א בעדערפניס אלעס גענוי צו וויסען:

— ראזאליע, איצט מוזטו מיר אלעס דערצעהלען, דיין גאנ־צען לעבען. היינט וועט עס מיר פערשאפען א סך פערגעניגען.

און ראזאליע האט צוגערוקט א שטוהל צום בעט און גענומען דערצעהלען פון איהר הויז, פון איהר פאמיליע, און דערביי דער־

מאַנט אַלערליי קליינינקייטען, וועלכע אינטערעסירען די פויערים. זי האָט בעשריבען איהר הויף, מאַנכעס מאָל געלאַכט איבער זאַכען, וועלכע זיינען געשעהן שוין לאַנג, לאַנג צוריק, אָבער וועלכע האָבען ביי איהר ארויסגערופען גליקליכע ערינערונגען און וואָס ווייטער זי האָט גערעדט, אַלץ העכער, מיט דעם קול פון אַ פרוי, וועלכע איז געוואוהנט צו קאָמאַנדעווען. ענדליך האָט זי ערקלעהרט:

— אַ, איך בין צו עפּעס געקומען, מיר פעהלט איצט קיין זאַך ניט!

דאַן איז זי ווידער געוואָרען פערלעגען און האָט עטוואָס שטילער צוגעלייגט:

— אָבער דאָס אַלעס האָב איך אייך צו פערדאַנקען. איך וועל דערפאר איצט ניט נעהמען ביי אייך קיין געהאַלט. ניין, ניין, בשום אופן ניט, און אויב איהר ווילט מיך ניט אַזוי, דאַן געה איך גלייך ווידער אוועק.

— זשאַננאַ האָט זיך אָבגערופען:

— אָבער, ראַזאַליע, דו וועסט דאָך ניט דינען ביי מיר אומזיסט?

— וואָס דען, איך וועל נעהמען ביי אייך געלד?

— ווי־זשע דען?

— אַ, ניין, מאַדאַם. איך בין איצט אפשר פונקט אַזוי רייך, ווי איהר. ווייסט איהר אַם וועניגסטענס, וואָס עס איז אייך פערבליבען פון אייער עשירות נאָך די אַלע מאַרטגיידזשעס, נאָך די פּראָצענט אויף פּראָצענט, וואָס איז אַנגעוואַקסען אויף די חובות, ווייל מען האָט קיינמאָל דעם פּראָצענט ניט געצאָהלט? ניין, איהר ווייסט ניט. נו, דאַן וועל איך אייך זאָגען, אַז איהר האָט אפילו ניט קיין איינקונפט פון צעהן טויזענד פראַנק אַ יאָהר, איהר פערשטעהט, ניט אפילו קיין צעהן טויזענד פראַנק! ווייסט איהר דאָס? אָבער איצט וועל איך שוין אויף דעם אכטונג געבען, און איך וועל דאָ שוין מאַכען אַ טאָלק גאַנץ שנעל.

זי האָט ווידער גערעדט מיט אַ הויכען טאָן, אויסער זיך פון

אלעס, וואס איז אין דער ווירטהשאפט פערנאכלעסיגט געווארען. וואס מען האט זשאננא'ן אזוי רואינירט, אזוי ארעם געמאכט. ווען זי האט גערעדט, האט זשאננא געשמייכעלט און איז געווען שטארק גערירט פון דער פריינדשאפט איהרער. אבער ראזאליע האט אויסגערופען מיט אימפעט:

— עס איז ניט קיין געלעכטער, מאדאם, נישטא דערפון וואס צו לאכען, דען אהן געלד איז דער מענש א גארנישט!

זשאננא האט ארייגענומען איהרע הענד און זיי געהאלטען א היבשע ווייל. דאן האט זי געזאגט לאנגזאם, בעהערשט פון דעם געדאנק, וואס האט זי נאכאנאנד פערפאלגט:

— אך, איך האב גאר קיין גליק ניט געהאט אין מיין לעבען. אלעס איז ביי מיר געגאנגען נישט ווי עס דארף צו זיין. דער גרויזאמער שיקזאל האט מיך נאכאנאנד פערפאלגט.

ראזאליע האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ:

— איהר דארפט אזוי ניט רעדען, מאדאם, ניין, איהר טארט ניט. איהר זייט געווען אונגליקליך פערהייראט, דאס איז אלעס, אבער דאס איז געווען אייער אייגענע שולד. מען געהט ניט חתונה האבען מיט א מענשען, ווען מען קען איהם ניט גענוי, אזוי ווי איהר האט חתונה געהאט.

און זיי האבען ווייטער גערעדט פון זייערע אנגעלעגענהייטען, ווי צוויי אלטע פריינדינען.

ווען די זון איז אויפגעגאנגען, האבען זיי נאך אלץ גערעדט.

XII.

אין צייט פון אכט טאג האט ראזאליע ארייגענומען אין איהרע הענד די הערשאפט איבער אלעס אין שלאס און אפילו איבער זיינע בעוואהנער.

זשאננא האט איהר אלעס אליין איבערגעגעבען און איהר גע־

פאַלגט אַלעס, וואָס ראַזאַליע האָט נור געהייסען. שוואַך און איין פוס נאָכשלעפּענדיג נאָך זיך, ווי אַמאָל די מוטער, איז זי געגאַנגען שפּאַצירען איבער דער אַלעע, אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָרעם פון איהער דיענערין. און ראַזאַליע האָט זי בעשיצט, געטרייסט, אַמאָל אויסגעזידעלט, אַמאָל אויפגעמונטערט און זי אימער בעהאַנדעלט מיט ליעבע, מיט צערטליכקייט, ווי אַ קראַנקע קינד.

זיי האָבען גערעדט פון אַמאָליגע צייטען, זשאַננאַ — מיט טרעהרען אין קול, ראַזאַליע — אין אַ רוהיגען טאָן, ווי עס רעדען די פויערים.

אייניגע מאָל האָט ראַזאַליע פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען די פּראָצענטען, וועלכע זיינען פעליג אויף די הלואות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען און אויף וועלכע עס וואַקסען אַז פּראָצענט אויף פּראָצענט. זי האָט אָנגעהויבען צו פאָדערען, אַז די פּאַפּיערען, וועלכע זשאַננאַ האָט פון איהר געהאַלטען פערשטעקט, שעהמענדיג זיך צו ווייזען איהר וועגען פּאָול'ס מעשים, זאָלען איהר איבערגעגעבען ווערען, אָבער טאַקע גלייך, נישטאָ מעהר וואָס צו וואַרטען.

אַ וואָך נאָכאַנאַנד איז ראַזאַליע יעדען טאָג געפאָהרען אין שטעדטעל, אין פעקאַמפּ; זי האָט דאָרט געקענט אַ נאָטאַריוס און האָט זיך מיט איהם עצות געהאַלטען. ער האָט איהר געמוזט ערקלעהרען וועגען די אַלע פערשיעדענע פּאַפּיערען, וועגען די געזעצליכע און געשעפטליכע פונקטען, וואָס זי האָט ניט גאַר פערשטאַנען.

דאַן, איין אָבענד, ווען זי האָט איהר ווירטהין שלאָפען געלעגט, האָט זי זיך געזעצט צו־פוסען פון איהר בעט און געזאָגט קורץ:

— אַט אַזוי, מאַדאַם, איצט ליגט איהר רוהיג, טאָ לאָמיר זיך דורכרעדען.

און זי האָט איהר גענוי ערקלעהרט איהר לאַגע. נאָכדעם, ווי אַלעס זאָל רעגולירט ווערען, וועט איבערבלייבען אַז ערד פון זיעבען ביז אַכט טויזענד פראַנק אַ יאָהר איינקינפטע, מעהר ניט.

זשאַננאַ האָט געענטפערט:

— יאַ, אָבער דו ווייסט, ראָזאַליע, איך פיהל, אַז איך וועל שוין סיי־ווי־סיי לאַנג ניט ציהען. און פאַר די עטליכע יאָהר, וואָס זיינען מיר נאָך פערבליבען, וועט זיין גענוג וויפיעל איך האָב.

ראָזאַליע איז געוואָרען בייז:

— פאַר אייך, מאַדאַם, וועט אפשר זיין גענוג, דאָס איז מעגליך, אָבער וואָס וועט זיין מיט הערר פּאול? איהם ווילט איהר גאָרנישט איבערלאָזען?

זשאַננאַ האָט זיך גענומען טרייסלען:

— איך בעט דיך, רעד מיר ניט פון איהם, עס טהוט מיר צו־פיעל וועה!

— אין געגענטהייל, מאַדאַם, גראַדע פון איהם מוז איך מיט אייך רעדען, ווארים ווי איך זעה, האָט איהר קיין מוטה ניט. עס איז אמת, ער איז צולאָזען, ער האָט געטהאָן אַ סך נאַרישקייטען, אָבער אימער וועט ער דאָך אַזוי ניט זיין. ער וועט נאָך קומען צו זיך, וועט אמאָל חתונה האָבען, וועט האָבען קינדער און עס קאָסט געלד זיי צו ערציהען. הערט וואָס איך זאָג אייך, די פּאַ־פּעל־בוימער מוזט איהר פערקויפען.

זשאַננאַ איז פערציטערט געוואָרען און האָט זיך אַ הויב גע־טהאָן אין בעט:

— די פּאַפּעל־בוימער פערקויפען? ווי קענסטו גאָר דענקען דערפון! דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין, קיינמאָל ניט!

אָבער ראָזאַליע האָט זיך ניט געלאָזט איבערשפּארען:

— איך זאָג אייך, איהר וועט עס פערקויפען מאַדאַם, איהר מוזט עס פערקויפען!

און זי האָט איהר אָנגעהויבען צו ערקלעהרען איהרע פּלענער. ווען עס זאָל געלינגען צו פערקויפען די פּאַפּעל־בוימער און די צוויי פּאַכטען, וואָס געהערען צום שלאָס, צו אַ גוטען קויפער, דאַן וועט מען קענען איינהאַלטען די פיער פּאַכטען אין סיינט לעאָנאַרד. בעפרייט פון אַלע מאָרטגיידזשעס וועלען זיי קענען

אריינבערעכענען אכט טויזענד דריי הונדערט פראנק אַ יאָהר איינ־קונפט.

זי האָט איהר דערנאָך געגעבען אַ וויטערען חשבון, ווי מען זאָל זיך בעגעהן מיט דעם דאָזיגען איינקונפט. דרייצעהן הונ־דערט פראנק דאַרף מען אָבלעגען יעדען יאָהר פאַר רעמאָנטירען און ווירטהשאַפטען מיט די פאַכטען. דאַן וואָלט בלייבען זיעבען טויזענד פראנק אַ יאָהר. פון דיעזע וועט פינף טויזענד פראנק אוועקגעהן יעהרליך אויף הוצאות צום לעבען, און צוויי טויזענד וועט מען קענען אָבלעגען אויף אַ שלעכטע צייט.

זי האָט צוגעלייגט:

— דאָס איז אַלעס, וואָס מען קען נאָך ראַטעווען. ווייטער איז אַלעס פערפאַלען, פערלאָרען. קיין איין סו קען מען ניט ארויסבעקומען פון די גאנצע עשירות, וואָס איהר האָט אַמאָל פער־מאָגט. און דאַן זאָלט איהר וויסען, אַז די שליסלען פון אַלעס קריג איך, און מאַסיע פּאָול גאַרנישט, אָבער ניט אַ סו מעהר; ער וועט אייך נאָך בערויבען ביז'ן לעצטען גראָשען.

זשאַננאַ האָט שטיל געוויינט און געפּליסטערט:

— אָבער טאָמער האָט ער ניט וואָס צו עסען?

— דאַן וועט ער קומען עסען צו אונז, ווען ער איז הונגעריג. אַ בעט און אַ טעלער זופּ וועט ער אימער קריגען. דענקט איהר, אַז ער וואָלט געטהאָן די אַלע נאַרישקייטען זיינע, ווען איהר וואָלט איהם ניט געגעבען קיין געלד פון אָנהויב אָן?

— אָבער ער האָט געהאַט חובות, דאָס וואָלט איהם געקאָסט זיין עהרע.

— דענקט איהר, אַז ווען איהר וועט זיין אָרעם און וועט שוין מעהר גאַרנישט האָבען, וועט דאָס איהם אָבהאַלטען פון צו מאַכען חובות? איהר האָט בעצאָהלט פאַר איהם, דאָס איז שוין רעכט! אָבער גענוג, מעהר וועט איהר פאַר איהם ניט צאָהלען, דאָס זאָג איך אייך, מאַדאַם. און איצט שלאָפט געזונדערהייד. אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם!

און זי איז ארוים פון צימער.

זשאננא האָט ניט געקענט שלאָפען. דער געדאַנק, אז מען וועט פערקויפען די פאפעל־בוימער און זי וועט מוזען פערלאָזען דאָס הויז, וואו זי האָט פערבראכט איהר גאנץ לעבען כמעט, האָט זי ניט געלאָזט רוהען.

אויף מאָרגען, ווען ראזאליע איז אין איהר צימער אריין, האָט זשאננא געזאָגט:

— מיין אָרימע ראזאליע, איך וועל קיינמאָל ביי זיך ניט קענען פועל'ן צו פערלאָזען די פאפעל־בוימער.

אָבער די פרוי איז געוואָרען בייז:

— איהר וועט דאָך אָבער מוזען, מאדאם. דער נאָטאריוס קומט באַלד צו פאָהרען מיט אַ מאַן, וועלכער וויל קויפען דעם שלאָס. אויב איהר פערקויפט איהם איצט ניט, וועט ביי אייך קיין גראָשען ניט בלייבען ביי לייב און זעעל אין צייט פון פיער יאָהר.

אָבער זשאננא האָט פאר איינס גע'טענה'ט:

— איך קען ניט! איך קען ניט!

אין אַ שטונדע ארום האָט איהר דער בריעף־טרעגער געבראַכט אַ בריעף פון פאול'ן, וועלכער האָט ווידער פערלאַנגט צעהן טויזענד פראנק. וואָס טהוט מען? אַ פערצווייפעלטע האָט זי אָנגעקוקט ראזאליען, וועלכע האָט געצוקט מיט די אקסלען:

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט, מאדאם? איהר וואָלט געמאַכט פון זיך אַ שעהנעם תכלית, ווען איך זאָל דאָ ניט זיין.

און זשאננא האָט פערבויגען איהר ווילען אונטער דעם פון איהר דיענערין און געענטפערט דעם יונגען מאַן:

„ליעבער זוהן, איך קען דיר מעהר גאַרנישט העלפען. דו האָסט מיך רואינירט, איך בין זאָגאַר געצוואונגען צו פערקויפען די פאפעל־בוימער. אָבער פערגעס קיינמאָל ניט, אז דו וועסט אימער געפינען אַ היים ביי דיין אַלטער מוטער, וועלכער דו האָסט אזוי פיעל יסורים פערשאַפט".

ווען דער נאָטאַריוס איז אָנגעקומען מיט מאַסיע זשעאַפּראַז, אַ געוועזענעם צוקער־פּאַבריקאַנט, האָט זי די מענער אליין עמפּ־פאַנגען און זיי געבעטען, זיי זאָלען אלעם גענוי בעטראַכטען.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי אונטערגעשריבען דעם קאָנט־ראַקט, אַז זי פערקויפט דעם שלאָס און אין דער זעלבער צייט האָט זי געקויפט אַ קליין הייזעל אין מאַנטווויליער, נעבען דער שטעד־טעל פון באַטעוויל. דאַן איז זי ביז שפּעט אין אַבענד געגאַנגען איינע אליין שפּאַציערען אין דער מוטער אלעע, מיט אַ צוריסע־נעם האַרצען און טיעפער פערצווייפלונג. שלוכצענדיג האָט זי זיך בעגעגענט מיט די בוימער, מיט דעם ווייטען, שעהנעם אויס־זיכט, מיט דער אלטער צופוילטער באַנק אונטער דער פּלאַטאַנע, און די אלע זאַכען, וואָס זי האָט אַזוי גוט געקענט און צו וועלכע זי איז געווען אַזוי צוגעוועהנט; דעם וועלדעל, דעם גראָבען פאַר דער לאַנקע, נעבען וועלכען זי איז אַזוי אָפט געזעסען און פון וואַנען זי האָט עס דאַן נאָכגעקוקט דעם גראַף פאַרוויל אין יענעם שרעקליכען טאָג פון זשוליען'ס טויט. זי האָט זיך אָבגעזעגענט מיט אַן אלטען אונטערגעהאַקטען בוים, אויף וועלכען זי האָט זיך אָפט אָנגעשפּאַרט, מיט דעם דאָזיגען גאַנצען ליעבען אלטען גאָרטען.

ראַזאַליע האָט זי אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און זי געצוואונגען אין הויז אַריינצוגעהן.

פאַר דער טהיר האָט געוואַרט אַ הויכער פויער, פון אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג, וועלכער האָט זי פריינדליך בעגריסט, ווי ער וואָלט זי געקענט שוין פון לאַנג אָן.

— גוטען טאָג, מאַדאַם זשאַננאַ, פיהלט איהר זיך גוט? די מוטער האָט מיר געהייסען קומען אַריבערצופיהרען אייערע זאַכען. איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס איהר ווילט מיטנעהמען. איך וועל די זאַכען אַריבערנעהמען ביסלעכווייז, אום עס זאָל מיר ניט שטערען צו טהאָן מיין פעלד־אַרבייט.

דאָס איז געווען דער זוהן פון איהר דיענסט, זשוליען'ס זוהן פּאָול'ס ברודער.

עס האט זיך איהר געדאכט, אז איהר הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפען און ס'האט זיך איהר געוואלט ארומנעהמען און צודרי־קען צו זיך דיעזען יונגען מאן. זי האט איהם אנגעקוקט און גע־זוכט אין איהם א עהנליכקייט צו איהר מאן אדער איהר זוהן. ער איז געווען א געזונדער יונג, מיט רויטע פארב אין פנים, מיט בלאנדע האאר און בלויע אויגען, ווי זיין מוטער, און דאך האט ער אויס־געזעהן עהנליך צו זשוליען. אין וואס איז בעשטאנען די דאזיגע עהנליכקייט? דאס וואלט איהר שווער געווען צו זאגען. אבער עפעס איז געווען אין זיין גאנצער געשטאלט, וואס האט דער־מאנט אן זיין פאטער.

ער האט געזאגט:

— ווען איהר וואלט מיר איצט געקענט ווייזען די זאכען, וואלט עס מיר געווען זעהר אנגענעהם.

אבער זי האט נאך ניט געוואוסט, וואס זי וועט מיטנעהמען, ווייל איהר נייע הויז איז געווען זעהר קליין און זי האט איהם גע־בעטען, ער זאל אריינקומען נאך אמאל צום סוף פון וואך.

איצט האט זי זיך פערנומען מיט דעם אריבערקלייבען און אין איהר טרויעריגען, איינזאמען לעבען איז דאס געווען א צייט־פערטרייב. זי איז געגאנגען פון איין צימער אין אנדערען נאכ־קוקען די שטיקער מעבעל, וועלכע האבען אין איהרע געדאנקען ארויסגערופען געוויסע עראינערונגען, יענע אונז טהייערע מעבעל, וואס בעדייטען א שטיק פון אונזער לעבען, וועלכע זיינען גע־ווארען כמעט א טהייל פון אונז אליין; זאכען, וואס מיר קענען פון קינדהייט אן און מיט וועלכע עס זיינען פערבונדען עראי־נערונגען פון פריידען און ליידען, וועלכע דערצעהלען אונזער גאנצע לעבענס־געשיכטען. זיי, די דאזיגע שטומע חברים פון אונזערע פרעהליכע און טרויעריגע שטונדען, וועלכע האבען זיך געעלטערט צוזאמען מיט אונז און זיינען געווארען אבגענוצט און אבגעבליא־קירט.

איין שטיק נאך דעם אנדערען האט זי אויסגעקליבען. יעדע

ווײלע איז זי ווידער צוריקגעקומען, און געוואויגען, און געמאסטען יעדעס שטיק מעבעל בעזונדער און האט ניט געקענט בעשליסען, וועלכעס זי זאל נעהמען.

זי האט געעפענט אלע שופליאדען, האט אלעס גוט ארומגע־קוקט און זיך געזוכט צו דערמאנען אלעס, וואס איז פערבונדען מיט יענעם געגענשטאנד און ווען זי האט זיך ענדליך ענטשלאסען עס מיטצונעהמען, האט מען עס ארײנגעטראגען אין עס־צימער.

זי האט געוואלט האבען אלע מעבעל פון איהר שלאף־צימער, איהר בעט, די גאבעלינס, דעם קאמין־זײגער, אלעס, אלעס.

זי האט אבגעקליבען עטליכע שטיק מעבעל פון סאלאן, וועל־כע זי האט ליעב געהאט פון קינדהייט אן פאר די ציכנונגען אויף די שטאפען: דער פוקס און דער שטארק, דער פוקס און די ראב, די מוראשקע און דער היישעריק.

און ווען זי האט שוין איבערגעקוקט יעדע ווינקעלע פון דעם הויז, וועלכען זי האט געמוזט פערלאזען און איז שוין געווען מיט אלעס פערטיג, איז זי איין טאג ארויף אויפ'ןביידעם.

זי האט זיך אבגעשטעלט אויפ'ן שוועל אן ערשטוינטע: א גאנצע מאסע זאכען זיינען דארט געלעגען, מאנכע צובראכענע, אנדערע פערשטויבטע און ווידער אנדערע גאנצע, וואס זיינען שוין מעהר ניט געפעלען און מען האט אויף זייער פלאץ נייע געקויפט.

זי האט געפונען א גאנצע מאסע קלײניגקײטען, וועלכע זי האט אמאל געליעבט, זאכען, וועלכע זיינען געווען ארום איהר שוין זייט פופצעהן יאהר, וועלכע זי האט אבער עפעס פריהער קיינמאל ניט בעמערקט און, דערזעהן זיי איצט, זיינען זיי איהר פלוצים טהייער געווארען, ווי ווידער־געפונענע אלטע פריינד. זיי האבען אויף איהר געמאכט דעם איינדרוק, ווי יענע אלטע לייט, מיט יוע־מען מען פערקעהרט א צייט לאנג, הגם זיי ווארפען זיך קיינמאל ניט אין די אויגען און פלוצים, גאנץ אונערווארטעט, הויבען זיי אמאל

אַז צו רעדען און עפענען אויף זייער גאַנצע נשמה, פון וועלכע מען האָט פריהער קיין אהנונג ניט געהאַט.

פון איין זאַך צו דער אַנדערער איז זי געגאַנגען, בעוועגט און געריהרט, און האָט אַלץ געמורמעלט, עראינערענדיג זיך וועגען יעדער זאַך בעזונדער:

— אָט די דאָזיגע כינעזישע טעצעל האָב איך דאַך צובראָכען איין מאָל אַן אָבענד, עטליכע טעג פאַר מיין חתונה! און דאָ איז דער מאַמעניו'ס קליינע לאַנטערנע און פּאַפּאַ'ס שטעקען, וועלכען ער האָט אַמאָל צובראָכען, וועלענדיג עפענען די וואַראַנדע-טהיר, וואָס איז געווען אַנגעשוואָלען פון רעגען.

דאָ זיינען אויך געווען אַ גאַנצע מאַסע זאַכען, וועלכע זי האָט גאָרניט געקענט, וועלכע האָבען נאָך הפנים געשטאַמט פון איהרע אור-עלטערען. פערשטויבטע זאַכען, פאַר וועלכע עס איז שוין אין איהרע יאָהרען קיין פּלאַץ און קיין צייט ניט געווען. זאַכען, וועמעס געשיכטע עס איז קיינעם ניט געווען בעקאַנט, ווייל די, וואָס האָבען זיי געקויפט, וואָס האָבען זיך מיט זיי אינטע־רעסירט, זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען.

קיינער האָט שוין ניט געקענט די מענשען, וועלכע האָבען די דאָזיגע זאַכען אויסגעזוכט און ליעב געהאַט; קיינער האָט ניט געקענט די האַנד, וואָס האָט זיך מיט זיי בענוצט און די אויגען, וועלכע האָבען מיט פערגעניגען אויף זיי געקוקט. אָבער זשאַננאַ האָט געהאַט עפּעס אַ בעזונדער הנאה אין אַנקוקען די דאָזיגע זאַ־כען, אַנריהרען די מיט שטויב בעדעקטע עדות פון דער ווייטער פערגאַנגענהייט

אַ לאַנגע צייט איז זי געשטאַנען אין דיעזען וואונדערליכען בוידעם, אונטער דעם מאַטען שיין, וועלכער האָט אריינגעדרונגען דורך די דאַך-פענסטערלאַך. זי האָט אויפמערקזאַם בעטראַכט שטוהלען אויף דריי פיסלאַך, האָט געזוכט צו דערמאָנען זיך עפּעס וועגען זיי און אַ גאַנצע מאַסע פערשיעדענע קיך-געשיער האָט זי בעטראַכט.

דאַן האָט זי צוזאַמענגעשטעלט אין איין הויפען אַלע זאַכען. וועלכע זי האָט געוואָלט מיטנעהמען אין דער נייער דירה און איז אַראָבגעגאַנגען צו ראַזאַליען זאָגען, אַז זי זאָל זיי אַראָבטראָגען. ראַזאַליע איז געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס און האָט זיך ענט־זאָגט מיטצושלעפּען די אַלטע שמאַטעס.

אָבער זשאַננאַ, וועלכע האָט אַזוי גאָר קיין ווילען ניט געהאַט. האָט זיך דאָס מאָל איינגעשפּאַרט און ראַזאַליע האָט איהר געמוזט נאָכגעבען.

איין פריה־מאָרגען איז דער יונגער דעניס לעקאַק, זשוליען'ס זוהן, צוגעפאָהרען מיט אַ וואָגען און האָט אַוועקגעפיהרט די ערשטע זאַכען. ראַזאַליע איז מיט איהם מיטגעפאָהרען, כדי אַכטונג צו געבען, אַז מען זאָל די מעבעל אַוועקשטעלען אויף אַן אָרט.

זשאַננאַ איז געבליבען אַליין. זי האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די צימערען פון שלאָס שרעקליך פערצווייפעלט. מיט איבערטריבענער צערטליכקייט האָט זי אַרומגעכאַפּט און געקושט אַלעס, וואָס זי האָט ניט געקענט מיטנעהמען: די גרויסע פויגעל אויף די ווענד פון סאַלאָן, די אַלטע ביכער, אַלעס אויף וואָס איהר בליק איז געפאַלען; פון איין צימער איז זי אין אַנדערען געלאָפען. מיט טרעהרען אין די אויגען און פערצווייפלונג אין האַרצען.

דאַן איז זי אַוועק צום ים זיך מיט איהם צו זעגענען.

עס איז געווען ענדע סעפּטעמבער. די גרויסע וואָלקענס זיי־נען געהאַנגען ניעדעריג אויפ'ן הימעל און עס האָט זיך געדאַכט. אַז אָט־אָט פאַלען זיי אויף דר'ערד אַרונטער.

ווי ווייט דאָס אויג האָט נור געקענט כאַפּען, האָט זיך גע־צויגען דער גרויער, פערנעבעלטער ים. ביים ראַנד פון'ם פעלזיגען באָרג איז זשאַננאַ אַ לאַנגע צייט געבליבען שטעהן און טרויעריגע געדאַנקען האָבען געמאַטערט איהר מח.

ווען עס איז נאַכט געוואָרען האָט זי זיך צוריק אין שלאָס אומגעקעהרט און אין דיעזען טאָג האָט זי אַזוי פיעל געליטען.

איהר הארץ איז אזוי צוריסען געווארען פון בענקעניש און טרויער. ווי נאך קיינמאל ניט אין איהר גאנצען טרויעריגען לעבען.

ראזאליע האט שוין געהאט אהיים געקומען און האט אויף איהר געווארט. זי איז געווען זעהר צופריעדען מיט דער נייער הויז און האט בעהויפטעט, אז דארט איז פיעל פרעהליכער, היימ־ליכער, ווי דא, אין דעם גרויסען קאסטען, וועלכער געהט אפילו ניט ארויס צו דער גאס.

זשאננא האט אבגעוויינט דעם גאנצען אבענד.

זייט די פויערים האבען געוואוסט, אז דער שלאס איז פער־קויפט געווארען, האבען זיי זיך אויף זשאננא'ן גאנץ ווייניג ארומ־געקוקט. אונטער די אויגען פלעגען זיי זי רופען „די משוגענע", אליין ניט וויסענדיג קלאהר פאר וואס זיי רופען זי אזוי, וואהר־שיינליך, ווייל זיי האבען זיך אינסטינקטיוו אנגעשטויסען אויף איהר קראנקהאפטע סענטימענטאליטעט, אויף איהרע טרוימע־רייען, וועלכע זיינען זיי פרעמד און אונפערשטענדליך געווען.

א טאג פאר איהר אבזייזען פון שלאס, איז זי צופעליג אריין אין שטאהל. א טרויעריגער סקאווימשען האט זיך צו איהר דער־טראגען און זי האט זיך פון דעם א טרייסעל געטהאן. דאס איז געווען מאססאקר, אז ווענען זי האט אין גאנצען פערגעסען אין די לעצטע טליבע מאנאטען. בלינד און געלעהמט, אין אן עלטער, צו וועלכען א הונד דערלעבט זעלטען ווען, האט ער נאך געזשיפעט, ליגענדיג אויף שטרוי, וואו די קעכין לודווינע האט אויף איהם ניט פערגעסען און פלעגט איהם צוברענגען עסען.

זשאננא האט גענומען דעם אלטען, קראנקען הונד אויף די הענד, האט איהם געקושט און אריינגעטראגען אין הויז. ער איז געווען שווער און האט זיך קוים געקענט האלטען אויף די פיס און האט נאכאנאנד געהאוקעט, ווי די הינד פון טאוועל געמאכט, וועל־כע מען גיט די קינדער זיך צו שפיעלען.

ענדליך איז דער לעצטער טאג אנגעקומען. זשאננא האט גע־שלאפען אין זשוליען'ס צימער, ווארים איהר אייגענער שלאף־

צימער איז געווען לעדיג, אָהן מעבעל. אויפגעשטאַנען איז זי אַ מיעדע, מיט אַ שווערען אָטהעם, ווי זי וואָלט געקומען צולויפען פון אַ לאַנגען מאַרשרוט.

דער וואַגען, אָנגעלאַדען מיט קאַסטענס און מיט די איבעריגע מעבעל, איז שוין געשטאַנען אין הויף. אַ וועגעל אויף צוויי רעד־לאַך איז צונעשפּאַנט געוואָרען פון הינטען און אין איהם האָבען זיך געדאַרפט אַריינזעצען די מאַדאַם און די דיענערין.

דער אַלטער סימאָן און די קעכין לודווינע האָבען נאָך גע־זאָלט בלייבען אין שלאָס, ביז דער נייער בעל־הבית וועט זיך אַריינ־קלייבען, דאַן וועלען זיי אַוועק וואָהנען ערגעץ וואו מיט זייערע קרובים. זשאַננאַ האָט זייביידען בעזאָרגט מיט אַ קליינע פּענסיע. אַ חוץ דעם האָבען זיי געהאַט אַביסעל אייגענע אָבגעשפּאָרטע געלד. זיי זיינען שוין איצט געווען זעהר אַלט און האָבען ווענינ געטויגט צו דער אַרבייט. מאַריוס, וועלכער האָט חתונה געהאַט, האָט שוין פון לאַנג פערלאָזען דעם שלאָס.

אַ זייגער אַכט האָט אָנגעהויבען צו רעגענען; אַ דראָבנער, אייזיגער רעגען, וועלכען אַ לייכטער ים־ווינד האָט אַהער פער־טריבען. זיי האָבען געמוזט פערציהען דעם וואַגען מיט רעקעם איבער'ן קאָפּ. די בלעטער זיינען שוין געפאַלען פון די בוימער אַרונטער.

אויפ'ן טיש אין קיך זיינען געשטאַנען טאַססען מיט קאַפע. זשאַננאַ האָט זיך געזעצט און שטיל אויסגעזופּט איהר טאַסס קאַפע, דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

— לאָמיר געהן!

זי האָט אָנגעטהאָן איהר הוט, אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דעם שאַל, און בעת ראָזאַליע האָט איהר אָנגעטהאָן די קאַלאָשען, האָט זי צו איהר געזאָגט:

— ראָזאַליע, געדענקסטו נאָך, ווי עס האָט גערעגענט, ווען מיר זיינען פון רועז אַהער געפאָהרען?

דאַ האָט איהר אָנגעכאַפּט אַ מין קראַמפּף. זי האָט צוגע־

דריקט ביידע הענד' צו איהר ברוסט און איז געפאַלען צו דער ערד אין חלשות.

איבער אַ שטונדע איז זי געבליבען ליגען אָהן אַ בעוואוסטזיין, ווי אַ טויטע. דאַן האָט זי געעפענט די אויגען, איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך פערוואָרפען פון קאָנוואולסיעס און זי האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

ווען זי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט זי זיך געפיהלט אזוי שוואַך, אַז זי האָט זיך ניט געקענט אויפהויבען פון פּלאַץ. אַבער ראַזאַליע, וועלכע האָט מורא געהאַט פאַר נייע אַנפאַלען, ווען מען זאָל די רייזע אַבלייגען, האָט אַ רוף געטהאָן איהר זוהן. זיי האָבען זי אויפגעהויבען, זי ארונטערגעטראָגען און אריינגעטראָגען אין וואָגען אויף דער הילצערנער באַנק מיט דער לעדערנער קישען. די אַלטע דיענערין, וועלכע איז צו זשאַננאַ'ן אין וואָגען אריין, האָט איהר די פיס אין אַ דעקע איינגעוויקעלט, אַ וואַרימען מאַנטעל איהר אויפ'ן פּלייצע ארויפגעוואָרפען און אויפגעעפענט אַ רעגען־שירעם איבער איהר קאָפּ, האָט זי אַ געשריי געטהאָן:

— שנעל, דעניס, מיר פאָהרען!

דער יונגער מאַן האָט ארויפגעקלעטערט אויף די קאָזלעס, געגעבען אַ שמיץ דעם פערד און ער האָט זיך אַ טראָג געטהאָן אין פאַראויס, טרייסלענדיג די פוהר און ביידע פרויען אינעווייניג.

ווען זיי זיינען געקומען צום עק פון דאָרף, האָבען זיי דערזעהן אימעצען ארומגעהענדיג הין און צוריק איבער'ן וועג. דאָס איז געווען דער גלח טאָלביאַק, וועלכער האָט אויף זייער אַבפאָהרען מיט אַ כיון געוואַרט.

ער האָט זיך אַבגעשטעלט, כדי דורכצולאָזען דעם וואָגען. ער האָט אונטערגעהאַלטען די פּאָלעס פון זיין שוואַרצען קיטעל, מורא האָבענדיג, ער זאָל זיך ניט פערשלומפּערן אין בלאָטע און זיינע דינע פיס און שוואַרצע זאָקען האָבען געשטעקט אין גרויסע, שמוציגע שיך.

זשאַננאַ האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען, אום זיין בליק ניט

צו טרעפען. אבער ראזאליע, וועלכע האט אלעס געוואוסט, איז געוואָרען מלא רציחה און א שטופּ טהוענדיג איהר זוהן, האט זי אויסגעברומט:

— אזא לומפּ! אזא לומפּ! גיב איהם דארט מיט'ן בייטש!

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאהענט פון גלח האט דער יונגער פויער א קירעווע געטהאן דעם פערד גלייך אין א לוזשע אריין און נאך איהם דעם וואגען מיט די רעדער, אז עס האט געגעבען א שאָס א שטראָם בלאָטע און בעגאסען דעם גלח פון קאָפּ ביז די פיס.

ראזאליע איז געווען גליקליך פון דעם איינפאל. זי האט זיך אומגעקוקט און געסטראשעט דעם גלח מיט איהר קולאק, בעת ער האט זיך גענומען אבווישען דאס פנים מיט זיין גרויסען טאשען־טיכעל.

זיי האבען שוין געהאט אבגעפאהרען פינף מינוט, ווען זשאננא האט זיך פלוצים געכאפּט:

— מיר האבען פארגעסען מאססאקר.

זיי האבען זיך געמוזט אבשטעלען, דענים איז אראב פון וואַ־גען און געלאָפען ברענגען דעם הונד, בעת ראזאליע האט געהאלטען דעם פערד פאר די לייצעס.

באלד איז דענים צוריקגעקומען מיט דעם אלטען, קראנקען הונד אויף די הענד און ער האט איהם אוועקגעלייגט צופוסען פון דיביידע פרויען, וועלכע האבען איהם מיט זייערע קליידער צו־געדעקט.

XIII.

אין צוויי שטונדען ארום האט זיך דער וואגען אבגעשטעלט נעבען א קליין געמויערט הייזעל, וועלכע איז געשטאנען אין מיטען פון א גארטען פון בארען בוימען און נאהענט פון וועג.

פיער ליעטאנקעס מיט גרינס און בלומען בעדעקט האבען זיך געפונען אין אלע פיער עקען פון'ם גארטען, וועלכער איז געווען איינגעטהיילט האלב פאר גרינס און האלב פאר פרוכטבוימער.

דער גאנצער הויף איז געווען איינגעשלאסען אין א צאהם, וואס האט אבגעטהיילט דאס הייזעל פון די נעקסטע שכנישע פערמעס. הונדערט טריט ווייטער אויפ'ן וועג איז געשטאנען א קוזניע.

די נעהנסטע וואהנונגען זיינען געווען אונגעפעהר א קילא־מעטער פון'ם הויז. פון ארום און ארום האט זיך געזעהן דאס גרויסע פלאכע לאנד פון דע־קאו פול באדעקט מיט פויערשע פארמס, וועלכע זיינען געווען איינגעשלאסען אין א דאפעל רייהע פון הויכע בוימער.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען אהין אנגעקומען, האט זיך זשאננא געוואלט אויסרוהען, אבער ראזאליע האט עס איהר ניט ערלויבט, מורא האבענדיג, אז זי זאל זיך ניט ארייגלאזען אין טרויעריגע געדאנקען. דער טישלער פון גאדעוויל איז געקומען זיי העלפען אלעס איינשטעלען און מען האט זיך גלייך א נעהם געטהאן אוועק־שטעלען יעדע שטיק מעבעל אויפ'ן ארט, הגם דער לעצטער וואגען מיט זאכען איז נאך ניט געהאט אנגעקומען און זיי האבען איהם יעדע מינוט ערווארט.

עס איז געווען א שטיק ארבייט און עס האט זיך געפאדערט א סך רעדען און טראכטען אוידער מען האט געפונען א פאסענדען פלאץ פאר יעדער זאך בעזונדער.

אין א שטונדע ארום איז אנגעקומען דער צווייטער וואגען און מען האט איהם געמוזט אויסלאדען אין דעם שלאגס רעגען. ווען עס איז נאכט געווארען, האט דאס הויז אויסגעזעהן שרעקליך, אנ־געפילט פון אויבען ביז אראב מיט פערשיעדענע זאכען, מעבעל, קאסטענס, שאכטלען אנגעשטעלט איינע אויף די אנדערע. ווי נור זשאננא האט זיך אין בעט געלייגט, איז זי אנשלאפען געווארען ווי א גע'הרג'עטע פאר מידקייט.

די פאלגענדע טעג האט זי קיין צייט ניט געהאט צו טראכטען, ווייל עס איז געווען צופיעל ארבייט. זי האט זאגאר געפונען א פערגעניגען אין אויספוצען איהר נייע היים, ווייל טיעף ביי זיך אין הארצען האט זי געהאפט, אז איהר זוהן וועט אמאל צו איהר אהער קומען. די גאבעלינס פון איהר אמאליגען שלאף־צימער זיינען אויפגעהאנגען געווארען אין עס־צימער, וועלכער האט אויך געדיענט אלס סאלאן. אבער מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט האט זי זיך אבגעגעבען איינצוארדנען איינעם פון די צוויי צימער'ן אויפ'ן ערשטען שטאק, וועלכען זי האט אין איהרע געדאנקען גערופען „פאולעט'ס קאמער.“

דעם צווייטען צימער האט זי געהאלטען פאר זיך. ראזאליע איז געשלאפען איבער איהר אין בוידעם שטיבעל.

דאס קליינע הייזעל זארגפעלטיג איינגעשטעלט איז ווירקליך געווען זעהר היימליך און אנגענעהם און אין דער ערשטער צייט איז זשאננא'ן דארט אויך געפעלען געווען, הגם איהר האט עפעס געפעהלט, וואס, האט זי אליין אויף קלאר ניט געוואוסט.

איין פריהמארגען האט דער קלערק פון דעם נאטאריום אין פעקאמפ איהר געבראכט דריי טויזענד זעקס הונדערט פראנק. דאס איז געווען דאס געלד וואס איז אויסגעלייזט געווארען פאר די מעבעל, וואס זיינען איבערגעבליעבען אין פאפעל־בוימער, לויט ווי א מעבעל הענדלער האט זיי אבגעשאצט.

זי האט זיך אויף א'ן אמת דערפרייט מיט דאס געלד און אזוי גיך ווי דער מאן איז אוועק, האט זי שנעל אנגעטהאן די הוט און איז אוועק אבשיקען פאול'ן דאס געלד, אויף וועלכע זי האט זיך גארניט געריכט.

אבער ווען זי איז מיט שנעלע טריט געגאנגען איבער'ן שאסעע, וועלכער האט געפיהרט צו גאדערוויל, האט זי אנגעטראפען ראזאליע'ן, געהענדיג פון מארק. די דיענסט האט גלייך געקריעגען א פערדאכט, הגם זי האט אין אנהויב ניט געוואוסט פארוואס און ווען זי האט זיך דערוואוסט וועגען וואס דא האנדעלט זיך —

ווארים זשאננא האט פון איהר גארנישט געקענט בעהאלטען — האט זי אראבגעשטעלט די קארב אויף ד'רערד כדי זיך צו קענען גוט אוסזידלען. מיט די הענד אין די זייטען, האט זי אויף איהר גוט אנגעשריען, דאן האט זי געכאפט איהר ווירטהין פאר אן ארעם, אויפגעהויבען און גענומען זי שלעפען צוריק אהיים.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען אהיים געקומען האט ראזאליע פערלאנגט דאס געלד. זשאננא האט עס איהר אבגעגעבען, אבער זעקס הונדערט פראנק האט זי געלאזען ביי זיך. די כיטרע דיענסט האט גלייך פערשטאנען וואס דא טהוט זיך און געפאדערט ניט אנדערש זי זאל איהר אבגעבען דאס גאנצע געלד. צום סוף אבער האט זי אויך איינגעווילינגט, אז מען זאל די דאזיגע קליינע סומע אוועקשיקען פאול'ן.

אין א פאאר טעג ארום איז פון איהם אנגעקומען א בריעף, וואו ער האט געדאנקט פאר דאס צוגעשיקטע געלד.

— „דו האסט מיר געטהאן א גרויסע טובה, ליעבע מאמא, ווארים מיר זיינען געווען אין דער גרעסטער נויט.“

זשאננא האט זיך דאך ניט געקענט צוגעוואהנען צו איהר נייער היים אין באטערוויל, עס האט זיך איהר אלץ געדאכט, אז זי קען איצט ניט אטהעמען אזוי ווי פריהער, און אז זי איז נאך מעהר עלענד, פארלאזען און פארלארען. זי איז געגאנגען שפאצירען, האט זיך ארומגעטריעבען איבער די גאסען און ווען זי איז צוריק אהיים געקומען האט עס איהר ווידער געטריעבען אין גאס ארויס, ווי זי וואלט פארגעסען צו זיין ערגעץ, וואוהין זי איז אויגענטליך געגאנגען.

און טעגליך האט זיך די זעלבע געשיכטע ווידערהאלט, הגם זי האט ניט פערשטאנען די אורזאכע פון איהר אונרוהיגקייט, דעם גרונד פארוואס עס טרייבט איהר ארום. אבער איין אבענד איז איהר א ווארט אויף די ליפען געקומען, וועלכער האט איהר די אויגען געעפענט און אלעס איז איהר פלוצים קלאהר געווארען. ווען זיי האבען זיך געזעצט עסען, האט זי געזאגט צו ראזאליע'ן:

— איך װאָלט װעלען דעם ים װידער זעהן.

אָט דאָס איז עס געװען, װאָס האָט איהר געפעלט, נאָך װאָס זי האָט געבענקט, דער ים, איהר ריעזיגער שכן זייט פינף און צװאַנציג יאָהר, דער ים מיט דער געזאַלצענער לופט, מיט זיין ברױזען און זידען, מיט זיינע רױשענדע כװאַליעס, און שטורעמדיגע װינדען, דעם ים, װעלכען זי האָט אין די פּאַפּעל־בױמער יעדען פריה־מאָרגען פון איהרע פענסטער געזעהן, װעלכען זי האָט טאָג און נאַכט, אין זיך איינגעאָטהעמט, װעמעס נאָהענטקייט זי האָט געפיהלט און װעמען זי האָט, אליין, ניט װילענדיג, ליעב געהאַט, װי א מענשליכעס װעזען.

מאַססאַקר איז אויך געװען אומרוהיג. דעם ערשטען אָבענד װי נור זיי זיינען אהער אנגעקומען, האָט ער זיך אװעקגעלייגט אין קיך נעבען דער פּאָליצע פּאַר געשיר און עס איז געװען אונמעגליך איהם פון דאָרט אװעקצוטרייבען. ער פלעגט דאָרט ליעגען דעם גאַנצען טאָג און זיך ניט ריהרען פון אָרט, נור װען ניט װען האָט ער ארױסגעלאָזט עפּעס א דומפּען האװקען.

אָבער װי נור עס איז נאַכט געװאָרען, איז ער אױפגעשטאַנען און זיך גענומען שלעפּען, טאַפּענדיג בלינדערהייד אָן די װענד, ביז צו דער גאָרטען טהיר, און פערבראַכט א פּאָאַר מינוטען אין דרױסען, איז ער צוריק אריינגעקומען און זיך װידער אװעקגעלייגט אױף זיין נאָך װאָרימען געלעגער. און װי נור זיינע ביידע בעל־הבית׳טעס זיינען אװעק שלאָפען האָט ער גענומען װאָיען.

און אזױ האָט ער אָבגעװאָיעט די גאַנצע נאַכט, טרױעריג, רחמנות׳דיג מיט א לאַנגען, אױסגעצױגענעם, דומפּען קול. מאַנכעס מאָל איז ער אנשװיגען געװאָרען אױף א שטונדע און דערנאָך װידער אָנגעהױבען װאָיען נאָך קלאָגעדיגער, פערצװייפעלטער. דאַן האָט מען איהם צוגעבונדען פאַר׳ן הױז צו א פּאַס, און איצט האָט ער געװאָיעט אונטער די פענסטער.

אזױ װי ער איז געװען קראַנק און האָט דאָך שױן לאַנג ניט

נעקענט ציהען, האָבען זיי אויף איהם רחמנות געהאַט און איהם ווידער גענומען אין קיך אריין.

זשאַננאַ, וועלכע האָט נאָכאַנאַנד געהערט דעם אַלטען הונד קרעכצענדיג און וואַיענדיג, האָט ניט געקענט צו מאַכען מיט אַ'ן אויג.

קיין זאַך האָט דעם הונד ניט געקענט בערוהיגען, ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צוגעוואָהנען צו דער נייער היים. אַ גאַנצען טאָג איז ער געלעגען רוהיג, עפּעס אַזוי ווי זיינע פער־לאָשענע אויגען און דער בעוואוסטזיין פון זיין הילפלאָזיגקייט וואָלטען איהם ניט דערלאָזען זיך בעוועגען ווי אַלע לעבעדיגע בע־שעפּענישען. ווי אָבער עס איז נור נאַכט געוואָרען, האָט ער אָנ־געהויבען נאָכאַנאַנד ארומצואוואַנדערען אַהין און צוריק, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט בלויז געוואָגט צו לעבען אין דער פינסטערניש, וועלכע מאַכט אַלעמען בלינד.

איין מאָל אַ אין דער פריה האָט מען איהם געפונען אַ טויטען. דאָס איז געווען פאַר אַלעמען אַ'ן ערלייכטערונג.

דער ווינטער האָט זיך אָנגערוקט און אויף זשאַננאַ'ן איז אָנ־געפאַלען אַ מורא'דיגע פערצווייפלונג. דאָס איז ניט געווען איינער פון יענע שאַרפע וועהטאָגען, וועלכע צורייסען די נשמה, נור אַ טרויעריגע, דריקענדע מרה שחורה.

קיין ערמונטערונג איז איהר פון ערגעץ ניט געקומען, קיינער האָט זיך וועגען איהר ניט געקימערט. דער שאָסעע פאַר איהר טהיר האָט זיך געצויגען רעכטס און לינקס אָהן שום לעבען, אָהן שום בעוועגונג דאַרויף. פון צייט צו צייט איז פאַרבייגעפאָהרען אַ וואָגען, געטריעבען פון אַ פויער מיט אַ רויט פּנים וועמעס בלוזע אָנגעבלאָזען פון ווינד האָט פון וויַטען אויסגעזעהן ווי אַ באַלון; צייטענוויַיז האָט זיך אַ שווער אָנגעלאָדעוועטע פוהר לאַנג־זאַם פאַרבייגעשלעפּט איבער'ן וועג. אַמאָל פלעגט אויך טרעפען, אַז צוויי מענשען פלעגען געהן איבער'ן וועג, אַזוי ווי צוויי פליע־גען אויפ'ן האָריזאָנט, וועלכע זיינען געוואַקסען און געוואַקסען,

וואס געהנטער זיי זיינען צוגעקומען צום הויז און ווען זיי פלעגען פארבייגעהן פלעגען זיי אלץ קלענער און קלענער ווערען, וואס ווייטער זיי זיינען אוועק, ביז זיי האבען פון גאנץ ווייט אויסגע־זעהן, ווי צוויי קליינע אינסעקטען ביים סוף פון ווייטען, ווייסען ברעג.

ווען דאס גראז האט ווידער גענומען וואקסען, איז א קליין מיידעלע אין קורצע קליידלאך יעדען טאג פארבייגעגאנגען פארביי דעם הויז, פאשענדיג צוויי מאגערע קיה, וועלכע האבען געגריזשעט דאס גראז פוןביידע זייטען פון וועג, לעבען די קאנאוועס. אין אבענד איז זי מיט דער זעלבער פערשלאפענער מינע געגאנגען צור־ריק, געבענדיג איין טראט אין צייט פון צעהן מינוט.

און זשאננא האט געטרוימט יעדע נאכט, אז זי וואהנט נאך אלץ אין די פאפעל־בוימער.

דארט איז זי אין איהרע חלומות ווידער געווען מיט פאפאלע'ן און מאמוניו, און טאנטע ליזאן איז אויך געווען מט זיי. עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי פארנעהמט זיך ווידער מיט די אלע בע־שעפטיגונגען פון א מאל, אז זי שטיצט איהר מאמוניו ווען יענע געהט ארויס שפאציערען איבער איהר אלעע. און יעדען מאל, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, האט זי זיך בעגאסען מיט ביטערע טרערען.

זי האט שטענדיג געטראכט וועגען פאול'ן, האט זיך געפרעגט, וואס ער טהוט איצט, ווי ער זעהט אויס און צו טראכט ער אמאל פון איהר און שפאציערענדיג צווישען די פויערשע הויפען, פלעגען די דאזיגע געדאנקען מאטערען און פייניגען איהר שוואכען קאפ און איהר קיין רוה ניט געגעבען.

פיינליכער פון אלץ זיינען פאר איהם געווען די געדאנקען וועגען דער פרוי, וועלכע האט ביי איהר אוועקגערויבט איהר זוהן. זי האט יענע געהאסט מיט דער ביטערסטער שנאה, און אט די דאזיגע

שנאה האט איהר אבגעהאלטען פון עפעס צו טהאן, צו פאהרען צו איהם און איהם ברייגגען אהיים. זי האט זיך פארגעשטעלט, ווי די דאזיגע פרוי עפענט פאר איהר די טהיר פון איהר זוהן'ס הויז און פרעגט איהר: „וואס פערלאנגט איהר דא, מאדאם?" איהר מוטער־שטאלץ איז געווען אויפגעבראכט געגען דער מעגליכקייט פון אזא באגעגעניש, און דער שטאלץ פון דער פרוי, וועלכע איז אימער געבליעבען ריין, האט געפיהרט א זויבערן אונבעפלעקטען לעבען, האט רעבעלירט און געפיהלט פעראכטונג צו די געמיינע, ניעדעריגע מענשען ארום איהר, וועלכע זיינען געווען שקלאפען פון דער פיזישער ליידענשאפט, א ליידענשאפט, וואס מאכט זייערע הערצער פייג און פערדארבען.

די גאנצע מענשהייט איז איהר געווארען איבערדריסיג, ווען זי האט נור א טראכט געטהאן וועגען די שמוציגע געהיימניסע פון דער תאוה, פון די אלע צערטליכקייטען, וואס פערדארבען דעם מענשען און פון די אלע סודות פון די בעציהונגען צווישען מענער און פרויען.

דער פריהלינג און דער זומער זיינען אריבער. און ווען דער הערבסט איז אנגעקומען מיט זיינע רעגענדיגע וועטערן, מיט זיין גרויען הימעל און די געדיכטע, פינסטערע וואלקענס, האט זי דערפיהלט אזא עקעל צום לעבען, אלעס ארום איז איהר אזוי מיאוס געווארען, אז זי האט בעשלאסען צו מאכען א גרויסע אנשטרענגונג, צוריק צו געווינען איהר פאול'ן און איהם אבצונעהמען ביי יענער פרוי.

איצט האט דאך דעם יונגען מאן'ס ליידענשאפט געמוזט שוואכער ווערען, האט זי זיך געטראכט, און זי האט איהם אנגעשריעבען א בריעף פול מיט געבעט:

„מיין ליעב קינד! איך בעט דיך, איך באשווער דיך, קום צוריק אהיים. דערמאן זיך, אז איך בין אלט און קראנק, איינע אליין, בלויז מיט א דיענסט. איך וואהן איצט אין א קליין הייזעל נאהענט פון וועג און איך בין זעהר עלענד און אונגליקליך, אבער

ווען דו וואָלסט דאַ געווען נעבען מיר, וואָלט אַלעס אַנדערש גע־ווען. איך האָב נור דיך אַליין אויף דער גאַנצער וועלט און איך האָב דיך שוין זייט זיעבען יאָהר ניט געזעהן. דו קענסט זיך גאָר־נישט פאָרשטעלען, ווי אונגליקליך איך בין געווען און ווי איך האָב געבענקט נאָך דיר די גאַנצע צייט. דו ביזט געווען מיין לעבען, מיין טרוים, מיין איינציגע האָפנונג, מיין איינציגע ליעבע, און דו פעהלסט מיר, דו האָסט מיך פערלאָזען.

„אָך, קום צוריק, מיין ליעב קינד, מיין פּאָולעט, קום צוריק צו דיין מוטער, וועלכע שטרעקט אויס צו דיר פערצווייפעלט איהרע אָרעמס.

דיין אַלטע מוטער“.

אין אַ פּאָאָר טעג אַרום האָט ער אויף דעם געענטפערט:

„מיין ליעבע מאַמאַ, איך וואָלט דיך זעהר גערן געוואָלט זעהן, אָבער איך האָב ניט קיין גראָשען געלד. אין דער אמת'ן האָב איך אַליין שוין געוואָלט פאָהרען צו דיר, אום זיך דורכצורעדען מיט דיר וועגען אַ זאַך, וואָס וועט מיר געבען די מעגליכקייט דיין וואונש צו ערפיעלען.

„די אָפּפערוויליגקייט און ליעבע פון דער פרוי, וועלכע איז אין מיינע שווערע טעג, ווען מיר איז אויסגעקומען אַזוי שווער צו קעמפּפען, געווען און איז נאָך ביז היינטיגען טאָג פאַרבליעבען מיין טרייע, איבערגעגעבענע פריינדין, איז ניט צו בעשרייבען. איך קאָר מעהר ניט אָפּלייגען, ווייטער אַזוי לעבען קענען מיר ניט, עס איז צייט, אַז איך זאָל עפענטליך אַנערקענען איהר ליעבע און אַ חוץ דעם איז זי זעהר גוט ערצויגען, איז זעהר געבילדעט און לעזט אַ סך. קורץ, דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלען, וואָס זי איז גע־ווען פאַר מיר די גאַנצע צייט. איך וואָלט געווען אַ לומפּ, ווען איך זאָל איהר ניט אַרויסווייזען מיין דאַנקבאַרקייט. איך בעט דיר, אַלזאָ, דו זאָלסט געבען דיין צושטימונג צו אונזער הייראַטה. ווען דו וועסט מיר מוחל זיין אַלע מיינע פריהערדיגע נאַרישקיי־

טען, דאַן וואָלטען מיר אַלע צוזאַמען געקענט וואָהנען אין דיין נייער הויז. ווען דו וואָלסט זי געקענט, וואָלסטו גלייך געגעבען דיין צושטימונג. איך פערזיכער דיר, אַז זי איז אַ וואונדערבאַרער מענש און זעהר ערעל ערצויגען געוואָרען. דו וועסט זי ליעב קריגען, אין דעם בין איך זיכער. איך אָבער קען אָהן איהר ניט לעבען. איך וואַרט מיט אונגעדולד אויף דיין ענטפער, ליעבע מאַמאַ, און מיר ביידע שיקען דיר אונזער הערצליכע ליעבע.

דיין זוהן פּאָול דע־לאַמאַר".

זשאַננאַ איז געווען ווי פון דונער געטראָפען. זי איז געבליבען זיצען ווי פערשטוינערט מיט דעם בריעף אויף די קניע. זי האָט פערשטאַנען דעם ביטרען פּלאַן פון דיעזער פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען איהר זוהן צוגעבונדען צו זיך, האָט איהם ניט ערלויבט אַפילו איין מאָל צו זעהן זיך מיט זיין אַלטער מוטער. זיכער, אַז סוף כל סוף וועט די פערצווייפעלטע, עלענדע מוטער מוזען נאָכגעבען, אַז דער וואונש איהר זוהן צו זעהן, איהם ארומנעהמען, וועט זי צווינגען אַלעס נאָכגעבען, צו אַלעס איינווילינגען.

און דער טיעפער שמערץ, וואָס פּאָול האָט צוליעב אַזאַ בעשעפענים איהר אויפגעגעבען, איהר אין גאַנצען פערלאַזען, האָט איהר דאָס הארץ צוריסען. זי האָט געמורמעלט פערצווייפעלט:

— ער ליעבט מיך ניט! ער ליעבט מיך ניט!

ראָזאַליע איז אריין. זשאַננאַ האָט אויסגעשטאַמעלט:

— דו הערסט, איצט וויל ער מיט איהר הייראַטהען.

די דיענסט האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן:

— ניין, דאָס וועט איהר ניט ערלויבען, מאַסיע פּאָול דאַרף אַזאַ פרוי ניט הייראַטען.

זשאַננאַ האָט געענטפערט שוואַך, אָבער גאַנץ אויסער זיך:

— ניין, דאָס וועט קיין מאָל ניט געשעהן. און אַזוי ווי ער וויל ניט קומען אַהער, וועל איך געהן צו איהם. מיר וועלען זעהן, ווער פון אונז ביידע וועט איהם געווינען.

זי האָט גלייך אָנגעשריבען פּאָול'ן אַ בריעף און איהם צו־

וויסען געגעבען, אַז זי פֿאָהרט אַרויס צו איהם און אַז זי וויל איהם זעהן ערגעץ אַנדערש, ניט אין זיין וואָהנונג, וואו יענע בעשעפֿעניש געפֿינט זיך.

וואַרטענדיג אויף פּאָול׳ס ענטפֿער, האָט זי גענומען זיך פֿאַרבערייטען צו דער רייזע. ראָזאַליע האָט גענומען איינפּאַקען זשאַננאַ׳ס זאַכען אין אַ אַלטען קופֿערט, אָבער ווען זי האָט צוזאַמענגעלייגט אַ קלייד, אַן אַלטע, אָבגעטראָגענע, אָבגעבליאַקירטע, האָט זי זיך אָבגערופֿען:

— איהר האָט דאָך גאָרנישט וואָס אָנצוטהאָן, אַזוי קען איך אייך ניט אוועקלאָזען, איהר וועט זיך דאָך שעהמען אין גאַס צו ווייזען און די פּאַריזער דאַמען וועלען אייך אָננעהמען פֿאַר אַ דיענסט־מיידעל.

זשאַננאַ האָט איהר נאָכגעגעבען און די ביידע פֿרויען זיינען אוועק קיין גאָדערסוויל און האָבען אויסגעקליבען עפּעס אַ געפּינטעלטען גרינעם שטאָף, וועלכען זיי האָבען אָבגעגעבען אַ שניידערקע אויפֿצונעהען אַ קלייד. דאַן זיינען זיי אוועק צום נאָטאַריוס, מאַסיע רוססעל, וועלכער האָט יעדען יאָהר פֿערבראַכט פֿיערצעהן טעג אין דער הויפּט־שטאָדט, און ביי איהם אויסגעפֿרעגט אַלעס וועגען דער רייזע, ווייל זשאַננאַ האָט שוין זייט אַכט־און־צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן פּאַריז.

דער נאָטאַריוס האָט איהר געגעבען אַ גאַנצע מאַסע גוטע עצות, ווי זי זאָל זיך אויסהיטען אין דער גרויסער שטאָדט פֿון אַ אונגליקס־פֿאַל און פֿון גנבים. דאָס געלד האָט ער איהר געהייסען איינגעהען אין די קליידער און ביי זיך אין פּאָרטמאָנע האַלטען בלויז אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל עס איז נויטיג אויף יעדען טאָג פֿאַר דער הוצאה.

דאַן האָט ער לאַנג גערעדט פֿון רעסטאָראַנען מיט מעסיגע פּרייזען און איהר אָנגערופֿען צוויי־דריי, וואו פֿרויען קענען קומען אַליין. צום סוף האָט ער איהר געראָטהען זיך אָבצושטעלען אין דעם האָטעל „נאָרמאַנדיע״ וועלכער געפֿינט זיך נאָהענט צום באַהן־

הויף און וואו זי וועט זאָגאַר קענען זאָגען, אַז ער האָט איהר רע־קאָמענדירט, ווייל ער שטעהט דאָרט איין, ווען ער איז נור אין פּאַריז.

די אייזענבאַהנען, וועגען וועלכע מען האָט אַזוי פיעל גע־רעדט אַלס אַ וואונדערליכע נייע ערפינדונג, האָט נאָך זשאַננאַ קיינמאָל ניט געזעהן. שוין זעקס יאָהר, ווי עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַן אייזענבאַהן צווישען האַוור און פּאַריז. אַבער וואָס האָט זשאַננאַ דערפון געוואוסט? זי איז צופיעל געווען פערנומען מיט איהרע צרות, אַז זי זאָל בעמערקען, וואָס פאַר ריעזע יאָהרען איז פאַרגעקומען אויף דער וועלט. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט גע־זעהן די דאָזיגע משונה'דיגע גרויסע וועגען מיט דאַמפּף מאַשי־נען, וועלכע האָבען געמאַכט אַן איבערקעהרעניש אין דיעזען טהייל פון לאַנד.

פּאָול האָט אויף איהר בריעף ניט געענטפערט. זי האָט גע־וואַרט אַכט טאָג, צוויי וואָכען, איז יעדען טאָג געגאַנגען איבער'ן וועג אַנטקעגען דעם פּאָטשטאַליאָן און מיט אַ ציטערענדער שטימע געפרעגט:

— האָט איהר נישט עפּעס פאַר מיר, פּאָטער מעלאַנדין?

און דער מאַן האָט געענטפערט מיט זיין, פון די אַלע וועטע־רען, הייזעריג־געוואָרענעם קול:

— ניין, ליעבע מאַדאַם, היינט האָב איך פאַר אייך גאָרנישט.

דאָס האָט הפּנים יענע בעשעפעניש ניט געלאָזען פּאָול'ן ענט־פערען.

דאַן האָט זיך זשאַננאַ בעשלאָסען גלייך אוועקצופאָהרען. זי האָט געוואָלט ראָזאַליען מיטנעהמען, אַבער יענע האָט זיך אָבּ־געזאָגט צו פאָהרען. צו־וואָס מאַכען אַזוי פיעל איבעריגע הוצאות?

ראָזאַליע האָט ניט ערלויבט איהר מאַדאַם צו נעהמען מיט זיך מעהר, ווי דריי הונדערט פראַנק.

— אויב איהר וועט דאַרפען מעהר — האָט זי געזאָגט — קענט איהר מיר שרייבען און איך וועל געהן צום נאָטאַריוס און

זעהן, אַז ער זאָל עס אייך גלייך ארויסשיקען, ווייל ווען איך זאָל אייך געבען מעהר געלד מיט זיך, וועט עס בלייבען אין גאנצען ביי מאַסיע פאול.

אין אַ פריה־מאָרגען אין דעצעמבער, איז זשאננא אריין אין דענים לעקאַקלס וואגען, וועלכער האָט זי אָוועקגעפיהרט צום וואָקזאַל. ראזאליע האָט זי ביז אהין בעגלייט.

זיי האָבען געקויפט אַ בילעט, און ווען אַלעס איז שוין געווען אין אָרדנונג, דער קופערט אויף באַגאַזש אָוועקגעגעבען, האָבען זיי זיך אָוועקגעשטעלט אויף די אייזערנע רעלסען און געוואַרט, זו־כענדיג זיך קלאָהר צו מאַכען, ווי אַזוי דאָס איז אַלעס איינגעאָר־דענט געוואָרען, אַז די גרויסע וואַגאָנעס מיט'ן דאַמפּף מאַשין זאָ־לען זיך קענען טראָגען אַזוי ווייט. זיי זיינען געווען אַזוי פערנו־מען מיט דעם דאָזיגען וואונדער, אַז זיי האָבען אויף אַ ווײַלע פער־געסען דעם צוועק פון זשאננאַ'ס רייזע.

ענדליך האָט זיך פון דערווייטענס דערהערט אַ שניידענדער פייף. זיי האָבען אַ הויב געטהאָן די קעפּ, אָבער זיי האָבען פון דערווייטענס בלויז געזעהן אַ שוואַרצע מאַשין, וועלכע איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען. מיט אַ מורא'דיגען ליאַרעם האָט זי זיך פאַרבייגעטראָגען פאַרביי די צוויי פרויען, שלעפּענדיג הינטער זיך אַ גאַנצע רייהע קליינע בעוועגליכע הייזלאַך.

דער קאָנדוקטאָר האָט געעפענט די טהיר. זשאננא האָט זיך וויינענדיג צוקושט מיט ראזאליען און איז אריין אין איינער פון די פאָהרענדיגע הייזלאַך. ראזאליע האָט אויסגערופען בעוועגט:

— פאָרט געזונד, מאַדאַם! אַ גליקליכע רייזע, צום ווידערזעהן.

— זייט געזונד, ראזאליע!

עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ פייף און די לאַנגע קייט מיט וואַגאָנעס האָט זיך אַ ריהר געטהאָן, פריהער לאַנגזאַם, דאַן שנעלער און צום סוף מיט אַ משוגענער שנעלקייט.

אין דעם וואַגאָן, וואו זשאננא איז אריין, זיינען געזעסען צוויי מענער און געשלאָפען.

זשאַננאַ האָט געקוקט אויף די בוימער, די הייזער, די דער־פער, וועלכע האָבען זיך פאַרבייגעטראָגען פאַר איהרע אויגען מיט אַזאַ מורא'דיגער שנעלקייט און זי איז דערפון געוואָרען עפּעס צו־טומעלט, דערשראָקען. זי האָט זיך געפיהלט עפּעס אין אַ נייער, אַ פרעמדער וועלט, וועלכע איז אין גאַנצען אַנדערש פון איהר שטי־לען, מאָנאָטאָנעם לעבען, אַנדערש פון דער וועלט, אין וועלכער זי האָט איהרע קינדער־יאָהרען פערבראַכט.

ווען דער צוג איז אין פּאַריז אָנגעקומען, איז שוין געווען נאַכט. אַ פּאַק־טרעגער האָט גענומען זשאַננאַ'ס קופערט און זי האָט געפאָלגט נאָך איהם אַ צושראָקענע, געשטופּט און געשטויסען אַהין און אַהער, ניט געוואָהנט זיך צו בעוועגען צווישען אַזוי פיעל מענשען. זי איז שנעל געלאָפען הינטער דעם מאַן, מורא האָ־בענדיג, אַז אָט־אָט פערלירט זי איהם.

ווען זי איז אָנגעקומען אין האָטעל, האָט זי גלייך געזאָגט:

— מאָסיע רוססעל האָט מיך רעקאָמענדירט אַהער!

די בעל־הבית'טע, אַ דיקע פרוי, מיט אַן ערנסטען בליק, וועלכע איז געזעסען אין קאָנטאָר, האָט געפרעגט:

— מאָסיע רוסעל? ווער איז דאָס?

זשאַננאַ האָט געענטפערט שטאַרק צושראָקען:

— וואָס הייסט, ער איז דאָך דער נאָטאַריוס פון גאַדערוויל, וועלכער שטעהט איין ביי אייך יעדען יאָהר.

די דיקע פרוי האָט געענטפערט:

— עס קען זיין! איך קען איהם ניט. פערלאַנגט איהר אַ צימער?

— יאָ.

און דער קעלנער, וועלכער האָט ביי איהר צוגענומען איהרע פעקלאַך, איז אוועק פאָראויס איבער די טרעפּ.

אויפ'ן האַרצען איז איהר געווען שווער. זי האָט זיך אוועק־געזעצט נעבען אַ קליין טישעל און זיך געהייסען דערלאַנגען אַ טע־

לער זופ מיט א שטיקעל הוהן. זייט פון דער פריה האט זי נאך גארנישט געגעסען.

א טרויעריגע איז זי געזעסען ביי דעם שיין פון א ליכט און געטראכט פון טויזענד זאכען. זי האט זיך דערמאנט, ווי זי איז דורכגעפאהרען דורך דער זעלבער שטאדט, ווען זי האט זיך צוריקגעקעהרט פון איהר האכציימס־רייזע און ווי דאן, זייענדיג אין פאריז, האבען זיך שוין געגומען ווייזען סמנים פון זשוליען'ס שלעכטען כאראקטער. אבער דאן איז זי געווען יונג, מוטהיג און פול פערטרויען און האפנונגען. אבער איצט האט זי זיך געפיהלט אלט, מוטלאז, זאגאר שרעקעדיג, שוואך און נערוועז און יעדע קלייניגקייט האט אויף איהר געווירקט. ווען זי איז פערטיג געווארען מיט'ן עסען, האט זי זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער און ארויסגעקוקט אויף די לעבעדיגע, געפאקטע מיט מענשען, גאסען. עס האט זיך איהר פערוואלט אראבגעהן דורכגעהן זיך. אבער זי האט מורא געהאט, זי קען זיך נאך פערבלאנדזשען און ניט געפינען דעם וועג צוריק און זי האט אויסגעלאשען דאס ליכט און זיך געלייגט אין בעט.

אבער דער ארומיגער ליארעם, דאס געפיהל, אז זי געפינט זיך אין א פרעמדער שטאדט און די אויפרעגונג פון דער רייזע, האט איהר ניט געלאזען שלאפען. די שטונדען זיינען געלאפען. ביסלעכווייז איז דער ליארעם אין דרויסען שטילער געווארען, אבער איהר קיין רוה האט עס ניט געבראכט. די האלב שטילקייט פון דער גרויסער שטאדט האט איהר געשטערט. זי איז געוואהנט געווארען צו דעם טיעפען שלאף פון דארף, וועלכער נעהמט אלעס ארום: מענשען, חיות און פלאנצען. און דא האט זי געפיהלט ארום זיך א נערוועזע אונרוהיגקייט. זי האט געהערט שטימען, וועלכע האבען זיך אונדייטליך געטראגען, ווי זיי וואלטען געקומען פון הינטער די ווענד פון האטעל.

פון צייט צו צייט האט א שטיק מעבעל א קראך געטהאן, א טהיר האט זיך צוגעמאכט, א גלאק האט געקלונגען.

אַ זייגער צוויי פאַרטאָג, ווען זי האָט שוין גענומען איינ־דרימלען, האָט זיך פּלוצים פון צווייטען צימער דערהערט אַ געשריי פון אַ פרוי. זשאַננא האָט זיך אַ הויב געטהאָן אין בעט און דאָ האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי הערט אַ מאַן לאַכענדיג.

און וואָס מעהר דער טאָג האָט זיך אָנגערוקט, האָט זי אַלץ מעהר גענומען טראַכטען פון פאול'ן און זי האָט זיך אָנגעטהאָן, ווי נור עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען ליכטיג.

ער האָט געוואָהנט אין מיטען שטאָדט, אין דער ריו דע־סוּאוואַזש.

זי האָט געוואָלט געהן אהין צו־פוס, און ניט צו מאַכען קיין איבעריגע הוצאות, ווי ראָזאַליע האָט איהר אָנגעזאָגט. עס איז געווען קאַלט; די קאַלטע לופט האָט איהר געשטאָכען אין פּנים. מענשען זיינען שנעל געגאַנגען הין און צוריק איבער'ן גאַס. זשאַננא איז געגאַנגען אַזוי שנעל, ווי זי האָט נור געקענט, מיט אַ גאַס, וועלכע מען האָט איהר אָנגעוויזען. ביים ראַג פון דער דאָ־זיגער גאַס האָט מען איהר געהייסען זיך אַ נעהם טהאָן רעכטס, דען לינקס און ווען זי וועט צוקומען צום סקווער, זאָל זי ערשט אַ פרעג טהאָן דעם ווייטערדיגען גאַנג. אָבער זי איז געגאַנגען און געגאַנגען און האָט דעם סקווער ניט געקענט געפינען, האָט זי געפרעגט ביי אַ בעקער, וועלכען זי האָט אָנגעטראָפען, ווי אַזוי צו געהן. יענער האָט איהר אָנגעוויזען גאָר אַן אַנדער וועג און זי איז ווייטער אוועק.

זי האָט זיך אָבער ווידער פערבלאָנדזשעט, איז אוועק אַן אַ זייט, האָט אָנגעהויבען נאָכצופרעגען זיך פון דאָס ניי, איז פּערקראָכען אין אַנדערע גאַסען, האָט זיך ענדליך אין גאַנצען פער־לאָרען און ניט געוואוסט, ווי ארויסצוקומען אויפ'ן ריכטיגען וועג.

זי איז געוואָרען צוטומעלט און האָט גענומען ארומוואַנדערען גאָר אָהן אַ צוועק. זי האָט שוין געוואָלט צורופען אַ דראָזשקע, ווען זי האָט דערזעהן פאַר זיך די סיין. און זי איז אוועק מיט'ן ברעג.

אַ שטונדע צייט האָט זי זיך נאָך אַזוי ארומגעבלאָנקעט.

דאָי איז זי ענדליך ארויסגעקומען אין דער ריו דע־סוּאַוואַזש. דאָס איז געווען אַ שמאָלע, האַלב־דונקעלע געסעל. פאַר דער טהיר מיט דעם בעשטימטען נומער איז זי געבליבען שטעהן, אַזוי בע־וועגט, אַז זי האָט ניט געקענט טהאָן אַ טריט ווייטער. אין דעם דאָזיגען הויז האָט געוואָהנט איהר פּאָולעט, איהר קינד.

זי האָט געפיהלט, ווי העגד און פיס ציטערען ביי איהר. צום סוף איז זי אריין אינעווייניג. זי איז דורכגעגאַנגען דעם קאָרי־דאָר, דערזעהן דעם צימער פון פּאָרטיער, און, אריינרוקענדיג איהם אַ מטבעה אין האַנד, האָט זי געפרעגט:

— ווילט איהר אַזוי גוט זיין ארויפגעהן צו מאַסיע פּאָול דע־לאַמאַר און זאָגען איהם, אַז אַן אַלטע פרוי, אַ פריינד פון זיין מו־טער, וויל איהם זעהן.

דער פּאָרטיער האָט געענטפערט:

— ער וואָהנט דאָ שוין ניט מעהר.

אַ קעלט איז איהר איבער'ן גאַנצען קערפּער אריבער. זי האָט געשטאַמעלט:

— אַך... וואו וואָהנט ער דען איצט?

— דאָס וויים איך ניט!

אַלץ האָט זיך געגומען דרעהען אַרום איהר. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלט זי צו דער ערד. אַ ווײַלע האָט זי ניט געקענט ארויסברייגגען קיין וואָרט. צום סוף האָט זי זיך געצוואונגען צו בעהערשען און געפרעגט:

— זייט ווען איז ער דאָ נישטאָ?

דער מאַן האָט געגוי ערקלעהרט:

— זיי זיינען אוועק מיט אַ וואָך צוויי צוריק. זיי זיינען איין געוויסען אָבענד אוועקגעגאַנגען און מעהר ניט צוריקגעקומען. זיי האָבען איבערגעלאָזען חובות אין גאַנצען קוואַרטאַל. קענט איהר דאָך שוין פערשטעהן, אַז עס האָט זיך זיי ניט געלוינט איבער־צולאָזען אַן אדרעס.

זשאַננאַ האָט דערזעהן פונקען פאַר איהרע אויגען, ווי מען

וואָלט פון אַ האָרמאַט געגען איהר אויסגעשאָסען. אָבער דער פערלאַנג אַלעס אויסצוזעפינען האָט איהר געגעבען כוחות צו האַלטען זיך אויף די פיס און זאָגאָר ניט ארויסצואווייזען איהר אויפרעגונג:

— הייסט עס, אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט איידער ער האָט זיך ארויסגעקליבען?

— ניין, קיין זאַך ניט. זיי האָבען זיך אָבגעטראָגען, אום ניט צו בעצאָהלען.

— אָבער ער שיקט דאָך מסתמא אימיצען זיינע בריעף אָב־נעהמען?

— איך וועל זיי ניט ארויסגעבען, און אויסער דעם פלעגען זיי דאָך קיין סך בריעף ניט קריגען. הלואי צעהן בריעף אַ יאָהר. אָבער מיט צוויי טעג איידער זיי זיינען אַנטלאָפען, האָב איך זיי ארויפגעטראָגען אַ בריעף.

דאָס איז מסתמא געווען איהר בריעף. זי האָט פלוצים געזאָגט:

— הערט אויס, איך בין זיין מוטער און בין געקומען איהם נעהמען אַהיים! אָט דאָ האָט איהר צעהן פראַנק, אויב איהר וועט עפּעס הערען פון איהם אָדער איהר וועט זיך דערוויסען, וואו ער איז, זאָלט איהר עס מיר לאָזען וויסען. איך געפין זיך אין האָטעל „נאָרמאַנדיע", ריו דע־האַוור. איהר וועט דערצו ניט דערליינען.

ער האָט געענטפערט:

— זעהר גוט, איהר מעגט זיך אויף מיר פערלאָזען, מאַדאַם!

און זשאַננאַ איז אוועק. און זי האָט גענומען ווידער בלאָנד־זשען איבער די גאַסען, זיך ניט קימערענדיג, וואו זי געפינט זיך. אָבער געגאַנגען איז זי שנעל, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געאיילט צו קומען צו אַ בעשטימטער צייט. זי איז געלאָפען פאַרביי הייזער, זיך אָנגעשטויסען אָן מענשען, וועלכע האָבען פּעק געטראָגען, און ווייטער געגאַנגען. זי איז איבערגעגאַנגען גאַסען ניט אַכטענדיג

אויף די קארס און קארעטען, ווענען קוטשערס האבען איהר נאכ־געשריען זידלערייען. ווען זי איז אויפ'ן טראטואר ארויף, האט זי זיך אלע ווײַלע אן אימיצען אדער אן עפעס אנגעשטויסען, וויל זי איז געלאפען א פערצווייפעלטע און ניט געזעהן, וואס ארום איהר טהוט זיך.

פלוצים האט זי זיך דערזעהן אין א גארטען און זי האט זיך דערפיהלט אזוי מיעד, אז זי איז געזונקען אויף א באנק. דארט איז זי הפנים געבליבען זיצען א לאנגע צייט און געוויינט, אליין ניט בעמערקענדיג, ווארום די פארבייגעהער האבען זיך אבגע־שטעלט און אויף איהר געקוקט. דאן האט זי דערפיהלט, אז איהר פריהרט און זי איז אויפגעשטאנען, אום ווייטער צו געהן. איהרע פיס האבען זי קוים געקענט שלעפען, אזוי מיעד און צובראכען איז זי געווען. זי האט געוואלט ארייגעהן אין א רעסטאראן, אויסטרינקען א טעלער בוליאן, אבער זי האט מורא געהאט, זי האט זיך געשעהמט, אז מען זאל אויף איהר פנים איהרע ליידען, איהר פערצווייפלונג דערקענען.

זי האט זיך אבגעשטעלט נעבען א רעסטאראן, אריינגעקוקט אינעווייניג און דערזעהן די אלע מענשען, וואס זיינען דארט געזעסען ארום די טישען, איז זי פערשעהמט אבגעטראטען און געזאגט צו זיך אליין:

— איך'ל ארייגעהן אין אן אנדער פלאץ.

צום סוף האט זי געקויפט ביי א בעקער א בולאטשקע און עס אויפגעגעסען אויפ'ן וועג. זי איז געווען זעהר דורשטיג, אבער זי האט ניט געוואוסט, וואו זי זאל עפעס טרינקען און האט דעם דורשט ניט געשטילט

זי איז דורכגעגאנגען דורך אן ארקעד און האט זיך פלוצים געפונען אין א גארטען, וועלכער איז פון אלע זייטען געווען ארומגערינגעלט מיט ארקען־טויערען און זי האט דערקענט דעם פאלי־ראיאל. אזוי ווי זי איז געווען צוואווארעמט פון דער זון

און פון געהן, האָט זי זיך דאָרט אָוועקגעזעצט אויף אַ ווײַלע אויס־רוהען און איז אַזוי אַבגעזעסען אַ פּאָר שעה.

אַ גאַנצע מאַסע מענשען האָט דאָרט געשטראָמט אַהין און אַהער. עלעגאַנטע לייט, וועלכע האָבען געפּלוידערט, געשמייכעלט, געגריסט, יענער גליקליכער קלאַס, וועמעס פרויען זיינען שעהן, וועמעס מענער זיינען רייך און וועלכער לעבט אין גליק און אין פרייד.

זשאַננאַ האָט זיך דערשראָקען ווען זי האָט דערזעהן, אַז זי געפינט זיך צווישען דעם דאָזיגען עלעגאַנטען, גליקליכען עולם און זי האָט שוין געוואָלט אַנטלויפען. אָבער דאָ איז איהר פּלוצים איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז אפשר וועט זי דאָ בעגעגענען איהר פּאָול'ן. און זי האָט גענומען ארומגעהן צווישען עולם, אריינגע־קוקט יעדען מאַן אין פּנים אריין און זיך ארומגעדרעהט פון איין עק גאָרטען צום אַנדערען.

פיעלע האָבען זיך אומגעקוקט און זי בעטראַכט, אַנדערע האָ־בען געלאַכט און אַנגעוויזען אויף איהר מיט די פינגער. זי האָט עס בעמערקט און איז אַנטלאָפען, ווייל איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי וואַרפט זיך אַלעמען אין די אויגען מיט איהר אויסזעהן, מיט איהר גרינער געפינטעלטער קלייד, וואָס ראָזאַליע האָט פאַר איהר אויסגעקליבען און וועלכע אַ דאָרפישע שניידערין האָט אויפ־גענייהט.

זי האָט אפילו ניט געוואָגט צו פרעגען, ווי צו געהן. צום סוף האָט זי זיך אַנגענומען מיט מוטה, געפרעגט אויף דעם וועג און צום סוף האָט זי געפונען איהר האָטעל.

דעם איבעריגען טהייל פון טאָג האָט זי פערבראַכט אויף אַ שטוהל צופוסען פון בעט, זיך ניט ריהרענדיג מיט אַז אבר. דאַן האָט זי, ווי מיט אַ טאָג פריהער, געגעסען אביסעל זופּ און אַ שטיקעל פלייש און זיך געלייגט שלאָפען.

אויף מאָרגען איז זי אַוועק צו דער פּאָליציי און האָט געבעי־טען די רעגיערונגס־בעאַמטע, אַז מען זאָל איהר העלפען אויסגע־

פינען איהר זוהן. מען האָט איהר אין פּאָליציי סטאַציאָן גאָרנישט פערשפּראָכען, אָבער מען האָט איהר געזאָגט, אַז מען וועט עס האָבען אין זינען.

און זי האָט ווידער גענומען ארומבלאָנדזשען איבער די גאַסען. נאָך אַלץ מיט דער האָפנונג איהם צו בעגעגענען; און אין מיטען פון דעם דאָזיגען, אהער און אהין שטראָמענדען, עולם, האָט זי זיך געפיהלט נאָך עלענדער, נאָך איינזאַמער, ווי אויף דעם פערלאָזענעם, פוסטען פעלד אין דאָרף. ווען זי איז אין אָבענד צוריק אין האָטעל געקומען, האָט מען איהר אָנגעזאָגט, אַז מאַסיע פּאָול'ס אַ מאַן האָט זיך אויף איהר נאָכגעפרעגט און אַז ער האָט געזאָגט, דאָס ער וועט מאָרגען ווידער קומען.

אַ שטראָם בלוט האָט איהר אַ זעץ געטהאָן צום הארצען און זי האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט צומאַכען מיט אַן אויג.

טאָמער איז ער אַליין דאָס געווען? יאָ, געוויס איז דאָס געוועז ער, הגם נאָכדעם, ווי מען האָט איהם בעשריבען, האָט זי איהם עפּעס ניט דערקענט.

אַ זייגער ניין האָט מען אָנגעקלאַפּט צו איהר אין טהיר. זי האָט ארויסגערופען „אריין" איהם מיט אָפענע ארעמס אַנטקעגען צו לויפען. אַן אונבעקאַנטער מענש איז געשטאַנען פאַר איהר און האָט זיך ענטשולדיגט, וואָס ער שטערט איהר. ער האָט ערקלעהרט, אַז ער איז געקומען איינמאַהנען אַ חוב, וואָס איהם קומט פון איהר זוהן.

און אויסהערענדיג איהם, האָט זשאַננאַ דערפיהלט, אַז טרעהרען שטראָמען איהר פון די אויגען. זי האָט זיי געוואָלט דערשטיקען אין זיך, ניט ארויסווייזען איהר צער און האָט זיי אָבגעווישט מיט די שפּיץ־פינגער אַזוי שנעל, ווי זי האָט זיי דערפיהלט.

דען מאַן האָט פון'ם פּאָרטיער, וואו פּאָול האָט פריהער געוואָהנט, זיך דערוואוסט, אַז זי איז דאָ, און אַזוי ווי ער קען דעם יונגען מאַן ניט אויסגעפינען, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין מוטער. ער האָט איהר דערלאַנגט אַ פּאַפּיער, וועלכען זי האָט מע־

כאניש גענומען. זי האט דערזעהן די סומע: נײנציג פראנק. האט ארויסגענומען איהר בײטעל און בעצאהלט. אין דעם טאג איז זי שוין פון איהר צימער ניט ארויס. אויפ'ן צווײטען טאג זײנען געקומען נאך אנדערע קרעדיטארען. זי האט אוועקגעגעבען אלעס, וואס זי האט געהאט און זיך בלויז איבערגעלאזען צוואנציג פראנק. דאן האט זי געשריבען צו ראזאליען, ווי די זאך שטעהט.

זי האט פערבראכט איהר צײט דערמיט, וואס זי האט ארומגעוואנדערט איבער די גאסען, ווארטענדיג אויף אן ענטפער פון איהר דיענסט. זי האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן, וואו אהין טהאן זיך און די צײט איז פאר איהר געווען אזוי לאנג און אזוי שווער. זי האט ניט געהאט קײנעם, מיט וועמען א ווארט אויסצורײדען, פאר וועמען איהר צו־וועהטאגט הארץ אויסצוגיסען און די אלע מענשען, וועלכע זי האט געזעהן, זײנען דאך געווען פרעמד און האבען פון איהרע יסורים ניט געוואוסט. זי האט ארומגעבלאנדזשעט איבער די פאריזער גאסען אהן א צוועק, ניט ווי־סענדיג וואוהין זי געהט און צו וואס זי געהט, אימער פון דער בענקעניש געמאטערט, זיך צוריקצוקעהרען אין איהר קלײן הײזעל אויף דער אײנזאמער דארפישער גאס.

מיט א פאר טעג צוריק האט זי דארט מעהר ניט געקענט אײנזיצען. עס האט איהר ערגעץ געצויגען, געשלעפט און איצט האט זי ווידער געפיהלט, אז זי קען לעבען בלויז דארט אין דער שטיל־קײט און אײנזאמקײט פון'ם דארף, וואו איהר גאנצען טרויעריגער לעבען איז אוועק.

צום סוף האט זי אין א געוויסען טאג געקראגען א בריעף מיט צווײ הונדערט פראנק. ראזאליע האט איהר געשריבען:

„מאדאם זשאננא! קומט שנעל צוריק, ווארים מעהר קײן געלד וועל איך אײך ניט שיקען און וואס אנבעלאנגט פאול'ן, וועל איך אלײן פאהרען נאך איהם אזוי שנעל, ווי מיר וועלען זיך דערוויסען, וואו ער געפינט זיך. איך שיק אײך מײנע איבער־געגעבענע גרוסען. אײער דיענערין ראזאליע".

און אין איין פריה־מארגען, ווען עס האט געשנעעט און עס איז געווען זעהר קאלט, איז זי געפאהרען קיין באטעוויל צוריק.

XIV.

נאך דעם, ווי זי איז צוריקגעקומען אהיים, איז זי ניט ארויס־געגאנגען פון הויז. יעדען פריה־מארגען איז זי אויפגעשטאנען אין דער זעלבער צייט, האט ארויסגעקוקט פון פענסטער, ווי אין דרוי־סען זעהט אויס, דאן איז זי ארונטערגעגאנגען אונטען און זיך געזעצט אין עס־צימער נעבען קאמין. דארט איז זי געבליבען זי־צען אונבעוועגליך, מיט שטארע אויגען אויפ'ן פייער געקוקט און אין איהר קאפ זיינען דורכגעלאפען טרויעריגע געדאנקען וועגען איהר אונגליקליכען לעבען. ביסלעכווייז איז אין דעם קליינעם צימער דונקעל געווארען און זי איז אלץ געזעסען אין דער זעל־בער פאזע, געטראכט פון איהר טרויעריגער פערגאנגענהייט, פון איהר אומעטיגער, איינזאמער געגענווארט און זיך ניט געריהרט פון ארט. פון צייט צו צייט נור, ווען דאס פייער אין קאמין האט געהאלטען אין אויסגעהן, האט זי אהין אריינגעווארפען עטליכע שייטלאך האלץ. ווען עס איז גאר פינסטער געווארען, האט ראז־זאליע געבראכט דעם לאמפ און געזאגט:

— מאדאם זשאננא, טרייבט אוועק פון זיך דעם אומעט, צו־טרייסעלט זיך אביסעל, האט אביסעל בעוועגונג, אז ניט וועט איהר דעם אפעטיט אויך אין גאנצען פערלירען.

קראנקהאפטע געדאנקען האבען אנגעהויבען זשאננא'ן צו פערפאלגען. זי האט איצט בלויז געלעבט אין דער פערגאנגענ־הייט, אין דער ווייטער, ווייטער פערגאנגענהייט און אין איהר פאנטאזיע האט זי ווידער אמאל איבערגעלעבט די ערשטע צייי־טען פון איהר לעבען, איהר האכצייטס־רייזע דארט אין קארסיקא. לאנדשאפטען פון דעם דאזיגען אינזעל, וועלכע זי האט שוין לאנג

געהאַט פערגעסען, זיינען ווידער ערשיענען פאַר איהר אין די פּלאַ־מען פון קאַמין. זי האָט זיך דערמאָנט אַז אַלע איינצעלהייטען, אַלע קליינינקייטען, אַלע מענשען, וועלכע זי האָט דאָרט געטראָפען. דער פּנים פון זייער וועג־ווייזער זשאַן ראַוואַל, האָט זי נאַכאַנאַנד פערפאָלגט און מאַנכעס מאָל האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי הערט זיין קול.

דאַן האָט זי געטראַכט וועגען פּאָול'ס קינדער־יאָהרען, וועגען דער גליקליכער צייט, ווען זי האָט פאַר איהם געזעהט און גע־פּלאַנצט זיין גערטעלע, ווי זי פלעגט זיך שטעלען אויף די קניע אויף דעם ווייכען גרונד לעבען טאַנטע ליזאַן און ביידע האָבען געזוכט וואָס בעסער צו האָווירען דעם קינד, ווי צו טרעפען זיין פערלאַנג.

און איהרע ליפּען האָבען שטיל געמורמעלט: „פּאָולעט, מיין קליינער פּאָולעט“, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מיט איהם גערעדט. אַלע איהרע טרוימען האָבען זיך בעוועגט אַרום איהם. מאַנכעס מאָל פלעגט זי מיט דעם מיטעל־פינגער אויסשרייבען זיין נאָמען אין דער לופט. לאַנגזאַם האָט זי זיי געצווינגען זיצענדיג ביים פייער און האָט זיך איינגערעדט, אַז זי זעהט איהם. פּלוצים פלעגט זיך איהר דאַכטען, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות, אַז דער בוכשטאַב „פּ“ איז ניט קלאָהר, ניט בולט, און זי האָט זיך גענומען פון דאָס נייע, מיט מיעדע ציטערענדע הענד, שרייבען דעם גאַנצען נאָמען פון אַנהויב ביז'ן סוף. און פערטיג געוואָרען דערמיט, האָט זי אָנ־געהויבען פון דאָס־ניי און אַזוי שטונדען לאַנג.

צום סוף איז זי געוואָרען פערמאַטערט און מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. זי האָט אַלעס אויסגעמישט; געשריבען אַנדערע ווערטער און איז געוואָרען צוטומעלט, צומישט און נערוועז ביז משוגעת. אין איהר האָבען זיך געוויזען אַלע מאַניעס פון איינ־זאַמע מענשען. ווען מען האָט איבערגערוקט אָדער געענדערט דעם פּלאַץ פון דער קלענסטער קליינינקייט אין הויז, האָט עס איהר אַרויסגעבראַכט פון זיך.

ראזאַליע איז אַפּט צו איהר צוגעשטאַנען, זי זאָל זיך אביסעל דורכגעהן, האָט איהר שיער ניט מיט געוואַלד אויף דער גאס ארויס־געשלעפּט. אָבער ווי נור זיי זיינען אַבגעגאַנגען צוואַנציג מינוט, איז זשאננא צוגעשטאַנען און געזאָגט:

— ראזאַליע, איך קען ניט מעהר — און האָט זיך געזעצט ביים ראַנד פון אַ גראָבען און איז געבליבען זיצען אין מיטען וועג.

באַלד איז איהר יעדע בעוועגונג געוואָרען איבעריג און זי איז געבליבען אַזוי לאַנג, ווי מעגליך, אין בעט. פריהער איז אין גע־וואָהנהייט ביי איהר געבליבען פון קינדהייט אַן אויפצושטעהן אַזוי גיך, ווי זי האָט אויסגעטרונקען איהר אין־דער־פריהעדיגע טאָס קאַפּע. אויף דעם דאָזיגען געטראַנק האָט זי געלייגט גרויס געוויכט, וואָלט זי, חלילה, זיך דערפון געדאַרפט ענטזאָגען, וואָלט זי זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך.

יעדען פריה־מאָרגען האָט זי מיט אונגעדולד געוואַרט, ביז ראזאַליע זאָל צו איהר ארויפקומען, אָבער עפּעס מיט אַ מין ליי־דענשאַפטליכער אונגעדולד. און אַזוי שנעל, ווי די פולע טאָס קאַפּע איז אויף איהר נאַכט־טישעל געשטאַנען, האָט זי זיך אויפ־געזעצט אין בעט און עס דורשטיג אויסגעזופּט ביז'ן דעק, דאַן האָט זי אַראָבגעוואָרפען פון זיך די בעט־דעקע און זיך גענומען אַנטהאָן.

אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך צוגעוואָהנט צו בלייבען ליגען עטליכע מינוט נאָכדעם, ווי זי האָט אויסגעטרונקען איהר טאָס קאַפּע, און פון טאָג צו טאָג זיינען צוגעקומען עטליכע מינוט פון'ם פוילען זיך באַלד אויפצושטעהן.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ראזאַליע האָט שוין געמוזט אריינלויפען אין איהר צימער און זי צווינגען מיט געוואַלד זי זאָל זיך אַנטהאָן. זי האָט שוין מעהר גאַר ניט געהאַט קיין אייגענעם וויעלן און יעדעס מאָל, וואָס די דיענסט האָט ביי איהר געפרעגט אַן עצה, אָדער געוואָלט וויסען איהר מיינונג וועגען וואָס ניט איז, האָט זי אימער געענטפערט די זעלבע ווערטער:

— טהו ווי דו פערשטעהסט, ראזאַליע.

זי איז געוואָרען אַבערגלויביש, ווי די מענשען פון די מזרח לענדער און האָט פעסט געגלויבט, אַז זי ווערט פערפאָלגט פון בייזען שיקזאַל, אַז זי האָט קיין מזל ניט. זי איז אַזוי צוגעוועהנט געווען צו זעהן איהרע טהייערסטע האָפנונגען צובראָכען, איהרע זיסעסטע טרוימען צושטערט, אַז זי איז געוואָרען צומישט און האָט שוין ניט געקענט פערשטעהן קיין זאַך, האָט ניט געוואָגט צו טראַכטען, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי אויסגעפאַלען, ווי אַזוי דאָס איז געקומען. די מינדעסטע זאַך, וואָס זי האָט געדאַרפט טהאָן, האָט זי אַבגעלייגט פון טאָג צו טאָג, ווייל זי האָט געגלויבט אָדער מורא געהאַט, אַז וואָס זי זאָל ניט טהאָן, וועט זיך אַלץ אויסלאָזען שלעכט.·.

ביי יעדער געלעגענהייט האָט זי אימער געזאָגט:

— איך האָב ניט געהאַט קיין גליק אין לעבען.

אָבער ראָזאַליע האָט איהר אויף דעם געענטפערט אַביסעל צורייצט:

— וואָס וואָלט איהר שוין געזאָגט, ווען איהר וואָלט געדאַרפט אַרבייטען פאַר אייער שטיקעל ברויט, ווען איהר זאָלט יעדען טאָג מוזען אויפשטעהן זעקס אַזייגער און לויפען טהאָן שווערע אַר־בייט? און ווייסט איהר, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך פרויען, וואָס מוזען פראַצעווען און האָבען שוין מעהר קיין קרעפטען ניט צו האָ־רעווען, שטאַרבען זיי ערגעץ אין אַ הקדש, אין עלענדקייט.

אָבער זשאַננאַ האָט גע'טענה'ט דאָס איהריגע:

— אַך, ראָזאַליע, דו פערגעסט, אַז איך בין עלענד, איינע אַליין אין דער גאַנצער וועלט און מיין זוהן האָט מיך פערלאָזען.

דאָ האָט שוין ראָזאַליע פערלאָרען די געדולד:

— טאַ איז וואָס? און ווי איז וועגען די אַלע זיהן, וואָס מוזען דיענען פאַר סאָלדאַטען, און אַזעלכע, וואָס פאָהרען אוועק קיין אַמעריקאַ?

אַמעריקאַ איז פאַר איהר געווען אַן אונבעשטימטער בעגריף,

אַ לאַנד, וואוהין מען פאָהרט זוכען גליק און פון וועלכער מען קען שוין מעהר קיינמאָל ניט צוריק.

און זי האָט ווייטער גערעדט:

— איין מאָל מוז מען זיך דאָך צושיידען. אויף אַלעס מוז קור־מען אַ צייט! אַלט און יונג זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען צו לעבען צוזאַמען.

און מיט אַ בייזען אויסדרוק האָט זי דאַן געענדיגט:

— וואָס וואָלט איהר געטהאָן, אַז ער וואָלט געשטאָרבען?

אויף דעם האָט שוין זשאַננאַ גאָרנישט געענטפערט.

דער פריהלינג איז ווידער געקומען און אין זיינע ערשטע, וואַרימע טעג, האָט זשאַננאַ זיך ווידער דערפיהלט עפּעס לעבע־דיגער, שטאַרקער; זי האָט געוואונען אַביסעל קראַפט. אָבער איהר צוריקגעקעהרטע בעוועגליכקייט האָט זי בענוצט נור אויף דעם, וואָס זי האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אין איהרע טרויעריגע געדאַנקען אריינגעלאָזען.

איין מאָל אַ פריהמאָרגען, ווען זי איז ארויפגעגאַנגען אויפ'ן בוידעם, דאָרט עפּעס זוכען, האָט זי צופעליג געעפענט אַ קאַסטען מיט אַלטע קאַלענדאַרען, וועלכע מען האָט דאָרט בעהאַלטען, ווי די דאָרפסלייט טהוען געוועהנליך.

עס האָט זיך איהר געדאַכט, ווי זי וואָלט די פערגאַנגענע יאָהרען געפונען און זי איז געוואָרען עפּעס אַזוי מאָדנע בעוועגט, קוקענדיג אויף דעם דאַזיגען הויפען פיער־עקיגע בלעטער פּאַפּיר.

זי האָט זיי אַראָבגענומען אונטען. צווישען זיי האָבען זיך גע־פונען אַלע פאָרמען, גרויסע און קליינע און זי האָט זיי גענומען איינאָרדנען נאָך די יאָהרען נאָך אויפ'ן טיש. פּלוצים האָט זי גע־פונען דעם ערשטען קאַלענדאָר, וועלכען זי האָט געבראַכט אין די פּאַפּעל־בוימער.

זי האָט איהם לאַנג בעטראַכט, דערקענט די צייכענס, וועלכע זי האָט געמאַכט אין דער פריה, ווען זי איז אוועקגעפאָהרען פון רועז, דעם טאָג נאָך איהר צוריקקעהרען זיך פון קלויסטער און זי

האט אנגעהויבען צו וויינען. די טרערען זיינען געפלאסען שטיל און אהן אויפהער פון איהרע אויגען איבער די באקען; דאס זיינען געווען ביטערע טרערען פון א'ן אלטער פרוי, וועלכע האט געזעהן פאר זיך איהר גאנצען עלענדען, אונגליקליכען לעבען אויפ'ן טיש אויסגעשפרייט.

פלוצים איז איהר א געדאנק איינגעפאלען, א געדאנק, וועלכער האט זיך איינגעגעסען אין איהר געהירן און איהר נאכאנאנד געמוטשעט. זי האט געוואלט דערמאנען זיך טאג נאך טאג כסדר איהר גאנץ לעבען.

זי האט אנגעשלאגען די אלטע, אבגעליאקירטע קאלענדארען אויף די וואנד, איינעם נעבען דעם אנדער'ן און איז שטונדען לאנג אבגעשטאנען נעבען דעם אדער יענעם און זיך אלץ געפרעגט:

— וואס האב איך אין דעם דאזיגען מאנאט געטהאן?

אזוי ווי אויף זיי זיינען געווען אונטערגעשטריכען יענע טעג, אין וועלכע עס האבען פאסירט וויכטיגע עראייגניסע פון איהר לעבען, האט עס איהר געהאלפען אויפצושטעלען צוריק אין איהר ערינערונג גאנצע מאנאטען. קלייבענדיג אין איהרע געדאנקען איין פאסירונג נאך דער אנדערער, אזוי איינס צו איינס, צונויפקלייבענדיג און גרופירענדיג, האט זי אין איהר עראינערונג צוזאמענגעשטעלט גאנצע יאהרען.

מיט א מין פארהארטעוועטע עקשנות, מיט שטארקער אנשטרענגונג פון איהר ווילענס קראפט, קאנצענטרירענדיג דארויף אלע איהרע געדאנקען, איז איהר געלונגען צונויפשטעלען אין איהר זכרון די ערשטע פאר יאהר פון איהר לעבען אין די פאפעל־ביימער. און אזוי זיינען די זכרונות פון דעם אמאל ארויסגעשוואומען פון אויבען און דאס האט איהר געגעבען א בעפריעדיגונג, א טרייסט.

אבער נאך די ערשטע פאאר יאהר איז שוין אלעס געווען ווידער פערוואלקענט, מיט א טומאן בעצויגען, אונבעשטימט, און עס זיינען געקראכען עראינערונגען אויף עראינערונגען, פלאנטערענדיג איינס מיט דאס אנדערע. און מאנכעס מאל איז זי שטונדען לאנג

געזעסען מיט דעם קאָפּ אויף א קאַלענדאר אנגעשפּארט, אנשטריינ־גענדיג איהרע געדאנקען, זיך צו דערמאַנען די פערגאַנגענהייט. אָבער זי האָט ניט געקענט אַפּילו דערמאַנען זיך אויב דאָס איז געווען טאַקע דער ריכטיגער קאַלענדאר, וואָס קען ארויסברייגנען פאַר איהר די בילדער פון יענעם אדער פון יענע יאהרען, פון וועלכע די עראינערונגען זיינען אזוי פערשוואונדען.

פון איינעם צום אנדער'ן איז זי ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער, וועלכער איז אין גאַנצען בעהאַנגען געווען מיט די אַלטע בלעטער פון דער פערגאַנגענהייט, ווי זיי וואָלטען געווען די סטאַנ־ציאָנען אויף איהר לעבענס וואַנדעל.

פאַר איינעם פון זיי איז זי דאָן פּלוצים שטעהן געבליעבען, זיך אוועקגעזעצט און ניט אראבגענומען איהרע אויגען פון בלאַט פּאַפּיר, ביז עס איז גוט פינסטער געוואָרען. אונבעוועגליך, ניט ריהרענדיג זיך מיט קיין אבר, איז זי געזעסען אין גאַנצען אין איהרע געדאַנקען פערלאָרען.

און דאַן, ווען אַלע זאַפטען האבען ווידער ערוואַכט אונטער דער וואַרימקייט פון די זונען שטראַהלען, ווען אויף די פעלדער האָט די יונגע בליהונג ווידער גענומען ארויסשפּראָצען, די בוימער זיינען גרין געוואָרען און די עפּעל בוימער אין די גאַרטענס האבען זיך באַדעקט מיט בליהונג, אזוי ווי מיט בלוט רויטע קוילען און האבען אַנגעפילט די לופט מיט בשמים־ריחות, איז אויף איהר פּלוצים אַנגעפאַלען א גרויסע אויפרעגונג.

זי האָט ניט געקענט איינזיצען איין מינוט אויף א'ן ארט און האָט זיך נאָכאַנאַנד ארומגעבאַלאַנקעט. צוואַנציג מאָל א טאָג איז זי פון דער היים אוועק און איז גלייך ווידער צוריקגעקומען. האָט זיך א גאַנצען טאָג ארומגעשלעפּט פאַרביי די פויערשע הויפען מיט עפּעס א מין פיעבערישער האסטיגקייט און איז געקומען צוריק א מיעדע און א אונבעפריעדיגטע.

דער אנבליק פון א ראַמאַשקע בליהמעלע, וועלכע האָט וואו עס איז אין גראָז געבליהט, א זונענשטראַהל, וואָס האָט זיך צווישען

די בלעטער דורכגעבראכען, א לוזשע וואסער, וואו עס האט זיך אבגעשפיגעלט די אזשור־בלויקייט פון הימעל, האט זי בעוועגט, איהר ווייך געשטימט, זי אויפגעטרייסעלט און איהר הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט א ביינקעניש.

ווי א'ן עכא, א'ן אבקלאנג פון דעם אמאל, האט זי זיך דער־מאנט אן איהרע אמאליגע מיידעלשע חלומות, וועז זי האט פול האפנונג אויף דער צוקונפט געווארט. דאן האט זי אויך פונקט אזוי ווי היינט געציטערט און אנגעזויגען אין זיך די ליעבע ווארימ־קייט פון די ערשטע זוניגע פריהלינגס טעג. איצט, ווען איהרע האפנונגען, איהר לעבען איז שוין אין גאנצען אוועק, האט זי אין איהר הארצען נאך אלץ געפיהלט דעם זעלבען צויבער פון דער אויפבליהענדער נאטור. אבער אין דערזעלבער צייט האט זי דער־פון געליטען, אזוי ווי דיעזע אייביגע פרייד פון דער נאטור'ס בליי־הען וואלט איהר קלאהר געמאכט איהר אייגענע פארוועלטקייט...

עס האט זיך איהר אויך אויסגעוויזען, אז אלעס ארום איהר איז עפעס אנדערש געווארען. די זון האט ניט געשיינט אזוי וואַ־רעם, ווי אין איהר יוגענד, דער הימעל האט איהר איצט אויסגע־זעהן ווייניגער בלוי, דאס גראז ווייניגער גרין און די בלומען הא־בען ניט געהאט אזא שטארקען בשמים ריח און אזעלכע בונטע קא־לירען און האבען זי ניט אזוי בערוישט ווי אין די יונגע יאהרען.

אבער מאנכעס מאל איז אויף איהר אנגעפאלען אזא פרייד, אז זי האט ווידער גענומען טרוימען, ווידער האפען און ערווארטען. קען מען דען ניט האפען טראץ דער פערפאלגונג פון שיקזאל, אזוי לאנג ווי די זון שיינט?

שטונדען און שטונדען האט זי ארומגעוואנדערט איבער די פעלדער, ווי פון א בייזער אונרוהיגקייט געטריעבען. מאנכעס מאל האט זי זיך צוגעזעצט ביי דער זייט פון וועג און זיך פערטראכט וועגען עטוואס טרויעריגעס. פארוואס האט זי ניט געלעבט אזוי ווי אנדערע מענשען? ווארום האט זי ניט גענאסען די פריידען פון א רוהיגען לעבען?

מאַנכעס מאָל האָט זי אויף אַ'ן אויגענבליק פֿאַרגעסען, אַז זי איז שוין אַלט, אַז פֿאַר איהר איז שוין קיין זאַך ניט געבליעבען אויף וואָס צו האָפֿען, וואָס צו ערוואַרטען, אַ חוץ עטליכע טרויע־ריגע, איינזאַמע יאָהרען אין דיעזער וועלט און איהר לעבענסוועג וועט זיין געענדיגט. און ווי אַמאָל, ווען זי איז זעכצעהן יאָהר אַלט געווען, האָט זי ווידער געטרוימט זיסע טרוימען. די צוקונפֿט האָט זיך פֿאַר איהר גענומען מאָהלען אין ראָזאָווע פֿאַרבען, באַלד אָבער איז די ווירקליכקייט ווידער אויפֿגעשטאַנען פֿאַר איהר, די גרויע, אומעטיגע ווירקליכקייט און אַ צובראָכענע, אַ געבויגענע איז זי אויפֿגעשטאַנען, ווי אַ שווערע לאַסט וואָלט אויף איהר אַראָבגעפֿאַ־לען און איהר דעם רוקען צוקרימט. לאַנגזאַם איז זי דאַן אַהיים גע־גאַנגען און געפֿליסטערט:

— אַ, דו אַלטער נאַר! דו אַלטער נאַר!

ראָזאַליע האָט איצט ניט אויפֿגעהערט רעדען צו איהר, פֿאַר־וואָס זי איז אַזוי אונרוהיג, שלעפֿט זיך אַרום אַזוי פֿיעל און פֿאַר־לירט די כוחות אומזיסט.

— אָבער בערוהיגט זיך דאָך מאַדאַם, וואָס איז מיט אייך, פֿאַרוואָס רעגט איהר זיך אַזוי פֿיעל אויף?

און זשאַננאַ האָט טרויעריג געענטפֿערט.

— דו ווייסט, ראָזאַליע, איך בין פּונקט אַזוי ווי מאַססאַקר אין זיינע לעצטע טעג.

אין פֿריהמאָרגען איז די דיענסט אַריינגעקומען אין איהר צי־מער פֿריהער ווי געוועהנליך און, אוועקגעשטעלט איהר טאַס קאַפֿע אויפ'ן נאַכט־טיש, האָט זי געזאָגט:

— טרינקט שנעל, מאַדאַם, דעניס וואַרט אויף אונז פֿאַר דער טהיר, מיר מוזען פֿאָהרען קיין פּאַפּעל־בוימער, איך האָב דאָרט עפּעס צו טהאָן וועגען געשעפֿט.

זשאַננאַ האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און האָט שיער ניט גע־חלש'ט, אַזוי צומישט און צושראָקען איז זי געוואָרען ביים געדאַנק איהר ליעבע אַלטע היים ווידער צוזעהן.

אַ שטראַהלענדער הימעל איז געווען פערשפּרייט איבער זיי און דער גרויער פערד'ל האָט פון צייט צו צייט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ. ווען זיי זיינען צוגעפאָהרען צו עטואַוואַן, האָט זשאַננאַ דערפיהלט ווי איהר פערכאַפּט דער אָטהעם, אַזוי שטאַרק האָט איהר דאָס האַרץ געקלאַפּט. און ווען איהר בליק איז געפאַלען אויף די געמויערטע זיילען פון טויער, האָט זי מעכאַניש אויסגע־רופען עטליכע מאָל פאַר זיך:

— אה! אה! אה! — ווי ווען מען דערזעהט עפּעס אַזוינס, וואָס גרייפט איינעם אָן פאַר'ן האַרצען, פאַר דער נשמה.

ביי די קוליאַר'ס האָבען זיי דעם פערד אויסגעשפּאַנט און בעת ראַזאַליע מיט איהר זוהן זיינען אַוועק אויספיהרען זייערע געשעפטען, האָבען די פאַרמער פאָרגעשלאָגען זשאַננאַ'ן, זי זאָל געהן אביסעל בעקוקען דעם שלאָס, ווייל די נייע בעל'הבתים זיינען גראַד איצט נישטאָ און זיי האָבען איהר געגעבען די שליסלען.

זי איז אַוועק אַליין און ווען זי איז צוגעקומען צו דעם אַלטען שלאָס פון דער זייט וואו דער ים געפינט זיך, האָט זי זיך אָבגע־שטעלט, אום אַלעם צו בעטראַכטען.

פון אויסענווייניג האָט זיך גאַרנישט געענדערט. אויף די פאַרדונקעלטע ווענט פון דער גרויסער גרויער געביידע האָט די זון געוואָרפען ליכטיגע שטראַהלען. די לאָדענס זיינען אַלע געווען צו־געמאַכט.

אַ קליינער פאַרטריקענטער צווייג איז אַראָבגעפאַלען איהר אויפ'ן קלייד אַרויף, זי האָט אַ קוק געטהאָן אין דער הויך און דער־זעהן, אַז דאָס איז געפאַלען פון דער פּלאַטאַנע. זי איז צוגעגאַנגען צו דעם דיקען שטאַם מיט דער ווייסער קאָרע און האָט איהם גע־נומען גלעטען מיט דער האַנד, ווי אַ הונד. איהר פוס האָט זיך אַנגעשלאָגען אָן אַ שטיק צופוילטע האָלץ, וואָס איז געלעגען אין גראָז, דאָס לעצטע איבערבלייבעניש פון דער באַנק, וואו זי איז אַזוי אָפט געזעסען אין די פערגאַנגענע יאָהרען, די באַנק, וועלכע

מען האט אוועקגעשטעלט אין דעם טאג, ווען זשוליען איז צום ער־שטען מאל געקומען אהער אין שלאס.

דאן איז זי אוועק צו דער הויז טהיר. זי האט זי געעפענט מיט גרויס מיה. דער שווערער פערזשאווועטער שליסעל האט זיך ניט געקענט דרעהען. אבער צום סוף האט דער שלאס נאכגעגעבען און מיט א סקריפען און קרעכצען האט זיך די טהיר אויפגעמאכט.

זשאננא איז אריינגעלאפען אין צימער אריין. זי האט איהם ניט דערקענט, ווייל ער איז געווען בעשלאגען מיט נייע, העלע טאפעטען, אבער ווען זי האט געעפענט א פענסטער און דערזעהן די געליעבטע אויסזיכט, דעם וועלדעל, די בוימער, די לאנקע און דעם ים פול מיט גרויע זעגלען, איז זי געבליעבען שטעהן א פארצי־טערטע, א טיעף גריהרטע.

דאן האט זי גענומען ארומבלאנדזשען איבער דער גרויסער אונבעוואהנטער הויז: אויף די וואנד האט זי געזעהן פלעקען, וועלכע זיינען איהר אזוי בעקאנט געווען. זי איז געבליעבען שטעהן פאר א קליין לאך, וואס דער באראן האט אמאל געמאכט אין דער גיפסענער בעפוצונג, ווען ער האט זיך דערמאנענדיג אן זיין יוגענד, מיט דעם שטאק ווי מיט א שווערד זיך געשפיעלט.

אין איהר מוטערס צימער האט זי געפונען הינטער'ן טהיר, אין א פינסטערען ווינקעל א גאלדענע האר־נאדעל, וועלכע זי האט מיט יאהרען צוריק דארט פארשטעקט און וועלכע זי האט דערנאך א צייט לאנג געזוכט. קיינער האט זי ניט געקענט געפינען.

זי האט עס אויפגעהויבען און געקושט ווי א טהייערען הייליג־טהום.

שטיל, אהן גערויש, גאנץ אליין איז זי געגאנגען איבער דעם גרויסען, שווייגענדיגען שלאס, ווי איבער א בית עולם. איהר גאנצעס לעבען איז דא געלעגען בעגראבען. זי איז ארונטער אין סאלאן, צוליעב די צועשלאגענע לאדענס איז דא געווען דונקעל און עס האט גענומען א געוויסע צייט, איידער זי האט געקענט עפעס אונטערשיידען. ווען איהר בליק האט זיך צו דער דונקעל־

הייט צוגעוועהנט, האָט זי ביסלעכווייז דערקענט די הויכע גאַבע־לינס מיט די פויגעל אויף זיי. צוויי שטוהלען זיינען געבליעבען שטעהן ביים קאַמין, ווי מען וואָלט זיי גור וואָס פערלאָזען און זאַגאַר דער גערוך אין דעם צימער, וועלכען ער האָט אימער געהאַט, ווי יעדעס וועזען האָט אַ אונבעשטימטען גערוך, דער זיסער אונ־בעשטימטער דופט פון אַלע צימערן, האָט אַ קלאַפּ געטהאָן זשאַננאַ'ן אין פּנים אַריין, פאַרשלייערט איהרע עראינערונגען און בערוישט איהר געדעכעניש. זי איז געבליעבען שטעהן טיעף אָטהעמענדיג מיט די אויגען אויף די צוויי שטוהלען געריכטעט און איינגעזוויגען אין זיך די לופט פון דער פאַרגאַנגענהייט. און פּלוצים האָט זיך איהר אין איהר קראַנקהאַפטער פאַנטאַזיע אויסגעוויזען, אַז זי זעהט דאָרט איהר פאָטער און מוטער, ווי זיי וואַרימען זייערע פיס ביים פייער פון קאַמין.

ענטזעצט איז זי אַבגעשפּרונגען אַהינטער, האָט זיך אָנגעשטויסען מיט'ן רוקען געגען דער פּריטעלקע פון טהיר און זיך געמוזט אַן דעם אָנכאַפּען אום ניט צו פאַלען, בעת איהרע אויגען זיינען נאָך אַלץ געווען איינגעגעסען אין די צוויי שטוהלען ביים קאַמין.

די ערשיינונג איז פערשוואונדען.

אַ פּאָאַר מינוטען איז זי געבליעבען שטעהן צושראָקען, דאַן איז זי ביסלאַכווייז געקומען צו זיך, האָט זיך געשטאַרקט און גע־וואָלט אַנטלויפען, מורא האָבענדיג אַז זי זאָל דאַן אין גאַנצען ניט משוגע ווערען. צופעליג איז איהר בליק געפאַלען אויפ'ן טהיר אַז וועלכע זי האָט זיך אָנגעהאַלטען און זי האָט דערזעהן פּאולעט'ס לייטער.

דאָס זיינען געווען די סמנים, וואָס זי האָט אַמאָל געמאַכט, אום צו וויסען וויפיעל ער איז צוגעוואַקסען. צאָהלען וועלכע זיינען מיט דעם מעסער איינגעשניטען געוואָרען האָבען בעדייטעט דעם עלטער, די מאָנאַטען און די יאָהרען פון איהר זוהן. מאַנכעס איז דאָס געווען דעם באַראָן'ס האַנדשריפט מיט גרויסע בוכשטאַבען, דאָ און דאָרט איהר אייגענע אַביסעל קלענער און דאַן ווידער די ציי־

טערענדע האַנדשריפטט פון טאַנטע ליזאַן. און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דאָס קינד שטעהט דאָרט פאַר איהר אַזוי ווי פריהער מיט זיין בלאָנדער קעפּעלע אויפ'ן וואַנד אַנגעשפּאַרט, מען זאָל איהם אָבמעסטען.

און דער בּאַראָן אויך ווי אַמאָל רופט אויס:

— זשאַננאַ, זייט זעקס וואָכען איז ער אויף אַ סענטימעטער צוגעוואַקסען!

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן קושען די צייכענס מיט אַ משוגענע ליעבע.

אָבער מען האָט איהר אַרויסגערופען: ראָזאַליעס שטימע האָט זיך דערהערט:

— מאַדאַם זשאַננאַ! מאַדאַם זשאַננאַ! מען ערוואַרט אייך צום פריהשטיק!

אין גאַנצען אַ צוטומעלטע איז זי פון שלאָס אַוועק און ניט פערשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איהר. זי האָט געגעסען, וואָס מען האָט איהר דערלאַנגט, זיך צוגעהערט צו די רייד ביים טיש, ניט וויסענדיג פון וואָס מען רעדט: האָט גערעדט מיט די פּאַרמער וועלכע האָבען זיך נאָכגעפרעגט, וואָס זי מאַכט, האָט זיך געלאָזט אַרומנעהמען און קושען און האָט אַליין אויך געקושט די באַקען וואָס מען האָט צו איהר אויסגעשטעלט ביז זי איז צוריק אין וואָגען אַריין און איז אַוועקגעפאָהרען.

ווען דער הויכער דאַך פון שלאָס איז צווישען די בוימער פון איהרע אויגען פערשוואונדען, האָט זי דערפיהלט ווי עפּעס אין איהר ברוסט וואָלט צוריסען געוואָרען. זי האָט געפיהלט אין איהר האַרצען, אַז זי האָט איהר אַלטער היים אויף אימער אַדיע געזאָגט.

זיי זיינען אַנגעקומען צוריק קיין באַטעוויל.

ווען זי האָט געוואָלט אַריינגעהן אין איהר נייער היים, האָט זי בעמערקט עטוואָס ווייסעס אַרויסשיינענדיג פון אונטער דער טהיר. דאָס איז געווען אַ בריעף, וועלכען דער בריעף־טרעגער האָט געבראַכט בעת זי איז אין דער היים ניט געוועזן און האָט איהם

אריינגעשטופּט אונטער'ן טהיר. זי האָט גלייך דערקענט פּאול'ס האַנדשריפט און האָט איהם געעפענט מיט ציטערענדע הענד.

ער האָט געשריעבען:

„מיין ליעבע מאַמאַ! איך האָב דיר ניט געשריעבען ביז אַהער, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מאַכען אַ'ן אומזיסטע רייזע קיין פּאַריז. סיי ווי סיי האָב איך אין זינען געהאַט צו קומען אַליין זיך זעהן מיט דיר. אַ גרויס אונגליק ערוואַרט מיך אין דעם איצטיגען אויגענבליק און איך געפין זיך אין אַ זעהר שווערע לאַגע. מיין פרוי האָלט ביים שטאַרבען נאָכדעם, ווי זי האָט מיר מיט דריי טעג צוריק אַ טאָכטער געבאָרען.

„איך האָב ניט קיין איין פּפעניג. איך ווייס ניט וואָס מען הויבט אָן צו טהאָן מיט'ן קינד. דערווייל האָב איך עס אַוועקגעגעבען צו אונזער פּאַרטיער'ס ווייב, וועלכע ערנעהרט זי מיט אַ מילךפלאַש. איך האָב אָבער מורא, אַז אין פרעמדע הענד וועל איך דאָס קינד פערליערען. וואָלסטו אפשר געקענט נעהמען דאָס קינד צו זיך? איך ווייס ווירקליך ניט וואָס איך זאָל טהאָן און קיין געלד עס אַוועקצוגעבען האַרעווען אין דאַרף האָב איך ניט. זיי אַזוי גוט און ענטפער גלייך.

דיין ליעבענדער זוהן פּ א ו ל."

זשאַננאַ האָט געזונקען אויף אַ שטוהל. זי האָט קוים געפונען קרעפטען אַ רוף צו טהאָן ראָזאַליען. ווען די דיענסט איז אריינגעקומען האָבען זיי ביידע צוזאַמען גענומען לעזען דעם בריעף נאָך אַמאָל. דאַן זיינען זיי געבליבען שטעהן שווייגענדיג איינער אַנטקעגען דער אַנדערער.

צום סוף האָט ראָזאַליע געזאָגט:

— איך וועל פאָהרען אָבנעהמען די קליינע, מאַדאַם. דאָרט קען זי ניט בלייבען.

זשאַננאַ האָט געענטפערט:

— פאָהר ראָזאַליע!

זיי האָבען ווידער אַ ווײַלע געשוויגען דאַן האָט די דיענסט געזאָגט:

— טהוט אַן אייער הוט, מאַדאַם, לאָמיר פאָהרען אין גאַרדער־וויל צום נאָטאַריוס, אויב זי האַלט דאָרט ביים שטאַרבען מוז מאַסיע פּאָול מיט איהר הייראַטען, צוליעב דעם קינד. איהר פאַרשטעהט?

און זשאַננאַ האָט אָנגעטהאָן איהר הוט ניט זאָגענדיג אַ וואָרט.

אַ טיעפע פרייד, אין וועלכער זי האָט זיך אַליין ניט געוואָלט מודה זיין, איז אָנגעפאַלען אויף איהר, אַ ניערערטרעכטיגע פרייד, וועלכע זי האָט געוואָלט בעהאַלטען פון דער גאַנצער וועלט. אַ טריאומף־געפיהל איבער וועלכען מען ווערט רויט, אָבער וועלכער מאַכט ציטערן פאַר גליק טיעף ביי זיך אין הארצען. איהר זוהן'ס געליעבטע שטאַרבט!

דער נאָטאַריוס האָט ראָזאַליע'ן גענוי ערקלעהרט אַלעם וואָס זי דאַרף טהאָן און איהר געהייסען יעדע זאַך איבער'חזר'ן עטליכע מאָל, אום צו זיין זיכער, אַז זי פאַרשטעהט, וואָס ער רעדט צו איהר. און ווען זי האָט דאָס אַלעם גוט אַריינגענומען אין זינען, האָט זי ערקלעהרט:

— האָט קיין מורא ניט, איך וועל די זאַך שוין בעזאָרגען.

אין דער זעלבער נאַכט איז זי אָוועקגעפאָהרען קיין פּאַריז.

זשאַננאַ האָט פערבראַכט צוויי טעג אין אַזאַ נערוועזער אויפ־רעגונג, אַז זי האָט אפילו ניט געקענט וועגען עפּעס טראַכטען. אויפ'ן דריטען טאָג האָט זי געקריעגען פון ראָזאַליע'ן אַ בריעף. בלויז אַ פּאָאָר שורות, אין וועלכע זי האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז זי קומט היינט מיט דעם פאַרנאַכטיגען צוג. מעהר גאָרנישט.

אַ זייגער דריי נאָכמיטאָג האָט זשאַננאַ בעשטעלט אַ פּוהר און איז געפאָהרען צום סטאַנציע אָבוואַרטען ראָזאַליען. זי איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט די בליקען צוגעשמידט צו די רעלסען, וועלכע האָבען זיך געצויגען ווייט־ווייט און האָבען זיך פעראייניגט דאָרט הינטער'ן האָריזאָנט. אַלע ווײַלע האָט זי גע־קוקט אויפ'ן זייגער. נאָך צעהן מינוטען, נאָך פינף מינוטען, נאָך

צוויי מינוטען. עס איז שוין צייט און דער צוג ווייזט זיך נאָך עפּעס אַלץ ניט.

אָבער פּלוצים האָט זי פון דערווייטענס דערזעהן אַ ווייסען פלעק. דאָס איז געווען דער רויך פון לאָקאָמאָטיוו און דאָן אַ שוואַרצען פינטעל, וואָס איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען און האָט זיך מיט דער גרעסטער שנעלקייט געטראָגען אָהערצו. ענדליך האָט די גרויסע מאַשין געגומען גענומען לאַנגזאַמער, האָט זיך מיט אַ הוזשען און פייפען געטראָגען פאַרביי זשאַננאַן, וועלכע האָט אָנגעשטרענגט איהער אויגען אויף די פענסטער פון די וואַגאָנעס. דער צוג איז אין גאַנצען שטעהן געבליבען. עטליכע טהירעלאַך האָבען זיך געעפענט, מענשען זיינען אַרויסגעקומען: פּויערים אין בלוזעס, דאָרפישע פרויען מיט קערבלאַך, געשעפטס־לייט אין ווייכע היט. ענדליך האָט זשאַננאַ דערזעהן ראָזאַליען, טראָגענדיג עפּעס אַ ווייסען פּעקעל.

זי האָט געוואָלט איהר לויפען אַנטקעגען, אָבער די קניע האָבען זיך אונטער איהר אונטערגעהאַקט און זי איז שיער ניט אומגעפאַלען. ווען די דיענסט האָט זי דערזעהן, איז זי מיט איהר געוועהנליכען רוהיגען גאַנג צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— אַ גוטען טאָג, מאַדאַם זשאַננאַ, אָט בין איך ווידער דאָ, אָבער גרינג איז עס מיר ניט אָנגעקומען.

זשאַננאַ האָט געשטאַמעלט:

— נו?

ראָזאַליע האָט געענטפערט:

— זי איז די נאַכט געשטאָרבען, זיי האָבען געזעצליך געהייראַט און אָט איז די קליינע.

זי האָט איהר אויסגעשטעלט אַנטקעגען דאָס קינד, וועלכעס מען האָט ניט אַרויסגעזעהן צווישען די דעקעס.

זשאַננאַ האָט עס מעכאַניש גענומען אויף די הענד. זיי האָבען פערלאָזען דעם וואָקזאַל און זיינען אַריין אין וואַגען.

ראזאליע האָט געזאָגט:

— מאָסיע פּאול וועט קומען באלד נאָך דער לויה, אפשר נאָך מאָרגען, מיט דעם זעלבען צוג.

זשאננא האָט אויסגעפּליסטערט:

— פּאול!

מעהר האָט זי גאָרנישט געזאָגט.

די זון האָט געהאַלטען אין אונטערגעהן הינטער'ן האָרי־זאָנט און האָט בעגאָסען מיט איהר העלער ליכט די גרינע לאָנקעס מיט די גאָלדענע קאָרן־בלומען און דעם רויטען מאָהן אויף זיי. אַן אונענדליכע רוה איז געלעגען אויף דער שטילער ערד, פון וועלכער אַלע זוימען האָבען ארויסגעשפּראָצט. דער וואָגען איז געפאָהרען שנעל, דער פויער האָט אַלע ווייִלע געקלאַפּט מיט דער צונג, אום זיינע פערד אונטערצוטרייבען.

זשאננא האָט געקוקט פאַר זיך צום הימעל ארויף, וואו שוואַלבען האָבען זיך געדרעהט אין א קרייז, און פּלוצים האָט א ווארימקייט דורך איהרע קליידער דורכגעשטראַמט, די ווארימקייט פון לעבען, און האָט איהר דורכגעדרונגען דורך און דורך. דאָס איז געווען די ווארימקייט פון דאָס קליין עופה'לע, וועלכע זי האָט אויף איהרע קניע געהאַלטען.

דאָס האַרץ האָט זיך ביי איהר א צאַפּעל געטהאָן און זי איז געוואָרען שטאַרק בעוועגט. שנעל האָט זי אָבגעדעקט דאָס פּנים'ל פון'ם קינד, וועלכען זי האָט נאָך ניט געזעהן: איהר זוהן'ס טאָכ־טער. און ווען דאָס שוואַכינקע בעשעפעניש האָט געעפענט די בלויע אויגעלאָך אונטער דער ליכטיגקייט פון די פארגעהענדע שטראַהלען און גענומען בעוועגען דאָס מיילעכעל, האָט עס זשאננא אויפגעהויבען אין איהרע אָרעמס און עס מיט קושען בעדעקט.

אָבער ראזאליע האָט איהר אין דעם געשטערט צופריעדען און דאָך עטוואָס בייזלאָך:

— הערט אויף, מאדאם זשאננא, זי וועט זיך גלייך צושרייען.
און דאן האט זי צוגעלייגט, אזוי ווי זי וואלט געענטפערט אויף איהרע אייגענע געדאנקען:
— איהר זעהט, דאס לעבען איז קיינמאל ניט אזוי שעהן, אבער אויך קיינמאל ניט אזוי שלעכט, ווי אונז דוכט זיך אויס.

ע נ ד ע.